STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00487

# MOYSHE NADIR'S ZEKS BIKHER

Moishe Nadir

•

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Martin Rome*
*in memory of*
*Jacob & Shirley Rome*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאריז 1927

משה נאַדיר׳ס

# זעקס ביכער

ערשטער באַנד,
אויף געלעכטער

צווייטער באַנד,
מעשה׳לעך מיט אַ מאָראַל
און אויסגעטראַכטע זאַכען

דריטער באַנד,
אין ווילדען ווערטערוואַלד

(נייער אָפּדרוק אין צוויי בענד מיט אַ ניי פּאָרטרעט
און יחוס-בריף פון דעם אויטאָר)

I

אַרויסגעגעבען פון
מאַקס נ. מייזעל
אידישער פאַרלאַג פאַר ליטעראַטור און וויסענשאַפט
ניו יאָרק — 1928

Copyright, 1919.
by
MOISHE NADIR,
(Isaac Reiss)

# מיין יחוס־בריף

## מיין עלטער־עלטער־עלטער זיידע

מיין עלטער־עלטער־עלטער זיידע
פלעגט קנאקן קעפּ,
ווי מ׳קנאַקט קאָקאָ־נים:
זיי אויפהענגען אויפ׳ן האלז
לכבוד אַ צענאָגטן ביין,
אָדער אַן אויפגעריסן ווייב,
און ווארפן פיילן אין זיין אייגן אויג אין וואסער.

## מיין עלטער־עלטער זיידע

מיין עלטער־עלטער זיידע
האָט געשליפן פּיראמידן.
ער און ס׳יינגע ברודערל זיינס
פלעגן שלעפּן אַ פּיראמיד
פון דנגוז ביז קרדימא
(וואָס ביי די וואסערן פון הפצר)
און פלעגט ווישן זיך דעם שוויים
מיט גרויסע בלעטער,
און נאָכדעם אָט־די בלעטער
נוצן פאר געזאלצנס,
צו עסן מיט רויע גראָזן
און מיט זשאבעס.

## מיין עלטער־זיידע

מיין עלטער־זיידע איז געוועזן
א דיקליכער כהן־גדול.
פלעגט שטיין אין בגדי־כהונה
און מאָלן טייוולסקויט מיט חלבונה
געמישט מיט מי־רגלים
און אונטערזינגען:
„הדק היטב,
היטב הדק".
(ווייל ס'קול איז גוט פאַר בשמים).
און שרייען אויף די דאַרע ישראַלימלאַך
למאי די לעמער־נירן זענען אַזוי מאָגער?
און למאי זיי פאַרגעסן נישט קיין זאַנגען אויפ'ן פעלד?
און לאָז זיין שטילער, ווייל די בשמים קענען נישט
פאַרנעמען גוט זיין זיס און הייליק קול!

## מיין זיידע

מיין זיידע איז געוועזן א שוחט,
פלעגט אַרומגיין מיט זיין חלף
איבער קעלבל־העלזער,
ווי א קלעזמער גייט, א שטייגער, מיט זיין בויגן
איבער פידעל־סטרונעס.
פלעגט מורמלען ברכות אַלערליי,
וואָס פלעגן פאַלן אויף זיין באָרד דער נאַסער —
און ווערן פעט פון בלוט.
און גאָט פלעגט זיך מיט זיי באַלעקן.

## מיין טאַטע

מיין טאַטע איז געוועזן א שיינער ייד
באַזיידנט און באַאַטלעסט.
פלעגט גיין מיט קליינע טריט אום שבת

(און אין מיין מאמעס האַרץ).
און שטענדיק ווען ער פלעגט צו זיין פאַרפרייליכט
פון גוט געשעפט און גוטן שנאַפּס,
און אַנגערויטלט שטאַרק פון וואַלד און ווינט —
(און גלוסטונגען צו יונגע שיקסעס)
פלעגט ער פיין אַ נעם טאָן
די שיינע באָרד צווישן ביידע הענט
און זאָגן צו מיין קליינער מאַמעלע:
„דרך־ארץ, דו!
— נו־אָ.
— איך שטאַם פון אַלטן זימעלע ר' יואלס—שטאַם איך!"
און פלעגט זיך זעצן טונקען שטיקלאַך לעקאַך
אין אַ קעלישיקל אַ גרינגס מיט בראָנפן.

## איך אַליין

איך אַליין טראָג פאַרביקע קראַוואַטן,
און קליידער פון דעם בעסטן וואָלשטאָף.
האָב די בעסטע טיש־און־בעט־מאַניערן
און פרויען האָבן ליב מיין חוצפּה,
האָבן ליב מיין גרויען הוט, וואָס ליגט אַזוי פאַרשייט
אויף מיין יונגן, גרויען קאָפּ.
מיינע ליבעס זענען קליין און אויסגעטראַכט.
און ווערן נמאס און דערעסן — ווי די שניפּסן.
און אָפטמאָל אין די הויכן רגעס זאָג איך צו מיין בעסטער:

„ווי אַ העמד
וואָס איז נאָענט צום אייגענעם לייב,
אַזוי ווילט זיך איבערבייטן
אַן אייגן ווייב".

און זי ווערט דערציטערט אַזש פון מיין ווילדער גראָבקייט
און זי קלאַמערט מיך אַרום נאָך שטאַרקער, שטאַרקער,
און זי הענגט אויף מיינע ליפּן — אויף מיין האַרץ
וואָס קלאַפּט, בפירוש, זאָג איך אייך, אויף אירע ליפּן.

און גוט בין איך פאַר אויג און אויער. מיין צעפּאַלנקייט
איז ווי דאָס דופּטיק־פּיינע וויאָגען
פון דעם לעצטן עפּל אין אַווינטער־וואַלד.
מיין זעל גייט אַפּט אַרום אָן אונטער־וועש.
און בושה האָט זי נישט, נאָר ווייטאָק
פאַר דעם מענטש, וואָס מעג זיך שעמען
מיט זיין אויסגעטראַכטער בושה,
וואָס באַמבלט אים פון מויל אַראָפּ
ווי אוירינגלאַך ביי פּרויען, וואָס זאָגן „ניין" און טוען „יאָ".
מיין אויג איז מוטנע־ברוין. מיין אויער איז שיין.
מיין קאַרק איז בורזשואַזנע מיאוס־און־שיין.
מיינע אַפּעטיטן ווערן אויפגעגעסן אָפּט
אינאיינעם מיט׳ן עסן, וואָס איך עס.
מיין שוואַכקייט איז: אַ בויכעדיקע דאַנהיל־ליולקע.
און אַ נעגער־ווייב — אַביסעלע פאַרווייסט.
ווי קאַווע, מיט אַ מילכיקן געדאַנק.
און אַ קרוג מיט זויערלאַך־זיסן ווייסן ווין.
מיין מאַנטל איז אַ ליכטיקער און ברייטער —
דעקט ער צו אַ סך, וואָס איז אַ סך און אָפּט.
מיין טאַשנטיכל ווייסט אַמאָל פון אַזוינע מין גנבות,
וואָס קומען פאַר ביי די ווינקלען פון די אויגן.
מיין נאָז איז לאַנג — און קען דעם דופּט
פון הונדערט אָדער מער.
און האָט זיך איר באַגריף פון ווייבער און פון ליבע.
און די גאַנצע וועלט פון קונסט, איז
קליין אין אירע אויגן,
פאַרגלייכט צום דופּט פון האָר אונטער
מיין געליבטערס אָרעם.

דער שפּיגעל האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט און געזעהען, אז ס׳איז נישטאָ וואָס צו זעהן: דער ליידיגער שפּיגעל.

דער שפּיגעל וואָס גלאַנצט —
בלאָה קעגען הימעל.
רויט קעגען דער זון.
שטראָמיג קעגען וואסער־שטראָם.
גרין קעגען די בוימער.

דער שפּיגעל האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט און געזעהן —

אז זיין גאנצע אָפּשפּיגלונג איז נישט זיינע, נאָר עמיצען אנדערש׳ס.

אז עמיצער, א פרעמדער, מוז שטעהן צווישען איהם און זיין אָפּשפּיגלונג און איהם געבען פארב, אינהאלט.

אז אָהן דעם פרעמדען אויג, וואָס שפּי־געלט זיך אָפּ אין איהם איז ער — דער שפּיגעל, בלינד און שטום און טויט.

דער שפּיגעל האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט און ער האָט געזעהן אז ס׳איז נישטאָ וואָס צו זעהן.

און דער אלצאָפּשפּיגלענדיגער שפּיגעל איז אומעטיג געוואָרען.

# אויף געלעכטער

## שנעלע באַלמעלאָכעס

מיינער א חבר מיט'ן נאָמען ה. ה. וועט מיר איבער־אַכטאג פרייטאג, אז מע'ט דערלעבען מיט געזונט, אריינשיקען דורך פּאסט די פאלגענדע געשיכטע:

איך האָב מיר געוואָלט בויען א הויז, א הויז. האָב איך מיר אָנגעגרייט די נויטיגסטע מאַטעריאַלען, מאַטער־ריאַלען. אַלץ וואָס מיר האָט געפעהלט איז געווען: באַל־מעלאָכעס, באַלמעלאָכעס.

האָב איך געטראָפען א גוי א בוימייסטער, א בוי־מייסטער. האָט יענער גערעכענט דריי טעג, דריי טעג, און מיר געזאָגט, אז די ארבייט וועט מיך קאָסטען צוויי טויזענד מיט ניין דאלאר מיט ניין־און־אכציג סענט. איז דאָס געווען פאר מיר צופיעל, צופיעל. האָב איך געשיקט נאָך א אידישען קאָנטראַקטאָר — א אידישען. האָט ער נישט לאַנג געקלערט, און אפילו נישט באַרעכענט אויף פּאַפּיר, נור גלאַט אזוי ארויסגעזאָגט, אז ער וועט מאַכען די גאַנצע ארבייט פאר זעקס הונדערט קארבען — פאר זעקס הונדערט קארבען, און ער האָט טאַקע באַלד צו־נויפגעפּייפט א פּאָר טוץ אידען פון עסעקס קאָרנער העסטער מיט אלערליי קאַשקעטען און געצייג און מען האָט זיך געשטעלט צו דער ארבייט, צו דער ארבייט.

עטליכע אידען האָבען — אויפ'ן באַפעהל פון זייער קאָנטראַקטאָר — אויסגעמאָסטען דאָס שטיק ערד מיט א שניידערשען ארשין, דאַן האָבען זיי אָפּגעצייכענט די געוויסע ערטער מיט דעם שאַרף פון זייערע שיך־קנאַ־פּעלס און מען האָט זיך געשטעלט בויען — האָט מען זיך געשטעלט.

— אידען, לאָז מען זיך אַ נעם טון צום פונדאַ־מענט — לאָז מען זיך! — האָט באַפוילען דער הויפּט בוימייסטער, אַ הדרת־פּנים׳דיגער איד מיט אַ ריפּסען אויבעררעקעל.

באַלד האָבען זיך עטליכע אידען צעוויגט, אָנגעשפּי־גען אין די הענט און גענומען — מיט די נ ע ז ע ר פון זייערע שיך אויסקאַפּען אַ פונדאַמענט...

אין אַ האַלבער שעה ארום האָט דער הדרת־פּנים׳די־גער בוימייסטער געגעבען אַ באַפעהל:

— פּלענטי גענוג געגראָבען אידען! איצט גיט זיך אַ נעם בויען די ווענט...

— און וואו׳טינעהמען וואַפּנע און צעמענט? — האָט געפרעגט איינער פון די שנעלע באַלמעלאָכעס...

— וואַפּנע און צעמענט? — האָט איבערגעפרעגט דער הדרת־פּנים׳דיגער.

— שאַ, וואו׳טינטאַקע נעהמען וואַפּנע און צעמענט? ס׳איז איהם גאָר ארויס פון מח — מאַכט ער — אַז מען דאַרף האָבען וואַפּנע און צעמענט. נאָר וואָס זשע דען —

— נאָר וואָס־זשע דען? — זאָגען איהם נאָך די באַלמעלאָכעס.

— נאָר וואָס־זשע דען, זאָגט ער — מ׳איז דאָך עפּעס אידען, איז׳ן דאָך עפּעס. ׳עט מען זיך געבען אַן עצה — ׳עט מען זיך. מע׳ט קלעפּען מיט טריפּוואַקס... ׳עט מען קלעפּען. ער האָט ביי זיך אַ שאַכטעל טריפּוואַקס...

אין פינף שעה ארום איז געווען צונויפגעטריפּוואַקסט פיער ווענט און די שנעלע באַלמעלאָכעס האָבען זיך גע־נומען לעגען דעם דאַך, מיט גרוים בריה׳שקייט, נור אַנ־שטאַט צו לעגען מיט׳ן פּנים ארויף, האָבען זיי געלעגט דעם דאַך — פאַרקערט, אויף דער לינקער זייט, הייסט דאָס...

אַז איך בין געקומען צוגעהן פאַרנאַכט זעהן, ווי ס׳האַלט מיט׳ן בויען האָב איך צו מיין גרויס וואונדער דערזעהן, אַז דער דאַך איז שוין געלעגט און אַז צוויי

אידען טראָגען שוין — אויף די הענט — א פרישען קוימען און מ׳וויל איהם ערגיץ וואו־ניט־איז אוועקשטעלען...

— מיסטער, שטעל איך אָפּ דעם הדרת־פּנים׳דיגען בוי־אונטערנעהמער — מיסטער, וואָס האָט איהר מיר איבערגעקעהרט דעם דאַך — וואָס האָט איהר מיר?... איהר האָט דאָך איהם, זאָג איך, געלעגט אויף דער לינקער זייט...

— טאקע? — פאר׳חידוש׳ט זיך דער איד — מיר האָבען איהם געלעגט אויף דער לינקער זייט? ווי קומט עס?

— טאקע, זאָג איך, ווי קומט עס?

— נו, מאכט דער איד און גלעט זיך די שעהנע, די יום־טוב׳דיגע באָרד — פארפאלען. לאָז שוין, מאכט ער, בלייבען ווי עס איז, מע׳ט זיך — מאכט ער — ניט געהן באדערען... א חוץ דעם — מאכט ער — מאכען מיר אייך די ארבייט פּלענטי געגוג ביליג... קען מען ניט זיין פּריטיקלע — קען מען נישט...

— און וואו׳טיר שטעלען דעם קוימען? — פרעג איך — און ווייז אָן אויף די צוויי אידען וואָס טראָגען דעם קוימען אויף די הענט און ווייסען ניט אויף וועלכען אָרט איהם אָפּצולייגען.

דער גרויסער בוי־מייסטער האָט זיך א וויילע פאר־טראכט, אונטערגעבויגען מיט דער לינקער זייט פון דער רעכטער האנט א שפּיץ פון זיין בית־המדרש הגדול׳דיגער באָרד און געזאָגט:

— מיט׳ן קוימען איז טאקע אביסעל טראָבעל... אויפ׳ן דאך — מאכט ער — קען מען איהם נישט שטעלען, ווייל ער׳ט אראָפּפאלען, וועט מען איהם מוזען — מאכט ער — האלטען אין שטוב...

— וואָס טויג מיר, זאָג איך, דער קוימען אין שטוב, אז איך דארף איהם גאָר האָבען אויפ׳ן דאך...

— אקוראט אויפ'ן דאך?! — איז דער בוימייסטער מבטל מיין טענה — ווײלע וואס איז? — מאכט ער — באשער די גוים האבען זיך געמאכט א מאדע צו שטעלען די קוימענס אויף די דעכער דארפען זיי די אידען נאכ־טון... ס'איז בכלל, זאגט ער, א גוי'שער מנהג... א חוץ דעם, מאכט ער, איז גלאט ניט פראקטיש צו לאזען אזא קוימען שטעהען אין דרויסען... עס איז, זאגט ער, צו א ט י י ע ר ע ר קוימען...

— אבער — טענה איך — ס'דארף דאך זיין פון וואנעט ארויסצולאזען דעם רויך פון שטוב, צי ניין?

— וועלל, מאכט דער גרויסער ארכיטעקט — וואס שייך דעם רויך קען מען איהם ארויסטרייבען פון שטוב מיט א יארמולקע... נאט אייך, זאגט ער, טאקע מיין יאר־מולקע, און לאז, זאגט ער, זיין געצעטעלט א ביזנעס. ווי מ'זאגט, זאגט ער, באנאך אין אמעריקא...

און זיך ווענדענדיג צו זיינע ארבייטער, מאכט ער: אידען, מע'ט שוין היינט ניט קענען פינדישען ס'הויז... ס'איז שוין צו שפעט... מיר'ן עס אפלעגען אויף מארגען... און אגב, זאגט ער, ווער פון אייך אידען איז א פלאמבער? סע וואלט געוועז ניט שלעכט, מאכט ער, אז די פלאמ־בינג זאל געמאכט ווערען פון א פלאמבער — הא? — ווענדט ער זיך צו די ארבייטער — וואס זאגט א י ה ר?

— מיר זאגען, רופען זיך אן די בכבוד'ע אידען מיט א י י ן קול — אז ס'איז אלץ נ א נ ס ע נ ס ש'ב נ א נ־ס ע נ ס. מיר האבען שוין, מאכען זיי, אין אונזער לעבען געטון וואזשנערע זאכען ווי פלאמבעריי...

— מיינט איהר־זשע, הייסט דאס, — רופט זיך אפ דער בוי־מייסטער — ס'איז א לאו דוקא, אז א הויז מוז געפלאמבערט ווערען פון א פלאמבער? אויב אזוי, מאכט ער, קענט איהר געהן אהיים און קומען אי"ה מארגען גאנץ פריה, כלחוך, און האט זיך מיר דערוויילע, מאכט ער, א גוטינקע נאכט. גודנייטאל! און ער פארשווינדט.

צו מארגענס איך קום צוגעהן צום הויז זעה איך ווי

דריי אידען גראָבען די ערד לעבען מיין הויז מיט שרוי־פענציהער און די איבריגע אידען זיינען באשעפטיגט מיט ארויפקלאפען אין פראָנט פון מיין הויז עפּעס מאָדנע פייערעסקעיפּס, וואָס זיינען געמאכט פון רויטע פּאַפּענ־דעקלעך... און מיין הדרת־פּנים׳דיגער שטעהט אין דער זייט, און מאכט זיך — מיט דער האנט — א ציגארעטעל פון יוראָפּשען טאבאק...

— מיסטער, זאָג איך צו איהם — וואָס הערט זיך מיט׳ן הויז? ווי בויעט זיך עס?

— א דאנק! — מאכט דער איד, און לעקט־אָפּ בשעת־מעשה די ברעגעס פון ציגאר־פּאפּיר — סע געהט, מאכט ער, דאנקען גאָט, ווי געשמירט. מיר האלטען שוין, מאכט ער, ביי די פייער־סקייפּס... איצט, מאכט ער, דארף מען נאָך א לייג טון די פּלאָמבינג, וועט שוין זיין א״יה אלצדינג פארטיג... אגב, זאָגט ער, איהר זעהט יענע דריי אידען, וואָס גראָבען די ערד מיט שרויפענציהער?... דאָס גראָבט מען, מאכט ער, די וואסער־לייטונג...

— פאר וואָס־זשע גראָבען זיי ניט מיט קיין רידלען?

— פרעג איך — פאר וואָס עפּעס מיט שרויפענציהער?

— דאָס איז דערפאר, מאכט ער, ווייל די דאָזיגע דריי אידען זיינען בעסער איינגעטרייעט, מאכט ער, צו ארבייטען מיט שרויפענציהער, ווי מיט רידלען. זיי זענען, מאכט ער, שניידערס... טייערע שניידערס, מאכט ער, ווי גאָלד... דעם דאָך, מאכט ער, האָבען זיי א ו י ך גע־לייגט... גאָלדענע הענט — מאכט ער און ווייזט אויף די דריי אידען — אלצדינג קענען זיי... און זיי ארבייטען, מאכט ער, זעהר שנעל...

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

דער סוף איז געווען (אזוי וועט ענדיגען מיין חבר ה. ה. וואָס וועט מיר איבערראכטאָג פרייטאג, אז מע׳ט דערלעבען, צושיקען די אויבענדערמאָנטע הומאָרעסקע), דער סוף איז געווען, אז דאָס הויז האָט מיך טאקע געקאָסט

זעהר ביליג, זעהר ביליג, דערפאר אָבער האָט עס געהאט א שטיקעל חסרון, א שטיקעל חסרון. אזוי גיך ווי דאָס הויז איז אין גאנצען פארטיג געוואָרען, פארטיג געוואָרען, איז אָנגעקומען א לייכט שטורעמווינטעל און האָט עס אוועק־געטראָגען, אוועקגעטראָגען.. און ביז היינטיגען טאָג האָב איך נאָך ניט געפונען מיין פראכטיג הויז, וואָס איז אויפ־געבויט געוואָרען פון שנעלע באַלמעלאָכעס, פון שנעלע באַלמעלאָכעס...

# די עסטאַבּלישמענט

*אַן׳אויסגעטראַכטע מעשה, וואָס ס׳איז אין איהר נישטאָ קיין וואָרט אמת.*

מען האָט מיר איינגעשמועסט, אַז איך זאָל קויפען „סטאָק" פון אַ געוויסער קופּער־געזעלשאַפט. איך און — „סטאָק" זענען אייגענטליך נישט קיין נאָהענטע פריינט. מען קען זאָגען: גאָר ווייטע קרובים, אָבער אַזוי ווי עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען מאַכען אַ פאַרמעגען (אַזוי האָט מיר דער אַגענט איינגערעדט!) בכן, האָב איך גענומען מיינע פאָר הונדערט דאָלאַר, זיי אַריינגעוואָרפען אין „סטאָק" און געוואַרט אויף די מינוט, ווען אַ שליח וועט מיר קומען אָנזאָגען:

— איך האָב די עהרע צו מעלדען, אַז איהר זענט שוין ענדליך אַ מיליאָנער — דאַנקע שעהן!

האָב איך געוואַרט. געדולדיג געוואַרט. האָפנונגספול געוואַרט. געוואַרט, אַז אָט־אָט וועט זיך אַ הויב טון די בערזע און איך וועל ווערען איינער פון די גרויסע מיליאָנערען — איהר זאָלט מיר ענטשולדיגען פאַר דעם אויסדרוק.

דער „סטאָק" מיינער האָט געצאָהלט אַ דיווידענט פון צעהן פּראָצענט און האָט געקאָסט פינף הונדערט דאָלאַר אַ „שעהר". איך האָב געקויפט פינף „שעהרס", אָדער „שעהרען", פאַר פינף־און־צוואַנציג הונדערט דאָלאַר, מעהר האָב איך נישט געהאַט, אַז נישט וואָלט איך געווען געקויפט נ אָ ך. ווארים, ווער קען מיך צוריקהאַלטען פון

מאכען מיליאָנען אויף א פיינעם, עהרליכען און ציכטיגען אופן? הא?

אָבער מערקווירדיג — אָדער בעסער געזאָגט: ס'איז גאנץ נאטירליך, אז אזוי גיך ווי איך האָב איינגעהאנדעלט מיין „סטאק", האָט ער גענומען זינקען... פאלען... און אזוי איז ער געפאלען און געזונקען פון טאָג צו טאָג. דאָס פאלעניש פון מיין „סטאק" איז געוועזן אזוי שנעל און אזוי טיעף, אז איך האָב עס קוים געקענט כאפּען מיט'ן אויג. צי אין דרויסען האָט גערעגענט, צי עס האָט געשיינט די זון — מיין „סטאק" האָט זיך געטון זיינס: ער איז געפאלען...

איך בין אוועק צו מיין מעקלער און איהם געזאָגט:

— מיסטער, וואָס וועט זיין דער סוף פון דעם פאלען, וואָס מיין „סטאק" פאלט?..

און ער האָט מיר געענטפערט פּאָדראָבנע, אראָפּשנעלענדיג בשעת מעשה, מיט א פינגער די אַשעס פון זיין פיינעם ציגאַר:

— די איצטיגע לאַגע איז א גאנץ נאטירליכע. דערין איז שולדיג — בראזיליע...

און ער האָט מיר ערקלערט, אז אזוי ווי די בראזיליאנישע לאגע איז איצט א שווערע, די באנאנאס זענען דאָרטען נישט געראָטען, רופט זיך דאָס נעמליך אָפּ זעהר שלעכט אויף דער קופּער־אינדוסטריע, און פאָלגליך אויך אויף אונזערע קופּערנע „שעהרס" אָדער „שעהרען".

הייסט עס אלזא — האָב איך געזאָגט צו זיך — אז מיין גאנצער שיקזאַל איז איצט אָפּהענגיג פון בראזיליע און פון איהרע באנאנאס. גוט. איך וועל אלזאָ האלטען אַן אויג אויף בראזיליע און זעהן וואָס איך קען טון, צו פארבעסערען די לאגע פון איהרע באנאנאס!

אזוי האָב איך געטראכט. אָבער דער „סטאק" האָט זיך געטון זיינס: ער איז געפאלען מיט א מערקווירדיגער שנעלקייט. צוערשט מיט א פינף פּראָצענט, דאן זעקס, דאן

זיבען — און אז. וו. ביז ענדליך איז אראָפּגעקומען אויף פינף־און־דרייסיג פּראָצענט ביליגער ווי איך האָב געקויפט.

איך האָב גענומען ארומגעהן צווישען די פּושקארט־פּעדלער'ס און זיך נאָכפרעגען אויב זיי קויפען באנאנאס און וויפיעל? און אויב יע, צו קויפען זיי די בראזיליאנישע יאטען, מיט די געפלעקטע בייכלעך, ווי יאשטשערקעס...

די פּעדלערס האָבען מיך אָנגעקוקט מיט גרויס סימ־פּאטיע און מיר ס'רוב געענטפערט, אז די ביזנעס זענען אין דר'ערד ווי א בארג, און וואָס שייך בראזיליע מיט איהרע באנאנאס, מעג זי זיך אָנצינדען ווי א ליכט...

— פּארוואָס?

— גלאט אזוי. אָהן שום אורזאכע..

אז איך האָב דאָס דערהערט, בין איך אוועקגעלאָפען צו מיין מעקלער און איהם געזאָגט:

— בראזיליע מעג ברענען ווי א ליכט — פארקויפט מיין „סטאק", און לאָז דאָס נעהמען א סוף!

ער האָט אָבער געזאָגט:

— ווייסט איהר, וואָס איכ'ל אייך זאָגען? איצט איז די ריכטיגע צייט צו ק ו י פ ע ן פרישען „סטאק". פאָלגט מיך און קויפט צו נאָך א דריי־פיער שעהרס, וועט איהר נתעשר ווערען.

— הינו, וואָס איז דער שכל?

— דער שכל איז — מאַכט ער — אז באנאנאס מוזען ענטוועדער געראָטען, אָדער ניט. אויב זיי געראָטען ניט, דאן האָבען מיר שלעכטע באנאנאס און דער „סטאק" פאלט, אויב עס געראָט, דאן —

— דאן פאלט ער סיי־ווי־סיי! — העלף איך איהם ארויס...

— חכמות אן א זייט! — מאַכט ער — ווארפט אריין נאָך א פּאָר טויזענד דאָלאר אין „סטאק". וואָס קענט איהר פארלירען?

איך האָב איהם אָנגערופען מיט א געוויסען נאָמען און בין אוועק.

און מיין „סטאַק" האָט זיך דערוויילע געטון זיינס: ער איז געפאַלען...

אין א משך פון עטליכע חדשים איז ער ארונטערגעקומען אויף פופציג פּראָצענט פון דעם פּרייז, אויף וועלכען איך האָב געקויפט, און איך האָב גענומען זיך שטאַרקער פאראינטערעסירען אין — בראַזיליען און אין באַנאַנאַס. צום טייוועל! וואָס איז דאָס פאר א שנאָרערישע מדינה — דאָס בראַזיליע? און פאַרוואָס איז זי כסדר אין אזא געדריקטער לאַגע?

אזוי האָב איך געטראַכט. אָבער ביי טראַכטען אליין איז דאָס נישט געבליבען. איך האָב באַשלאָסען, אַז איך מוז עפּעס טון דירעקטעס, אום צו העלפען פאַרבעסערען די לאַגע פון מיינע בראַזיליאַנישע ברידער און דורך זיי — אויך די צרה'דיגע לאַגע פון מיין „סטאַק", וועלכער האָט זיך אַראָפּגעלאָזען צו דער לעצטער שטופּע.

צו דיזען צוועק האָב איך אָרגאַניזירט א פאַראיין מיט'ן נאָמען „די באַנאַנאָפּילען". דער צוועק פון דיזען פאראיין איז געווען צו זעהן, אַז יעדער מעמבער זאָל עסען אזוי פיעל באַנאַנאַס ווי מעגליך, און אויב מעגליך נאָך א ביסעל מעהר.

א נאָבעלער צוועק!

אין דער צייט פון עטליכע וואָכען זענען זיך די „באַנאַנאָפּילען" עטליכע מאָל צונויפגעקומען, אין א קעלער וואו מען קולטיווירט באַנאַנאַס, וואו מען „גרינט" זיי אויס הייסט דאָס. דאָרטען האָבען מיר זיך צוערשט גוט אָנגעשטאָפּט מיט די פּעטע פּירות, דאַן האָבען מיר גענומען פיהלען שלעכט און אגיטירען פאר אויפהויבען א נאַציאָנאַלע בעוועגונג צו גונסטען דעם באַנאַנאָפּיליזמוס.

ס'איז איבריג צו זאָגען, און אפשר איז דאָס ניט איב־

ריג, אז ס׳רוב פון די מעמבערס זיינען אליין געווען „שער־האָלדערס“ פון זעלבען „סטאק“ וואָס איך.

נאָך א חודש איז פאראיבער. אונזערע באַנאַנאָפּילען, האָבען דערווייל אויפגעהויבען א שטורעם אין דער פרעסע, למאי מען עסט ניט קיין באַנאַנאַס? און למאי גיט מען נישט די קראנקע מענשען עסען באַנאַנאַס אַנשטאָט אייער אָדער אנאנדער זאך?

די דאָזיגע באוועגונג, אונטערגעכאפּט פון דער פרעסע, האָט אָנגענומען געוואלדיגע דימענזיאָנען, ווי מען זאָגט אויף דייטשיש. „עסטאַבאַנאַנאַ!“ איז געוואָרען א שלאָגוואָרט. א פּאראָלע. א קענצייכען צווישען לאָדזשענ־ברידער, די „עסטאַבאַנאַנאַ“ באוועגונג, האָט זיך ווי א גרויס וואלד־פייער אויסגעשפרייט און ארומגעכאפּט ס׳גאַנצע לאַנד. אין אלע וואָדעוויל־הייזער האָט מען גע־זונגען „עסטאַבאַנאַנאַ“! אלע פאָנאָגראפס האָבען עס גע־שפּיעלט, און גרויסע טענצערקעס, ווי די דאָנקאַן, האָבען דאָס אויסגעטאַנצט בארפיסערהייד, אין עטליכע אקטען...

די גרעסטע מענער פון לאַנד זיינען געוואָרען „עסטאַ־באַנאַנאַניסטען“ אָדער באַנאַנאָפּילען. די פיינסטע דאַמען האָבען זיך ניט ארויסגעריהרט פון הויז אָהן א קוישעל מיט באַנאַנאַס.

קורץ אונזער קליינע באוועגונג האָט געבראכט גרויסע פּרוכט. דער האנדעל מיט באַנאַנאַס האָט זיך אונגעהויער געהויבען, איז חשוב׳ער געוואָרען, אָבער צום „סטאָק“ אונ־זערען, האָט דאָס ניט געהאַט. ער האָט זיך געטון זיינס: ער איז זיך געפאלען...

בין איך ווידער אוועקגעלאָפען צום מעקלער צו מיי־נעם און גע׳טענה׳ט:

— סטייטש, וואָס וועט זיין דער סוף פון דעם פאלען וואָס מיין „סטאק“ פאלט? גוואלד, איך ווער דאָך בדלות — ווער איך דאָך!

און איך האָב גענומען קלאַפּען אויפ'ן טיש — מיט'ן פויסט, אַט־אַזוי־אַ!

— שאַ! — מאַכט ער — וואָס שרייט איהר אַזוי? — דאַנקען גאָט, בראַזיליע איז אַלרייט!

— צום טייוועל מיט בראַזיליע! — זאָג איך — וואָס טויג מיר בראַזיליע, אַז א י ך ווער בדלות? און אַ חוץ דעם — זאָג איך — האָט איהר דאָך עפּעס געזאָגט, אַז די גאַנצע אורזאַכע וואָס מיינע קופּער־אַקציעס זענען אַזוי געשלאָגען, איז ווייל די בראַזילישע באַנאַנאַס האָבען דאָ אַ שלעכטען אָפּגאַנג. אָבער — זאָג איך — וואָס וועט איהר איצט זאָגען? איצט — זאָג איך — בעת דאָס גאַנצע לאַנד איז פאַרכאַפּט פון דער „עסטאַבאַנאַנאַ" באַוועגונג? האַ? ווי וועט איהר איצט, זאָג איך, ערקלעהרען די אורזאַכע וואָס די קופּער־אַקציעס האַלטען אין איין פאַלען?

— וועל — זאָגט ער — ס'איז טאַקע שווער צו ער־קלערען. נאָר ווען איך זאָל איהם פאָלגען, זאָגט ער, וואָלט איך צוגעקויפט נאָך פאַר עטליכע טויזענד דאָלאַר „סטאַק" — גלאַט אַזוי פאַר שפּעקולאַציע... ווארום, זאָגט ער, אַזוי גיך ווי די אַקציעס וועלען אויפהערען צו פאַלען, איז כמעט זיכער, אַז זיי וועלען ענטוועדער בלייבען שטעהן אויף אָן אָרט, אָדער זיי וועלען זיך געבען אַ הויב און מען וועט, זאָגט ער, מאַכען געלט ווי בלאָטע...

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

דער סוף איז געווען, אַז די אַקציעס האָב איך קוים אוועקגע'פּטר'ט, מיט זעכציג פּראָצענט ריינעם פאַרלוסט, אַ חוץ טראָבעל און אַ האַרץ־וועהטאָג. און אַלעם וואָס עס איז מיר געבליבען פון יענעם „סטאָק" איז אַ פאַרדאָרבע־נער אָ ר ג אַ נ י ז ם, פון עסען צופיעל פון די פאַרפלוכטע באַנאַנאַס!..

# אַ אידישע טבע

א בילד, ווי זאָגט איחר,
פון לעבען

מיינער א לאנדסמאן דערצעהלט:

איך האָב געהאט געעפענט א קענדי סטאָר אויף ריווינגטאָן סטריט. וואו האָב איך גענומען געלט? — זאָלסטו נישט פרעגען. איך האָב גענומען געלט דאָרט וואו אלע אידען נעמען: ביי גאָט. איך האָב געשפאָרט פון דעם, פון יענעם. אביסעל פון קליידונג, אביסעל פון שוכונג, אביסעל, ווי זאָגסטו, פון מויל, ביז איך האָב צו־נויפגעשלעפט עטליכע הונדערט דאלאר און געעפענט די סטאָרקע.

מילא, דארף איך דיר דאָך ניט דערצעהלען, ווי איך האָב זיך געפיהלט, אז איך בין אין א מזל׳דיגער שעה ארויס פון שאפ! איך האָב געפיהלט, ווי איינער וואָס מען לאָזט איהם ארויס פון עפעס א שרעקליכער תפיסה. איך האָב געפיהלט, אז איך הויב אָן לעבען גאָר אויפ׳ס ניי. די שעהנע קראנקהייט וואָס איז מיר געקומען פון שאפ, האָט מיך איצט אפגעלאָזען. דער הוסט האָט אויפ־געהערט מוטשען — עפעס ווי דערשראָקען זיך פאר דער שעהנער סטאָרקע, די ליכטיגע לאָמפען און די בלאנקענדע מאשינדלעך וואָס מישען די „מאָלטעד־מילק“... און די גרויסע סלאָיעס מיט פרוכט־איינגעמאכטס און די ריין־אויסגעפוצטע „שאָו־קייסעס“...

קורץ, איך בין געוואָרען א נייער מענש — א פרייער, א לעבעדיגער, א זעלבסטשטענדיגער.

אויס שאָפּ, אויס באָס, אויס פאָרמאַן — ווער איז צו מיר גלייך, איך בעט דיך? האַ?

אז ס'איז אוועק עטליכע טעג און די ביזנעס האָבען זיך איינגעשטעלט און איך האָב אנגעהויבען לעזען פאר טרוקענער ווארע אזוי ג ע ש מ אַ ק, רוף איך זיך אָפּ צו מיין פרוי: סערעה, עס געהט, דאנקען גאָט, אויף א דרך! וועסט זעהן, זאָג איך, סערעה בראַט, אז מיר וועלען זיך דאָ איה"ש מיט גאָט'ס הילף ארויפארבייטען! די סטאָרקע, זאָג איך, איז קיין עין־ערה ניט, א גאָלדענע סטאָרקע, און וועדליג, זאָג איך, אַן אָנפאַנג, איז דאָס ביסעל גאָר ניט שלעכט, — אָבער ג אָ ר ניט שלעכט! זאָג איך.

זאָג איך אזוי צו איהר, און מיר קוועלען ווי די קינדער און מיר שפּיגלען זיך אין דער סטאָרקע ווי עפּעס אן אבן־טוב. עפּעס א קלייניגקייט: דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבען, וואָס איך עס א שטיקעל ברויט וואָס עס איז ניט באשפּיגען פון קיינעם.

איז דאָך אָבער, ווי זאָגסטו, פאראן א אידיש פאָלק אויף דער וועלט. יאוועט זיך צו מיר עפּעס מיט אמאָל א איד מיט א שארף פארשפּיצט בעלדעל, שארפע אויגען, א שארפען קאָפּ און... פול מיט עצות ווי א מילגרוים מיט קערלעך.

קומט אריין, קויפט א באקסעל סיגארעטלעך מיט מעטשעס און פארפיהרט מיט מיר א שמועס וועגען סטאָר — וויפיעל האָב איך פאר איהר באַצאָהלט, און וויפיעל נעם איך איין א טאָג, און וואָס פאר א מין לייזעניש איז ביי מיר און אזוי ווייטער.

מיין איך, אז ס'איז מסתמא עפּעס אן אגענטעל, זאָג איך דעם אמת וועגען אַלצדינג.

הערט ער מיך גאַנץ פיין אויס, קנייטשט אַלץ בעת מעשה מיט אן אויגעל, און דאן רופט ער זיך אָפּ צו מיר מיט א טאָן פון איינעם וואָס מען איז איהם שולדיג א סך געלט און מ'גיט עס איהם נישט אָפּ:

— איך גיב אייך העכסטענס א מאָנאַט צייט אָנצו־האַלטען די סטאָרקע!

— און דאַן? פרעג איך ערשטוינט איבער זיין טאָן.

— דאַן, זאָגט ער, — וועט איהר מוזען ארויס פון ביזנעס, ווארום דער סטאָר, מאכט ער, וועט זיך ניט באַ־צאָהלען. גוד־באַי!

און ער געהט אוועק.

בלייב איך שטעהן און הויב אָן טראַכטען: וואָס איז דאָס פאר א מין איד וואָס זאָגט נביאות. און למאי זאָל איך מוזען אויפגעבען די ביזנעס, אז די ביזנעס געהען אָהן־עין־הרע פיין ווי גאָלד? נור פונדעסטוועגען הויבט שוין אָן שרעקען ס'הארץ, ווער ווייסט? מסתמא איז דאָך עפּעס פאראַן דערביי! א מענש וועט דאָך ניט געהן גלאַט מיר מאַכען א שווער הארץ, בפרט, אז איך קען ניט דעם אידען און ווייס ניט ווער ער איז!

מילא, בקיצור: עס איז אוועק א חודש צייט, און די ביזנעס האָבען זיך קיין־עין־הרע פיין אוועקגעשטעלט. די קלענסטע איינּנאהמע וואָס איך האָב געהאַט איז געווען אַכצעהן דאָלאַר א טאָג, און לייטע האָבען מיר שוין אָנ־געבאָטען אויף איהם צוויי טויזענד דאָלאר פראָפיט, נאָר איך האָב ניט געוואָלט פארקויפען.

אויף דער פינפטער וואָך יאָוועט זיך ווידער דער פאר־שפיצטער איד, קויפט ווידער א באַקסעל סיגאַרעטס פאר זיבען סענט מיט מעטשעס, פאררויכערט זיך איינס, און ניט פרעגענדיג אפילו ביי מיר וואָס איך מאַך, גיט ער א זיפץ און זאָגט:

— איך גיב אייך נאָך העכסטענס צוויי מאָנאַט צייט צו עקזיסטירען. אויב ד ר י י — איז שוין א סך!

און ער געהט אוועק.

מילא, דאָס מאָל האָב איך זיך שוין פאר זיין נביאות ניט דערשראָקען. אדרבא. עס איז מיר געפעלען געוואָרען דער עסק, ווי א פרעמדער איד זאָגט מיר אריין אין די ביזנעס... און ווי ער פּרובט טרעפען. האָב איך געלאַכט.

און דערווייל האָט זיך דער סטאָר געהאַלטען אין איין אַרויפאַרבייטען. איך און מיין פרוי האָבען פּשוט ניט געהאַט קיין הענט און מיר האָבען געמוזט אַריינגעמען אַ מענשען ער זאָל אונז אַרויסהעלפען אין די ביזנעס. און וועגען מיין אידען האָב איך שוין גאָר געהאַט פאַרגעסען.

פּלוצים פאַלט ער אַריין, געהענדיג פון דער אַרבייט, הייסט זיך מאַכען אַ גלעזעל „פלייִן", מיט אַ ביסעל חיי־מישען סירופּ דערצו — פאַר אַ פּעני, טרינקט זיך עס פּאַמעליכקע אויס, דאַן לעגט ער איבער ס'אויסגעטו־נענע רעקיל זיינס פון דעם רעכטען אָרעם אויף דעם לינ־קען (ס'איז געווען אַ הייסער טאָג!) און ער מאַכט צו מיר:

— מיסטער, איך האָב אויסגערעכענט, אַז איהר דער־לעגט צו אייערע ביזנעס, ווענינגסטענס פערצעהן און אַ האַלב דאָלאַר אַ וואָך. סאַ שאָד! איהר זעהט זיך דוקא, מאַכט ער, אָן צו זיין אַ וואויל מענשיל. העכסטענס וואָס איהר קענט זיך נאָך דאָ מוטשען איז נאָך דריי חדשים — פאַרגרעסערט ער מיר שוין דעם טערמין — אָבער ס'איז נאָר אָן עבירה, מאַכט ער, וואָס איהר מוטשעט זיך מיט דער סטאָרקע. ווייל, מאַכט ער, ס'איז אַ „טויטע פּראָפּאָזישען"...

און ער געהט זיך אוועק.

אָבער טראָץ דעם אידען'ס נביאות, טוט זיך דער סטאָר דערווייל זיינס — דאָס הייסט ער וואַקסט אהן־עין־הרע. דער טרייד ווערט אַלע מאָל גרעסער. מען באָט שוין פאַר איהר זעקס טויזענד דאָלאַר און איך לאָך זיך אויס דערפון. וואָס טויג מיר פאַרקויפען, אַז איך זשויב קיין עין־הרע.

אין אַ חודש אַרום באַווייזט זיך ווידער מיין איד, טרינקט ווידער אויס אַ גלעזעל „פלייִן" און בשעת טרינ־קען מאַכט ער צו מיר:

— איך האָב נעכטען אויסגערעכענט צוזאַמען מיט מיין פרוי, אַז איהר האָט שוין דערלעגט צו אייער סטאָר־

קע איבער אכט הונדערט דאלאר און אז לענגער, מאכט ער, ווי ביז קריסטמעס, אז מען וועט דערלעבען, וועט איהר ניט דערציהען, איהר'ט מוזען, מאכט ער, „באָסטען".

— זאָרגט ניט פאר מיר, ליעבער איד! — לאַך איך שוין פון איהם — איכ'ל שוין, זאָג איך, ווי עס איז דורכקומען. א חוץ דעם, זאָג איך, וואָס געהט אייך אזוי אין לעבען צו איך וועל עקזיסטירען צו ניט?

— אין לעבען? — מאכט ער — עס געהט מיר ניט אין לעבען. עס ליגט מיר, מאכט ער, אפילו ניט אין דער לינקער פיאטע, איך זאָג עס בלויז.

— דאָס איז זעהר שעהן פון אייער זייט! — זאָג איך — אָבער אפשר, זאָג איך, וואָלט איהר געקענט פארלענגערען דעם טערמין פון מיין סטאַרקיפערשער עקזיסטענץ באָטש ביז פסח?

— וועל, זאָגט ער, און קוקט מיך אָן ערנסט ווי א מצבה, — איהר מיינט, אז איך שפּאָס, אָבער איך שפּאָס ניט. ביי מיר, זאָגט ער, אז איך זאָג א וואָרט איז דאָס געזאָגט. איך בין ניט, מאכט ער, פון די אידען וואָס באלאַקען גלאָט אין דער וועלט אריין.

— וואָס איז אייער מלאכה, אויב איך מעג פרעגען?
— איז מיר אינטערעסאנט צו וויסען דעם אידענ'ס באַשעפטיגונג.

— איך אליין, מאכט ער בין א באָטאָנהאָל־מייקער ביי פּענטץ...

— איהר האָט מסתמא אמאָל געהאַלטען א גרויסע קענדי סטאָר — פּרוב איך טרעפען, וואָס עס גיט איהם דאָס רעכט צו רעדען וועגען מיינע ביזנעס מיט אזא אויטאָריטעט.

— ניין, זאָגט ער, אין ביזנעס בין איך קיינמאָל ניט געוועזן. ניט אין קענדי ביזנעס און ניט אין אנדערע. נאָר פונדעסטוועגען, מאכט ער, און פּאטשט זיך מיט דער האַנט אויפ'ן שניפּסעל, פונדעסטוועגען בין איך מעהר

מבין אויף אלערליי ביזנעס ווי די גרעסטע בראָקערס. אָט אזא מענשיל, מאכט ער, בין איך מיר.

— איז, הייסט עס, גיט איהר מיר צייט ביז קריסט־מעס?

— יעס! — מאכט ער, קריסטמעס וועט איהר מוזען פארקויפען דעם סטאָר פאר א שיבוש, אבי פטור ווערען פון א צרה, און ס'איז, זאָגט ער, א שאָד יעדע מינוט וואָס איהר מוטשעט זיך דאָ אָפּ.

און ער געהט אוועק און איך זעה איהם ניט ביז קריסט־מעס.

קריסטמעס קומט ער ווידער צוגעהן, הייסט זיך געבען א „האָט־טשאָקאָלעד" פאר צוויי פענים, טרינקט עס אויס און מאכט צו מיר:

— ווייסט איהר, איך האָב נעכטען אויסגערעכענט צוזאמען מיט מיין פרוי, און ביז היינטיגען טאָג האָט איהר שוין באגראָבען אין דער דאָזיגער סטאָרקע געגוייע 31 הונדערט דאָלאר — א חוץ געז.

— ווי אזוי האָט איהר דאָס אויסגערעכענט, פרעג איך.

— אָט זאָגט ער איז דער חשבון! און ער ציהט ארויס א שטיק פאפיר מיט ציפערן — ביי מיר, מאכט ער, געהט דאָס ניט גלאָט אזוי. ביי מיר איז אַלעס אויסגערעכענט, אויף דער פעני. וויפיעל מיינט איהר א שטייגער — ווענדעט ער זיך צו מיר — האָט איהר ביז היינט פארלאָרען אין סיגארעטס אליין?

— אפשר הונדערט דאָלאר! — וויל איך טרעפען.

— מעהר. א סך מעהר, פארזיכערט ער מיך. איהר האָט ביז היינט, מאכט ער, פארלוירען אין סיגארעטלעך אליין, ניט ווייניגער ווי 362 דאָלאר מיט 14 סענט.

— און וויפיעל, פרעג איך, האָב איך ביז היינט פאר־לוירען אין... האָט־טשאָקאָלאַטס?

—האָט־טשאָקאָלאַטס?... מאכט ער, און זוכט אויפ'ן צעטיל — וואו האָבען מיר עס?.. הם... אָט איז עס...

האַט־טשאַקאַלאַטס... עלף... איין־און־דרייסיג... זעכצעהן... דריי־און־אכציג... רעכענט עס צונויף צוזאמען, מאַכט ער, האָט איהר, אלזא, פארלוירען אין האַט־טשאַקאַלאַטס 108 דאלאר מיט עלף סענט...

— און וויפיעל האָב איך פארלוירען ביז היינט אין בלייפעדערס? — וויל איך שוין וויסען גענוי מיין טרויע־ריגע לאגע.

— בלייפעדערס... בלייפעדערס — מאַכט ער, און זוכט מיט'ן אויג אויף זיין צעטיל — בלייפעדערס... שאַ! אָט האָבען מיר עס... בלייפעדערס פיער הונדערט און זי־בען דאָלאר מיט אכט סענט.

— און דאָס האָט איהר אלץ אויסגערעכענט זייענדיג א באָטאָנהאָלמייקער? — פרעג איך און וויש ארונטער א שמייכעל פון מיינע וואָנצעס.

— געוועזען וואָס איך בין א באָטאָנהאָלמייקער! — געפינט ער זיך באליידיגט פון מיין טאָן — איך רעד צו אייך, מאַכט ער, ווי א מענש, און זאָג אייך אקוראט ווי איהר שטעהט מיט אייערע ביזנעס... און איהר מיינט, אז איך מאַך זיך א שפּילכעל... דער סוף, מאַכט ער וועט זיין, אז איך וועל אויף אייך איינגאנצען א שפּיי טון און זיך אויפהערען אינטערעסירען אין אייערע ביזנעס. אָט וואָס, מאַכט ער, עס וועט זיין דער סוף!

מעהר איז ער שוין ניט געקומען, און אפשר איז ער יאָ געקומען, נאָר איך האָב איהם ניט געזעהן, ווייל אין א פּאָר חדשים ארום האָב איך די סטאָר פארקויפט פאר אזא הויכען פּרייז ווי עלף טויזענד דאָלאר!

## צווייערליי מעטאָדען

...פון דער פריהעריגער סטאָר וואָס איך האָב געהאַט אין א קריסטליכען געגענד בין איך געוועהנט געוועזן צו באהאנדלען א קאָסטומער פיין, אנשטענדיג, מיט א געוויסער מאָס רעספּעקט און העפליכקייט. וואָרים, לאָמיר זיך ניט נארען, ווער וועט עס — ביי גוים — געהן קויפען אין א סטאָר וואו מען באהאנדעלט איהם נישט מיט העפליכקייט?

האָב איך געמיינט, אז אויף דער איסט סייד איז אויך אזוי. וואָס זאָל איך וויסען? איך האָב קיינמאָל ניט געהאנדעלט מיט אידען.

...אז איך האָב אלזא אפּגעקויפט די גראָסערי אין מענדזשין סטריט האָב איך אויפגעפיקסט א סטאָרקע, אז זי האָט געטאַנצט: ריין, ציכטיג, א מחיה ארייננצוקומען. יעדער מין שפּייז־קעסטעל פּארדעקט פון מייז און אנדערע שרצים. די פּאַפּירענע שקארמיצען פיין ארומגעהאנגען ארום דער שטאַנג איבער׳ן „קאַנטער". די „טעלער" פון די וואָג־שאָלען אויסגעוואַשען און אונטערגעלייגט דיקע פּאַפּיר. און איך אליין — קענסט דאָך מיר! — האָב זיך אָנגעטון די פּינקענע פּאַפּירענע מאנדזשעטען אויף די הענט, און דאָס יום טוב׳דיגע ביזנעס־שמייכעלע אויפ׳ן פּנים, און איך וואַרט אויף שפע.

באלד הויבען אָן קומען די פרויען, באַגרים איך יעדע מיט א פיין שמייכעלע. פרעג וואָס ווילען זיי. „אַטענד" צו זיי שנעל, פארגעס נישט צו זאָגען יעדעסמאָל „טהענקיו" און „מאַטשאַבליידזשט" און „קאָלל־עגעין — פּליעז" — ווי איך בין געוועהנט געוואָרען צווישען די גוים...

איך זאָל וויסען, אז דאָס וועט זיין מיין ד ע ר ק ו י־ג ע נ י ש — האָב איך נישט געוואוסט!

קיצור הדבר, עס געהט אוועק א וואָך און צוויי און איך בעמערק, אז מיינע קאָסטימער הויבען אָן ווערען שיטערער... קומען אריין וואָס זעלטענער... און אז זיי קומען שוין אפילו יאָ אריין פיהלען זיי זיך עפּעס אזוי פרעמד... אזוי ניט־היימליך... אזוי — איך וויס אליין נישט וואָס!..

טראַכט איך: וואָס קען דאָ זיין? דוכט זיך ווארע האָב איך גוטע. בין דאָך עפּעס שוין ניט קיין גראָסערי־מאַן פון היינט אָן. געהאַלטען שוין ב"ה סטאָרס וואו ניו יאָרק האָט אַן עק, און אין פיינע געגענדען, צווישען קריסטען, און אלע מאָל האָט זיך געפיהרט אז מיט מיין פיינער באהאנדלונג פלעג איך, וואָס א וואָך, צוציהען נייע קאָסטימער, און דאָ — איז פונקט קאַפּויר! וואָס, טראַכט איך, קען דאָ זיין פאר אַן אונגליק?

רעד איך עס איבער מיט מיין פרוי — א קלוג ווייבעל און האָט אויף זיך א קאָפּ פון א מיניסטער! — רעד איך דאָס איבער מיט איהר און פרעג זי: וואו קען דאָ ליגען די צרה? דוכצעך, מיר טוען אלעס וואָס מיר קענען צו זיין פריינטליך און גוטמוטיג צו אונזערע קאָסטימער, און פונדעסטוועגען צערינט זיך ביסלעכווייז ס׳גאַנצע בי־סעל מחיה!

זאָגט זי צו מיר: ווייסט וואָס איכ׳ל דיר זאָגען, שימע? (איך הייס שימע) אנו, זאָג איך, לאָמיר אדרבא הערען, גיב, זאָג איך, א זאָג עפּעס א גוטע זאַך, עפּעס א ריכטיגע עצה. איכ׳ל דיר זאָגען, זאָגט זי, אז ווערליג נאָך מיין מיינונג און ווערליג איך האָב זיך צוגעקוקט זענען די מענדזשין־סטריטער קאָסטומער נישט געוועהנט צו אזא פריינטליכער באהאנדלונג. עס איז צו גוי׳איש, זאָגט זי, פאר זיי. און מיין עצה, זאָגט זי, איז דאריבער, אז מיר זאָלען, זאָגט זי, ווי מען זאָגט „איבערקעהרען ס׳טעפּיל" און זיי נעהמען באהאנדלען מיט אזא מינע ווי מיר וואָל־

טען זיי געטון די גרעסטע טובה, מיט דעם ערלויבען זיי אריינצוקומען אין אונזער סטאָר.

אַט־אזוי־אַ. מיט די רייד!

זאָג איך: אַלרייט. לאָמיר פּרובען... וואָס קענען מיר אָנווערען? אז סיי ווי סיי, זאָג איך, וועלען מיר ב"ה באַלד מוזען ארוים מיט'ן בייטשעל, אויב ס'וועט נאָך אזוי אָנהאַלטען אַ שטיקעל צייט.

אזוי מיט אַ געלעכטער!

..קיצור המעשה: איך און אונזער פרוי האָבען געגור־מען אויספיהרען אונזער נייעם „פּראָגראַם". ערשטענס האָבען מיר, כמעט ווי מיט די הענט אָפּגעווישט די שמייכלען פון אונזערע געזיכטער. אנשטאט דעם האָבען מיר ארויפגעצויגען אַ בייזען אומעט. אַ מענשענפיינד־ליכקייט, און זויערקייט. באַלד האָט זיך באוויזען דער ערשטער קאַסטומער — דער ערשטער אויף וועמען מיר זאָלען אויספּרובירען אונזער נײ־ענטדעקטע טעאָריע. האָ־בען מיר איהם אויפגענומען מיט אַ געניץ, איך האָב זיך געקראַצט אונטער'ן אויער מיט'ן הענטיל פון'ם הילצער־נעם פוטער־לעפיל, מיין פרוי האָט אויסגעקלאַפּט מיינס אַן אַלטען קאַפּעליוש איבער דעם פּעסיל מיט מילך און בסך הכל זיינען מיר געווען פארנומען מיט זיך זעלבסט און זיך ניט אומגעקוקט אויף דער אידענע — גלייך ווי זי וואָלט געווען אַ גאָרנישט... אַ קאַקרוטש... אַ הונט...

די קאַסטימערקע, זעהענדיג אַז מיר קוקען זיך אויף איהר ניט אום, האָט זיך חלילה ניט געפונען באַליידיגט. אדרבא, זי איז אליין צוגעגאַנגען צו דעם מולטער מיט זעמעל, זיי גוט אדורכגעקנאַטען מיט איהרע ברודיגע פינ־גער, אריינגעביסען אין עפּעלע — וואָס איז געלעגען נישט ווייט צווישען אנדערע עפּעל־חברים, און געמאַכט די באַמערקונג:

„פע! חזיר'שע עפּעל!" דאַן איז זי איינע אַליין אוועק צו די טאָמייטאָס, זיי ארומגעטאַפּט און געמאַכט די זעלבע באַמערקונג, וועגען זייער חזיר'שקייט. דאַן

האָב איך זי אָנגענומען פאַר דער האַנט, זי צוגעפיהרט צו דער טיר, זי דערלאַנגט א זעץ ארויס און איהר נאָכגעשריען „קושנירקע!“ „שייטעלע גנב!“ אזוי אז גאַנץ מענדזשין סטריט זאָל הערען.

האָב איך דאָך געמיינט, אז זי וועט זיך געפינען באַליידיגט? — ווייס איך וואָס! אין א שעה ארום מיין אידענע איז ווידער דאָ. קומט אריין שטיל ווי א קאָטינקע, ווי אן אָפּגעשטראָפטע, קויפט איין וואָס זי בעדאַרף, באַצאָהלט און געהט אוועק א צופרידענע, מיט א דאַנקבאַרען שמייכעלע אויף די ליפּען.

זעהענדיג אז מיין פרוי'ס „פּאָליסי“ איז די ריכטיגע, האָב איך באַשלאָסען אויסצופיהרען זי אין איהר פולער פראַכט און גלאַנץ. און דאַריבער, אז עס האָט זיך באַלד באַוויזען נאָך א יונגע פרוי'קע מיט א מילך־קרוג אין האַנד, בין איך צוגעגאַנגען צו איהר מיט גרויסע שריט, ארויסגעריסען דעם „פּיטשער“ פון האַנד, אָהן שום וואָרנונג, אריינגעפּליוכעט א פּאָר קענדלעך וויים־בלאָהע וואַסער, געפרעגט מיט א בייזער: „וואָס נאָך“? עפּעס אזוי ווי די פרוי'קע וואָלט געגען מיר באַגאַנגען דאָס גרעסטע פארברעכען, דערמיט וואָס זי איז אריינגעקומען אין מיין סטאָר. דאַן האָב איך ביי איהר כמעט ארויסגעשלעפּט פון האַנט דעם פּאַפּירענעם דאָלאַר וואָס זי האָט געהאַלטען גרייט צו באַצאָהלען, איהר צוגעוואָרפען מיט אַכט סענט רעשטע ווייניגער ווי ס'איז איהר געקומען... און דערביי האָב איך געמאַכט א באַמערקונג, וועגען די מענדזשין־סטריטער ווייבער בכלל, און וועגען די יונגע ווייבלעך בפרט, וועלכע זענען גרויסע קושנירקעס, און סע וואָלט נאָר געוואָלט ביי יענעם ארויסנעהמען די נשמה — וואָלט עס נאָר געוואָלט...

די זעלבע פּרויקע — לאָמיר אייך פאַר איין וועג זאָגען — איז דעם זעלבען טאָג צוריקגעקומען עטליכע מאָל און נאָך מיטגעבראַכט איהר נעקסט־דאָריגע...

...צו די נעקסטע קאָסטימער האָב איך שוין איבער-

הויפט גאָרנישט גערעדט. איך בין מיט זיי געווען ברוגז. און ניט נאָר גלאט ברוגז — נאָר טאקע מיט א מין רוגזה, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט טיפען, אונענדליכען האַס. איך האָב זיי באהאנדעלט ווי שונאים — געהוקעט אויף זיי, געשריען אלע ווײַלע צו מיין פרוי, אז זי זאָל האלטען אן אויג אויף די קאָסטימער, וואָרים מען שטעלט מיך בדלות — שטעלט מען מיך. ביי אנדערע געלעגענהייטען, פלעג איך באמערקען צו מיין פרוי, אז די מענדזשין־סטריטער ווייבער האָבען זיך געמעגט אנצינדען ווי א פייער, איידער איך האָב זיי דערקאנט... און אז אויב גאָט וועט מיך אמאָל אויפריכטען און איך וועל פּטור ווערען פון די „חזיר׳שע" גראָסערי־ביזנעס, וועל איך איהם אודאי אָפּגעבען א שבח אלע מינוט און אלע רגע...

... א חוץ דעם שרייען און דעם גוואַלדעווען, וואָס מירביידע — איך און מיין פרוי — האָבען געשריען און איצט גוואַלדעוועט אויף די קאָסטימערקעס, און א חוץ די באַליידיגונגען, מיט וועלכע מיר האָבען זיי באַליידיגט, האָבען מיר אויך אָנגעהויבען אריינגעהמען די ערגסטע סאָרטען וואַרע. די זעקלעך מיט שפּייז האָבען מיר איצט אויפגעדעקט און פריי געמאַכט פאַר די מייז, קאַקרוטשעס און אנדערע הויז־טיערע. אין דער בלעכענער קאַן מיט וואסער, וואָס איז געשטאַנען לעבען טיר, ארומגעלייגט מיט אייז, האָבען מיר פון צייט צו צייט אריינגעקאַפּעט — מיט אן אויל־קענדיל — א פּאָר טראָפּען מילך, גלאַט אזוי, פון שעהנקייט וועגען... די פּוטער פלעגען מיר צו־קאַלכען מיט צינקזאַלב... דעם לאַקס פלעגען מיר אלע טאָג באַפאַרבען מיט רויטען טינט, און די גאַנצע סטאָר האָבען מיר געהאַלטען אזוי שמוציג, ווי די „באָרדאָפּעל" און דער סטריט־קלינינג־דעפּאַרטמענט האָט נאָר ערלויבט...

... און אָט אזוי האָבען מיר זיך ארויפגעאַרבייט אויף א פיינעם נאָמען. און איצט — הלואי אָהן מיין שאָדען אויף אייך געזאָגט געוואָרען — איצט האָבען מיר א האָל־סייל־גראָסערי, און מיר זשויבען, קיין עין־הרע.

# דער גרויסער געשעפטסמאַן

צוערשט האָט ער געהאַלטען אַ שפּייז־קראָם און פאַר־קויפט אונטער'ן פּרייז. דער עיקר איז ביי איהם געווען. מען זאָל זיך טומלען און ס'זאָל זיין „ביזי". ער איז געווען „ביזי". פאַרביזיעט, ביזנעסדיג. דאָס געשעפט האָט אָהן עין־הרע געבליהט, געוואַקסען. און וואָס מעהר עס האָט גע־בליהט און געוואַקסען, אַלץ מעהר איז מען פאַרשוואַרצט געוואָרען. און וואָס מעהר מען איז פאַרשוואַרצט געוואָרען, אַלץ מעהר האָט מען דערלעגט מזומן געלט, און אַלץ מעהר האָט צו איהם דאָס ווייב גע'טענה'ט, ער זאָל אויפגעבען דאָס געשעפט. אָבער ער האָט זיך געהאַלטען ביי זיינס: אַז מ'עט זיך „איינטרייען", און אַז דער עיקר איז, אַז מענשען זאָלען זעהן אַז דאָס געשעפט בליהט, אַז עס איז אַ גרויסער מאָראַלישער ערפאָלג.

אין עטליכע חדשים ארום האָט דאָס געשעפט געהאַט אָפּגעבליהט, ווי אַ שעהנע בלום. די פּרוכט וואָס איז ארויס פון דער דאָזיגער „בליהונג" איז געווען אַ בלאָסע, אַ מאָ־גערע. זי האָט געהייסען מיט דעם וואונדערבאַרען נאָמען: שלמה זעקעלבערג.

אַז דער נעמליכער זעקעלבערג איז אביסעל געקומען צו זיך פון דעם „מאָראַלישען ערפאָלג", וואָס ער האָט געהאַט אין זיין שפּייז־קרעמעל, האָט ער זיך גענומען באַווייזען אין גאַס און ער האָט זיך גע'חידוש'ט, וואָס די זון געהט נאָך אַלץ אויף, און וואָס די לופט שמעקט נישט פון נאַפט און פון קאַרטאָפליעס. אין דערזעלבער צייט האָט ער גענומען טראַכטען פון עפּעס אַ ניי געשעפטעל, אין וועלכען מען

זאל זיך קענען צופיהרען די הענט, ווי א גרויסער גע־שעפטסמאן.

איז איהם איינגעפאלען צו עפענען — א רעסטאָראַן.

וואו האָט ער גענומען געלט? פון וועלכע געהיימע קוועלען? — דאָס זיינען מיר נישט מחויב צו וויסען. מיר וויסען נאָר, אז באלד ווי ער האָט געעפענט דעם רעסטאָ־ראן, האָט ער גענומען ש נ י י ד ע ן די פרייזען צום ביין. און דאָס וואָס ער האָט ניט ד ע ר ש נ י ט ע ן, האָט ער גלאט אזוי פאר'מציאה־גדולה'ט, דורך גרעסערע פּאָרציעס עסען, דורך רייכע מארכביינער, און דורך עקסטרא גלעזער טיי.

עס האָט זיך אָנגעהויבען א געלאַף, א „ביזי“. עס האָט געביזעט טאָג־און־נאכט: טעלער האָבען געקלונגען, גאָפּ־לען זיינען געפאלען פון די הענט, מארכביינער האָבען גע־קנאַקט, און איבער אלעמען האָט זיך געטראָגען דער שטאָלצער נביא־באפעהל פון שלמה זעקעלבערג:

— איינמאל לונגענגולאש! — נעווערמיין דעם לונגענגולאש! צוויי מאל ערבסענזופּ — איינמאל מאגער!

— און איבער דעם דאָזיגען געזאנג האָט זיך געטראָגען דער פעטגעפּרעגעלטער דופט פון דער קיך און א רויהער, נאָך נישט־אויסגעגליטענער קאָפ־ווערהטאָג...

אין עטליכע וואָכען ארום האָט די פרוי פון דעם גרוי־סען געשעפטסמאן זיך אָנגערופען צו איהר מאן:

— גוואלד! מיר דערלייגען דאָך געלט!

— נו, וואָדען? — האָט זעקעלבערג — צעגישטיגט די גאנצע זאך — וואָדען, מ'עט נ י ש ט דערלייגען קיין געלד? דארויף איז עס דאָך א געשעפט... דער עיקר איז, האָט ער געזאָגט, וואָס דאָס געשעפט ג ע ה ט און סע ענטוויקעלט זיך...

— צו וואָס איז מיר דיין ענטוויקלעניש אז ס'איז נישטאָ קיין ריוח? — מאכט צו איהם דאָס ווייב.

— וואָס־זשע וואָלסטו געוואָלט? — מאכט ע ר, אז

צוליעב דעם פארשמאַדערטען ביסעל ריוח זאָל איך צומאַ־
כען ס'געשעפט ?..

— מען דערלייגט דאָך אָבער געלט פון טאַש...

— נו, מאכט ער, וואָס איז אזוינס דער אומגליק ?..
האָבען מיר, מאכט ער, אין אונזער גראָסערי אויך פאַר־
לאָרען געלט! און פונדעסטוועגען האָב איך נישט קיין
חרטה — ווייל איך האָב זיך אויסגעלערענט גרינטליך צו
פארשטעהן די גראָסערי־ביזנעס...

— פאר וואָס־זשע האָסטו נישט געעפענט צוריק א
גראָסערי ? — מאכט דאָס ווייב צו איהם.

— וואָס טויג מיר ווידער א גראָסערי ? — צעלאכט
ער זיך — איך האָב וועניג דערלעגט דעם קאָפּ ביי
י ע נ ע ר גראָסערי ?...

— טאָ וואָס־זשע זאָגסטו ?

— איך זאָג גלאט אז סע שאדט נישט, אז מ'האָט
נ אָ ך א ביזנעס אין די הענט.

— און וואָס וועט זיין מיט'ן רעסטאָראַן, שלמה ?

— מיר'ן האַלטען אזוי לאַנג, ביז איכ'ל מיך אויסלער־
נען דאָס פאך, דערנאָכדעם וועלען מיר ארויסגעהן פון די
ביזנעס...

— קען מען דאָך א י צ ט ארויסגעהן פון די ביזנעס
און אָפּראַטעווען עטליכע הונדערט טוהלער !...

— איצט איז נאָך צו פ ר י ה ארויסצוגעהן, ווייל
מיר האָבען נאָך נישט גענוג „עקספּיריענס" אין די ביז־
נעס...

אין עטליכע חדשים ארום איז שלמה זעקעלבערג ארויס
פון דעם רעסטאָראַן: קראַנק, אויסגעמאטערט, אהן געלט,
און מיט א מאסע „עקספּיריענס".

מיר זענען נישט מחויב צו וויסען וואו ער האָט
ו ו י י ט ע ר געגומען געלט. מיר ווייסען נאָר, אז באלד
ווי ער האָט נאָר ארונטערגעשלאָפּען פון זיך דעם רעסטאָ־
ראַן, און אביסעל אויסגערוהט די נאָז פון די אויסטערלישע

דופטען פון זיין קיך, האָט ער זיך אָפּגעפּוצט ס׳שפּאַציר שטעקעלע און איז ארוים אין דרויסען, א קוק טון וואָס סע הערט זיך.

אז ער איז אָפּגעגאַנגען עטליכע גאַסען, איז ער פּלוצים צוגעקומען צו׳ן א געוועלב וואו מען פאַרקויפט פויגעל, קעץ, הינט, און אַנדערע חיות. „אָט דאָס איז א געשעפט פאַר מיר!" האָט ער א טראַכט געטון מיט׳ן גאַנצען מח, „אָט דאָס איז א געשעפט וואָס עט זיך דרעהען" — האָט ער ווייטער געטראַכט און געקוקט אויף דעם וועוועריק וואָס האָט זיך געדרעהט אין דעם שטייג מיט אַן אונגעהויערע שנעלקייט. „איך וועל אַרונטערלאָזען פון פּרייז", האָט ער געפּיהרט זיין פּלאַן אין געדאַנק: „איך וועל געבען ש ט אַ ר ק ע ר ע פויגעל און מיט אַנדערהאַלבען טוהלער ביליגער ווי אַן אַנדערער, און איך וועל געבען ד ע ר־ װ ו אַ ק ס ע נ ע הינט, נישט קיין צוציקלעך, וועט מען ביי מיר גיכער קויפען ווי ביי אַן אַנדערען".

אין עטליכע טעג אַרום איז דער גרויסער געשעפטסמאַן אריין אין די פויגעל־ביזנעס. ער האָט אָפּגעקויפט די גרעסטע, די בייסענדיגסטע, די האַווקענדיגסטע הינט און זיי אוועקגעשטעלט אין פענסטער. זיי האָבען דאָרט אויפגעהויבען אַזאַ גוואַלד, אַזאַ הימעל־געשריי, אז אַלע מענשען האָבען זיך אָפּגעשטעלט קוקען.

זעקעלבערג אַליין איז געשטאַנען ביי דער טיר און גערופען:

— קומט אריין, קומט אריין! מיר האָבען די גרעסטע הינט אין דער וועלט! און די שטאַרקסטע פויגעל... אַלע אַנדערע פויגעל־סוחרים, האָט ער געשריגען, פאַרקויפען פּיצעלעך מייזעלעך, צי צוויי טוהלער א שטיק, מיר פאַרקויפען ראַצען ווי די קעלבער — פאַר בלויז 49 סענט. קומט אריין!

באַלד איז געשטאַנען לעבען פענסטער א געזעמעל מיט מענשען און געקוקט אויף די מערקווירדיגע הויז־חיות,

וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט אין זעקעלבערג'ס גע־שעפט.

א פרוי איז אריינגעקומען און געפרעגט:

— האָט איהר א שעהן קאַנאַריקעל?

— מיר האַלטען נישט קיין קאַנאַריקעס! — האָט גע־זאָגט דער גרויסער געשעפטסמאַן. — קאַנאַריקלעך זיינען צו שוואַך... מיר האַלטען שפּאַרבערס, האַלטען מיר... זיי זיינען א סך דויערהאַפטער... און זיי זינגען העבער... בלויז 65 סענט א שטיק; דריי פאַר $1.85.

— אפשר האָט איהר א קליין פּודעל־הינטעלע, א ווייס?

— האָט די דאַמע געפרעגט.

— מיר האַלטען נישט דאָס דרויב! — האָט זעקעלבערג אָנגעהאַנגען די גראָבע פינגער פון די הענט אויף די שליי־קעס. — מיר האַלטען אמת'ע הינט... איהר זעהט אָט־יע־נעם הונט? — האָט ער געוויזען אויף א הינטישען שמענד־ריק, וואָס איז געשטאַנען אין פענסטער מיט א פאַרבלו־טיגט אויער. — איך'ל איהם אייך פאַרקויפען פאַר 3 טוה־לער מיט 66 סענט... מיט 15 סענט... פאַר 3 טוהלער... פאַר א טוהלער פינף־און־אכציג... פאַר א טוהלער מיט א קוואָדער, בעפאַר דער אנדערער הונט בייסט איהם אב ס'אויער... פאַר 98 סענט... פאַר 35... בעפאַר ער גריזשעט איהם אוים ס'אויג...

די דאַמע האָט איהם אָנגעקוקט ווי משוגע.

— קויפט עטליכע וועווריקלעך ביליג! — האָט ער נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זיין סחורה געהט נישט.

— איך'ל אייך פאַרקויפען צוויי טוץ וועווריקלעך פאַר אכט טוהלער... ס'איז אפשר צו טייער?

— ניין! האָט געזאָגט די קויפערין און א שמייכעל געטון. — ס'איז אדרבא זעהר ביליג. גוד־באַי!

ווען די מאַמע איז אוועקגעגאַנגען איז דער גרויסער געשעפטסמאַן געבליבען שטעהן פאַרטראַכט און גע־קלערט, אז ער איז אריינגעפאַלען, „אין די

פריהעריגע געשעפטען — האָט ער געטראַכט — האָט מען אויך דערלייגט געלט, אָבער דאָרט האָט מען כאָטש געלייזט. דאָ אָבער לייזט מען גאָרנישט. ס'איז מסתם דערפאַר — האָט ער באַשלאָסען — ווייל איך רע־כען צו טייער."

און זעקעלבערג האָט גענומען שניידען די פרייזען — אויף אַ העלפט, אויף אַ פערטעל דערפון, וואָס עס האָט איהם אַליין געקאָסט. ער איז אויך בים־לעכווייז געוואָהר־געוואָרען, אַז קליינע שוים־הינטלעך זיינען טייערער ווי גרויסע גאַסענהינט, און אַז די שוואַכע קאַנאַריקעס זיינען חשוב'ער ווי געזונטע שפּאַרבערס. ער האָט אריינגענומען אַ גאַנצען „אויסוואהל" פון מאָדערנע סחורה און איז געווען מרוצה זיי צו פאַרקויפען פאַר יע־דען פּרייז — אבי מ'זאָל קומען און קויפען און די ביזנעס זאָל זיך איינשטעלען. אָבער אַזוי ווי פויגעל און הינט זיינען אַ לוקסוס־זאַך און מ'האָט נאָר הנאה פון זיי, ווען זיי קאָסטען זעהר טייער, איז דאַריבער — וואָס מעהר זעקעלבערג האָט „געשניטען די פרייזען", אַלץ ווייניגער האָט ער פאַרקויפט. איז געקומען אַזוי ווייט, אַז דער גרויסער געשעפטסמאַן איז געוואָרען שטאַרק פאַרביטערט, האָט געשפּיגען קלעק אויף די גאַנצע פויגעל־ביזנעס און באַשלאָסען, אַז ער וועט צושליסען דאָס געשעפט און אַרויסגעהן נקי, ווי די מאַמע האָט איהם געהאָט — אָהן אַ פּעני געלט. זאָלען די קרעדי־טאָרען עס פאַרקויפען אין „אָקשען"! לאָז עס ברענען מיט אַ פייער! אבי ער זאָל אַרויס דערפון אַ לעבעדיגער... איידער סע פּלאַצט אין איהם די גאַל פון פאַרדרוס.

און ווי ער איז אַזוי געשטאַנען און געטראַכט זיינע פאַרצווייפעלטע מחשבות, האָט זיך אָן עפּען געטון די טיר און ס'איז אַריינגעקומען אַן עלטערע פרוי, זעהר רייך אָנגעטון און געפרעגט צי ער האָט אַ שוואַרצאריש קאַנאַריקעל מיט רויטע שטרייפלעך אויפ'ן האַלז.

— נישטאָ! — האָט זעקעלבערג געענטפערט קורץ

און גענומען די שליסעל צו פארשליסען ס'געוועלב.

— וואָס איילט איהר זיך אזוי? — האָט געפרעגט די דאמע, אימפּאָנירט פון זיין שטאָלצען טאָן.

— כ'האָב שוין היינט גענוג פארקויפט! — האָט זעקעלבערג געזאָגט מיט א פארבאָרגען שמייכעלע.

די דאמע האָט נישט פארשטאנען.

— איהר טוט דאָ רייכע ביזנעס! — האָט זי קאָמ־פּלימענטירט.

— גוואלדיג! — האָט זעקעלבערג געענפערט. — נאָר מאכט עס שנעל, ווייל כ'האָב נישט קיין צייט. כ'האָב נישט קיין צייט!

— אנו, באווייזט, זייט אזוי גוט, אָט יענעם קאנאריק, וואָס הענגט אינ'ם שטייגעל?

— דאָס וועט אייך קאָסטען צוויי הונדערט טוהלער, נישט ווייניגער! — האָט זעקעלבערג זיך געפוילט אראָפּ־צונעמען דאָס שטייגעל.

— כא־כא־כא! — האָט די דאמע געלאכט. — איהר מיינט אז איהר שרעקט מיך איבער מיט דעם פּריין? ווייזט עס אהער!

ער האָט עס אראָפּגענומען פון דער וואנט.

— וויפיעל, זאָגט איהר, קאָסט עס?

— צוויי הונדערט טוה־לער!

— נישט ווייניגער?

— נישט ווייניגער.

— איהר האָט נישט קיין אנדערם

— ניין. דאָס איז דאָס לעצטע וואָס איך האָב. זיי געהען ווי מצה־וואסער...

די דאמע האָט אביסעל געצעגערט, געקוקט אויפ'ן פייגעלע און געפרעגט:

— ס'איז טאקע אזא זעלטען אנטיקעל?

— א זעלטענהייט! — האָט זעקעלבערג געזאָגט און זיך ענטשולדיגט דערפאר וואָס ער האָט א גענעץ געטון.

— פאקט עס איין! — האָט געזאָגט די דאמע —
און שיקט עס מיר צו. אָט איז מיין אדרעס...
און זי האָט באצאָהלט די צוויי הונדערט טוהלער.

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

פון דעמאָלט אָן האָט דער גרויסער געשעפטסמאַן שוין מעהר נישט „געשניטען די פרייזען", ווייל ער האָט אָנגעהויבען פארשטעהן, אז וואָס מעהר מען באצאָהלט פאר א זאך, אלץ חשוב'ער איז זי, און אלץ מעהר האָט מען פון איהר הנאה.

# רואַנירט דורך סוקסעס

ווענע ריבעל, א מאַן פון א יאָהר — כ'וויים? ! פון א יאָהר 45, לאָמיר זאָגען, האָט געעפענט א געשעפט פון וואורשט און דעליקאטעסען. דאָס געוועלבעל איז געווען א קליינס, אן אָרימס, כמעט אזוי ווי ווענע. דער אונ־טערשיעד איז נאָר געווען, וואָס ווענע אליין איז געווען מעהר דעליקאט ווי זיינע דעליקאטעסען און א סך י ו נ ג ע ר...

פון דעם אלעמען וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט קען מען זיך לייכט פאָרשטעלען, אז ווענע ריבעל איז נישט קיין אויסגעטראכטע פיגור, נאָר א לעבעדיגער מענש. וואָרים ווען ער וואָלט זיין אויסגעטראכט, טאָ פון וואנען וואָלטען מיר געוואוסט, אז ער הייסט ווענע? און ווי אזוי וואָל־טען מיר געוואוסט, אז ער איז א נידריגער און אן אויס־געבלייכטער?

ווען ווענע ריבעל האָט געעפענט דאָס וואורשט־געֿ־שעפטעל מיט די פיינע זומערדיגע פליגען פון אויבען און מיט געשאַרפטע מעסערס, און מיט די גוטע אוגערקעלעך, און מיט די גרויסע טעפּ זענעפט, און מיט אלצדינג, איז ער אפיר געגאנגען פון הינטער זיין פארטוך, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי די אויסגעפּרעסטע אונשולד, אביסעל צו־קנייטשט, און מיט קעשענעס איןביידע זייטען, און האָט גענומען באטראכטען זיין געשעפט, זיין נ י י געשעפט, זיין וואונדערבאר געשעפט. און אזוי ווי ווענע ריבעל האָט א חוץ א געשעפט מיט זענעפט, אוגערקעלעך און דעליקאטעסען, אויך געהאט א ווייב, האָט ער צו איהר א זאָג געטון:

— סע שפּיגעלט!

ביי דער דאָזיגער באמערקונג איז ער אָפּגעגאנגען א פּאָר שריט אויף צוריק, אריינגעבליקט אין זיך דאָס גאנצע געוועלבעל און מיט זיין גליקליכער צוקונפט אין די אויגען איז ער געבליבען שטעהן ווי אן אויפשטאנד און האָט זיך פארטראכט מיט א שטיל פארטראכטונג.

זיין ווייב: וואָס'טו זיך אזוי פארטראכט, וועווע?

ער: איך האָב זיך פארטראכט, אז סע פעהלט נאָך עפּעס, אום די סטאָר זאָל זיין קאָמפּליט.

— וואָס א שטייגער, וועווע?

— עס פעהלט א גליקוואונש.

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגען, וועווע?

— איך מיין דערמיט צו זאָגען, אז מיר דארפען ארויסשטעלען אין פענסטער א בוקעט מיט בלומען און זיך ווינשען גליק אין אונזער געשעפט.

— און מיט אן אויפשריפט „סוקסעס!“?

— מיט אן אויפשריפט „סוקסעס!“

— און מיט בלויע סטענגעס?

— מיט בלויע סטענגעס.

— און וויפיעל דארף דאָס קאָסטען, וועווע?

— א פופצעהן דאָלאר.

— און דו מיינסט, אז מען מוז דאָס האָבען, וועווע?

— אודאי דארפנס האָבען! — האָט וועווע אָפּגעבאפט אין דער גיך, שוין אביסעל אין כעס, וואָס זיין פרוי פארשטעהט נישט די נויטיגקייטען פון א געשעפט, פון א דעליקאטעסען געשעפט.

צו מאָרגענס איז געקומען א אינגעל פון'ם בלומענמאכער און געבראכט צושלעפען א ריזיגען קראנץ פאר פערצעהן דאָלאר אין דער פאָרם פון א פּאָדקאָווע, און אין מיטען פון דעמדאָזיגען קראנץ איז געווען אויפגעשריבען אין א בלומענשפּראך פון לייוועטענע רויזען: „סוקסעס!“

— האָבען מיר שוין א גליקוואונש אויך! — האָט

געזאָגט וועווע צו זיין וועוויכע — און דאָס געוועלבעל, מאכט ער, שפּיגעלט. מ׳קען זיך דערין אָנשפּיגלען. איצט מאַכט ער, ווען עס זאָלען נאָך זיין אַ סך קאָסטימער, וועט זיין אָלרייט.

— כ׳מיין אויך אזוי, וועווע — ענטפערט ס׳ווייב. — זאָל איך איבערשטעלען דעם זענעפּט?

— שטעל נישט איבער דעם זענעפּט! לאָז איהם שטעהן וואו ער שטעהט. ריהר איהם נישט אָן! טשעפּע איהם נישט!

— אָלרייט. שריי נישט אזוי, וועווע.

— איך שריי נישט. איך זאָג בלויז, זאָלסט נישט טשעפּען דעם זענעפּט. אוועקגעשטעלט דעם זענעפּט, טאָ לאָז שטעהן דעם זענעפּט. מ׳דאַרף זיך נישט ארומוואַר־פען מיט׳ן זענעפּט.

— איך וואַרף זיך נישט ארום מיט׳ן זענעפּט.

— אודאי וואַרפסטו זיך נישט ארום מיט׳ן זענעפּט. נאָר ׳טאָסטו מיר ערשט אַ זאָג געטון, אַז דו ווילסט אי־בערשטעלען דעם זענעפּט... קענסט הפּנים נישט ליידען, אַז דער זענעפּט שטעהט אויף אָן אָרט, קענסטו נישט ליידען!

גערעדט האָט וועווע נישט דירעקט צום ווייב, נאָר צום שפּיגעל. פּונקט ווי אַ „באַרבער" רעדט צום קונד: און בשעת מעשה האָט ער דאָרט דערזעהן אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם ריזיגען בלומענקראַנץ, וואָס איז געשטאַנען אין פענסטער און וועלכער האָט געטראָגען די רויטע בלומען־אויפשריפט „סוקסעס!"

— אַ טייערער קראַנץ, ווי גאָלד! — האָט וועווע גע־טראַכט אין דעם שפּיגעל אריין, זיך געגלעט ס׳פּאַרטוך און געטראַכט, אַז ער זעהט אויס ווי אַן אמת׳ער דעליקאַ־טעסענמאַן, וואָס איז שוין אין די דעליקאַטעסען־ביזנעס מכמה יאָהרען. — און דער אויפשריפט „סוקסעס!", האָט ער געטראַכט, איז זעהר גוט פאַר די ביזנעס. די דעליקאַ־טעסען־ביזנעס „גלייבען", אַז מ׳ווינשט זיי „סוקסעס".

א טאָג איז אוועק און צוויי און דריי און וועווע האָט גאָרנישט געלייזט. אַלצדינג איז געווען גוט און פיין און וואויל, נאָר געלייזט האָט מען נישט, ווייל עס איז ניט געווען פון װ ו ע מ ע ן צו לייזען, ווייל עס זיינען נישט געקומען קיינע קונדען — כאָטש דאָס וואָרט „סוקסעס!" האָט ארויסגעשריען דורכ'ן פענסטער מיט א רויט געשריי.

אויפ'ן פינפטען טאָג האָט וועווע געקוקט אין שפּיגעל און געזעהן ווי ער טראָגט א פארטוך, וואָס זעהט אויס ווי אן אַלטע לעגענדע פון אמאָל-געוועזענער ווייסקייט, און ווי די אויגען זיינען ביי איהם אזוינע טרויריגע, פארוואָל־קענטע.

— ביטער! — האָט ער א זאָג געטון צום אָפּגעשפּי־געלטען ווייב, וועלכע איז געשטאַנען און געוואכט אי־בער'ן טאָפּ מיט זענעפט. — ביטער! מ'זעהט נישט קיין קאָסטימער.

— נישט גוט! — האָט צוגעגעבען דאָס ווייב פונ'ם שפּיגעל...

— און דער „סוקסעס!" איז שוין פארטריקענט! — באמערקט וועווע — און די ווערטער זיינען שוין אביסעל פארשטויבט און אָפּגעקראָכען פון דער זון, מאכט ער, און מ'דאַרף שוין, מאַכט ער, האָבען א נייעם „סוקסעס". ס'איז נישט שעהן פאר די קאָסטימער צו לאָזען שטעהן אין פענסטער אזא אַלטען סוקסעס...

— דאַרף מען קויפען א נייעם „סוקסעס" — האָט געזאָגט דאָס אומעטיגע ווייבעל, וואָס האָט ארויסגע־גלאנצט פונ'ם שפּיגעל אין איהר פולער פארשלאָפענקייט.

— דאַרף מען טאקע באַלד אוועקגעהן און קויפען א נייעם סוקסעס-קראַנץ! — האָט געזאָגט וועווע און ער האָט א טיעף-טיעפען קרעכץ געטון...

אין א פּאָר שעה ארום איז אין פענסטער פון דעם דעליקאטעסען-געוועלבעל פון וועווע ריבעל געשטאַנען א פרישע בלומען-פּאָדקאָווע מיט דער רויט-בלומיגער אויפ־שריפט: „סוקסעס!".

אָבער די קונדען זענען נאָך אַלץ נישט געקומען עסען וועוע'ס דעליקאַטעסען. און די וואָכען זענען אַוועק איינס נאָך ס'אַנדערע אין אַ גלייכער שורה, אַזוי ווי זעל־נער. די וואָך וואָס איז געקומען פריהער איז אַוועק פריהער, און די וואָס איז געקומען שפּעטער איז אַוועק שפּעטער.

אָבער וועוע האָט נישט געלייזט, ער האָט נישט געקענט לייזען, ווייל עס איז נישט געווען פון וועמען, ווייל קיינער איז נישט געקומען, ווייל די געגענד איז געווען אַן אַנטי־דעליקאַטעסען־געגענד, ווייל וועוע איז בכלל געווען אַ שלעכטער געשעפטסמאַן. דאָס ביסעל געלט וואָס ער האָט געלייזט איז ביסלעכווייז אַוועק אויף קראַנצען. כמעט אַלע וואָך האָט וועוע אַרויסגע־שטעלט אַ נייעם קראַנץ, זיך ווינשענדיג אַ פרישען סוק־סעס. דאָס גאַנצע ביסעל לייזונג איז אַוועק אויף צו ווינ־שען זיך סוקסעס.

— וואָס טוט מען? — האָט וועוע געזאָגט צו זיין אָפּגעשפּיגעלט ווייב, (דאָס קוקען אין שפּיגעל אריין איז שוין ביי איהם געוואָרען אַ שטענדיגע טבע. און זיין ווייב האָט פאַר איהם בלויז עקזיסטירט אין שפּיגעל!)

— ס'איז שלעכט! — האָט צוגעגעבען ס'ווייב.

— שלעכט צו שלעכט איז נים גלייך! — האָט גע־זיפצט וועוע. — ס'איז ביטער ווי גאַל...

— און דער קאָלעקטאָר וועט באַלד קומען נאָך רענט.

— און דער מאַן פון די לאָקס איז אויך מחויב אָנ־צוקומען...

— און דער מאַן פון די פּיקעלס...

— און פונ'ם זענעפט...

— און פון דער פאַסטראַמע!

אַזוי־אָ זענען מאַן־און־ווייב צווישען זיך דורכגעגאַנ־גען ס'גאַנצע צעטעל מיט חובות, און וועוע, דער גרויסער דעליקאַטעסען־געשעפטסמאַן, וועלכער האָט זיך געהאַל־טען אין איין ווינשען סוקסעס, האָט אַ קוק געטון אויף

דעם גייסטען ס ו ק ס ע ס־קראַנץ, וואָס איז געשטאַנען אין פענסטער און ארויסגעגליהט אין דרויסען ארוים מיט א הויך־רויטען „סוקסעס!“, און האָט באַמערקט מיט אַ זיפץ, וואָס איז שוין געווען אלט עטליכע וואָכען:

— אַט דער „סוקסעס“ האָט מיך דער׳הרג׳עט! ווען נישט די עטליכע צעהנדליג דאָלאר וואָס איך האָב אויס־געגעבען אויף צו ווינשען זיך ס ו ק ס ע ס וואָלט איך גע־ווען געקענט אָנהאַלטען נאָך עטליכע חדשים. אפשר וואָלט עס זיך געווען אָנגעהויבען באַצאָהלען. אָבער דער אונגעהויערער „סוקסעס“ האָט מיך אוועקגע׳הרג׳עט, דעם לעצטען גראָשען האָב איך אוועקגעגעבען אויף צו ווינשען זיך ס ו ק ס ע ס און איצט בין איך רואינירט אויף אייביג, אויף אייביג...

— — — — — — — — — — — — — — —

און אריבערגעבויגען איבער דעם פערצעהנדאָלערדיגען בלומענקראַנץ איז וועווע געשטאַנען ביים פענסטער פון זיין דעליקאַטעסען־געשעפטעל און גרויסע האַגעל־טרערען זענען געפאַלען פון זיינע אויגען און פייכט געמאַכט די ווערטער „סוקסעס“, וועלכע האָבען פון איהם געלאַכט מיט אַ רויט בלומען־געלעכטער...

## אויפגעגעסען אַ ביזנעס

א מעשה ווי אַזוי צוויי יונגע לייט האָבען אויפגעגעסען א געשעפט אין צוויי שעה.

מיינער א באַקאַנטער דערצעהלט:

מיט פּרוזדאַק׳ען האָב איך אמאָל געארבייט צוזאמען ביי א פאָטאָגראַפטשיק. איך האָב זיך געפיהלט זעהר נאָהענט צו איהם, ווארים ער איז געווען זעהר עהנליך צו מיר סיי אין אויסזעהן, סיי אין כאראקטער: ער — א הויכער, איך — א הויכער. ער האָט געהאַסט דעם באָס, ווי א חזיר, — איך אויך. ער האָט פיינט געהאַט צו אר־בייטען, איך האָב אויך ליעב געהאַט ארומצוגעהן לעדיג. ער איז געווען א גרויסער ליעבהאָבער פון דער נאַטור, און איך בין פון דער נאַטור אויך געווען א גרויסער ליעב־האָבער. ער פלעגט רעגעלמעסיג באַוואונדערען די מיטען־נאַכט־זון אויף די „פיאָרדען“, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געזעהען, און איך פלעג אויך סיסטעמאַטיש זיין ענטציקט פון דעם זונען־אונטערגאַנג אויף די אַלפּען, וואָס איך האָב אויך קיינמאָל ניט געזעהען.

נאָר אין איין זאַך האָבען מיר זיך שטאַרק אונטער־שיידעט: ער פלעגט אָפּט אונטערהוסטען מיט א ניגון און מיט א כריפּ, און איך האָב עטליכע מאָל געפּרובט הוסטען, אָבער אָהן ערפאָלג.

עס איבריג צו זאָגען, אז אונטער דער היינטיגער סיסטעמע איז פאַר אַזעלכע צוויי אידעאַליסטען, ווי מירביידע, שווער געווען צו עקזיסטירען. און טראָץ דעם וואָס מיר זענען געווען ווילינג ארומצוגעהן לעדיג אפילו א יאָהר,

אבי זיך צו דערשלאָגען צו אזא דזשאב, ביי וועלכען מען זאָל ניט דארפען ארבייטען, האָט זיך עס אונז דאָך נישט איינגעגעבען.

איינמאָל זיצען מיר אזוי אין אונזער רומקע, רופט זיך צו מיר אָפּ פּרוזדאק:

— ווייסטו וואָס מיר איז איינגעפאלען, עליע?

— וואָס איז דיר איינגעפאלען, פּרוזדאק?

— מיר איז איינגעפאלען, עליע, אז מיר זאָלען האנד־לען מיט פּעטענט־מעדיצינס.

— ס'איז גאָר ניט קרום! — זאָג איך — אָבער וואו נעמט מען געלט!

— געלט? — זאָגט ער — מען דארף ניט קיין געלט!

— דאָס איז שוין גלאט געפּאָנפעט — זאָג איך — וואָס הייסט, מען דארף ניט קיין געלד?

— אזוי הייסט עס! — זאָגט ער, און ער צולעגט מיר דעם גאנצען פּלאַן אויפ'ן טעלער — כהיות — זאָגט ער — אזוי ווי אין די צייטונגען איז אָפּט אדווערטייזט, אז מען גיט אוועק „סעמפּעלס מעדיצינס" פריי, בכן — זאָגט ער — וועלען מיר אָנקלייבען א סך אזעלכע מעדיצינען, און דערנאָך וועלען מיר זיי פארקויפען צו קאָסטימערס, און מאכען געלט ווי בלאָטע.

געפעלט מיר דער פּלאַן און מיר גיבען זיך די הענט, אז דאָס געשעפט וועט געהן בשותפות, און וויפיעל גאָט וועט צושיקען, וועלען מיר זיך טיילען העלפט אויף העלפט.

— לאָמיר זיך טאקע באלד א נעם טון צו דער אר־בייט — מאכט מיין פּרוזדאק, און מיר זעצען זיך גלייך אוועק און צעשרייבען עטליכע הונדערט פּאסטעל־קארדס פאר פרייע סעמפּעלס.

אין עטליכע טעג ארום האָט די פּאסט אָנגעהויבען לי־פערען די סחורה: שמירעכצער, וואסערלעך, פּאָמאדעס, פּילען — קליינע, מיטעלע און גרויסע קאפּסעלען, פּראָש־

קעם, פלעשלעך, סלאָיעקלעך, פלאַסטערס — א רעגעלע אפטייק.

מיין פרוזדאק איז ניט קיין פוילער, ער צופּאַקט דאָס אַלעס ווי געהעריג איז, לעזט איבער די צעטלעך און צו־שטעלט דאָס אויפ'ן טישעל מיט א סדר: פלעשלעך צו פלעשלעך, סלאָיעקלעך צו סלאָיעקלעך — און יעדע קראַנקהייט באַזונדער: מאָגען־קראַנקהייט — הינטען, מערידען — פאָרענט, ווייבערשע קראַנקהייטען — רעכטס, אויערען, האַרץ און לעבער — לינקס א. אז. וו. בקיצור, אלעס איז געווען צושטעלט אין דער בעסטער אָרדנונג, כמעט ווי אין אן אפטייק, נאָר קיין קונים זענען ניט געקומען.

— שלעכט!

— פאַסקודנע!

— ווייסטו, וואָס מיר איז שוין ווידער איינגעפאַ־לען? — מאַכט פרוזדאַק.

— וואָס? — פרעג איך.

— אזוי ווי קיין קאָסטימערס קומען נישט און אזוי ווי די וואַרע קען נאָך קאַליע ווערען פון דעם הייסען וועטער, זאָלען מיר דאָס אליין פאַרנוצען פאַר זיך.

— אָבער וואָס טויג מיר דיינע מעדיצין — זאָג איך

— מיר פעלט אַרוים דאָס האַרץ נאָך א שטיקעל ברויט. איך בין טויט־הונגעריג.

— איך שטאַרב אויך נאָך א ביסען — מאַכט ער — אָבער מיט עטליכע שאַכטלען פּילען קען מען אָפּ'פּטר'ען א גאַנץ פיינעם מאָלצייט.

האָבען מיר גענומען שלינגען פּילען. איך א פּיל — ער א פּיל. אזוי פאַמעליכען האָבען מיר אויסגעשלונגען אלע זעקס שאַכטלען פּילען — מייסטענס פאַר פאַרשטאָ־פונג.

— און איצט — זאָג איך — לאָמיר עפּעס פאַרטרינ־קען. ער האָט גענומען דאָס ערשטע פלעשעל, וואָס איז

איהם געקומען צו דער האנט און גענומען זופען, ער א זופ — איך א זופ.

אז מיר האָבען אזוי אויסגעזופט אלע פלעשלעך, האָב איך געמאכט א פאָרשלאג, אז מיר זאָלען זיך נעמען צו די פראָשקעס.

— העלפט אויף העלפט — מאכט פרוזדאק מיט א קול פון א מת און האלט זיך פאר'ן בויך.

— האָב נישט מורא — זאָג איך — איך וועל דיך ניט באשווינדלען.

און מיר האָבען גענומען טון די פראָשקעס זייער רעכט: מיר א פראָשיק — איהם א פראָשיק. איהם א פראָשיק — מיר א פראָשיק, ביז מיר האָבען אויסגעלייי־דיגט אלע פאפירלעך.

אז מיר זיינען פארטיג געוואָרען מיט דער סעודה, האָ־בען מיר זיך באשמירט די קעפ מיט סעמפעל־פאָמאדע, און פון דער גאנצער אפטייק איז נאָך געבליבען בלויז עטליכע פודעלעך זאלב — שווארצע און געלע — און א 12—10 שווארצע פלאסטערס.

— וואָס טוט מען מיט ד ע ם? — פרעגט פרוזדאק, און לעגט זיך אויפ'ן בעט מיט'ן בויך אראָפּ.

— וואָס זאָל מען טון? — זאָג איך און לעג זיך אויפ'ן בעט פון יסורים — עס הויבט מיך אָן נעמען אינווענ־יג...

— טו זיך אויס — זאָג איך — וועל איך דיך איינ־רייבען!

פרוזדאק האָט זיך אויסגעטון, ווי די מאמע האָט איהם געהאט, און איך האָב איהם גענומען באארבייטען מיט דער שווארצער זאלב. דאן האָט ער אויף מיר געמאכט דיזעלבע אָפעראציע מיט דער געלער זאלב, און נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך געגענזייטיג אויסגעפלאסטערט די בייכער מיט די סעמפעל־פלאסטערס, האָבען מיר זיך אריינגעלעגט אין בעט אריין.

אין א פערטעל שעה ארום איז דאָס גאנצע טענע־

מענט־הויז געוועז אויף די פיס. מאנכע טענענטס האָבען געמיינט, אז עס האָט אויסגעבראָכען א כאָלעריע און האָבען זיך געפּאקט צו אנטלויפען. אנדערע האָבען געשריען, אז צוויי „באָיטשיקעס“ האָבען זיך פאר׳סמ׳ט... און דער דזשעניטאָר איז געקומען צולויפען מיט אן עמער וואסער. באלד זיינען געקומען צופליהען צוויי דאָקטוירים, און דערזעהענדיג אונזערע אויסגעפּלאָסטערטע בייכער, האָבען זיי אונז גענומען פּאָמפּען און לאכען... לאכען און פּאָמפּען... אָבער איך און מיין פריינד פרוזדאק זיינען געוועז אין א זעהר ערנסטער שטימונג.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— און איצט — האָט מיין באקאנטער פארענדיגט — אז מען וועט אייך זאָגען, אז א מענש קען אויפעסען א ביזנעס אין עטליכע טעג, זאָלט איהר עס גלויבען...

# איך — אַלס ביישפּיעל

די צייטען זענען געווען שלעכט. די צייטען זענען געווען ביטער, נאָך פיעל ביטערער ווי איהר דענקט. צו עסען איז נישט געווען וואָס און דאָס ביסעל וואָס איז געווען צו עסען איז אויך נישט געווען מיינס, נור עמיצען אנדערש׳ס.

דער עמיצער אנדערש איז — ס׳רוב — געווען א אומבעקאַנטער, א פרעמדער, דער רוח ווייסט פון וואַנעט.

מענשען וואָס איך האָב זיי נישט געקענט און האָב אפילו קיינמאָל נישט געהערט זייערע נעמען, זענען געגאַנגען פריי איבער די גאסען און געגעסען זאפטיגע באַרען און עפּעל און שקאַרמיצען מיט רויטע קאַרשען און צעשניטענע שטיקלאך אוגערקעלעך און זיי האָבען געשיילט באַנאַנעס און געוואָרפען די שאָלעכץ אונטער מיינע פיס און איך בין זיך נישט קיין פרעמדער און איך קען זיך אזוי גוט — איך בין ארומגעגאַנגען ליידיג און מיינע ציין זענען ארומגעגאַנגען ליידיג. אין יעדען פון מיינע צוויי אויגען איז געהאַנגען א חלום פון א פרישען פריהשטיק. און אין יעדען פון מיינע נאָז-לעכער האָט געציטערט די ליידענשאַפט צו א כשר׳ן רעסטאָראַן, צו א ווארימען דרייסיגסענטיגען מאָלצייט.

איך בין ארומגעגאַנגען איבער די גאסען, געדרעהט אין דער לופט מיין שטעקען און זיך געוואונשען ענטווערער דעם טויט, אָדער א גליקליכע צוקונפט.

דער טויט איז נישט געקומען, און ווען ער וואָלט געקומען וואָלט ער מיך נישט געפונען, ווייל איך האָב זיך

געהאַט אַרויסגעצויגען פון דער אַלטער דירה און די גליק־ליכע צוקונפט איז געווען ווייט, אַזוי ווייט ווי זי איז אַלע מאָל, אַפילו אין דער צוקונפט — איז ביי מיר געבליבען זוכען אַרבייט.

זוכען. אַרבייט זוכען. לאָמיר אַ זוך טון אַרבייט. אַזוי האָב איך געזאָגט צו זיך, ווייל דאָס וואָרט אַרבייט האָט מיך געשראָקען. איך בין שוין געווען אָפּגעוואָהנט דערפון. אַ חוץ דעם האָב איך מורא געהאַט אַז איך וועל מיר דאַר־פען איינשמירען די הענט און דער גלאַנץ וועט מיר אַראָפּ פון די נעגעל.

איך האָב געהאַט זעהר שעהנע נעגעל!

עס האָט געהאַלטען שמאָל, זעהר שמאָל. מיינע באַקען זענען געוואָרען איינגעפאַלענער פון טאָג צו טאָג, מיין ברוסטקאַסטען איז געוואָרען פלאַך ווי אַ סקיצע, מיינע אויגען האָבען זיך צוריקגעצויגען פון דער דרויסענדיגער וועלט און זיך באַהאַלטען אין די לעכער און זיך געפּוילט צו באַאָבאַכטען די זאַטע, קנישעסענדע וועלט. מיינע הענט זענען געוואָרען שוואַך. מיין האָפנונג אויך. זי האָט נישט מעהר געפלאַטערט ווי אַ זיידענע פאָהן אין ווינט, נאָר געלעגען שווער אויף דער נשמה, ווי אַ קאָלדרע וואָס הענגט אַרויס פון'ם פענסטער און וויל אַראָפּפאַלען נאָר זי קען נישט...

עס האָט אָנגעהויבען ווערען ערנסט.

און ערנסטער.

און זעהר ערנסט.

אַ שטעלע. איך דאַרף אַ שטעלע. „דאַרף איך" — האָב איך זיך געפרעגט שוין אויפ'ן קול, אַזוי אַז איך זאָל דער־הערען — „דאַרף איך אַ שטעלע?" און איך האָב זיך גע־ענטפערט: „יאַ, אַבסאָלוט. סע קען אַנדערש ניט זיין. עס מוז קומען די צייט."

און איך האָב זיך אויסגעקנאַקט די פינגער פון די הענט.

און מיינע אויגען האָבען געשוויצט מיט הייסע טרע־רען.

און ווען נישט א געוויסער „פלוצים" — ווער ווייסט וואו איך וואָלט היינט אָנגעשלאָגען — אויף וועלכען בית עולם ? !

דער דאָזיגער „פלוצים" איז געקומען אין געשטאַלט פון מיינעם א באַקאַנטען, וועלכער האָט מיר „פלוצים" א קלאַפ געטון אויף די פּלייצע און געזאָגט :

— העלאָו.

איך האָב געענטפערט זעהר מאָגער און אויסגעהונגערט:

— 'סמאַכסטע ?

ער האָט געזאָגט :

— א דאַנק. 'סמאַכסט ד ו ?

איך האָב געענטפערט :

— נישט גוט. איך ארבייט נישט. 'סמאַכסטו אליין ?

— איך — האָט ער געענטפערט — בין א לעקטשור־רער. איך לעקטשור איבער קרימינאַלאָגיע און איך דאַרף האָבען צו זיך נאָך א מענשען, ער זאָל ארבייטען ביי מיר אלס... ביישפּיעל !

— וואָס הייסט „אלס ביישפּיעל" ?

האָט ער מיר ערקלערט אַז אַזוי און אַזוי. און ער וועט מיר געבען א דאָלאַר מיט ניינציג סענט א טאָג און איך זאָל קומען מאָרגען צו דער ארבייט.

— צו דער ארבייט אלס ביישפּיעל ! — האָט זיך מיר אלץ נישט געלעגט אויפ'ן שכל, אַז ער מיינט עס ערנסט.

— אלס ביישפּיעל מיט א דאָלאַר ניינציג סענט א טאָג. — האָט מיין באַקאַנטער מיך פארזיכערט, אַז ער מיינט עס ערנסט און כדי צו באווייזען, אַז ער מיינט וואָס ער זאָגט, האָט ער מיר גלייך אויסגעליהען עטליכע דאָלאַר פאראויס, אַן „אַדוואַנס".

צו מאָרגענס, זייגער אכט ביינאַכט, בין איך געקומען אויף דעם אָרט, וואו מ'האָט מיר געהייסען. עס איז געווען א גרויסער זאַל געפּאַקט מיט קורץ געשוירענע פרויען

און שוין זעהר לאַנג נישט געשווירענע מאַנסבילען, וואָס האָבען אויף זיך געטראָגען טויט־ערנסטע פּנים'ער, און בכלל האָבען זיי אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ בית־עולם וואָס אָטעמט שטיל, אָבער זיכער...

מיין בעקאַנטער, אַנגעטון אין זיין בעסטען פּליך און אָנגעשפּאַרט אָן אַ פלעשעל זעלצער־וואַסער, איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע און גערעדט. אַז ער האָט מיך דערזעהען האָט ער מיר אַ וואונק געטון מיט אַ פינגער, איך זאָל ארויפגעהן.

איך האָב אַזוי געטון. נישט וויסענדיג אין וואָס מיין אַרבייט באַשטעהט, האָב איך זיך אוועקגעזעצט אויף אַ בענקעל הינטער דעם לעקטשורער און גענומען אַזוי פאַר־מעלאַך איינדרעמלען פון מיעדקייט.

באַלד האָב איך דערפיהלט אויף זיך אַ האַנט און מיין באַקאַנטער האָט צו מיר געזאָגט שטילערהייד:

— שטעלט זיך אויף. איהר דאַרפט זיך שטעלען צו דער אַרבייט אַלס — ביישפּיעל.

— איך האָב זיך אויפגעהויבען.

— קומט צו נעהענטער צום עולם! — האָט ער מיר באַפוילען.

איך האָב אַזוי געטון — מיט גרויס שרעק און קניע־ציטערניש, ווייל ביז דעמאָלט איז מיר נאָך קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו קוקען אַזאַ עולם אין פּנים אריין. איך האָב געמיינט, אַז איך פאַל!

— האַלט זיך! — האָט מיר מיין לעקטשורער און באַלעבאָס אונטערגעגעבען מוט — ס'איז אַ דאָלאַר מיט ניינציג סענט...

— אַ דאָלאַר מיט ניינציג סענט! — האָב איך אין געדאַנק געצעהלט דאָס געלט אין פּענים, כדי עס זאָל זיין וואָס מעהר, און עס זאָל מיר געבען כח צו שטעהן אויף די פיס...

— פריינדע! — האָט זיך מיין לעקטשורער געווענדעט צום עולם און אָנגעוויזען אויף מיין בלאַס צושראָקען

פּנים מיט די אויגען וואָס האָבען געהאַלטען אין איין פינטלען. — פריינדע, איך האָב אייך ערשט געזאָגט, אז דער געוועהנליכער פארברעכער איז א נידעריגער מענש, א חיה, א קאַניבאַל, אן עקעלהאַפטע באַשעפעניש און איצט האָב איך א געלעגענהייט צו אילוסטרירען מיין געדאַנק מיט א ביישפּיעל. אָט גיט א קוק אויף דעם דאָזיגען יונגען מאַן (ער האָט אָנגעוויזען אויף מיר), באַטראַכט זיינע נאַרישע אויגען וואָס האַלטען אין איין פינטלען... קוקט זיך צו — האָט ער געוויזען אויף מיר מיט א פינגער — קוקט זיך צו צו זיין אידיאָטיש פּנים... און איהר וועט וויסען, ווי אזוי עס זעהט אויס א מענש, וואָס האָט פארברעכערישע אינסטינקטען...

עס איז מיר געוואָרען פינסטער אין די אויגען און איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגען — זיך פארטיידיגען, אָבער כ'האָב נישט געקענט. ס'איז מיר קוים געלונגען ארויסצורעדען עטליכע נישט־פארשטענדליכע ווערטער...

— מיינע פריינדע! — איז דער לעקטשורער אָנגעגאַנגען ווייטער מיט זיין לעקציע איבער קרימינאָלאָגיע און מיך צוגעהאַלטען ביי דעם געלענק פון דער האַנט — ווי איך האָב פריהער געזאָגט, זענען פארברעכער שוואַכזיניגע מענשען און זיי ווייסען נישט וואָס זיי רעדען און אז זיי ווערען בייז און ווילען אויסדריקען א פּראָטעסט, בעבען זיי, גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין... ווי דער יונגערמאַן, וואָס שטעהט דאָ לעבען מיר אויף דער פּלאַטפאָרמע (ווייזט ווידער אויף מיר) האָט אייך באַוויזען... ער איז איינער פון די געפעהרליכע פארברעכער וואָס קענען נישט אויסדריקען זייערע געפיהלען מיט ווערטער, ווייל דער מאַרך ארבייט ביי זיי נישט... און דאַריבער, אז זיי ווערען אויפגערעגט נעהמען זיי זיך באַלד שלאָגען און — הרג'נען...

איך האָב איהם דערלאַנגט א פּאַטש.

— פריינדע! — האָט ער זיך אָפּגעווישט דעם פּאַטש מיט א ווייס טאַשען־טיכעל — ווי איהר זעהט, האָט איהר

דאָ פאַר זיך אַ ריכטיגען טיפּ פון יענעם האַלב־משוגענעם פאַרברעכער וואָס קען דער׳הרג׳נען אַ מענשען צוליעב גאַרנישט. די דאָזיגע פאַרברעכער זענען זעהר געפעהרליך, אָבער מען קען זיי לייכט דערקענען אין דעם וואָס זיי פינט־לען מיט די אויגען און זיי זייגען געל ווי וואקס און זיי רעדען אויף שטום לשון און זיי כאַפּען זיך פּאַטשען ביי יעדער געלעגענהייט. און עס גיעהט זיי אַזש אַ שוים פון מויל, און די אויגען צינדען זיך ביי זיי אָן ווי לאָמ־טערנעס. אַט קוקט איהם אַן! — האָט ער געוויזען אויף מיר און זיך אָפּגערוקט אַ פּאָר שריט אויף הינטערוויי־לעכס — ער וויל זיך שוין ווידער שלאָגען. דאָס איז — האָט ער פאַרטגעזעצט און געהאַלטען אויף מיר אַן אויג — דאָס איז דער אמת׳ער פאַרברעכער־טיפּ... און דאריבער ענדיג איך מיין לעקטשור מיט די ווערטער: ערציהט אייע־רע קינדער! בילדעט זיי! נעהמט זיי צו לעקטשורס און זעהט אז זיי זאָלען נישט אויסוואַקסען אַזוינע אידיאָטען און פאַרברעכער ווי דער דאָזיגער דאָ...

— — — — — — — — — — — — — —

אז איך בין געקומען צו זיך איז שוין געווען האַלב־פינסטערליך אין זאַל, און לעבען מיר איז געשטאַנען דער לעקטשורער, מיר גערייבען ס׳האָריגע האַרץ מיט עסיג און מיר געשטופּט אין האַנט אריין דעם דאָלאַר מיט נײנציג סענט פאַר מיין ארבייט, אַלס ביישפּיעל.

— איהר וועט מאָרגען נאָך אַמאָל קומען? — האָט ער געפרעגט, נאָכדעם ווי ער האָט מיר געהאָלפען זיך אויפזעצען און מיר אָנגעטון ס׳היטעל — ס׳איז זעהר אַ גוטע ארבייט פאַר אַזאַ מענש ווי איהר, וואָס האָט אַ שוואַך האַרץ. און איהר טאָרט נישט ארבייטען אין קיין שאָפּ. און פאַר מיר לוינט זיך אויך, ווייל מיינע צוהערער האָבען ליעב אז איך אילוסטריר מיינע לעקציעס מיט לעבעדיגע ביישפּיעלען. נו, וועט איהר קומען מאָרגען?

איך האָב זיך געשטעלט אויף די פיס, זיך צורעכט גע־מאַכט ס׳היטעל, זיך אָנגעהאַלטען אָן בענקיל איהם גע־

קוקט גלייך אין די אויגען אריין און געזאָגט מיט אלע כחות:

— פּא־ר־ך!!

דאָן האָב איך זיך ווידער אוועקגעלעגט אויף פּלאַטפאָרמע און גע׳חלש׳ט א לענגערע צייט...

# איך — אַלס ווידערקול

איך האָב שוין אין מיין לעבען — זאָגט דער שרייבער פון די דאָזיגע ציילען — געהאַט פארשידענע צייטען און אויך פ אַ ר ש י ד ע נ ע ר ע. איך האָב שוין אין מיין לע־בען געארבייט ביי אַלערלייעסטע מלאָכות וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען, און אויך ביי אַנדערע — אָבער יענע צייט, זאָגט ער, וואָס איך האָב געארבייט אַלס ו ו י ד ע ר־ק ו ל, פאר ‎$2.40‎ א טאָג, מיט פרייע לאונדרי, וועל איך נישט פארגעסען, ביז מ'עט מיר נישט לעגען קיין שערבלעך אויף די אויגען...

שטעלט זיך פאר: איך, א הויכער, א שלאנקער, א צווייהענטיגער מענש מיט אויגען וואס זעהן, מיט אויערען וואָס געהן אין דער אפערא, מיט פיס וואס פארשוכען אי־בער 20 דאלאר א יאָהר — שטעלט פאר, זאג איך, אין וואס פאר א לאגע איך האָב זיך געמוזט געפינען, כדי אָנ־צונעמען א „דזשאב" אלס א ווידערקול, מיט א געהאלט פון ‎$2.40‎ א טאָג. און פרייע לאונדרי...

אך! מיין לאַגע איז געווען צופיעל, און די קרעכצען און די זיפצען וואָס זיינען צו יענער צייט — ארויס פון מיין ברוסט, האָבען געקענט אָנפילען ס'שענסטע אידישע טע־אטער. און פון די אויגען איז מיר גערונען נישט קיין בלו־טיגע טרערען — נאָר ה י י ס ע בלוטיגע טרערען!... די דאָזיגע טרערען האָב איך געלאָזט רינען פריי איבער מיין וועסטיל — דערנאָכדעם פלעג איך נעמען ס'וועסטיל און עס אויסדרעהען, און עס ארויסהענגען אין דרויסען — עס זאָל זיך טרוקענען.

קורץ: ס'איז מיר געווען שלעכט, ערגער, ביטער. די

צייט האָט זיך געטון איהרס — זי האָט ניט געהאַט קיין צייט צו וואַרטען, זי איז געגאַנגען אהן אַן אויפהער, און איך בין ארומגעגאַנגען גלייך מיט דער צייט: נאַקעט און באָרוויס, אהן אַ דימענטשפּילקע אויפ'ן לייב...

בין איך אַלזא געוואָרען אַ וואָס? אַ ווידערקול! אַ ווידערקול בין איך געוואָרען, מיינע פריינט! אַן עכאָ — פאר $2.40 אַ טאָג, מיט פרייע לאַונדרי...

— דערצעהל, ליעבער, דערצעהל, ווי אזוי האָט דאָס פּאַסירט!

אָלרייט, איכ'ל דערצעהלען:

דאָס איז געווען נאָכדעם ווי איך האָב אַ לאַנגע צייט געזוכט ארבייט און נישט געקענט געפינען. אומעטום וואו איך בין געקומען זוכען באַשעפטיגונג האָב איך געקראָגען דעם ענטפער, אז אזוי און אזוי — ענטוועדער מ'האָט פאר מיר ארבייט, אָדער — פארקערט. אין ערשטען פאַל בין איך געווען אומגליקליך, ווייל כ'האָב מורא געהאַט, אז מ'עט מיר אָנשלאָגען, אז איך זאָל זיך שטעלען ארביי־טען — וואָס דאָס איז געווען געגען מיינע איבערצייגונגען אלס מענש און ליידיג־געהער. און אין צווייטען פאַל האָב איך גלאַט אזוי אוועקגעלעגט די אויגען אויפ'ן ארבעל און געוויינט — ס'גרעסטע געוויין...

אז ס'האָט שוין געהאַלטען גאַר שמאָל — אזוי שמאָל, אז איך האָב שוין ערנסט גענומען טראַכטען וועגען פאָהרען אין די בראָנקס, און דאָס וואַסער האָט שוין דערגרייכט אַ ז ו י ווייט (אָנווייזענדיג אויף מיין נייעם 98 סענטיגען קראַוואַט!) — דעמאָלט האָב איך דערהאַלטען אַ בריעף פון אַ פריינד מיינעם, אַ פאַרמער, אין וועלכען ער האָט מיר אָנגעבאָטען ווערען אַ ווידערקול מיט אַ געהאַלט פון $2.40 אַ טאָג און פרייע לאַונדרי.

„איך — אַ ווידערקול! נישט מעהר דער שענער, דער חנ'עוודיגער יונגערמאַן, מיט זיין הויכער שטעלונג אין דער געזעלשאַפט, מיט זיין פארפיהרערישען שמייכעל און פייערדיגע אויגען — נאָר אַ ווידערקול... אַן עכאָ... אַ אָפּ־

קלאַנג... אַן אַבסטראַקט — אַזוי צו זאָגן"... אַט־אַזוי האָב איך מאַנאָלאָגירט, און זיך געריסען די לאָקען פון קאָפּ, און זיי אַרויסגעלאָזען דורך די פענסטער פון דער באַהן, וואָס האָט מיך געטראָגען צו מיין קאַריערע אַלס עכאָ...

אַז איך בין אָנגעקומען אַהינצו אויף דער פּאַרם און זיך באַגריסט מיט מיין פאַרמערישען פריינד, האָט זיך צווישען אונז געשטעלט דער העכסט־פאָלגענדער שמועס:

א י ך: אין וואָס באַשטעהט מיין אויפגאַבע אַלס ווידערקול, פּליעז?

ע ר: וועסט מוזען שטעהן אַ גאַנצען טאָג לעבען דעם בריקעל פון מיין טייך און אַרבייטען אַלס — עכאָ.

א י ך: ד'שכל?

ע ר: פאַרשטעהסטו מיך, עס זענען פאַראַן מענשען וואָס זיינען גרויסע נאַטור־ליעבהאָבערם און זיי האָבען האָלט עס זאָל עכאָ'ן... און אַזוי ווי מיין קאָנקורענט האָט פאַראַיאָהרען צוגענומען אַ מענשען און איהם אוועקגע־שטעלט ערגיץ, ביי אַ בריקעל — ער זאָל עכאָ'ן, האָב איך היינטיגעס יאָהר אַדווערטייזט, אַז מיר האָבען נאָך אַ שטאַר־קערען ווידערקול אין אונזער וועלדעל — וויל איך דו זאָלסט זיין דאָס ווידערקול... ווייל דו האָסט אַ געזונט קול...

שפּעטער מיט אַכט מינוט בין איך שוין געלעגען פאַר־שטעקט ערגיץ אין אַ זומפּיג וועלדיל און געוואַרט... אויף דער געלעגענהייט, אויסצופּריבען מיין טאַלענט אַלס ווי־דערקול...

באַלד איז פאַרבייגעגאַנגען אַ איד, און פון זיינע באַ־וועגונגען מיט די הענט, ווי אויף צו כאַפּען פליגען, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער מוז זיין אַ פאַרהערער פון דער מו־טער נאַטור, און אַ זוכער פון... עכאָ'ס.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ רוף: העלאָ! הוזדער?

איך האָב פּראָמפּט צוריקגערופען: העלאָו! הוזדער?

— אַ פיינער טאָג! — האָט געזאָגט ס'קול — קומענ־דיג אַלץ נעהענטער.

— דאטסרייט! — האָב איך געענטפערט — א פיינער טאָג!

דער „דאטסרייט“ איז געווען איבריג — אָבער נ א ־ ט י ר ל י ך.

— זיינען מיר אלזא אין קאונטרי — האָט גערופען ס׳קול.

און איך האָב צוריקגערופען מיט דערזעלבער באטאָ־נונג: זיינען מיר אלזא אין קאונטרי!

— כאָכאָה! — האָט געלאכט ס׳קול.

— כאָכאָה! האָב איך — אלס ווידערקול — צוריק־געלאכט.

— וואו זענט איהר? — האָט געפרעגט ס׳קול.

— וואו זענט איהר? — האָב איך צוריקגעפרעגט.

— כאָכאָכאָה! — האָט זיך ס׳קול געהאלטען ביי די זייטען פון לאכען.

— כאָכאָכאָה! — האָב איך צוריקגעלאכט אויף א היסטעריש קול.

א ווייל׳ע איז געווען שטיל. איך האָב זיך דערוויי־ל פאררויכערט א ציגארעטעל און באלד האָט ס׳קול ווידער געפרעגט:

— וואָס מאכט איהר עפּעס?

— טהענקיו! — האָב איך געענטפערט — איך בין אָלרייט. וואָס מאכט איהר אליין? — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

אין א האלבע שעה ארום האָב איך געהאלטען אויף דער דאָלאניע $2.40 — געצאָהלטס פאר מיין מערדערי־שער ארבייט, אלס ווידערקול, און מיין פריינד, דער פאר־מער, האָט מיר געוויזען מיט׳ן פינגער אוואו די באהן־סטאנציע איז, און ער האָט מיך געווארענט, אז איך זאָל אכטונג געבען ווי איכ׳ל אריבערגעהן די „טרעקס“ — אז נישט וועט׳ן מיך איבערפאהרען...

# דער רעגעלמעסיגער חלש׳ער

אזוי ווי די ליעבעלייזער האָבען זעהר האָלט אז מע דערצעהלט זיי מעשיות וועגען אזא פאָפולערען געגענ־שטאַנד ווי עסען, דאריבער גיב איך זיך די מיה אויסצו־טראַכטען די פאָלגענדע געשיכטע, וועלכע דארף כלומרש׳ט דערצעהלט ווערען פון א אידען וואָס האָט אמאָל געהאַלטען א רעסטאָראַן. „וואָס מאַכט ער עפּעס דער דאָזיגער איד?״ פרעגט איהר. „א דאנק פאר נאָכפרעגען״, זאָג איך. ער פיהלט שוין היינטיגע וואָך אביסעלע בעסער. „ווי־אַזוי?״ פאר׳חידוש׳ט איהר זיך „ער האט דען שלעכט געפיהלט?״ „אי!״ זאָג איך און קוק אייך אָן ווי משוגע „פרעגט בעסער ניט. צווינגט מיך ניט״ זאָג איך „אייך צו מוזען ערקלעה־רען אז אונזער אויסגעטראַכטער העלד האָט לעצטע וואָך גענומען א וואנע... און זיך איינגאנצען איינגענעצט״.

„נאָר גענוג״, זאָג איך „דערפון, לאָמיר דעם אידען א נאָמען געבען פּראַיקע, איהם אוועקזעצען אויף א בענקעל לעבען אונז, און איהם בעטען אונז צו דערצעהלען זיין געשיכטע מיט דעם „רעגעלמעסיגען חלש׳ער״:

אָלרייט, ר׳ פּראַיקע, איהר קענט שוין אָנהויבען. אנו! הויבט ער אָן אזוי:

„... איך האָב דעמאָלט געהאָלטען א רעסטאָראַן אויף איסט־בראָדוויי און געהאט די עהרע זיך צו באַקאָנען מיט די פיינסטע אידישע דיכטער און שריפטשטעלער — מיט אלע, האָב איך זיך דעמאָלט פערזענליך באַקאַנט, א חוץ מיט די פּאָר סענט. מיט דאָס לעצטע איז מיר זעהר שווער געווען צו שליסען א געגויערע באַקאַנטשאַפט, מחמת כמעט אלע האָבען געגעסען אויף צעטעלעך... דאָס הייסט נאָכ׳ן

מאַלצייט, ווען דער קעלנער פּלעגט זיי דערלאַנגען דעם חשבון, פּלעגען זיי אויף איהם ארויפלייגען זייער „אויטאָ־גראַף" און דאמיט בארוהיגען זייער געוויסען...

מיר איז געווען שלעכט — זעהר שלעכט. וואָס אַ טאָג זענען די מיטארבייטער אויף מיינע צעטעלעך געוואָרען צאָהלרייכער... כמעט די גאנצע אידישע אינטעליגענץ, האָט מיטגעארבייט אויף מיינע צעטעלעך...

און אפשר איז דאָס נאָך געווען ווייניג, — האָט מיר נאָך גאָט צוגעשיקט דעם רעגעלמעסיגען חלש'ער און יענער האָט מיך שוין גאָר אוועקגעקוילעט.

אזוי געווען די מעשה:

איינמאָל, ארום איינס אַ זייגער נאָכמיטאָג (איך לאָז אוים די נאטור־באשרייבונג און די פּסיכאָלאָגיע — דאָס ערשטע ווען די לעזער געפינען ביי מאַקסים גאָרקי, דאָס צווייטע — ביי דאָסטאָיעווסקי'ן!) עפענט זיך די טיר און עס פאַלט אריין צו מ י ר אַ פרעמדער איד, שטרעקט זיך אוים אויף דר'ערד און... חלש'ט.

אָפּגעמינטערט איהם, זעץ איך איהם אוועק ביי אַ טישעל און פרעג איהם זעהר קלוג:

— איהם נישט גוט געוואָרען?

— יאָ, עס איז איהם נישט גוט געוואָרען.

— ער האָט גע'חלש'ט?

— יאָ.

— צו וואָס דאַרף ער עם?

— ער ווייסט נישט.

— וואָס קען, נאָך זיין מיינונג, זיין די סיבה דערפון?

— דאָס עסען. ער עסט קעגענאיבער אין אַ רעסטאָראַן, איז דאָס עסען זעהר אַ פּאַסקודנע. איז נאָכ'ן עסען ווערט איהם נישט גוט און ער חלש'ט.

— אַלע טאָג?

— יאָ. אַלע טאָג.

איך האָב דעם מאַן פיין באהאַנדעלט, איהם אויסגע־ריבען מיט ווייןעסיג... באגאָסען איהם מיט סעלערי־טאָ־

ניק, איהם געבלאָזען אין די נאָז־לעכער, און אז ער איז געקומען צו זיך, האָב איך איהם אויפגעזעצט אויף דער קאַר און איהם אהיימגעשיקט.

מיין באהאַנדלונג איז איהם, ווייזט אויס, געפעלען געוואָרען. ווארים גלייך אויף דעם אנדערען טאָג, פּונקט איינס א זייגער, ווען ער איז צוריקגעגאַנגען פון מיטאָג־עסען, איז ער ווידער אריינגעפאַלען צו מיר אין רעסטאָ־ראַן — הינטערווייַלעכס — זיך אוועקגעלייגט אויף דער שוועל און גע׳חלש׳ט, אויפ׳ן שעהנסטען אופן.

דאָס מאָל האָב איך איהם גלייך דערקאָנט, און וויסענ־דיג אז עסען עסט ער ביי מיין קאָנקורענט און חלש׳ן קומט ער צו מ י ר, האָב איך איהם געריבען שוין ניט מיט וויין־עסיג, נאָר מיט דער ביליגסטער ווארע וואָס מען קען קריגען. און אנשטאט סעלערי־טאָניק האָב איך איהם איצט אפּגעבליאַפּעט מיט „פּליין סאָדא" און אנשטאט איןביידע נאָז־לעכער ווי פריהער, האָב איך איהם איצט געבלאָזען בלויז אין א י י נ ע ם.

אז ער איז געקומען צו זיך האָב איך איהם געפרעגט:

— איז איהם ניט גוט געוואָרען?

— יאָ.

— צו וואָס דארף ער עס?

— ער ווייסט נישט.

— און וואָס איז, נאָך זיין מיינונג, די סיבה דערפון?

— דאָס חזיר׳שע עסען, וואָס ער עסט, ער עסט קעגענ־איבער אין א רעסטאָראַן איז דאָס עסען זעהר פּאַסקודנע — מוז ער חלש׳ען...

— פארוואס־זשע גראָד ביי מיר?

— ווייל ביי מיר איז גראמער, לופטיגער, און אין אלגעמיין געפעלט איהם דאָס פּלאַץ בעסער, ווי יענער וואו ער עסט...

— טו וואָס־זשע קומט ער נישט אהער עסען?

— ער ווייסט אליין ניט. ער איז שוין צוגעוועהנט צו יענעם רעסטאָראַן...

און אזוי ווייטער.

אז ער איז געקומען צו זיך, האָב איך איהם אוועקגע־זעצט אויף א קאַר און איהם אהיימגעשיקט.

צו מאָרגענס, פונקט איינס א זייגער, איך זעה ווי א איד דערנעהענטערט זיך צו מיין טיר — הינטערוויילעכס — שאָקעלט זיך ווי א בוים אין א שטורם־ווינט... און — וויל חלש'ען, אז ער שטארבט.

געה איך איהם אַקעגען, שטופּ איהם אריבער אויף דער אַנדערער זייט גאַס, נעבען רעסטאָראַן וואו ער עסט, און לעג איהם אוועק ביי מיין קאָנקורענט אויפ'ן שוועל...

אין א פערטעל שעה ארום, קומט ער צולויפען א פּייכ־טער, איז רויט ווי א גזלן און שרעקליך צעקאָכט.

— מיסטער, זאָג איך צו איהם, איהר קוקט אוים צו זיין אביסעל בייזלעך!

— יאָ, זאָגט ער, איך בין בייז ווי א טיגער — בין איך.

— וואָס איז די אורזאכע דערפון?

— די אורזאכע דערפון, זאָגט ער, איז וואָס איהר האָט ניט געהאַט קיין רעכט מיך אַריבערצושטופּען אויף דער אנדערער זייט—צו חלש'ן אין מיין אייגענעם רעסטאָראַן! ערשטענס, זאָגט ער, פּאַסט מיר ניט צו חלש'ן צווישען אייגענע מענשען, צווייטענס, זאָגט ער, איז ביי אייך גראַ־מער, לופטיגער... און אין אַלגעמיין געפעלט מיר אייער פּלאַץ בעסער ווי דאָרט וואו איך עס.

איך האָב איהם קוים באַרוהיגט און אוועקגעשיקט.

צומאָרגענס, מיין חלש'ער איז ווידער דאָ! אַקוראַט א זייגער איינס — צו דער מינוט. קומט אריין הינטערוויי־לעכס, לעגט זיך אוועק און — חלש'ט.

אָפּגעמינטערט איהם, מאַך איך צו איהם:

— מיסטער, וואָס האָט איהר צו מיר? וואָס רואינירט איהר מיך?

קוקט ער מיך אָן.

וואָס הייסט, זאָגט ער, איך רואיניר אייך? איך חלש

עפעס, זאָגט ער, אויף צו פּלייסען? איך חלש, זאָגט ער, דערפאר וואָס איך מוז... ווייל עס שפּארט מיך אָן... איך קען זיך ניט העלפען!

— יאָ, זאָג איך, אָבער ווער הייסט אייך עסען אין אזא רעסטאָראן, איהר זאָלט מוזען חלש'ן?

—וועל, זאָגט ער, ער קען זיך נישט העלפען, ער איז שוין, זאָגט ער, צוגעטרייעט צו דעם פּלאץ, ער עסט דאָרטען שוין איבער פינף חדשים...

— און וואו האָט איהר ביז איצט גע'חלש'ט? פרעג איך.

— ביז איצט, זאָגט ער, האָב איך גע'חלש'ט אין דער דרייצעהנטער סטריט און סעקאָנד עווענױ... נאָר ס'איז צו ווייט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

צו מאָרגענס — אזוי ענדיגט אונזער אויסגעטראכטער רעסטאָראטאָר — האָב איך פארקויפט דעם רעסטאָראן אין אַ ק ש ע ן און בין ארויס פון די ביזנעס.

# אַ ברויטגעבער

— איהר רעדט פון רעסטאָראַנען — האָט ער אָנגעהויבען — פרעגט מ י ך, וועל איך אייך זאָגען. אָט איז דער כריין!

ווי איהר ווייסט, מסתמא, בין איך אין די רעסטאָראַן ביזנעס שוין ניט פון היינט אָן — סעי, דזשאָו, שטעל צום טיש דעם עסיג... נישטאָ קיין עסיג אויפ'ן טיש!

האָב איך מיר געהאט מיינע ביזנעס אין פארשיעדענע געגענדען פון שטאָדט — מייסטענס אין גוי'עשע. מילא, איב'ל אייך נישט זאָגען, אז איך האָב געמאכט גרויסע גליקען, ס'איז ניט שייך! א רעסטאָראַן איז בכלל אן אָרימע ביזנעס. און נתעשר ווערען דערפון קען מען נישט. נאָר ס'שטיקעל ברויט האָט זיך געשלעפּט. וואָס — וואָס, א גוי ווייסט דיר נישט קיין חכמות. קומט אריין, עסט אָפּ, באַצאָהלט און געהט אוועק.

זיצען אין רעסטאָראַן גאַנצענע טעג און כליאָבען טיי און — ווי רופט איהר עס — דיסקוטירען — דאָס איז א זאך וואָס די ערלים ווייסען נישט. ביי א גוי איז אָדער ער עסט, אָדער ער שלאָגט זיך. אָבער שלאָגען זיך איבער געוויסע פראגען, און אין דערזעלבער צייט עסען דינער — דערפון האָט ער קיין השגה נישט.

איז דאָך אָבער, ווי זאָגט איהר, אמעריקא א מדינה, איז מיר איינגעפאלען, אז געגנוג געמוטשעט זיך צווישען גוים, אין א גוי'עשער געגענד — כ'וועל פּרובען עפענען א ביזנעס ערגיץ אויף דער איסט סייד, צווישען אייגענע מענשען.

א איד — ווי זאָגט איהר — איז פאָרט ניט קיין גוי. און יעדען ציהט צו דאָס זייניגע...

אזוי איז שוין אוועקגעשטעלט געוואָרען די וועלט — קענסט גאָר ניש־ניש מאכען! אפשר ווילט איהר נאָך אביסעל כריין? ניין? הקיצור, איך האָב זיך געבלוטיגט און אויפגעפעפענט א רעסטאָראן אויף איסט־בראָדוויי. א פיינעם רעסטאָראן ווי א גאָלד — גרויס, לופטיג, א מחיה, און טאקע, ווי זאָגט איהר, „דעליווערט די גודס", און פון שענסטען. וואָרים אין לויפען דער צייט — אז און פון שעהנסטען. וואָרים אין לויפען דער צייט — אז דער מענש וויל זיך איינטרייען א געשעפט, איז דאָך, ווי זאָגט איהר — קורץ, וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען: דער רעסטאָראן האָט זיך פון אָנפאנג אוועקגעשטעלט גאָר נישקשה'דיג. אריינגעקומען אידישע שרייבערס, און געגעבען צולייזען גאָר נישט שלעכט.

מילא גליקען מאכען פון אידישע שרייבערס — איז דאָך נישט שייך... נאָר אזוי אין אלגעמיין האָט זיך עס געוויזען גאנץ נישקשה'דיג...

א וואָך — צוויי אזוי.

מיט א מאָל האָבען זיך גענומען יאווען — ווי רופט איהר זיי? — טראָמבעניקעס. דערהערט, אז ביי מיר אין רעסטאָראן קומען אריין אידישע — ווי רופט איהר זיי — ליטעראטען, האָבען זיך גענומען יאווען אלערליי שלעק און אָנשיקענישען פון דער גאנצער וועלט: סאָסיי־עטי־מעמבערלעך, לעדיג־געהער, גלאט נודניקעס.

איינער פון זיי איז געווען אן עלטערער איד, אָהן א באָרד אָדער וואָנצעס, מיט צוויי קליינע כיטרע אויגעלעך — ווי צוויי שווארצע מייזלעך... און די דאָזיגע צוויי אויגעלעך זיינען כסדר ארומגעלאָפען אין די רויטע אויגען־נעסטען, ווי זיי וואָלטען געוואָלט ארויספליהען און עמיצען א בים טון...

וואָס איז דאָס טועכץ פון דעם דאָזיגען אידען האָב איך אין אָנפאנג ניט געוואוסט, נאָר שפּעטער האָב איך איינגעפינען, אז ער ארבייט פאר — ווי רופט איהר עס

— די טשאריטיס, רעדט אויף עטליכע שפּראַכן מיט אַמאָל, און קריגט זיך מיט אַלעמען וועגן אַלעס.

אָט דער דאָזיגער איד — מעג איך זאָגן, האָט מיך אַרויסגעטריבען פון יענעם פּלאַץ.

וואָס פלעגט ער אַ שטייגער טון? — גאָר ניט. ער פלעגט אַריינקומען מיט אַ מין ברייטקייט, און מיט אַ שטעל, ווי אַ ראָקפעלער, זיך אויסקלייבן דעם שעהנסטען און גראַמסטען טיש און אָרדערן אַ... גלאָז סאָדע־וואַסער פאַר צוויי סענט...

דאַן פלעגט ער אַ געשריי טון צום וועיטער:

— סעי, מיסטער, גיט מיר אכטונג אויפ'ן רעקעל! איך דאַרף ערגיץ אַרויסלויפען!

און וואָס מיינט איהר האָט ער געטון? ער איז אַרויסגעלאָפען דער חזיר און זיך איינגעקויפט אַ באַקסעל סעמען, עטליכע הערינג, אַ פּאָר פּיקעלס, אַ פונט פּאַסטראָמאַ, אַ ברויט און צוריקגעקומען — עסען...

אָפּגעגעסען, מאַכט ער צו מיר:

— ווייסט איהר, אַז איהר האָט ניט קיין שכל ווי צו פיהרען אַ ביזנעס?

— דהיינו, פאַרוואָס מיינט איהר אַזוי?

— איך מיין, זאָגט ער, אַז איהר דאַרפט ניט פאַרקויפען קיין דינער פאַר 35 סענט. דאָס ווינציגסטע וואָס איהר דאַרפט רעכענען איז 50 סענט — ניט ווענינער אַ פּעני. און מיר איבערגעבענדיג עפּעס אַ פּעקעלע, מאַכט ער: באַהאַלט דאָס ערגעץ פון מיינעטוועגען, כ'האָב זיך איבערגעלאָזען אַ גוט שטיקעל לאַקס אויף מאָרגען...

— מיינע עסענס געפעלען אייך מסתמא ניט? — וואַג איך זיך אַרויסצוזאָגען.

— ניין! מאַכט ער — אדרבא, איהר האָט גאַנץ גוטע עסענס... נאָר אַז איך קויף דאָס אַליין, קאָסט עס מיך ביליגער.

קוק איך איהם אָן און — שמייכעל.

— צאָלרייט! — מאַכט ער — איהר דאַרפט ניט

שמייכלען, היינטיגע צייטען, מאכט ער, שפּיעלט די פּעני א גרויסע ראָלע... נאט אייך, מאכט ער, צוויי סענט וואָס סע קומט אייך פאר׳ן סאָדע־וואסער, און טאָמער, מאכט ער, וועלען ארײנקומען א זעקס יונגע לייט פרעגען אויף מיר, זאָלט איהר זיי הייסען ווארטען... ווארום איכ׳ל באלד ארײנקומען...

צומאָרגענס באוויזט ער זיך ווידער — דער איד, גאנץ פריה, זעצט זיך אוועק ביים שענסטען טיש, טוט אויס דעם ראָק, פארקאשערט די ארבעל, גלעט זיך אויס דעם פּליך און הויבט אָן שלעפּען פון די קעשענעס הארטע אייער.

— זעהט איהר! — מאכט ער צו מיר, קלאַפּענדיג די אייער מיט מיין לעפעלע — אָט אזעלכע אייער דארפט איהר קויפען... ס׳איז טייערע אייער ווי גאָלד — גיט מיר א גלעזעל סאָדע־וואסער, נאָר האָריאָפּ!

איך האָב איהם דערלאנגט א גלעזעל סאָדע־וואסער, מיין איד האָט זיך גוט אָנגעפּאָיעט און געזאָגט:

— הערט, מיסטער קאַטץ, (מיין נאָמען איז קאַטץ!) וואו קויפט איהר אייער ברויט — ביי וועלכען בעקער?

— איך האָב איהם אָנגערופען א נאָמען פון א באַקאנטען בעקער.

— קען איך פארזוכען א שטיקעל?

— געוויס.

ער האָט אויפגעגעסען אפשר דריי פונט ברויט און דאן האָט ער געזאָגט זעהר רוהיג:

— פע! סארא חזיר׳יש ברויט ביי אייך איז! זעמיל האָט איהר אויך? — אנו באווייזט!

איך האָב איהם דערלאנגט א זעמיל. ער האָט איהם אויפגעגעסען און באמערקט זעהר קורץ:

— חזיר׳שע זעמיל!

דאָס איז געווען אין אָנפאנג.

שפּעטער צו האָט ער זיך מישב געווען, ער האָט שוין קיין פּיקעלס מיט קיין ברויט אויך ניט געבראכט. דאָס

פלעגט ער שוין אליין נעמען פון טיש און באצאָהלען פלעגט ער די געוועהנליכע צוויי סענט פאר סאָדע־וואסער.

אָבער דאָס איז נאָך גאָר נישט. די רעכטע מעשה הויבט זיך ערשט אָן:

איינמאָל אין א ביינאכט, ארום זייגער צוועלף, קומט ער צוגעהן, צעשפרייט זיך מיט זיין וועטשערע און עסט זיך פאמעליכענקע — ביז איינס א זייגער.

— זאָג איך איהם: פליעז איילט זיך אונטער א קאָפּעלע, שוין איינס דער זייגער און איך וויל געהן שלאָפען.

— דאָנט באדער מי! — מאכט ער — און ווערט אויפגערעגט... אז איהר ווילט שלאָפען — שלאָפט... וואָס איז דאָס מיין דאגה?..

— איך בין זעהר אָפגעארבייט! — פּרוב איך זיך בעטען ביי מיין צוויי־סענטיגען קאָסטומער.

— פּליעז! פּליעז! — מאכט ער צוויי מאָל „פּליעז“ הערט מיר אויף דולען א קאָפּ מיט אייערע מעשיות... אז איך עס — האָב איך ליעב סע זאָל זיין שטיל... איבריגענס, מאכט ער, איז מיר שוין פאר'מיאוס'ט אייער גאנצער חזיר'שער פּלאַץ... מיט די חזיר'שע פּאראָנד־קעס...

— — — — — — — — — — — — — —

וואָס ווייטער איז געשעהן ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר אז איך האָב איהם דערלאנגט א זעץ צו דר'ערד, זיך ארויפגעשטעלט מיט א קניע אויף זיין בויך און איהם גענומען קנעטען מיט אלע כחות און שרייען:

— נאדיר א חזיר'יש פּלאַץ! נאדיר חזיר'שע פּאראָנד־קעס! נאדיר פאר צוויי סענט א גלעזעל וואסער... נאדיר אייגענע פּאסטראמע!...

— — — — — — — — — — — — — —

זאָגט איהר: אידישע רעסטאָראנען.

אז פארברענט האָבען זיי געזאָלט ווערען איידער איך האָב זיי דערקענט! אפשר ווילט איהר נאָך א פּיקעל?

# אַ זויבערער רעסטאָראַן

איך בין געווען זעהר הונגעריג און איך בין דארום אריינגעפאלען אין ערשטען בעסטען רעסטאָראַן און —

— וואָס'טיר עסען? — האָט מיך געפרעגט א קליין, אָנגעפּאַקט אידעל מיט אַ ברודנעם האנטוך איבער'ן אַקסעל און א זעהר פארקויטיגט פארטוך איבער זיין... געגנווארט.

— געצמיר א רעגעלע דינער! — האָב איך געזאָגט — איך בין הונגעריג ווי א הונט.

דער איד האָט מיך פאמעליכען און מיט ישוב־הדעת באטראכט פון אויבען ביז אראָפּ, מיך געפרעגט צו בין איך א נייער קאָסטומער און צו איך האָב ליעב ריינקייט...

איך האָב איהם געזאָגט אז יאָ, מיר האָבען זעהר ליעב ריינקייט, און לאָז ער זיך צואיילען מיט'ן עסען, מחמת מיר לאָזען שיעור די נשמה פון הונגער!

אָבער ער האָט זיך ניט צוגעאיילט. אָנשטאט דעם האָט ער מיר גענומען ערקלערען די מעלות פון זיין פּרעס־אַנשטאַלט. מיך געוואָלט איבערצייגען, אַז אַלע אידישע רעסטאָראַן אייגענטימער זיינען מערדער, גאָרגעלשניידער און מענשען־סם'ער. אלע — חוץ ער, דער איד מיט'ן שמוציגען פּארטוך און פּארקויטיגטען האנטוך, וועלכער איז אן אמת'ער מלאך אין מענשענגעשטאלט און זיין העכסטע אויפגאבע איז צו זיין נאָבעל, ריין, און ציכטיג...

— באַרשט האָטיר? — האָב איך איהם איבערגעשלאָגען די רייד.

יאָ, ער האָט באַרשט. אָבער וויים איך כאָטש וואָס פאר א מין באַרשט דער מאן האָט? דער אמת'ר ויין, אונטערגעשלאָגען מיט באָרדענם מילך פונ'ם „באָטעל",

און פאַרבראַקט מיט אייער, וואָס די היהנער וועלען ערשט לעגען מאָרגען, אז מע׳ט דערלעבען, — אזוי פריש זענען זיי!... און וואָס אָנבאַלאַנגט זיין פּוטער אין דאָס נישט דיזעלבע חזיר׳עריי וואָס מען קריגט אין אַלע אַנ־דערע רעסטאָראַנען, און פון וועלכע מענשען געהען פון דער וועלט יונגערהייד — ניין! אויף ז י י ן פּוטער דאַרף מען זיין א מבין, מען דאַרף פאַרשטעהען וואָס סע הייסט א גוט שטיקעל פּוטער — מען דאַרף, אזוי צו זאָגען, זיין א געענדיגטער פּוטעריסט...

אפשר פופצעהן מינוט האָט מיך דער איד אַטאַקירט מיט זיינע ערקלערונגען, און אז ער האָט מיר שוין גע־בראַכט דאָס ביסעל עסען, האָט ער מיך נאָך נישט אָפּגע־לאָזען — אדרבא, ער האָט זיך ערשט גענומען צו מיר מיט מעהר פרישקייט. מיט מעהר קראַפט.

מיט יעדען ביסען וואָס איך האָב אַראָפּגעשלונגען האָב איך אויך געמוזט אַראָפּשלינגען זיינע א באַמערקונג ווי „געשמאַק עס איז דאָס ביסעלע באָרשט“, און אז איך דאַרף „שטאַרק הנאה האָבען פון דעם גוטען שטיקעלע קאַלבס־בראַטענדעל“ און אז „דאָס לעק צימעס צוגעהט זיך פשוט אין אַלע אברים און הלואי מען זאָל נאָר זיין געזונט און האָבען כח צו עסען“...

ביי די לעצטע ווערטער איז מיין איד געוואָרען אביסעל טרויעריג און מיר ערקלערט, אז ער אליין איז שוין היינט א שוואַכער עסער — נישט פאַר מיר געדאַכט! אמאָל פלעגט ער קאָנען אויפעסען א וועלט, קאַנאַהאָרע נישט! אָבער היינט איז שוין ניט דאָס. וואָס איז? דער מאָגען אַרבייט ביי איהם עפּעס ניט ווי עס דאַרף צו זיין... ער איז שוין אויסגעוועזן ביי א מאַסע דאָקטוירים, אָבער סע העלפט נישט —ער איז שוין ניט דער אַמאָליגער ע ס ע ר! ווי קומט עס?! (מיט א זיפץ) אך! ווען איך זאָל איהם געוועזן זעהען עסען מיט א פינף יאָהר צוריק...

אָט אזוי האָט מיך דער איד אונטערגעהאַלטען ביז וואַנעט איך בין פאַרטיג געוואָרען מיט מיין מאָלצייט.

אז איך האָב שוין געהאט באצאָהלט און געוואָלט ארויסגעהן, האָט ער מיך העפליך איינגעלאדען איך זאָל מיט איהם אריינגעהן אין קיך — ער וויל מיר ווייזען די קיך זיינע, און וויל וויסען מיין מיינונג, צי איז נאָך ערגיץ פאראן אין גאנץ ניו יאָרק אָט אזא מין סאָרט ק י ט ש ע נ ד ע ל.

איך האָב איהם ניט געקאָנט אָפזאָגען און בין מיט־געגאנגען.

באלד זיינען מיר געשטאנען אין א האלב־פינסטע־רער, פיעלפאך שמוציגער קיך, פול מיט אונזויבערע כלים, א מיסט־פעסעל און אהן א שיעור קאקרוטשעס.

— איהר זעהט — זאָגט ער — אָט איז ביי מיר א קיטשענדעל, אז סע שפּיגעלט! אין אנדערע קיטשענס — זאָגט ער און טרייבט מיט'ן האנדטוך די טשערעדעס מיט קאקרוטשעס — אין אנדערע קיטשענס זעהט מען א מאסע קאקרוטשעס... אָבער ביי מיר איז ניטאָ א קאקרוטש פאר א מיליאָן... ביי מיר ווערט אלעס געהאל־טען זויבער — אז סע בלאנקט. זאָג איך דעם אמת צי ניין? הא?

איך האָב איהם געמוזט זאָגען, אז ער זאָגט פּאָזיטיוו דעם אמת.

— און איצט — זאָגט ער און נעמט אראָפּ א פלעשעל קארבאָל־וואסער און בליאפּעט עס אריין אין מיסט־פעסעל — איצט זייט אזוי גוט און גיט א שמעק צום מיסט־פעסעלע... וואָס פיהלט איהר? קארבאָל. ריכטיג, אין אנדערע רעסטאָראנען — מאכט ער — שטינקט, אז מען קאָן ניט אויסהאלטען. ביי מיר ניט... ביי מיר — מאכט ער — איז אלצדינג סאני־דאָסיש. ריכטיג צו ניין?

איך האָב איהם געמוזט זאָגען, אז ס'איז ריכטיג ווי גאָלד.

— נו, און איצט — מאכט ער — און נעמט אראָפּ פון אויוועז א שמוציגען טאָפּ און נעמט איהם ווישען

מיט׳ן האנטוך — איצט באטראכט מיינע טעפ... מען דארף זיי — מאכט ער — אביסעל אויסווישען, זאָגסט, מאכט ער, זיינען זיי ריין ווי גאָלד. עס קאָן גאָר ניט זיין ריינער. הא־?

איך האָב געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אלס א מין באשטע־טיגונג, אז ער האָט רעכט.

— און איצט — מאכט ער — וועל איך אייך אומיס־נע צופיהרען צו מיין אייז־באקס און אייך ווייזען!

ער האָט מיך צוגעפיהרט צו א מין כאָליערא־קאסטען, אויפגעעפענט ס׳דעקעל, און איך בין שיעור אוועקגעפאַ־לען פון דעם עיפּוש׳דיגען גערוך פון די פליישען וואָס זיינען דאָרט געלעגען און געשטונקען אויפ׳ן ליבעראַל־סטען אופן.

— איהר זעהט — מאכט ער — און פארהאקט גלייך דאָס טירעל, ביי מיר אַן אייז־באקסעל איז ניט ווי אין אַנדערע רעסטאָראַנען... (א ביסעל מיט א שוואכער קול) מען דארף איהם אביסעל אויספארען מיט הייסע וואסער און איהם לאָזען זיך אביסעל דורכלופטערען... ווייטער, מאכט ער, איז ביי מיר אלץ פריש, אז ס׳איז א פּלעזשע דארויף א קוק צו טון...

— און איצט — זאָגט ער — וועל איך אייך ווייזען די קעכין מיינע, — העי פראשקאָ! — האָט ער אריינ־גערופען ערגעץ אין דער פינסטערניש — קום אריין, שנעלער!

באלד האָט זיך געיאַוועט עפּעס א צעשוואָומענע גוי׳ע מיט צעאייטערטע אויגען, מיט א זאַק ארום די לענדען און מיט א שרעקליכען קאטער...

— איהר זעהט — זאָגט ער — דאָס איז די קעכין מיינע... זי דארף זיך — מאכט ער — אביסעל ארומוואַ־שען און זיך אָנטון א ווייס פארטוך, און וואָס אָנבאַ־לאַנגט דעם קאטער — מאכט ער — וועט ער פאַראַי־בערגעהן... זאָגסט, מאכט ער, איז ביי מיר אלץ זויבער, אז סע בלאַנקט. הא, וואָס זאָגט איהר?

איך האָב שוין מעהר ניט געזאָגט. איך בין אוועק־געפאַלען הינטערוויילעכס און גע'חלש'ט גוטע צעהן מי־נוטען אויפ'ן זייגער...

## נאָטום און פּראָטום

...איהר ווייסט ניט וואָס סע הייסט „נאָטום" און „פּראָטום"? קיינמאָל נישט געהערט דערפון? אך, מיין ליעבער פריינד! הלואי וואָלט איך אויך נישט געווען געהערט דערפון, וואָלט איך ניט געקומען צו מיין איצטיגער לאגע... וואָלט איך איצט געווען א פרייער מענש, גלייך מיט אלעמען און ניט געפוילט אין פריזאָן — עד־העיהע!

איך זיפץ. אודאי זיפץ איך! ווי אזוי זאָל איך ניט זיפצען, אז איך דערמאָן מיך, אז ערשט מיט עטליכע חדשים צוריק בין איך געווען יונג, פריש, לעבענסלוסטיג און פול מיט האָפנונג אויף דער צוקונפט... און איצט בין איך א פארברעכער... א מערדער... א פארשטויסענער פון גאָט און פון לייט — ענטשולדיגט מיינע טרערען, כ׳בעט אייך... איך קען זיך ניט העלפען...

שוין!... איך בין שוין אביסעל בארוהיגט. איך וועל אייך דערצעהלען ווי אזוי איך בין געקומען צו מיין גרויס אומגליק.

...ווי איהר זעהט בין איך א געזונטער מענש, מיט א גוטען אפעטיט. ביי מיר פארטיליגען, אויפעסען, פארניכטען א סטייק פון דריי פונט — איז געווען א שפילכעל, א גאָרנישט! ניין־צעהן קאָטלעטען — איז ביי מיר געווען אויף איין צאָן... א חוץ דעם בין איך גלאַט געווען א גרויסער אָנהענגער פון פלייש... פון אלערליי פלייש. אָקסען־פלייש — איז אָקסען־פלייש! רינדס — איז רינדס! לעמטשאפּס — איז לעמטשאפּס! גולאש — איז גולאש! טשיקען — איז טשיקען... אז מען שמועסט

מיט אייך, אז כ'האָב ליעב געהאַט פלייש אהבת־נפש, איז דאָך ניטאָ וואָס צו רעדען!... פלייש איז, הייסט עס געווען מיין הויפּט־שפּייז. פיער מאָל א טאָג פלעג איך עסען פלייש — זויערע פלייש, זיסע פלייש, געפּיקעלטע פלייש, רויהע פלייש, פּאַסטראַמע, קאָרנביעף, וואורשטלעך, ראָלאַדע, פלייש מיט פעפערלעך, פלייש מיט מאַסלינעס, פלייש מיט געזויערטע עפּעל, פלייש מיט קעטשאָפּ — סתם פלייש, הקיצור, איכ'ל אייך לאַנג נישט האַלטען: איך בין געווען א גוואַלדיגער אכלן פון פלייש. אָהן דעם שטיקעל פלייש האָב איך נישט געקענט אויסקומען. און וואָס איז דער חידוש? אז א מענש ארבייט אין אן אייזען־פאַבריק, און מען קלאַפּט א גאַנצען טאָג מיט'ן גרויסען האַמער — און מען קלאַפּט פון זיך ארויס ס'חיות מיט'ן געזונט, און מען שוויצט פון זיך ארויס וואו א טראָפּען כח איז א חידוש אז מען דאַרף האָבען ס'שטיקעל פלייש?

ווער־זשע האָט מיך נישט געלאָזט עסען קיין פלייש, פרעגט איהר? הערט־זשע! דאָס וויל איך אייך טאַקע דערצעהלען, ווער סע האָט מיך געטריבען דערצו איך זאָל ווערען א וועגעטעריאַנער און זיך אָנהויבען פאַשען אויף ניסלעך און אויף פינאַטס און ראָזשינקעלעך — א מיתה־משונה זאָל קומען אויף אלע ניסלעך, מיט אלע ראָזשינקעלעך און סע זאָל אָנהויבען צו ברענען און צו ברענען און צו ברענען... און סע זאָל קיינמאָל ניט אויפהערען!...

הערט א מעשה: קומט צוגעהן צו מיר עפּעס א בחור מיט לאַנגע האָר, א בעהעלפעריש בערדיל און מיט לייווענטענע הויזען און פרעגט מיך צו איך עס פלייש.

זאָג איך: אָלבעטשי, וואָדען?!

זאָגט ער: אויב אזוי, זענט איהר א קאַניבאַל! איהר גראָבט, זאָגט ער, אייער קבר מיט אייערע אייגענע ציין...

זאָג איך: וואָס פּאַנפעט איהר? גאַניבאַל, שמאַניבאַל, קבר, שמייוועער — אזוי לאַנג, זאָג איך, ווי א מענש לעבט, מוז ער, זאָג איך, עסען דאָס גוטע שטיקעל פלייש...

זאָגט ער: אייער מאָגען איז א בית־עולם... און דאָס

בלוט, זאָגט ער, פון אומשולדיגע פעטע טשיקענס ווערט פאַלען אויף אייער קאָפּ...

זאָג איך: איהר זענט א משוגענער!

זאָגט ער: כאַכאַ! איך בין א משוגענער! משוגע, זאָגט ער, זענען די וואָס זאָגען אַז איך בין משוגע... איבּ־ריגענס, זאָגט ער, גיט מיר דרייסיג סענט וועל איך אייך געבען א ביכעל וואו עס פרעדיגצעך אונזער אידעע...

זאָג איך: פאר דרייסיג סענט, קען איך שוין באלד האָבען א גוטען טענדערלאָין־סטייק...

זאָגט ער: גיטשע מיר זיבציג סענט, וועל איך אייך געבען נ אָ ך א ביכעל, וואו עס באווייזט זיך, אַז מענ־שען וואָס עסען פלייש געהען יונגערהייט פון דער וועלט... און שטארבען מאסענווייז פון בלוט־פארגיפטונג, וואָס קומט, זאָגט ער, פון מאָגען — אַט זאָגט ער, איז א פּיק־טשער!

און ער ווייזט מיר א פיקטשער פון א מת מיט א סטייק אין מויל...

ווערט מיר שוין די זאך אביסעל דאָסיג און איך קויף צוויי ביכלעך און גלעפין אוים, טאקע נאָך דעם אייגענעם טאָג, אַז פלייש איז סם־המות, און אַז אויף דער גאנצער וועלט איז פאראַן נאָר א י י ן זאך וואָס קען זיך פאר־גלייכען צו פלייש, נאָר קיין שום „דראָגעסמאַן“ וויל עס ניט פארקויפען, דערפאר ווייל עס איז צ ו א שטארקע גיפט... און אויסלאָזען לאָזט זיך אוים אין דעמדראָזיגען ביכעל, אַז די בעסטע עסענס קען מען קריגען אין ווערים־קרויט׳ס וועגעטארישען רעסטאָראנט, און אויך אַלערליי וועגעטארישע בראָשורעם ביליג...

הקיצור, אַז ס׳איז געקומען סאפּער־צייט, בין איך אוועק אין ווערימקרויט׳ס רעסטאָראַן זיך אוועקגעזעצט ביי א טישעל און געוואַרט אויפ׳ן קעלנער.

באלד איז צוגעקומען עפּעס א בלייכער הוסטענדיגער הויך־אויפגעשפּראָצטער וועיטער, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי א מיטעליעהריגע ציבעלע און געפרעגט:

— פאַר וויפיעל ווילט איהר עסען? פאַר דרייסיג צי פאַר פערציג?

— איך עס בלויז פאַר איינעם, זאָג איך, העכסטענס וואָס איך קען עסען, זאָג איך, איז פאַר צוויי, אָבער ניט פאַר דרייסיג.

גיט ער אַ געניץ, דער וועיטער, און מאַכט:

— איך מיין צי איהר ווילט עסען רעגעלע פאַר דריי־סיג סענט, צי ספּעשעל פאַר פערציג... מיט פּראָטום...

זאָג איך: לאָז זיין פאַר פערציג מיט... ווי איהר רופט עס, פּאָרטים... אבי סע זאָל זיין געשמאַק.

ווערט ער פאַרשוואונדען, דער קעלנער, אפשר אויף אַ האַלבע שעה און קומט צוריק עפּעס מיט אַ פּיצעלע שיסעלע, אויף וועלכען עס הויערט עפּעס אַ בלייך־קרענקליך מאכל.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מאכל? — פרעג איך, און נעם אַ טרונק וואַסער.

— נאָטום — נאָטום! — מאַכט ער שטאָלץ און געהט אוועק. באַלד קומט ער צוריק און פרעגט:

— איהר׳ט עסען אַ סטייק פון נאָטום צי פון פּראָטום?

— לאָז זיין, זאָג איך, פאַר אַ טשענדזש פּראָטום!

ווערט ער ווידער פאַרשוואונדען ערגיץ, און קומט ארויס מיט אַ ברויזעלע טעלעריל, אויף וועלכען עס ליגט עפּעס אַ ברוינע געהיימניס און טוליעט זיך צו צוויי בלעטלעך שאַלאַטען.

— נו, זאָגט ער, און גיט אַ געניץ איבער מיין קאָפּ — איצט וואָס פאַר אַ זופּ ווילט איהר?

— וואָס פאַר אַ זופּען האָט איהר? — פרעג איך.

— מיר האָבען, זאָגט ער, צווייערליי זופּען, איין זופּ פון נאָטום און אַ צווייטע פון פּראָטום...

ווערט מיר קאַלט אין אַלע אברים און איך בורטשע ארויס: איכ׳ל נעמען נאָטום!...

גיט ער ווידער אַ געניץ איבער מיין קאָפּ — דער קעל־נער — און מאַכט:

— איך וואָלט אייך געראַטען ניט צו נעמען קיין נאַ־טוס... נאָר פּראַטוס... ווייל פּראַטוס איז געזונטער פון נאַטוס, א חוץ דעם, זאָגט ער, האָבען מיר ניט מעהר קיין נאַטוס, וועט איהר מוזען נעמען פּראַטוס.

— לאָז זיין פּראַטוס! — זאָג איך, אבי זיך אָפּצור־טשעפּען פון דעם נודניק...

ברענגט ער מיר עפּעס א טעלעריל מיט מוטנע וואַ־סער, אויף וועלכען עס שווימען ארום צוויי עלענדע היימ־לאָזע ציבעלעס, ווי פאַרלוירענע שיפען אין ים־הגדול, און ער פרעגט:

— איצט וואָס'ט איהר עסען פאר צושפּייז?...

— וואָס פאר א צושפּייז האָט איהר? — פרעג איך.

— מיר האָבען — זאָגט ער — צווייערליי צושפּייזען, איינער פון נאַטוס א צווייטער פון פּראַטוס...

— פּראַטוס! — בורטשע איך ארוים און פיהל, אז עפּעס וועט דאָ געשעהן..

גענוצט ער זיך ווידער אוים איבער מיין קאָפּ און מאכט צו מיר:

— איך וואָלט אייך ניט געראָטען צו נעמען פּראָטוס, נאָר נאַטוס, ווייל נאַטוס איז געזונטער פון פּראַטוס, א חוץ דעם, זאָגט ער, האָבען מיר ניט מעהר קיין צושפּייז פון פּראַטוס נאָר פון נאַטוס, איהר'ט נעמען נאַטוס?

— גיט נאַטוס!

גענוצט ער זיך אוועק, דער קעלנער, און קומט באלד צוריק מיט דריי געקאָכטע ראָזשינקלעך, און א חשד פון א געקאָכטער פייג.

— און איצט, זאָגט ער, וואָס'ט איהר נעמען פאר א געטראנק?

— מיר האָבען, זאָגט ער, צווייערליי סאָרט געטראנ־קען — איינס פון נאַטוס, ס'צווייטע פון פּראַטוס... נאָר איך וואָלט אייך, זאָגט ער, ניט געראטען צו נעמען קיין נאַטוס, נאָר פּראַטוס, ווייל פּראַטוס, זאָגט ער, איז געזונ־טער פון נאַטוס, כאָטש נאַטוס איז אויך א געזונט מאכל...

אָבער צו פּראָטום קומט עס ניט ווייל פּראָטום, זאָגט ער, ענטהאלט אין זיך מעהר פעטקייט ווי נאָטום... א חוץ דעם, זאָגט ער, האָבען מיר איצט ניט מעהר קיין טיי פון נאָטום, נאָר פון פּראָטום... פריהער, זאָגט ער, האָבען מיר געהאט נאָטום אויך — נאָר איצט איז אויסגעגאנגען דער גאנצער נאָטום און ס'איז ניט געבליבען מעהר ווי פּראָ־טום... איך פּערזענליך, זאָגט ער, האָב בעסער ליעב פּראָ־טום, ווייל נאָטום — —

— — — — — — — — — — — — — — —

זאָגט איהר: א מענש דארף זיך איינהאלטען! ווי אזוי קען מען זיך איינהאלטען, אז מען איז דאָך ניט מעהר ווי א מענש?!... הא?

# די גראַשיציאַנער

דר. ה. רײנפעלד'ן אַ מתנה

דער מענש װעגען װעמען מיר גײען דאָ מאַכען אַ גאַנצע באַשרײבונג, האָט אַ משפחה — ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ משפחה פון דרײסיג מאַן שטאַרק. אין דער דאָזיגער משפחה'לע גײען אַרײן פעטערס, מומעס, שװאָגערס, שװעגערינס, שװעסטערקינדער און אַלע אַנדערע שלעק און אַנשיקענישען, װאָס גײען געװײנליך אַרײן אין אַ משפחה.

שױן אין די ערשטע טעג נאָך דער חתונה, אַז אַבעל האָט זיך געװאָלט פאַרברענגען מיט זײן יונגער פרױ, האָט ער נישט געקענט צוליעב דער מעכטיגער, ריעזיגער, גיגאַנטישער אַנװעזענהײט פון זײן װײב'ס קאָלאָסאַלער משפחה. די נעמליכע משפחה איז געקומען געדיכט און אין גרױסע מאַסען און צו אַלע צײטען פונ'ם טאָג און זיך געלאָזט טראַקטירען מיט אײנגעמאַכטס, מיט קיכלעך, מיט ראָזשינקעס, מיט געבראָטענע מאַנדלען, מיט (האַלב־געבראָטענע) שטיקער בהמה אין געשטאַלט פון ביפשטעקס.

די משפחה — דאָס משפחה'לע — די מישפאַחטע, איז געװען נישט קײן פּראָסטע משפחה, — יונגען װי די בערען, מױדען װי די לעמפּערטען, מומעס — מיט זיבען גױדערס, פעטערס מיט קאַשקעטען און מיט אונטערגעהאַקטע װאָנצען; פּלימעניקעס — מיט שיך נומער צװעלף און פּלימעניצעס, װי פײערשפּײענדיגע בערג מיט היטעלעך...

אױף דעם אײדעלען אַבעל, װאָס האָט זיך אין גאַנצען געבליבט װי אַ פריהמאָרגען װאָס װיל אױפגעהן און װײסט

נישט ווי אזוי — איז נעבעך געווען א גאָט'ס רחמנות. די משפחה פלעגט קומען אין דער פריה און ביי נאכט און איהם אויפעסען מיט דער שפּענט! די טיר פון זיין הויז פלעגט זיך נישט צומאכען — נאָר מ'איז ג ע ק ו מ ע ן! געגאנגען איז מען זעהר זעלטען, אָבער געקומען איז מען — אך! — ביי יעדער געלעגענהייט!

אז ס'איז אוועק א חודש נאָך דער חתונה, האָט זיך אבעל אָנגערופען צו זיין פרוי מיט דריי פרעג־צייכענס:

— ???

האָט זי איהם געענטפערט מיט פיער אויסרופצייכענס:

— !!!!

האָט ער גענומען רעדען מיט ווערטער, וואָס זענען געווען אָנגעפילט מיט שפּראך:

— וואָס וועט זיין מיט דער משפחה?

האָט זי געענפערט:

— וואָס זאָל זיין מיט דער משפחה?

האָט ער געזאָגט:

— וואָס טויג מיר אזא מאסענפערזאמלונג פון פעטערס און מומעס און שוואָגערס? איך האָב דאָך נית חתונה געהאט מיט א קופּעריוניע... אָדער מיט א קארנעגיע האָל... אָדער מיט א היפּאָדראָם...

האָט זי דארויף געענטפערט:

— ווער סע שעהמט זיך מיט מיין משפחה, דער זאָל זיך העלפען. א י ך שעהם מיך נישט!

האָט ער געזאָגט:

— ס'איז נישט קיין פראגע פון שעהמען זיך! סא פראגע פון וואו בין איך ערגעץ אין דער וועלט צום גוטען יאָהר? דער קאָפּ געהט מיר ווי אויף א יריד... און נאָר סע טומעלט זיך ווי אין א מיל... און נאָר סע קלינגען די גאָפּעל־מעסער...

האָט זי דארויף געענפערט:

— ס'איז מיין משפחה — מעג זי עסען.

האָט ער געזאָגט:

— עסען — ווי עסען! אָבער — לאָזען זיי אָפּטרעטען אויף אַ מינוט. לאָמיך דיך קענען נעמען אויף דער שוים. לאָמיך קענען געניסען פון מיין ביסעל גליק. מיר וועלען דאָך ניט זיין אייביג פארהייראַט.

האָט זי געזאָגט:

— וואָס מיינסטו מיט די ווערטער „נישט זיין אייביג פארהייראַט?"

האָט ער געזאָגט:

— איך מיין... דיין משפחה וועט אונז ארויס־עסען פון די פארהייראַטע ביזנעס... ס'עט אונז נישט קאָנוויני־רען...

ביי די ווערטער האָט אונזער אַבעל זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט צו זעהן, וואָס פאר אַ ווירקונג זיינע רייד וועלען האָבען אויף זיין פרוי. ס'איז אַוועק אַ האַלבע מינוט און די פרוי אַבעל האָט ארויסגענומען אַ טעלער און — קנאַק! דאַן האָט זי ארויסגענומען נאָך אַ טעלער און — קנאַק! און דאַן האָט זי ארויסגענומען נאָך אַ טעלער און — קנאַק! און דאָס אַלצדינג האָט זי געטון שטיל, באַשייַדען, און אָהן כעס און יעדעס מאָל וואָס זי האָט צעבראָכען אַ טעלער, האָט זי צוערשט צונויפגענומען די שטיקלאַך, אוועקגעקעהרט מיט'ן בעזים די שערבלעך און — ווייטער גענומען ברעכען די טעלער. אַזוי לאַנג ביז וואַנעט זי האָט אויסגעבראָכען אַ האַלבע שטוב מיט געשיר.

אז דער שטילער, אומגליקליכער אַבעל האָט געזעהן, אז זי רואינירט איהם דאָס ביסעל באַלעבאַטישקייט, האָט ער איהר אַ קוש געטון אויפ'ן שטערען און איהר ער־קלעהרט, אז ער קען אָהן איהר נישט לעבען, און אז ער דאַנקט גאָט דערפאַר, וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ זאַ זאַנעפט ווייבעל.

באַלד איז אריינגעקומען אַ פעטער — אַ קצב און גע־נומען רעדען וועגען — עסען. נאָך איהם איז אָנגעקומען אַ מומע און גענומען רעדען אז וואָס וועט מען היינט עסען? נאָך איהר זענען אָנגעקומען די צוויי שוועגערינס פון האַר־

לעם און גענומען דערצעהלען, אז זיי האבען אנומעלטען געגעסען גראשיצע, איז דאס געווען א זעלטענע גראשיצע. אפשר האט זי היינט א גראשיצע? ס'איז זעהר געזונט צו עסען גראשיצע, — האט פארענדיגט דער פעטער מיט די אונטערגעזעגטע, הארטע וואנצען, — לאשוין זיין גענוג צו רעדן וועגן גראשיצע... לאמיר בעסער געהן עפעס עסען!

— עה־סען, עה־סען! — האט געקרעכצט די משפחה.

מען האט געשטעלט צום טיש גרויסע שטיקער צוגעסמאליעטע בהמה — אויף אזוינע ברעטלאך, פון וועלכע ס'בלוט האט אראפגערונען ווי פון א שלאכטפעלד, און די משפחה האט גענומען עסען מיט פאראייניגטע קרעפטען.

דער ארימער, בלאסער, איידעלער אבעל איז געזעסען און געקוקט ווי מ'עסט איהם אויף א לעבעדיגען, און ווי מ'זופט דאס ברוינע, צוגעזאלצענע בלוט פון די געבראטענע שטיקער בהמה און ווי מ'עסט און מ'עסט און מ'עסט און מ'עסט! און ער האט פארווארפען מיט'ן קאפ אין חלשות...

די משפחה האט איהם גענומען מינטערען — קייענדיג בשעת מעשה די בהמה — און געשפריצט אויף איהם וואסער. די מאדאם אבעל אליין האט געוויינט און געגעסען א גראשיצע, און זי האט איהם געבעטען, ער זאל קומען צו זיך, — ער זאל זיך נישט מאכען צום נאר!...

אז אבעל איז געקומען צו זיך האט ער א קוק געטון ווי די משפחה שטעהט ארום איהם מיט שטיקער פלייש אין מויל און מ'עסט — האט ער ווידער פארווארפען מיט'ן קאפ און ס'האט זיך איהם גע'חלום'ט, אז ער איז א ווייסע, איבערגעשראקענע גראשיצע, וואס ווערט פארברענט אין פייער פון זיין אידעאל און — אז א חברה קאניבאלען שטעהן ארום איהם און מ'עסט איהם אויף...

— גוואלד! — האט ער א געשריי געטון און זיך אויפגעבאפט און געוויזען, אז ס'איז איהם נישט גוט.

נאָך דער דאָזיגער געשיכטע האָט מען אונזער ליעבען אַבעל אוועקגענומען אין שפּיטאָל אריין — טויט־קראַנק. זיין פרוי פלעגט קומען צו איהם אלע טאָג און איהם ברענגען — די משפחה. די משפחה ווידער פלעגט ברענגען אין שפּיטאָל אריין גאַנצע פּעק מיט עסענוואַרג און זיי פלעגען דאָס אליין אויפעסען.

אַבעל (עליו השלום) פלעגט קוקען מיט צעפיבערטע אויגען און טראַכטען: וואָס האָט צו איהם די משפחה? און צי האָט ער דען חתונה געהאַט מיט אַ גאַנצען ווילדען שבט פון שיכהענדלער, קצבים, בלעכערס און גראַשיצע־פרעסער? און ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי נאָך פאַר דער חתונה האָט איהם זיין איצטיגע פרוי גענומען באַקענען מיט איהר מישפּאַחטע, און ווי אַזוי ער פלעגט ווערען מיעד אויף די פּיס פון אַרומגעהן זאָגען „גוט־נאָווענט" און געבען שלום־עליכם צו פרעמדע פעטערס און מומעס און שוואָגערס און גלידשוועסטערקינדער און שוועגערינס, און ווי אַזוי ער האָט געמוזט אַרויסשמייכלען פון זיך די בעסטע כחות אויף „עס־פרעהט־מיך־זעהר־אייך־צו־קענענ'ס", און ווי אַזוי דאָס משפּחה'לע האָט זיך דערנאָך אַ לאָז געטון צו איהם — אונטער דער חופּה... און ווי אַזוי ער האָט זיי אַלע מקדש געווען מיט איין קליין, פּיצעלע רינגעל, און ווי אַזוי אַלע אין דער פריה זייגער אַ פערטעל־נאָך זיבען פלעגען קומען צופאָהרען נייע פעטערס פון באַלטימאָר און פרעגען צי עס איז דאָ עפּעס צו עסען? און ווי אַזוי זיין ווייבעל פלעגט זיך מיט איהם קריגען פאַרוואָס ער נעמט זיי נישט אויף ווי אַ מענש... און פאַרוואָס ער רעדט נישט מיט זיי וועגען גראַשיצע. און ווי אַזוי ער האָט פּלוצים דערפיהלט, אַז סע געהט אויף איהם אַ ווילדע, אומגעלומפערטע, צעפלאָכטענע, הונגעריגע, בראַנפען־דורשטיגע משפחה פון דער כלה'ס צד, און ווי אַזוי זיי באַפאַלען איהם אין מיטען העלען טאָג און וואַרפען אַרויס זיינע ביכער פון דער שראַנק, און זיי שטעלען אַהין אריין — גראַשיצעס. און ווי אַזוי זיי נעמען אַראָפּ פון די ווענט די זעל־

טענע בילדער פון ליכטענשטיין און בען־בען און אויערבאך־לעווי און אנשטאט דעם הענגען זיי אויף — גראשיצעס. און ווי אזוי די גאנצע משפחה נעמט זיך אָן ביי די הענט און געהט א ווילדען טאנץ ארום א גאָלדענער גראשיצע... און ווי אזוי ער שלאָגט זיי מיט'ן שטעקען און סע געהט בראנפען... און די לוחות ברעכען זיך אויף צווייען און סע פאלט ארויס א גראשיצע... און די משפחה פאַכעט מיט די הענט און שרייט, אז מ'זאָל זי פיהרען צוריק קיין מצרים אז נישט וועט מען ביי איהם צונעמען ס'ווייב...

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

צו דער לויה פון דעם אומגליקליכען אבעל איז נאָכגעגאנגען כמעט די גאנצע משפחה און גערעדט אין א שטילען טאָן וועגען — גראשיצע...

# פרעזענטען

**דערצעהלט פון אַ מענ־
שען, וואָס איז ערשט
אַרויס פון משוגעים הויז**

דאָס איז געווען דער דריטער טאָג נאָך מיין חתונה מיט פעני'ן. די פיער צימערען, וואָס איך האָב געהאַט געדינגען ערגיץ אויף א לעצטען שטאָק אין סאָפאָלק סטריט האָבען נאָך אַלץ געגלאַנצט, געווען הייסט דאָס פוסט, אָהן מעבעל און מיר זענען אַלץ געזעסען אין שטוב, געהיט די טיר און געוואַרט אויף די צוגעזאָגטע חתונה־פּרעזענטען, וועלכע זענען מחויב געווען באַלד אָנצוקומען.

— הערסטו, פעני — רוף איך זיך אָפּ צו מיין פרוי, זיצענדיג אויף א זייף קעסטיל און עסענדיג א הערינג — אמעריקא זאָל טאָקע לעבען!

— וואָס איז דיר עפּעס מיט אמאָל איינגעפאַלען? — שטעלט זי אויף מיר אוים איהרע שעהנע, נאָר פאַרוואָל־קענטע אויגען.

— עס איז מיר איינגעפאַלען — זאָג איך — אז די אמעריקאַנישע מאָדע צו געבען חתונה־פרעזענטען, איז זעהר א פיינע מאָדע. אין דער היים, זאָג איך, וואָלסטו באַלד נאָך דער חתונה געדאַרפט אליין געהן און קויפען און דינגען זיך איבער יעדען שטיקעל מעבעל, און האָבען פאַרדראָס און האַרצוועהטאָג, און דאָ, זאָג איך, ברענגט מען דיר די פּרעזענטען אין שטוב אריין. ס'אַ תענוג!

— יא — זאָגט זי — אָבער מען ברענגט דאָך נישט!

— אויב מען ברענגט נישט — זאָג איך — וועט מען ברענגען. ס'איז נאָר, זאָג איך, א פראַגע פון צייט. אָט באַלד, זאָג איך, וועלען מיר האָבען אויסגעפיקסט א הויז, אז ס'וועט בלישטשען.

— מיט קאַרפּעטס אין דיינינג־רום ! — ווערט לעבע־דיגער מיין ווייבעל, און עס לייטערען זיך ביי איהר אויס די שעהנע אויגען.

— און מיט א גרינעם לייברערי סעט — שפּין איך ווייטער אונזער גאָלדענעם חלום און איך גריזשע בעת מעשה אן עק פון א הערינג.

— און מיט א טשייני־קלאָזעט און מיט קאַט־גלעס און זילבערנע לעפעל־גאָפּעל־מעסער — געהט שוין מיין ווייבעל זעהר ווייט.

און אזוי ווי מיר רעדען אזוי, עפענט זיך די טיר, עס קומט אריין א אינגעל מיט א פּעקעל, און אויף'ן פּעקעל א צעטעלע, און אויף'ן צעטעלע אן אויפשריפט:

„קאָמפּלימענטס פראם סאָלאָוויטשיק".

— ווער איז דאָס דער סאָלאָוויטשיק ? — פרעגט מיין פרוי.

— סאָלאָוויטשיק — זאָג איך — איז מיין שוועסטער־קינד פון אפּטאָון, דער וואָס האָט מיר צוגעזאָגט קויפען א טוץ זילבערנע לעפעל.

און איך עפען דעם פּעקעל און געפין דאָרט א מארמאָר־נעם זייגער.

— נאַ, שטעל איהם אוועק אין פראָנט־רום אויף'ן מענטעל־פּיעס און לאָז איהם געהן ! — גיב איך איהם איבער צו מיין פרוי מיט א גדלות, ווי א קוואָטער, א שטייגער, גיט איבער דאָס גע'מל'טע קינד צור ק צום פּאָ־טער.

— האָבען מיר שוין דעם פּורניטשער ! — מאַכט מיין ווייבעל, נעמט דעם זייגער אין די הענט אריין און קאָן זיך גאָרנישט זאַט אָנקוקען אויף איהם.

— און איצט — זאָג איך — וועלען זיך ערשט נעמען שיטען די אמת'ע פּרעזענטען, די ריכטיגע !

— שאַ, אין וועלכער זייט וועלען מיר שטעלען דעם סייד־באָרד, וואָס די טשאַטשקין האָט אונז צוגעזאָגט ? — וויל שוין וויסען מיין יונגע פרוי.

אָבער נאָך איידער איך האָב צייט צו ענטפערען — קליפּ־קלאַפּ ! עס עפענט זיך די טיר און עס קומט אריין א אינגעל מיט א פּעקעל אין האנט, און אויף דעם פּעקעל א צעטעלע, און אויף דעם צעטעלע אן אויפשריפט: „קאָמפּלי־מענט פון די טשאַטשקין פעמילי".

איך האָב צועפענט דאָס פּעקעל, ארויסגענומען פון דאָרטען א שעהן, מעשען זייגערעל — פון מיטעלמעסיגער גרויס.

— נא, שטעל איהם אוועק אין דיינינג־רום אויפ'ן מענטעל־פּיס און לאָז איהם געהן ! — זאָג איך צו מיין פרוי — דאַנקען גאָט, זאָג איך, מיט זייגערס זענען מיר שוין באזאָרגט.

— ווייסטו וואָס מיר איז איינגעפאלען ? — מאכט מיין ווייבעל און נעמט ביי מיר צו דאָס שעהנע זייגערעל, פון מיטעלמעסיגער גרויס.

— וואָס ? — פרעג איך.

— מיר איז איינגעפאלען — מאכט זי — אז מיר וועלען נישט האָבען וואו צו שטעלען דעם גרויסען טיש, וואָס לייבעזאָהן האָט אונז צוגעזאָגט צו שיקען, וויל —

אָבער איידער מיין פרוי האָט צייט געהאַט צו ענדיגען — קליפּ־קלאַפּ ! עס קומט אריין א שיק־אינגעל מיט א קליין פּעקעלע, און אויפ'ן קליינעם פּעקעל א צעטעלע, און אויפ'ן צעטעלע אן אויפשריפט : „קאָמפּלימענט פראָם יור דיער פרענד לייבעזאָהן".

איך עפען פאנאנדער דאָס פּעקעלע און געפין דאָרט א קליין, שווארץ זייגערעל, מיט א געשניצטען געזימס.

— נא, שטעל עס אוועק אין קיך און לאָז עס געהן ! — גיב איך עס איבער צו מיין פרוי.

— א חידוש — זאָגט זי — וואָס מען זעהט גארנישט דעם פּארלאָר־סעט פון מיין שוואָגער קוצין.

— מסתמא באלד קומען — זאָג איך.

און עס עפענט זיך די טיר און עס קומט אריין אן

איירישער גוי, מיט'ן היטל אין איין האנט און מיט א צעטל אין דער אנדערער האנט.

— וואוינען דאָ די און די?

— יא! — זאָג איך שטאָלץ — דאָ וואוינען די־און־די.

— און נישט יענע־און־יענע? — וויל זיין זיכער דער איירישער גוי.

— און נישט יענע־און־יענע! — פארזיכער איך איהם.

— אויב אזוי, האָב איך פאר אייך עפּעס! — מאכט ער עס בקיצור, און ער עפענט פאנאנדער די טיר און טאסקעט אריין א הילצערנעם קאסטען.

געעפענט דעם קאַסטען האָב איך דאָרט געפונען א גרויסען הילצערנעם זייגער מיט אן אומרוה און מיט צוויי גרויסע הילצערנע פויגעל. אויף איינעם פון די פויגעל איז געהאנגען א צעטעלע: „קאָמפּלימענט פראם יור שוואָגער קוזין.“

— נו, איצט האָבען מיר שוין גענוג זייגערס! — מאך איך צו מיין פרוי. — שלעפּ ארוים די כלי פונ'ם שטרוי שטעל איהם אוועק אין מיטען שטוב און — צעוויעג איהם.

— נעוועמיין, גענוג זייגערס! — מאכט צו מיר מיין פרוי אויף ריינעם אידיש, און גיט מיר א קוש און א פּע־טשעל צוזאמען. — האָבען מיר דען נישט פיער רומס? אין יעדער רום א זייגער. פיער רומס — פיער זייגערס!

— בא! — זאָג איך און רייב זיך דעם שטערען — איך וואָלט שוין בעסער געוואָלט זעהן וואָס מיין פעטער ראָזענבוים וועט מיר געבען פאר א מתנה.

און ווי איך רייד אזוי צו איהר — האק־טאַרעבאך! מען זעצט אין טיר. איך לויף אקעגען, עפען זי אויף און ס'קומט אריין מיין פארשוויצטער פעטער ראָזענבוים מיט א פּאַק אין האנט, וועלכען ער עפענט באלד פאנאנדער און שלעפט פון דארטען ארויס — שוין נישט קיין זייגער, נאָר... צ ו ו י י זייגערס: א וועק־זייגער צום — וועקען און א פראָנטרום־זייגער — פאר דער פראָנט־רום.

— עפּ! — פּרייכט ער און שטעלט אוועק די דאָזיגע צוויי זייגערס אויפ'ן דיל: זאָלט איהר פאַרנוצען געזונטערהייט... עפּ... מיין מתנה. ווי געפעלען אייך... עפּ... פיינע צוויי זייגערס?

— ז ע ה ר א פיינע מתנה — זאָגט מיין פרוי און דריקט איהם די ר ע כ ט ע האַנט.

— און זעהר א נ י צ ל י כ ע מתנה! — זאָג איך און דריק איהם די לינקע האַנט.

— איך האָב אייך... עפּ... געוואָלט קויפען נאָך איינעם! — פאַכט מיין פעטער אויף זיך מיט זיין טאַשענטיכעל — נאָר איך האָב נישט געוואוסט — מאַכט ער — צי איהר קעהרט אזוי פאַר זייגערס!

— וואָס רעדט איהר? — זאָג איך און איך פיהל ווי איך פאַל ביסלעכווייז אריין אין היסטעריע — זייגערס זיינען מיין גאַנץ לעבען! נאָך פון קליינערהייט אָן האָב איך נישט געקאָנט לעבען אָהן זייגערס...

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט זיך געעפענט די טיר און עס איז אריינגעקומען מיין מומע מיט א ס ע ט פאַרצעלייען געשיר.

אָבער איך בין שוין געווען אזוי צורודערט, אזוי היסטעריש, אז איך האָב נישט געוואוסט וואס עס טוט זיך מיט מיר.

איך האָב אָנגענומען מיין מומע ביים שייטעל, האָב זי ארויסגעשלעפּט אין האָל אריין, צובראָזגעט דעם גאַנצען ד י נ ע ר ־ ס ע ט, און געהענדיג א טענצעל אויף די פאַרצעלייענע חורבות האָב איך געכליפּעט און געשריען:

— גיט מיר זייגערס! א האָל־לאַט זייגערס! רינגעלט מיך ארום מיט זייגערס! איך מוז האָבען זייגערס! איך דאַרף נישט קיין טיש, קיין בעט, קיין ביינקלעך, קיין קליידער, קיין ווייב, נאָר זייגערס, — א האָל־לאַט זייגערס!!

...ערשט נעכטען, זייגער עלף, בין איך ארויס פון בעלוויו האָספּיטאַל!...

# אַ משפּחה פעהלער

ער איז געשטאַנען אויף יענער זייט גראַטעס, אָנגעטון אין זיין געשטרייפטען אנצוג, און מיר אויסדערצעהלט זיין ביטער הארץ אויף פאָלגענדען אופן:

מענשען מיינען, אז איך בין א שלעכטער פארדאָרבעטער יונג. אָבער דאָס איז ניט אמת. אדרבא. ווי איהר קוקט מיך אָן בין איך בטבע גאָר א וואויל מענש'ל. ריין ווי א בייבי. האָב א גוט הארץ אויף אידען און אונשולדיג — אזש סאַ פּחד! אַי, ווי אַזוי קום איך צו מיין איצטיגער לאַגע, מיסטער נאַדיר? וועל איך אייך דערצעהלען, אַז אין מיין גאַנצען אונגליק איז קיינער ניט שולדיג נאָר מיינע עלטערען. פאַרוואָס מיינע עלטערען? דוכצעך אזוי זענען זיי דאָך גאַנץ אָנגעזעהענע מענשען... נעמט דעם טאַטען מיינעם, למשל, כאָטש ער איז מיין אייגענער טאַטע, פונדעסטוועגען מוז איך אויף איהם זאָגען דעם אמת, אַז ער איז אַ הויפּט-עהרליכער מענש. יענעמס פּעני איז ביי איהם אַן אויג אין קאָפּ און פון טון יענעם שלעכטס איז דאָך אָפּגערעדט. און דאָס נעמליכע מיט דער מאַמע'ן מיינער. סע פּאַסט ניט צו זאָגען, אָבער דער אמת איז, אַז זי איז אַן אמת'ע צדקניות. און גוט אוים דער נאַטור! נאָר... אויב איהר לעזט אמאָל די אַרטיקעלם אין די פּייפּערס וועט איהר זעהן, אַז איך בין פּאָרט אַ קרבן פון... מיינע טאַטע-מאַמע. אַזוי שרייבען כמעט אַלע פּראָפעסאָרען אין די ענגלישע זונטאָג-פּייפּערס. זיי רופען דאָס אָנעט „הערעדיט". דער טייטש דערפון איז, אַז... אַן אינדזשיווידזשיאום איז אַליין ניט רעספּאָנסיבל פאַר זיינע פאַרברעכענס, ביקאָז — דאָס קומט בירושה און מען קען זיך גאָרנישט העלפען — קען מען זיך ניט!

אַט נעמט מיין אייגענעם פאַל, למשל.

שוין ביי מיין זעקסטען יאָהר האָב איך געהאַט אַ טבע, אַז איך פלעג ליעב האָבען גנב'ענען. וואָס די אויגען האָבען דערזעהן האָבען די הענט פאַרטשעפּעט. געלט — איז געלט. פייפעלעך — איז פייפעלעך. קאַרשען אויף די בוימער — איז קאַרשען אויף די בוימער. און עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ביי מיין זיבעטען יאָהר, האָב איך שוין גע'גנב'עט געלט פון אַ מאיר־בעל־הנס פּושקע. ביי מיין אַכטען יאָהר האָב איך אַרויסגע'גנב'עט דעם זיל־בערנעם עץ־החיים פון אָרון־קודש און איהם פאַרקויפט צו אַ גוי פאַר עטליכע קאָפּיקעס. וואָס האָט דער טאַטע געזאָגט? וואָס האָט ער געזאָלט זאָגען? ער האָט מיך געשלאָגען ווי אַ הונט! און אַז שלאָגען האָט ניט געהאָל־פען — האָט ער גערעדט צו מיר מיט גוטען. געוויינט, געגאָסען טרערען איבער זיין שעהנער באָרד. די מאַמע האָט גע'חלש'ט, געקלאָגט. זיך געריסען די האָר פון קאָפּ. אָבער איך האָב זיך ניט געקענט העלפען. ווארים דאָס איז אַזאַ גע'ירשנ'טער פעהלער ביי מיר!

נאָכדעם די מעשה מיט'ן מלמד. מיינט איהר, עס האָט מיר ניט וועה געטון ס'הארץ אויף איהם? אַ טאַטע פון קליינע קינדער. אַ שטיל מענטש'ל ווי אַ פליג. נו, וואָס האָב איך געזאָלט טון, אַז איך האָב איהם פאַרט געוואָלט אויסדרעהען אַ פּוס און איהם מאַכען פאַר אַ קאַליקע דערפאַר וואָס ער האָט מיר געהייסען מעביר זיין די סדרה? האַ?!

צי נעמט די צווייטע מעשה מיט דעם בעקער, וועל־כען איך האָב אריינגעשטופּט אין אַ גליהענדען באַק־אוי־וועז. מיינט איהר איך האָב עפּעס געהאַט צו איהם? איך האָב איהם אפילו ניט רעכט געקענט! נאָר אַז איך בין אריינגעקומען אין בעקערי־קעלער און דערזעהען, אַז ער שטעהט נעבעך אַ פאַרשוויצטער ביים אויוועז און זעצט ברויט, האָב איך איהם דערלאַנגט אַ קנאַק איבער'ן קאָפּ מיט אַ בלעקדזשעק, צוגענומען ביי איהם דאָס ביסעל

מינץ פון די קעשענעס און איהם אָנגענומען הינטערוויי־
לעכס פאר די לאנגע פיס און איהם אריינגערוקט אין
אויווען אריין.

מיינט איהר צו זאָגען, אז איך אַלס א י נ ד ז ש י ו ו י ־
ד ז ש י ו ם בין שולדיג אין א פארברעכען? גאָר ניט:
עס האָט זיך פארגלוסט — האָב איך געטון. ניט אזוי?
טו וועך־זשע איז שולדיג אויב ניט די... „הערעדיט“.

צי נעמט דעם פאל מיט דעם פּיקעל־מאן, וועלכען איך
האָב צושניטען אויף זעקס שטיקער און אריינגעלעגט אין
א קאסטען, און דאן האָב איך דעם קאסטען אריינגעוואָרפען
אין ריווער. דענקט איהר פּילייכט, מיסטער נאדיר, אז
איך האָב עס געטון דערפאר ווייל איך בין חלילה א פאר־
דאָרבענער מענש? חלילה. איך האָב עס בלויז געטון דער־
פאר... ווייל איך האָב געפיהלט ווי עמיצען צו דער׳הרג׳ע־
נען, טאָ וועמען קען מען דערפאר בליימען — אויב ניט
מיינע עלטערען?

צי נעמט א שטייגער די איצטיגע קיים מיט דעם
מיידעל, פאר וועלכען מען האָט מיך פאראורטיילט צום
לעקטריטשער. גלויבט איהר אויף א מאָמענט, אז איך
האָב דאָס געטון דערפאר, ווייל איך האָב ניט האָלד קיין
מיידלעך? אדרבא. ניט מעהר, זי האָט ניט געוואָלט
ארויסגעהן אין גאס, האָב איך איהר דערלאנגט א זעץ אין
פּלייצע מיט א מעסער, דערנאָך האָב איך איהר אריינגע־
שאָסען עטליכע קוילען, און ווען זי איז אנידערגעפאלען א
טויטע, האָב איך זי צוגעטאָפּטשעט מיט די פיס. דאצאָל.
דאָס קינד איהרס, האָב איך נאָכדעם אריינגעלעגט אין א
זעקעל, עס אוועקגעטראָגען צום וואסער, עס אָנגענומען
ביי די פיסלעך ווי א היהנדעל און אריינגעוואָרפען אין
וואסער אריין — פּליוך!

מיינט איהר צו זאָגען, אז איך האָב דאָס געטון, ווייל
איך בין ניט קיין אנשטענדיגער מענש? אָדער אביסעל
אן אויפגערעגטער? ס ע ה ע ב צ י כ נ י ש אָ ן! איך
האָב עס געטון דערפאר, ווייל איך האָב ג ע פ י ה ל ט

ווי עס צו טון... ווייל עס איז שוין ביי מיר אזא משפחה־פעהלער. פון צייט צו צייט מוז איך ערמאָרדען ענטוועדער א פרוי אָדער א מאַן. אמאָל קומט מיר אָן — ערמאָרד איך א קינד אויך. אָבער ווי געזאָגט, דרינגען דערפון, אז איך בין א פארדאָרבענער מענש, ווי מאנכע פון אייערע שרייבער טוהען, — דאָס איז ניט ריכטיג. איך באַהויפּטע, אז איך בין יאָ אַן אנשטענדיגער מענש! די צרה מיט מיר איז בלויז, וואָס איך וויל זיך ניט איינהאַלטען. סע לוינט זיך מיר נישט. ווייטער, ווען איך זאָל נאָר וועלען, וואָלט איך געקענט זיין א מענש מיט מענשען גלייך.

היינט וואס־זשע זאָגט איהר, אז א מענשען ווי איך דאַרף מען שניידען אין שטיקער און ווארפען פאר די הינט! וואו איז דער שכל? און וואו איז דאָ דער גרויסער חטא וואָס איך האָב באַגאַנגען, דערמיט וואָס איך סטיק צו מיינע משפחה־פעהלער? אדרבא, וואָס גיט איהר א שפּיי און לויפט אַוועק?..

# מע וואָלט געקענט לעבען
# נאָר מע לאָזט נישט

א לעבענסבאַשרייבונג

שוין קליינערהייד האָט ער געהאט א טבע צו גנב'ענען און כאפּען פון די שטעלען. אלץ וואָס ער האָט געזעהן האָט ער פארטשעפּעט. אויב ניט מיט דער האנט איז מיט א פוס, איז ניט מיט א פוס, איז בדאי מיט אן אויג... אבי עפּעס!

איינמאָל בשעת ער איז געשטאנען לעבען א זיצערקע און באטראכט ווי זי מעסט די פּעטע קארשען אין א גלעזעל, האָט ער אָפּגעטשאטעוועט א מינוט, ווען די זיצערקע האָט זיך פארקוקט, און אָנגעכאפּט א פולע זשמעניע מיט שווארצע קארשען...

אָבער די זיצערקע האָט איהם געכאפּט ביי דער האנט, איהם גוט אויסגעפּאטשט די פיסקעס און צוריק צוגענומען די קארשען.

דעמאָלט האָט ער, צום ערשטען מאָל, געמאכט די באַמערקונג:

— מע וואָלט געקענט לעבען, נאָר מע'לאָזט נישט!

---

אז ער איז אונטערגעוואקסען און געוואָרען א בחור האָט ער גענומען גלוסטען צו שיקסעס. ער איז געווען געזונט, גוט-ענטוויקעלט, ניט קיין מיאוס'ער — האָט ער געהאט מעהר-וועניגער מזל.

האָט ער זיך איינגעליעבט אין א שיקסע מיט'ן נאָמען קאשיא, א הויכע, א געשטופּעלטע ערל'טע, מיט הענט וואָס זענען געווען פארברענט פון קאָסען דאָס היי יעדען

זומער און מיט אויגען וואָס האָבען געלויכטען ווי אונ־טערגעצונדענער בראנפען...

א חנ׳עוודיגע שיקסע!

נאָר איינמאָל האָט זיך פּארלאָפען א מעשה, אז קאַ־שיא׳ס פאָטער, א פשוט׳ער ערל, מיט גזלנ׳ישע וואָנצעס, האָט עפּעס באמערקט ניט קיין שעהנע זאך פון זיין קאשיא׳ן און פון איהר אידישען געליעבטען, און אזוי ווי ער, דער פאָטער, האָט גראָד אין יענעם מאָמענט גע־האלטען אין האנד א גראבליע, האָט ער דערלאנגט דעם בחור מיט דער גראבליע און האָט איהם שיעור געמאכט פאר א קאליקע.

— מע׳וואָלט געקענט לעבען, נאָר מע׳לאָזט נישט!

— אזוי האָט באמערקט דער צע׳דם׳טער בחור און איז אנטלאָפען איבער די פעלדער...

---

ער איז געקומען קיין אמעריקא.

אין אָנפאנג האָט ער געפּעדעלט, פּארשווארצט גע־וואָרען, אָבער מיט דער צייט האָט ער זיך אויסגעגרינט, האָט זיך באקענט מיט די בחורים, וואָס האָבען געגאָלטע נאקענס, טראָגען קאשקעטען מיט קעסטעלעך און די דאַ־שיקעס אויף א זייט...

און ער איז געוואָרען מיט זיי איין לעבען, מיט איין נשמה.

און ער האָט ווידער גענומען גלוסטען.

גלוסטען רייך צו ווערען.

איז ער אריין אין א באנק־געשעפט, א כאפּ געטון פון פענסטער עטליכע טויזענד דאָלאר בילס און געוואָלט אנטלויפען.

האָט דער ספּעשעל פּאָליסמאַן אויסגעשטרעקט די אָרעמס, איהם צוגעדריקט צו זיין ברוסט און איהם גע־שלאָגען טויטשלעק.

אין געריכט האָט דער פאַראורטיילטער באַמערקט:
— מע׳וואָלט געקענט לעבען, נאָר מע׳לאָזט נישט!

---

פון פּריזאָן איז ער אַרויסגעקומען אַ געענדיגטער — טשאַכאָטניק. ער האָט געהוסט און אונטערגעשפּיגען מיט בלוט. זיין פּנים איז געווען געל ווי זיין — נאַטור, און די אויגען האָבען געקוקט אַזוי רחמנות׳דיג פון אונטער דעם דאַשיק פון קאַשקעט...

די אויגען פון אַ בעל־תשובה...

ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט לאַנג ניט לעבען, האָט ער גענומען זיך דערמאַנען אין דער היים, אין טייך וואָס האָט איהם צוגערוישט די ערשטע סודות פון לעבען, אין זיין מוטער׳ס בלייכע הענט, וואָס טונקען זיך אין גלאַנץ פון שבת־ליכט. אין דער געשטופּעלטער קאַשיא... אין די ווייסע גערטנער — מיט קאַרשען־צוויעט.

האָט מען איהם אוועקגענומען אין אַ שטאָטישען סאַניטאַריום, אַרויסגעשטעלט איהם אין דרויסען און איהם געלופּטערט...

און געריינינגט זיין נשמה — מיט דעם ריינעם ליכט פון גאָט׳ס זון...

אָבער איינמאָל, אין אַ פייכטען פריהמאָרגען האָט זיך אונטער זיין בעטעל אוועקגעשטעלט דער מלאך־המות, אַריבערגעוואונקען צו איהם און געזאָגט: „קום!"

— מע׳וואָלט געקענט לעבען, נאָר מע׳לאָזט נישט!

— האָט ער צום לעצטען מאָל באַמערקט און איז אויסגעגאַנגען...

# מיין ערשטער דעפּאָזיט

איך ווייס נישט ווי אזוי דאָס איז געשעהן. ווי אזוי סע איז מיר גאָר איינגעפאלען אזא געדאנק צו נעמען מיינע בלוטיגע געלדער און זיי אָנגעטרויען א באנק! אָבער עס איז געשעהן. מוצאי־חנוכה פון היינטיגען יאָהר האָב איך גענומען מיינע שווער פארהאָרעוועטע געלדער — מיינע צוואנציג דאָלאר — און זיי אוועקגעטראָגען אין באנק אריין און אָנשטאָט געלט — לעבעדיג געלט, וואָס מען קאָן דערמיט קויפען וואָס מען וויל, האָב איך געקראָגען עפּעס א גרין ביכעלע, צונויפגעלעגט אין א געל קאָנווערטעל, און — דאָס אלעס. אז איך האָב דאָס דערזעהן איז מיר איינגעפאלען ס'הארץ, און איך האָב שוין חרטה געהאט אויף דעם גאנצען ענין.

ערשטענס איז מיר נישט געפעלען געוואָרען דאָס בחור'על וואָס שטעהט ביים פענסטערעל און נעמט צו ס'געלד. א יונג בחור'על. נישט קיין פארהייראטס. וואָס טו איך איהם, אז ער נעהמט צו ס'געלד און אנטלויפט? און צווייטענס איז מיר נישט געפעלען ווי אזוי ער האָט מיך באהאנדעלט: צוגענומען ס'געלד, א כאפּ געטאָן עפּעס א ביכעלע, אריינגעשריבען דאָרטען וואָס־נישט־איז, דערלאנגט דערמיט א קנאק אויפ'ן פענסטערעל און א זינג געטון: „נעקסט!"...

אזוי גיך ווי איך האָב געקראָגען ס'ביכעלע האָב איך א קוק געטון אינעווייניג און... ס'איז אין מיר פארקיהלט געוואָרען וואו איך האָב געהאט א טראָפּען בלוט. וואָס איז דאָס פאר א מין געשריפטס? און ווי אזוי וועט ער עס קאָנען איבערליינען? און פון וואנעט ווייסט ער, אז

סע מאכט צוואנציג?... „עי!“ האָב איך געטראכט, „עפּעס געפעלט מיר נישט דער גאנצער עסק!“... און איך בין צוגעלאָפן צום פענסטערל, אוועקגעשטופּט דעם אידען וואָס איז געשטאנען אין ליין און אריינגע־שריגען צו דעם בחור׳ל דאָרטען אינווייניג. „העי!“ האָב איך איהם אריינגעשריגען, „איך האָב אייך אקאָרשט אוועקגעגעבען צוואנציג דאָלאר!“

— וואָס־זשע ווילט איהר? — מאכט צו מיר דאָס קאסירערל און פארשניצט זיך א בלייפעדער.

— איך וויל, אז איהר זאָלט נישט זיין אזא עזות־פּנים! — זאָג איך — אז נישט כאפּסטו א פּלעם איבער די פּיסקעס אז דער גוטער יאָהר וועט דיך צונעמען.

מאכט ער צו מיר: מיסטער וואָס ווילט איהר? איך האָב אייך געגעבען א ביכעל? — דאצאָל!

— איצע נאָך! — זאָג איך. — איך וויל מיט דיר מעהר נישט רעדען, דו בלוטזויגער, — זאָג איך — וואָס דו ביסט. איך זעה שוין, — זאָג איך, — אז איך בין דאָ אריינגעפאלען אין די ריכטיגע הענט. גיב מיר צוריק —זאָג איך — ס׳געלד און לאָמיר — זאָג איך — זיין אוים מחותנים.

מאכט ער צו מיר: צימפּאסיבל!

זאָג איך: איכ׳ל דיר באלד געבען א צימפּאסיבל, אז דער גוטער יאָהר וועט דיך צונעמען. שווינדלער, — זאָג איך — וואָס דו ביזט. מיט מ י ר — זאָג איך — וועסטו נישט מאכען אזעלכע שטיק. גיב אהער די געל־דער, — זאָג איך — איידער — זאָג איך — איך רוף פּאָליציייסקע און איידער — זאָג איך — איך שריי גע־וואלד. גע־וואה־לד!, — צעשריי איך זיך אויפ׳ן קול — גע־וואה־לד!

דערהערט אז איך שריי געוואלד, איז ער שוין געוואָ־רען א ביסעל ווייכער — דער בחור, און מיר גענומען געבען צו פארשטעהן, אז איצט קאָן ער מיר נישט צוריק־

געבען ס'געלד, אז איך מוז ווארטען צוויי וואָכען. סא רול אזא.

זאָג איך: אויב אזוי, טו לייענט־זשע מיר איבער וואָס איהר האָט אריינגעשריבען אין ביכעלע. לאָמיך זעהן, — זאָג איך — צו איהר ווייסט וואָס איהר האָט דאָרטען אריינגעשריבען. עפּעס — זאָג איך — האָט איהר עס מיר געמאכט צו שנעל. עס גלויבט זיך מיר נישט, — זאָג איך, — אז מ'זאָל אזוי גיך קאָנען פארשרייבען אזויפיעל געלט.

נעמט ער ביי מיר צו ס'ביכעלע און לייענט איבער: צוואנציג טוהלער.

זאָג איך: אָלרייט. געדענקט־זשע! ס'איז צוואנציג טוהלער! און זאָלען די אידען — זאָג איך — וואָס שטעהען לעבען פענסטערעל, זיין עדות. אידען! — זאָג איך — זייט עדות, אז איך האָב דאָ אין באנק צוויי קנאקענדיגע צעהנערלעך!

און איך געה אהיים מיט'ן ביכעלע.

מילא פארשטעהט זיך, אז פון שלאָפען איז שוין גע־ווען אָפּגערעדט. א גאנצע נאכט האָט זיך מיר גע'חלומ'ט, אז רויבער זיינען באפאלען די באנק און מ'האָט אויס־גערויבט וואו א פעני. עטליכע מאָל דורך דער נאכט האָב איך זיך אויפגעוועקט און געשריגען געוואלד, און אז סע איז געוואָרען טאָג, האָב איך די ערשטע זאך געכאפּט די קאר און אוועקגעלאָפען צו דער באנק.

זי איז געוועזן גאנץ. נישט אויסגערויבט. א שטיין איז מיר אראָפּ פון הארץ.

נאָר אזוי ווי איך בין אזוי געשטאנען ביי דער באנק און באטראכט דאָס פענסטער, איז מיר איינגעפאלען, אז די גראטעס זיינען צו שוואך און אז מ'דארף האָבען נייע גראטעס.

בין איך שוין אזוי געשטאנען מיט'ן לאָנטש־קעסטיל אין האנט און געווארט ביז דער פרעזידענט פון באנק וועט אָנקומען.

אז דער פּרעזידענט איז אָנגעקומען, האָב איך איהם פארנומען אָן א זייט און איהם געזאָגט, אז ער מוז האָבען נייע גראַטעס פאר דער באנק און נאָך מיין מיינונג, — זאָג איך — איז די גאנצע געביידע א שוואכע, און מען דארף זי איבערבויען. מען דארף זעהן, — זאָג איך — אז די גאנצע געביידע זאָל זיין פון סאמע מ ע ר מ ע ל - ש ט י י ן, ווייל מערמעלשטיין, — זאָג איך — איז הארט.

מאכט ער צו מיר: אָלרייט. איך דאנק אייך פאר דער עצה.

זאָג איך: גערענקט־זשע, למע"ה! א נייע געביידע פון מערמעלשטיין! און נייע גראַטעס.... און סע זאָל זיין, — זאָג איך — גוט באוואָרענט... איך בין עקסטרא — זאָג איך — געקומען צו לויפען פון בראָנזוויל... ווייל סע האָט זיך מיר, — זאָג איך — גע'חלומ'ט אז מ'האָט אונז בא'גנב'עט...

און איך לויף אוועק צו דער ארבייט.

פארנאכט, אז איך דארף אהיימפאָהרען, טראכט איך: איכ'ל פארבייגעהן די באנק זעהן וואָס סע הערט זיך. מ'קען קיינמאָל נישט וויסען, — טראכט איך — ווי אזוי א זאך, מאכט זיך. סאמעריקע! — טראכט איך.

איך קום אזוי צו צו דער באנק און איך גיב א קוק, זעה איך: עפּעס א איד פליהט ארויס פון באנק און — הויבט אָן לויפען.

הויב איך אָן שרייען געוואלד! און — איך לויף איהם נאָך... אזוי לאנג ביז וואנעט א פּאָליסמאן האָט איהם אָפּגעשטעלט. און וואָס, מיינט איהר, האָט זיך ארויסגעוויזען? עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דער איד איז אָנגעשטעלט אין באנק און אז ער איז געלאָפען כאפּען א קאר, ווייל דאָס ווייב געהט איהם צו קינד מיט א מיי־דעלע.

האָב איך מיך א קאפּעלע פארשעמט און אהיימגע־פאָהרען.

אָבער שלאָפֿען האָב איך ווידער נישט געקאָנט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר אַלץ אויסגעדאַכט, אַז דאָס קאַסירערל וואָס האָט מיר געגעבען ס'ביכעל האַלט אין דער האַנט אַ זעקעל מיט געלט און לויפֿט. און איך נ אָ ך א י ה ם... און איך האָב ווידער עטליכע מאָל געשריגען געוואַלד פֿון שלאָף און געוואָרפֿען מיט די הענט, און שיעור דער'הרג'עט די בייבי...

צו מאָרגענס גאַנץ פֿריה בין איך אוועק צו אַ לאַנדס־מאַן, וואָס וואוינט גראַד אַקעגען דער באַנק, און איך האָב איהם צוגעזאָגט דרייסיג פּראָצענט פֿון דעם פּאַרלוסט, אַבי ער זאָל האַלטען אַן אויג אויף דער באַנק און ער זאָל זי וואַטשען. „וואַטש!" האָב איך איהם געבעטען, „זייַ און וואַטש! לאָז נישט אַראָפּ — זאָג איך — אַן אויג פֿון דער באַנק, און אַזוי גיך, — זאָג איך — ווי גאָט וועט מיר העלפֿען און די צוויי וואָכען וועלען בשלום אַרי־בער, איז כאַפּ איך גלייך אַרויס — זאָג איך — די צוואַנציג טוהלער, און לאָזען זיך — זאָג איך — אָנצינ־דען אַלע בענק. מעהר, — זאָג איך — טרעט איך דאָרט נישט אַריבער די שוועל!"

דערווייל געהען אַוועק נאָך צוויי טעג, לייען איך אין די פּייפּערס, אַז מ'האָט באַ'גנב'עט אַ באַנק, ערגיץ אין די בראָנקס. לויף איך אַוועק צום פּרעזידענט פֿון מיין באַנק און זאָג איהם:

— ס'איז ביטער!

מאַכט ער צו מיר: וואָס איז דער מעהר?

זאָג איך: מען גנב'עט!

זאָגט ער: ביי מיר וועט מען נישט גנב'ענען! מיין באַנק איז באַוואָרענט.

זאָג איך: נו, און וואָס טוט איהר, למשל, אַז אייער קאַסירערל כאַפּט צו ס'געלט און אַנטלויפֿט?

זאָגט ער: מיסטער, איהר ווייסט נישט וואָס איהר רעדט!

זאָג איך: נו, מילא... ווייס איך נ י ש ט וואָס איך

רעד... ס'איז מיר נישט געלעגען... אָבער נייע גראַטעס האָט איהר געמאַכט?...

זאָגט ער: ניין.

זאָג איך: נו, און די געביידע האָט איהר איבערגע־בויעט, צי אויך נישט?

מאַכט ער: פּליעז, הערט־אויף באָדערען.

זאָג איך: אויב איהר האָט נישט געמאַכט קיין נייע גראַטעס און די געביידע האָט איהר אויך נישט איבער־געבויעט, און דאָס שעהנע קאַסירערל אייערס האָט איהר נישט אָפּגעשאָפּט, טו גיט־זשע מיר אהער, — זאָג איך — די געלדער!

זאָגט ער: איהר מוזט וואַרטען ביז וואַנען עס וועט זיין פולע צוויי וואָכען.

זאָג איך: אָלרייט. איכ'ל וואַרטען. אָבער ווייסט איהר וואו איכ'ל וואַרטען? — אָט דאָ אין דרויסען פאַר דער באַנק, וועל איך וואַרטען. איהר וועט ביי מיר — זאָג איך — קייען די ערד און קיין סאַטיספעקשאָן — זאָג איך — וועט איהר ביי מיר נישט אויספיהרען. איך זאָל אפילו ווייסען, אז מיינע קינדער וועלען בלייבען אָהן א טאַטען, וועל איך מיך נישט ריהרען פון דרויסען, ביז וואַנען איכ'ל נישט האָבען צוריק ס'געלט. איכ'ל נישט איבערלאָזען — זאָג איך — די באַנק אויף הפקר. א י ך — זאָג איך — וועל וואַטשען און מיין לאַנדסמאַן, וואָס וואוינט דאָ נעגענאיבער, וועט וואַטשען... סע'ט זיך טון, — זאָג איך — חושך! אָט אזא מין איד בין איך!... איכ'ל דאָ שטעהן אין דרויסען — זאָג איך — אין די גרעסטע פרעסט, און לאָמיך זעהן — זאָג איך — טוט מיר עפּעס. דו מי סאַמטינג!

מאַכט ער צו מיר: איהר זענט א מאָדנער מענש, קומט אראָפּ מיט מיר אונטען אין באַנק, וועל איך אייך הייסען אויסצאָהלען — זאָגט ער — אייערע 20 דאָלאַר.

זאָג איך: נאָסער! אזעלכע מאַנקי־ביזנעס געהען ביי מיר נישט און ווייל — זאָג איך — איהר ווילט

מיר צוריקגעבען ס׳געלט, ווײל איך עם דוקא נישט נעמען. איהר קענט מיך — זאָג איך — נישט צווינגען דערצו...

זאָגט ער: אָלרייט, נעמט נ י ש ט ארויס ס׳געלט.

זאָג איך: נעווערמיין, „נעמט נישט ארויס ס׳געלט". אז איכ׳ל וועלען וועל איך ארויסנעמען.

זאָגט ער: פּליעז, געהט ארויס און הערט אויף נודיען!

זאָג איך: אָלרייט, איך געה, אָבער איכ׳ל ש ט ע ה ן א י ן ד ר ו י ס ע ן. אין די גרעסטע פּרעסט וועל איך שטעהן אין דרויסען און וואַטשען מיינע געלדער. און מיין אונשולדיג בלוט, — זאָג איך — און דאָס בלוט פון מיינע אונשולדיגע יתומים וועט פאַלען — זאָג איך — אויף אייערע קעפּ. באנדיט! — זאָג איך — וואָס איהר זענט. דעם לעקטרי־טשער, — זאָג איך — איז פאר אייך וועניג... היצעל! מערדער! געוואַל־ל־ד!

און איך נעם שרייען מיט אלע כחות.

---

דער סוף איז געווען, אז מ׳האָט מיר אָפּגעגעבען די צוואַנציג דאָלאר און אהיימגעהענדיג פון באַנק, האָט מען זיי ביי מיר ארויסגע׳גנב׳עט פון קעשענע...

און פון דעמאָלט אָן (אַזוי ענדיגט דער איד וואָס דערצעהלט די דאָזיגע געשיכטע) פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך געגעבען א שבועה, אז מיין פוס זאָל נישט אריי־בערטרעטען די שוועל פון א באַנק. ס׳איז רעגעלע באַנ־דיטען איז דאָס! קעשענע־גנבים! פּיק־פּאַקעטס! לאָ־זען זיי זיך אָנצינדען!

# גיב איהם פינפערליך

אויסגעפּוצט אין די שענסטע מלבושים, מיט ביידע הענט אויף דער רעכטער קעשענע, איז מיסטער באלאמוט, דער קאַסטומער־שניידער, אוועק דעפּאָזיטען זיינע ערשטע פינף און זעכציג דאָלאר.

— וואו איז דער פּרעזידענט? — האָט ער מיט א וואזשנעם טאָן א פרעג געטוןביים ספּעשעל פּאָליסמאן וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר — איך וויל דעפּאָזיטען מיינע געלדער.

דער ספּעשעל פּאָליסמאן האָט איהם מיט גרויס כבוד ארויפגעפיהרט אויפ'ן ערשטען פלאָר צום פּרע־זידענט.

— דיזער דזשענטעלמאן וויל דעפּאָזיטען זיינע געל־דער אין אונזער באנק — האָט דער ספּעשעל פּאָליסמאן פאָרגעשטעלט באלאמוט'ען פאר'ן פּרעזידענט פון דער באנק.

— עס פרעהט מיך זעהר אייך צו קאָנען — האָט דער פּרעזידענט איהם באגריסט און האָט געפרעגט: — אלזאָ, וויפיעל?

— פינף און זעכציג! — האָט באלאמוט געענטפערט שטאָלץ.

— פינף און זעכציג טויזענד? — האָט דער פּרעזי־דענט איבערגעפרעגט.

— וואָסערע טויזענדער! — האָט באלאמוט אויס־געשטעלט א פּאָר אויגען — ביי די לויזיגע שניידעריי האָט איהר געוואָלט איך זאָל מאכען טויזענדער? מען מאכט היינט מיט די זייטען, מיסטער!

— טו וויפיעל? — האָט שוין דער פּרעזידענט גע־פרעגט אומגעדולדיג.

— פינף און זעכציג קאַרבאַטשעס, ווי די רעדער.

— דזשים! — האָט דער פּרעזידענט אַ רוף געטון אַן אָפּים באַי — פיהר אַרונטער דעם דזשענטעלמאַן אונטען. ער וויל מאַכען אַ דעפּאָזיט.

דזשים האָט אָנגענומען דעם קאַסטומער־שניידער פאַר אַן אַרבעל און איהם איבערגעגעבען צוריק צום ספּעשעל פּאָליסמאַן.

— מיסטער מענעדזשער! דער דזשענטעלמאַן וויל דעפּאָזיטען זיינע געלדער! — האָט דער „ספּעשעל" אי־בערגעגעבען די ידיעה ווייטער.

דער מענעדזשער, אַ יונגער מענש, מיט גלאַנציג־שוואַרצע האָר און וואָנצעס, האָט זיך באַלד באַוויזען.

— וואו איז דער דזשענטעלמאַן וואָס וויל דעפּאָזיטען זיינע געלדער? — האָט ער געפרעגט אַרויסקומענדיג פון אונטער די גראַטקעס, מיט אַ בלייפעדער אונטער'ן אויער.

— אָט בין איך! — האָט באַלאַמוט אויפגעהויבען די האַנט.

— וויפיעל.

— פינף און זעכציג.

— הונדערט?

— וואָסערע הונדערט? ביי די לויזיגע שניידעריי קען מען מאַכען מיט די זייטען, ניט קיין הונדערטער.

— טו וויפיעל?

— פינף און זעכציג קאַרבאַטשעס ווי די רעדער!

— סיי, מיסטער רודערמאַן! — האָט דער מענע־דזשער אַ רוף געטון צום קלוירק — דער מאַן וויל דעפּאָ־זיטען זיינע געלדער. און צו באַלאַמוטען האָט ער געזאָגט:

— געהט, זייט מוחל, צו צו יענעם פענסטערעל, וועט מען ביי אייך צונעמען דאָס געלט.

— וויפיעל? — האָט געפרעגט דער קלוירק.

— פינף און זעכציג קארבאטשעס, ווי די רעדער!...
ביי די לויזיגע שניידערייי קען מען מאכען מיט די זייטען, ניט קיין טויזענדער! — האָט ער אָפּגעזאָגט אלצדינג מיט אמאָל.

דער קלוירק האָט מיט א שמייכעל ארויסגענומען א קארטעל, אויפגעצייכענט אלע נויטיגע זאכען און געבעטען באלאמוט׳ען אונטערשרייבען.

— ניט געטראָפען דעם קאָסטומער! — האָט באלא־מוט געזאָגט, צוריקווייזענדיג דאָס קארטעל — מיר פארשטעהען די טריקס.

— וואָסערע טריקס?

— אָט די טריקס מיט דעם אונטערשרייבען.

— אָבער איהר מוזט אונטערשרייבען. ס׳איז אזא רול ביי אונז!

— נעווער מיין רולס! — מיר האָבען שוין געזעהן גרעסערע רולס!

— אָבער, מיסטער, מיר האָבען ניט קיין צייט זיך צו באדערען. איהר ווילט אונטערשרייבען, צו ניין?

— איך׳ל אונטערשרייבען, אָבער נאָר מיט איין האנט!

— אָל־רייט!

— ווי אזוי ספּעלט איהר מיין נאָמען?

— פון וואנעט זאָל איך וויסען ווי אזוי איהר ספּעלט אייער נאָמען?

— אויב אזוי — מאכט באלאמוט — זענט איהר דאָך טאקע א שווינדלער!

— מיסטער, בעהייוט זיך א ביסעל!

— נעווער מיין בעהייווען! מיר האָבען שוין געזעהן גרעסערע קנאקערס!

— מיסטער, איהר ווילט דעפּאָזיטען דאָס געלט, צי ניין?

— אָט וועל איך זיך טאַקע כאַפּען און אייך אָנגע־טראָגן מיינע געלדער!

— טו געטרויט נ י ט! ווער הייסט אייך?

— נעווער מיין, ווער הייסט אייך! פאַר מיינע געלדער בין איך גלייך מיט ע נ י ב א ד י!

— טו דעפּאָזיט!

— וויפיעל?

— וויפיעל איהר ווילט!

— זעכציג וועט זיין גענוג?

— אפילו פערציג!

— אפשר דרייסיג?

— לאָז זיין צוואַנציג!

— צעהן וועט איהר ניט נעמען?

— גיט אהער צעהן!

— נאַט אייך פינף!

— לאָז זיין פינף!

— איהר ווילט טאַקע? קוק עס אָן! איז באַלאַמוט ארויס פון די כלים — גיב איהם געלט, דעם ראָצער! פאַר וואָס קומט דיר געלט — פאַר וואָס?

— מיסטער, געהט ארויס פון דאַנען און באַליידיגט נישט קיין מענשען!

— שאַרראַפּ! רעד נאָך א וואָרט, קריגסטו א פּלעם איבער'ן פּרעסער!...

און ביי די דאָזיגע ווערטער איז ער ארויס, בורטשענדיג:

— האָסטו געזעהן אזוינס! — גיב איהם פינפערלעך

— גיב איהם!

# ת׳נ׳צ׳ב׳ה

א געשיכטע וואָס האָט
נישט קיין אינדערמיטען

...הקיצור, ער איז אוועק אין גאס און האָט אָנגעהויבען פעדלען. אָפּגעפּעדעלט אזוי א פּאָר טעג איז ער זיך מישב: ער וועט אוועק אין דער וועסט־סייד און דאָרט א פּעדעל טון צווישען די איירישע ערלים. וועט ער מאכען א סך געלט.

געהט ער אזוי אויף דער צעהנטער עוועניו — קומט איהם אקעגען א לויפער און גיט איהם א ציפּ פאר׳ן באָרד. גיט ער איהם צוריק א שטורך. א ווארט פאר א וואָרט און —

אין צוויי וואָכען ארום איז ער ארויס פון האָספּי־טאל.

א צובראָכענער מענש, נעביך!

מילא פון פעדלען האָט שוין נישט געקענט זיין קיין רייד. איז ער געוואָרען א קאָלעקטאר פאר א סטאָר וואס פארקויפט סחורה אויף אויסצאָהלען.

האָט איהם דער באָס געגעבען א ביכעל, מיט נעמען פון בעלי־חובות, איהם אָנגעזאָגט ער זאל זיך ניט שרעקען פאר קיין הונט און —

ער איז אין א מזל׳דיגער שעה אוועק קאָלעקטען.

דאָס ערשטע הויז וואו ער האָט בעדארפט אריין, איז געווען א דייטשע. איז פון פאָרענט ביים גערטענדעל געלע־גען א גרויסער הונט ווי א קאלב מיט אן ערנסט פנים און — געקוקט אויף אונזער קאָלעקטאר.

האָט זיך אונזער קאָלעקטאָר גיט אָפּגעשראָקען נאָר פּאַמעליכקע אויפגעריגעלט דאָס ריגעל פון שטאָכעט־טירעל און —

מען האָט איהם ענדליך פארבאנדאזשירט און אהיים געשיקט.

אין א פּאָר טעג ארום איז ער אראָפּ פון בעט, גענומען ס'ביכעל אונטער'ן אָרעם און ווידער אוועק צו א קאָסטי־מער, וועלכער האָט געוואוינט ערגיץ אויף א טאָפּ־פלאָר פון א טענעמענט־הויז.

קומט ער אריין, טרעפט ער א הויכען גוי, ווי א ריעז, מיט א רויט פּנים ווי א צוויק, זיצט אין די הוילע פּאַנטאָ־פעל ביי א „פּיינטעלע" ביער און פּראוועט „שלש־סעודות".

מאַכט ער: גוד־יווניעק, מיסטער קאָסטימער!

מאַכט דער ערל: וואָהאַדיזשעוויש?

מאַכט ער: גימידימאַניע, פּליעז!

מאַכט ער: סקידו!

מאַכט יענער: גיב די מאָניע!

שטעלט זיך דער גוי אויף, ווישט אָפּ די טריפה'נע וואָנצעס, און — די אורזאכע פּארוואָס די טרעפּ האָבען זיך נישט צעשאָטען איז דאָס, וואָס זיי זענען געווען פון מערמילשטיין.

דאָס מאָל איז ער אָפּגעלעגען אין שפּיטאָל איבער א חודש און איז ארויסגעקומען מיט א קוליע און בלאַס ווי א מת...

און א וויטשנע קאָליקע!

האָבען איהם די דאָקטוירים געהייסען פאָהרען אין קאַונטרי.

האָט ער זיך דערמאָנט ,אז ער האָט א פעטער ערגיץ, אויף א פארם, אין קענעדע, איז ער אוועק אהינצו און האָט זיך אביסעל ערהאָלט.

איז איינמאָל געהט ער אזוי ארום באטראכטען זיין פעטער'ס באלעבאטישקייט, זעהט ער ווי אין דרויסען

שטעהט א קיילעכדיגע דאמף זעג און זעגט קלעצער מיט דער געשווינדקייט פון א בליץ.

עפעם א מאָדנע זעג און — אזא קונציגע!

געפעלט איהם די מעשה. און עס פאלט איהם איין צו שטעלען א פינגער צו דער זעג פרובען צי זי איז שארף און —

קיין געלט אויף א קינסטליכע האנט האָט ער נעביך ניט געהאט. איז ער נעביך געווען א טאָפּעלטע קאליקע — אי אויף א פ ו ס אי אויף א ה א נ ט...

נאָר, ווי זאָגט ער, א מענש קאָן זיך צו אלצדינג צוגעוועהנען. מיט דער צייט האָט ער זיך צוגעוועהנט באַנוצען די לינקע האנט אַנשטאָט די רעכטע, און ער וואָלט שוין נישט אזוי געפיהלט זיין אומגליק, ווען ניט דאָס וואָס ער האָט זיך אליין אויך נישט געפיהלט ווי אמבעסטען!

אזוי איז אוועק צוויי וואכען. איינמאָל איז ער זיך מישב און לעגט זיך אריין אין בעט אריין, פאררויכערט זיך די ליולקע מיט דער לינקער האנט און פיפקעט געשמאַק. מאכט צו איהם דער פעטער זיינער: אפשר וואָלסטו אויפגעהערט רויכערען אין בעט? קענסט נאָך חלילה אַנמאכען א פייער צו אלדע גוטע יאָהר! מאכט ער: נעווערמיין! ס'איז אָלרייט! מאַנדזשעראָמביזנעס! און ווי ער זאָגט דאָס ארויס, קלעפּען זיך ביי איהם צו די אויגען פון מיעדקייט און —

צו זיין לויה, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם צווייטען טאָג, זענען געקומען פיעלע אנגעזעהענע פארמערס פון דער אומגעגענד.

פריעדען צו דיינע אשעס, מיסטער ווי איהר האָט דאָרטען געהייסען!...

# מזל דאַרף מען האָבען

גאַליצישער דיאַלעקט

שש. רעד אביסעל שטילער. וועסט מיר נאָך חלילה איזדרעכנען ס׳קינד. זאָגסטו, הייסט עס, אז ס׳איז גאָר־ניש? אלץ גייהט פון זיך אליין?

ע־הע־הע! טאָסטים שוין ווידער מיט זיין פילוסופיע. אי, לאָז מיך געמאַך, כ׳בעטיך! דיינע אלע חקירות זענען ביי מיר נישט ווערט קיין צוויי פּרוטות. ווארים ווידער אמאָל דאָס אייגענע: אין פילוסופיע מוזטו זיך דאָך א ו י ך פאַרלאָזען אויף דיין אייגענעם שכל, און אז א מענשענ׳ס שכל קען נישט תופס זיין א דבר וואָס איז למעלה מן השכל, האָבען מיר דאָך ערשט־נאָר־וואָס גע־רעדט.

שאַ. איך׳ל גאָרניש גייהן ווייט. איך׳ל דיר דערצייהלען א מעשה שהיה. על׳מיר הערען וואָס דו וועסט זאָגען דערצו.

אז איך האָב געוואוינט אין פּרעמישלאָן, ווייסטו דאָך מסתמא. און אז איך האָב דאָרט געהאַט אן עסק מיט׳ן פּריץ, גערעדענקסטו דאָך מסתמא אויך. מילא, איך בין דיר נישט אויסען דאַרויף — ווי ס׳איז מיר דאָרטען געגאַנגען אין פּרנסה: — ווי אזוי ס׳איז געווען — מע האָט געקרוי־טיט, גערדרעהט מיט דער וועלט. דאָ געמעקט זיך. דאָ גע־שטעלט זיך. אבי ס׳איז געווען ס׳שטיקעל ברויט. און די עטליכע זילבער האָבען זיך גערדרייהט אין קעשענע — איז געווען ניש צו פאַרזינדיגען.

דערנאָכדעם אָבער אז סע האָט זיך אָנגעהויבען דאָס

טועכץ מיט דער טאַבעלאַציע מיט מיינער, וואָס ס׳איז געווען טאַבעלירט נאָך אויף מיין שווער עליו־השלום׳ס נאָמען, און מען האָט מיר געמאַכט די פּאַנ־טאַציע און אָפּגעפּענ׳ט פון מיר אַלצדינג, פאַר מיין שווער עליו־השלום׳ס חובות, און איך בין גע־בליבען, ווי מ׳זאָגט אַמאָל, נקי, ריין, ווי די מאַמע האָט מיך געהאַט, בין איך דאָך געוואָרען שטאַרק געפאַלען ביי זיך. ליציטירט אין גאַס — ליציטירט. און איך שטעה און קוק־צו מיינע צרות. און דאָס האַרץ — פּעך־פּעך! אַזוי ווי מיט האַמערס... אַ קליינינקייט די בושה, מיט דעם וועהטאָג. אַזוינס צו דערלעבען! אפילו דעם היינגלייכטער דער מאַמע׳ס האָבען זיי ביי מיר אָפּגע־פּענ׳ט — די היצליעס. ס׳איז, ווי מ׳זאָגט אַמאָל, אַ סך צו דערצייהלען און ווייניג צו הערען.

דעם הענגלייכטער!... — ס׳איז דאָך אַ נאַרישקייט. נאָר פאַר־וואָס־זשע דערצייהל איך עס אייך? — פאַר וואוע? ווייל ביי מיין מאַמע׳ן, עליה השלום, איז דער הענגלייכטער געווען ל׳היי אַ רייניקייט, להבדיל. איהר מוזט נאָך געדענקען, ווי זי פּלעגט אַרומגייהן איבער דער שטאָדט נאָך לעכט. נאָר לעכט האָט זי געוואָלט. לעכט און לעכט. מאַמע פּלעג איך צו׳ן איהר טענה׳ן, מאַמע לעבען, פּאָלג מיך און קריך ניש אום אין די בלאָטעס און אין די ווילגאָטעס. דאָס מקום־קדוש, זאָג איך, וועט מען שוין, מיט גאָט׳ס הילף, באַלייכטען אָהן דיר. דו זיץ בעסער, זאָג איך, אין דער היים, און גיב אַכטונג, זאָג איך, אויף די קוקורוזענקעלעך, זיי זאָלען זיך ניש צוסמאַלען: דערמאָלט, אויב איהר געדענקט, זיינען נאָך אין אונזערע מקומות שטאַרק אָנגעגאַנגען די קוקורוז־פּלעצליך! זי אָבער, די מאַמע מיינע, מיינע רייד זאָלען איהר ניש צו שווער זיין: אַ חכמה איז זי דאָך געווען פון תמיד אָן — גאָרניש.

איך מוז, זאָגט זי, גייהן נאָך לעכט. אַזוי פיעל מעג איך מיר כאָטש, זאָגט זי, אָנגרייטען, איך זאָל האָבען מיט

וואָס צו קומען אויף יענער וועלט. לערנען, זאָגט זי, קען איך ניש, מיט וואָס־זשע, זאָגט זי, זאָל איך דינען זיין ליבען נאָמען? — מיט די קוקורוזינעקלעך מיט דיינע? אָדער מיט די פּלאַמפּלעץ? — אזוי מיט א הלצה׳לע.

...ברענג איך עס אויס קעגען דעם אין וואס פאר א מדרגה איך בין דעמאָלט געווען, און דאָ האָט זיך נאָך דער פּריץ אין מיטען־דרינען אריבערגעצויגען מיט דער פאכט קיין גאַלאַגור. מסחרים זענען אויך ניש געווען אזוי פויגעלדיג. — עס האָבען זיך שוין דעמאָלט געהאט אָנגעהויבען די גוי׳עשע געוועלבען מיט די אלע זאכען. און וואס טויג עס דיר? פּרעמישלאנער אידעלעך, ברענגען זאָלען זייערע אָדערען! דאָס וועט דיר ניש באַרגען א גראָהצער ווען דו לאָזט דיך אוים. כאַטש שריי חי וקים!...

הכלל. ס׳איז ביטער ווי גאַל. איך דרייה מיך אום אין מארק, קוק ווי פייגעלעך פליהען און טראכט אזוי ביי מיר: מאין יבא עזרי? דערווייל געהט אוועק א וואָך און נ אָ ך א וואָך און טאָקע נ אָ ך איינע און קליינע קינדער — ווערים, דאָס וויל ניש וויסען פון קיין שום קונצען, סע וויל עסען. און מיין טשארנע אליין, זאָל זיין געזונט, גייהט אום הינטער דר׳ערד...

— וואָס, זאָגט זי, פּאוועל, וועט זיין דער תכלית פון אונז — וואָס? פון דעם אומדרייהען זיך מיט׳ן שטעקעלע, זאָגט זי, וואָס דו דרייהסט דיך אום, וועט גאר־ניש זיין, און מיט קייען די באָרד, וואָס דו קייעסט, ועסטו ניש אָפּקומען, זאָגט זי, טאָמער, זאָגט זי, וואָלט געווען א פּלאַן אז מיר זאָלען ארויסשיקען אונזער העשלען צו דער שייהנער משפּח׳טע אונזערע? פּאָרט, זאָגט זי, אייגענע. ווי זאָגט, זאָגט זי, דער גוי: קראָוו ניע וואָדאַ. צי טאָמער, זאָגט זי, וואָלט געווען א פּלאַן, מ׳זאָל שרייבען א בריעף צו בראָנהערשען, זאָגט זי, אָדער צו מאָנטעפיורען?

... הכלל, איך׳ל דיר לאַנג ניש ציהען, מיין העשעל (וואָס קלערסטו, אז איך האָב דאָס געדארפט דערלעבען!)

איז ארויסגעפארען קאליעדעווען צי דער משפחה און ·צענויפגעשלעפט א פאר זילבער...

מילא, גארנישט. עסען דעם מזומנ׳עם גראהצער איז דאך אויך קיין תכלית ניש. ווי זאגט מען עפעס? א ים שעפט זיך אויך אוים. הויבט מען אן קלערען וואס צו טון — דאס, יענס. מען קלערט אהין און מען קלערט אהער, און סע בלייבט: עפענען א שענקעל פון מעהד.

פארוואס עפעס א שענקעל פון מעהד? ווייל א קארטע פשעמיסלאווע האב איך געהאט אויסגעווערקט דורך פראטעקציע און האפען זענען דעמאלט געווען בזול־הזול, האניג האב איך געקויפט אין גלייכען געלט, פון דער פאשינקע, א קעסעל האב איך געהאט אן אייגענעם — ירושה פון דער מאמע׳ן, זאל זיך מיהען! — פון די דרייפיסיגע קעסלען וואס מ׳פלעגט אמאל אין זיי, אין די אלטע יאהרען פרעגלען פאווידלע — אויב דו געדענקסט.

קיצור הדבר: איך האב אין א מזל׳דיגער שעה געעפענט א מעהד־שענק!

...ווי־זשע האלט איך? יא! א שענק ווי אלע שענקען פון א גאנץ יאהר. אפגעזאטען א טאפ ארבעס — דעם אמת׳ן ארבעס. גוט באזאלצען און באפעפערט, מחמת דער עיקר איז דאך אז סע זאל דארשטען! — אוועקגעשטעלט אויפ׳ן שענק־טיש א פאר זויערע אוגערקעלעך — פון די אמת׳ע אתרוגים און איך זיץ מיט אן אפען מויל און כ׳ווארט אויף דעם גראהצער לייזונג ווי איינער ווארט אויף משיח׳ן...

...א טאג, צוויי, דריי, מען זעהט נישט א הונט. איז מיר פאסקודנע אין מויל פון דעם גאנצען עסק. און מיין טשארני נעהמט מיך גריזשען: סטייטש, איך העט באדארפט ארויפשטעלען א שילד. כ׳העט באדארפט דאס, כ׳העט באדארפט יענס. נו, מילא, זאג איך, העטיך־וועטיך! דערוויל, זאג איך, איז ביטער ווי גאל. און איך הויב אן אויסרעכענען: א קארטע פשעמיסלאווע האט געקאסט, א פעסיל האניג האט געקאסט, האפען

האָבען געקאָסט. היינט גלעזער, טעלער, שאַפּקעלעך און איך ווייס דאָרטען וואָס! — וואָס א שענק דארף אלץ האָבען. נאָר מילא, וואָס לאָזט זיך טון? אז מ'איז שוין אריין אזוי ווייט, מוז מען שוין קריכען ווייטער. צוריק־גייהן — קען מען שוין ניש. דערוויילֿ, טראכט איך, איז נאָך דער הימעל ניש ביי דר'ערד, מאָרגען אי"ה, האָבען מיר יריד אין שטעדטעל, נאָך שׂ נ י ט איז, דער גוי איז זעטיג אין גראהצער. א גוט ביסעל משקה, ווייס איך דאָך ביי זיך, האָב איך! וואָרים אין לויפענדער צייט, אז מ'איז אן אָנפּענגער, האָט מען דאָך מורא. טאָמער אזוי, טאָמער אזוי.

...קיצור: גאָט האָט געהאָלפען. ס'איז יריד־טאָג.

איך שטייה־אויף אין דער פריה, און טו א קוק דורכ'ן פענצטער: אי־אי! מען ציהט זיך! א כמא־רע! גוים, מיט גוי'טעס, מיט שרצים, און להבדיל, אידישע קאַניאַ־כעס, סוחרים, מעקלערס, בעטלער, אייערניקעס — אפילו דער איד מיט די אייזערנע רינגען, דו ווייסט, וואָס מען וואַרפט אויף די מעסערס און אויף וועלכען מעסער מען טרעפט, געווינט מען עפּעס א זאַך, — אפילו ער איז אויך דאָ. א שטארקער יריד! כאַפּ איך אויף זיך טלית און תפילין, דאַווען אָפּ ביחידות (וואָס פאר א טעם איך האָב שוין געפּיהלט אין דעם דאַווענען, אויף אלע מיינע שונאים געזאָגט געוואָרען!) און נעם מיך באלד מאכען א פּאַרזשאָנדעק. וויש אוים די ה א ל ב ע ס, ראַם אוועק ס'האַלץ, רוק אריין ס'רוקבעט פון באנק־בעטיל און מיין טשארנע'ן הייס איך דערוויילֿ אויסזידען א פרישען טאָפּ ארבעס — פון די א מ ת ' ע ארבעס, וואָרים אין לויפענדער צייט, אז מען שטעהט אין גראהצער לייזונג —

נאָך עלף — אהא! א גאנצע כאַפּטע ערלים לאָזען זיך אראָפּ פון דער ט א ר ג ו ו י צ ע גלייך צו אונז.

ווער זאָלען דאָס זיין די ערלים?

איך גיב א קוק ס'איז פעדקא, דער וואָיט, מיט א גאנצע חברה, שטאַרק אונטערגעפּייערט. הפּנים, אז זיי

האָבען שוין געמאַכט אַ כוסה, און זיי לאָזען זיך באַרג־אַראָפּ, צו אונז־צו.

רוף איך זיי צו.

טשויעטע, זאָג איך, טשאָלאָוויעטשע, חאָדיט, זאָג איך, סודא, או נאַס, זאָג איך, יעסט, זאָג איך, דאָס טייערסטע ביסעל מעהר, פּרימע, זאָג איך, שב׳פּרימע...

קומען זיי אַריין מיט אַ געשריי, און דאַיעט שטינקט זיי פון די שטיוועל, און דער בראַנפען שטינקט זיי פון מויל, אַז מען קאָן דערשטיקט ווערען! און איך, אדרבא ואדרבא, נעם זיי פיין אויף, גיב זיי שטולען, גיס אָן צו קעלישעקלעך מעהר און היים זיי פאַרזוכען.

— פּעיטי! זאָג איך, טשאָלאָוויעטשי. אי דאי וואַס באָזשע, זאָג איך, זדראָוויע, מיט סם־המות, זאָג איך.

נעמט ער, דער אַלטער, דאָס גלעזעל אין האַנט, ווישט אָפּ דעם דנאָ מיט זיין דאָלאָניע, פּאַרקאַטשעט זיך אַ וואָנצע, וואַרפט אַריין ס׳געלעזעל מעהר מיט איין גאַס, און שפּרינגט אויף ווי אַן אָפּגעבריהטער.

— עטאָ, זאָגט ער, ניע מיאָד, זאָגט ער, נאָר וואָדאַ, זאָגט ער... ס׳איז, הייסט עס, פשוט וואַסער...

כאַפּט דאָך דאָס מיר שוין אָן ביי דער כריסטשינענע: סטייטש, דו גוי, טראַכט איך ביי מיר, איך גיב דיר נומער־איינסער סחורה, וואָס קיין בעסערע איז גאָר נישטאָ אויף דער וועלט, און דו דערצייהלסט מיר אַ מעשה, אַז ס׳איז וואַסער...

און ווי איך טראַכט אַזוי, כאַפּט מיין פּעדקאַ דערוויל די גאַנצע כאָפּטע גוים און לויפט אַוועק, צו ווענען מיינסטו? צו זלמן׳קע גנב.

שטייה איך און קוק דאָס צו און סע ווייזט זיך מיר אויס, אַז אָט־אָט פּלאַצט אין מיר ס׳האַרץ — איזטשעז־נעט זאָל עס ווערען!

בעניי־ביי קומט אַריין זלמן׳קע, מיט די געקרייזעלטע לעקעלעך און מיט דעם דינעם נעזעל מיט זיינעם און

פרעגט מיך, צו איך האָב עפּעס ביליגען מעהד, איך זאָל איהם פאַרקױפען.

פאַרשטייה איך דאָך שוין, מתטמא, אז מיין זלמנ׳קע קומט שוין צו מיר נאָך סחורה, האָט ער מסתמא שוין געהאַט א צוזעצטען טאָג...

מאַך איך צו איהם: לייזט זיך עפּעס, ר׳ זלמן? — לייזט זיך עפּעס? — איך אזוי.

— ניש דיין געשעפט! — מאַכט ער — גיס אָן, מאַכט ער, די פלעשער, און האָב ניש, זאָגט ער, קיין ליידיג מויל און פרעג ניש, זאָגט ער, קיין פּוסטע קשיות, געלט, זאָגט ער, וועל איך דיר באַלד אריינשיקען מיט׳ן שיקסעל.

איך שטייה. איך פּוקנע שיער. נאָר וואָס לאָזט זיך טון? אין לויפענדער צייט אז א מענש איז ביי זיך גע־לעגט...

אין א פּאָר שעה ארום איך זעה פעדקא מיט דער גאנצער כאָפּטע לאָזען זיך ארוים פון זלמנ׳קעס שענק גוט אונטערגעוואַרעמטע, אָבער אזוי לייטיש... און די פּנים׳ער זיינען ביי זיי רויט — פשוט דער שחין רוהט אויף זיי.

רוף איך זיי צו:

— פעדקא, זאָג איך, כאָדי נאָ, זאָג איך, סודא! — איך אזוי צום אלטען.

געהט ער צו. שיכור, קוים וואָס ער שטעהט אויף די פיס.

— פעדקא, זאָג איך, נו, ווי? האָסט געטרונקען ביי זלמנ׳קען?

— געטרונקען! — ער אזוי צו מיר.

— נו,געפעלען געוואָרען? — איך אזוי צו איהם.

— פּעווניע! — זאָגט ער — דאָס הייסט: אודאי איז געפעלען געוואָרען... וואָס פרעגסטו קשיות?...

זאָג איך: און יענער מעהד איז ניש קיין וואסער?

זאָגט ער: אָוואַ! טײערער מעהר װי גאָלד...

כאַפּט דאָס מיך שוין אָן בײ דער זיבעטער ריפּ. נאָך א מאָל: דו, גױ, איך גיב דיר א ביסעל מעהר, װאָס אפילו דער קײסער מעג עס טרינקען, געפעלט עס דיר ניש, און ער גיט דיר א ביסעל באָרשט, װאָס ער האָט בײ מיר געקױפט פאר א שיבוש, געפעלט עס דיר יא.

— הא, נו? — זאָג איך צו איהם — זאָג, זאָג איך, אלײן, פעדקא, צו דו ביזט נישט קײן חזיר? דו ביזט דאָך עפּעס, זאָג איך, א לײטישער טשאָלאָװיעק? — איך אזױ צו איהם.

— יא ניע זנאיו — מאכט ער, געלײהמט זאָל ער װערען! און ער קראַצט זיך אונטער׳ן קאָלנער. עס זאָל מיר אײנפאלען אז דער דמ׳ניק איז עפּעס אױסען, איז מיר נישט אײנגעפאלען. יא ניע זנאיו, מאכט ער, נאָר דו, גאלגאן, זאָגט ער, זאָלסט מיך ניש רופען „חזיר“. מײן ניש, זאָגט ער, אז איך בין דיר א פּראָסטער רוסניאק! יא יעסטעם, זאָגט ער, װאָיט, זנאיעש? און דו, זאָגט ער, זײ שטיל, אז ניש, װעסטו בײ מיר מאכט ער, קריגען אי כאָסעמס צד, אי קאלעמס צד! — װי א גױ רעדט! און בעניי־ביי האָט ער מיר דערלאנגט א סטים אין הארץ, אז איך האָב פאר זיך דערזײהן קרוקע, מיט פינטשעװ, מיט לעמבערג, מיט אלצדינג...

— — — — — — — — — — — — — — — —

...נו, הא? איז שוין פאראן מזל? צי ניין?

# קרקע

סיי, פעטער, ווייסט איהר אפשר עפּעס פון אן אנ־שטענדיגע סעמעטערי פאר אונזער „אנשי זוקף כפופים לאָדזש נומער 333 אינדעפּענדענט אָרדער פרי סאָנס אָוו יקום־פורקן"? וואָס, איהר חידוש'ט זיך וואָס אזא לאָדזש, קיין עין הרע נישט, ווי אונזערע, וואָס אין דער קורצער צייט פון איהר עקזיסטענץ האָט זי שוין געהאט 32 דאָלאר עקספּענסעס אויף האַמערס און אויף פיקסען אונ־זערע ארגומענטס — מיין איך די צובראָכענע טשערס; א לאָדזש, ווי זאָגט איהר, וואָס האָט זיבען עקס פּרעזי־דענטען, ניינצעהן טראַסטים, עלף טרעזשורערס, פיער באַלאָט באָקסעס, פינף סעקרעטערים, צוויי אינערע און צוויי אויסערע וואכעס, צוועלף טויזענד בעדזשעס און פינף און צוואנציג דאָלאר קעש, זאָל נאָך ניט האָבען קיין קרקע?

דארפט איהר זיך ניט חידוש'ען, מיין ליבער איד. וואָרים מאָהלט אייך, אז די „זוקף כפופים לאָדזש נומער 333 אינדעפּענדענט אָרדער פרי סאָנס אָוו יקום־פורקן", וועט ניט זיין אָהן קרקע — א מינוט. נאָר וואָס־זשע דען? אונזער קרקע איז קיין קרקע ניט. אי, די קשיה: סטייטש? איז דער תירוץ אז פארברענט האָט געזאָלט ווערען אייער אמעריקא מיט די אגענטען איהרע! קיין גוטער איד זאָל זיי ניט קאָנען — די זשוליקעס! זיי קאָנען אייך פאר־פיהרען א מענשען אין שאול תחתיה אריין, די ממזרים, הערט, אדרבא, א מעשה, וואָס האָט זיך פארלאָפען מיט אונזער לאָדזש — דאָ ניט לאַנג צוריק.

אנומעלטען ביינאכט, איך שטעה אזוי און באָד די בייבי (מיינע מוזט איהר וויסען זיין, איז א סאָנפראַ־ציצקע, ווי זיי רופען עס דאָ. דאָס הייסט זי וויל וואוטען.

האָט זי ניט קיין צייט זיך אָפּצוגעבען מיט קינדערייען!), עפענט זיך די טיר, און סע קומט אריין א יונגערמאַנטשיק און שטעלט זיך פאַר אַלס אַן אגענט פון א „סעמעטערי ביזנעס“, און אזוי ווי, זאָגט ער, ער האָט געהערט, אַז אונזער „ווערטהע“ „זוקף כפופים לאָדזש, נומער 333 אינדעפּענדענט אָרדער פרי סאָנס אָוו יקום פּורקן“, שטעהט אין קויפען סעמעטערי, קרקע הייסט דאָס, האָט ער פאַר מיר — פאר אונז הייסט דאָס, א שטיקעל קרקע, וואָס עס איז, זאָגט ער, נאָר צום פאַרנוצען געזונטערהייט. ערשטענס, דאָס אָרט אליין! הויך אויף א בארג און טרו־קען ווי פּעך... און צווייטענס, זאָגט ער, — און דאָס איז דער עיקר, — ליגט דאָרט אויף דעם שטיקעל פּעלד א רב, גאָר־גאָר פון די גרויסע... אַן אייניקעל פון גערער און א לייבליכער פּעטער פון דעם גאון ר׳ שמואל זייגער־מאכער ע״ה. און ער האָט מורא, זאָגט ער, אויב ער איז ניט א גליד־גליד געשוועסטערקינד פון דעם בעל שם טוב אליין...

דערהערט די מעשה מיט׳ן רב, איז מיר די זאַך שטארק אריין אין דער נאָז אריין.

גלייך צומאָרגענס בין איך און נאָך צוויי „זוקף כפופים׳ניקעס“ אוועק אויף דער סעמעטערי.

געקומען אהין און איבערגעלייענט דעם רב׳ס מצבה בין איך געוואָרען א פארציטערטער. הערט וואָס דאָרטען טוט זיך:

פ״נ

הרב החסיד, הגאון, המופלג בתורה, חד בדורו,
מאור הגדול, פטיש החזק, העמוד הימיני,
ר׳ פישעל בן עמרם, נכד הרב ר׳ מעשיל הקטן
מסאדעגורע.

תנצב״ה

דערזעהען אזא יחוס אויף דער מצבה נעם איך און לויף. ביינאכט קלאַפּ איך צונויף א ספּעשעל מיטינג פון די באאמטע פון די זוקף כפופים לאָדזש, נומער 333

אינדעפּענדענט אָרדער סאָנס אָוו יקום פּורקן, און מיר באַשליסען באַלד אויפ'ן אָרט צו קויפען די סעמעטערי פאר פינף הונדערט דאָלאַר.

אז ס'איז אוועקגעגאנגען א פּאָר טעג, מאכט זיך, אז סע שטארבט א ברודער, אַן ארבעס־פּעדלער, און אזוי ווי איך בין איינער פון די חברה קדישה, געה איך דאָך מסתמא מיט אויפ'ן בית עולם.

איך קום ארויף אויפ'ן בית עולם, און גיב א קוק אויף מיין רב, פאלט מיר איין, אז עפּעס שטעהט ער ניט ווי עם דארף צו זיין.

מילא, טראכט איך זיך, א מענש טאָר אויף זיך אליין ניט שטעלען, אפשר דוכט זיך מיר נאָר אזוי? א חוץ דעם, קלער איך זיך: א קשיה אויף א רב — אפשר איז איהם ניט געפעלען געוואָרען דער שכן? אפשר ס'אָרט? ווער קאָן וויסען?

מילא, גאָר ניט, טראָג איך דערווייל די זאך אין זיך און זאָג קיינעם ניט אויס. עס געהט נישט אוועק קיין צוויי וואָכען, שטארבט ווייטער א ברודער, א בלעכער, געה איך ווייטער אויפ'ן בית עולם. איך גיב א קוק — די מצבה שטעהט שוין א ביסעל ווייטער. צום גדר צו.

וואָס זאָל דאָס זיין? טראכט איך. א רב זאָל עס דיר האָבען א טבע ארומצומופען! און בכדי צו זיין זיכער, אז איך האָב ניט קיין טעות, מאך איך זיך א סימן: רייס אויס א ביסעל גראָז ביי אלע פיער ווינקעלעך פון דער מצבה אוןווארט וואָס דאָ וועט ווייטער זיין.

עס געהט נישט אוועק קיין וואָך, — העלפט גאָט עס שטארבט ווידער א ברודער, א „טאפּ־קלאָפּער". געה איך דאָך מסתמא ווייטער אויפ'ן בית עולם. איך נעם זוכען מיין רב. וואו האָסטו א רב? דער רב איז שוין אויף יענער זייט גדר — ביי די „אהבת־כלה לאָדזש".

עי, טראכט איך זיך, סא מיאוסע מעשה! מילא דו רוקסט זיך אָפּ פון א שכן — גאָר נישט. דערויף ביזטו דאָך א רב. מסתמא פארשטעהסטו בעסער. אָבער

איינגאַנצען אוועקמופען צו די „אהבת־כלה" — אי, פע! דאָס איז געווען מיטוואָך.

דאָנערשטאָג נעם איך און קלאַפּ צונויף אַ ספּעשעל מיטינג פון אונזערע „זוקף כפיפים'ניקעס" און שטעל זיך אויף און ערקלער זיי באשר אזוי און אזוי: דער רב האָט אוועקגעמופט...

הויבט זיך אויף, ווי געווענליך, אַ שטורם. אַ סומאַ־טאָכע צווישען די ברידער. דער 9טער עקס־פּרעזידענט, אַ איד מיט בוימעלדיגע אויגען און אַ בלייך פּנים, הויבט זיך אויף און זאָגט אזוי:

— מיינע ווערטע ברידער! איך זעה דערין אַן אצבע אלקים... מסתמא האָט מען מיט עפּעס־וואָס־ניט־איז פּוגע געווען דעם כבוד פון דעם גרויסען מת... איך מאַך אַ פאָרשלאַג מען זאָל אפּוינטען אַ קאָמיטע פון צעהן עהר־ליכע אידען, וואָס זאָלען געהן בעטען מחילה פון דעם גרויסען מת...

בקיצור, דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען מיט אַ מאַדזשאָריטי.

פארשטעהט זיך, אַז איך בין געווען איינער פון דער קאָמיטע.

געקומען אויף'ן בית עולם, גיבען מיר זיך דאָך גלייך אַ לאָז צו די „אהבת־כלה". מיר גיבען אַ קוק, אונזער רב איז אויסגעטרוקענט געוואָרען. נישטאָ קיין סימן פון קיין רב!

נאָך אָנדערהאַלבען שעה ארומזוכען, האָבען מיר איהם קוים דערטאַפּט ערגעץ העט־העט לעבען וואַלד, ביי די „הרי־חושך־יאַנג מענס", אַ גוטע האַלבע מייל פון אונ־זער קרקע...

פארשטעהען מיר דאָך, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַטיג די מעשה. לויפען מיר (די גאַנצע קאָמיטע פון צעהן מאַן) אוועק צום אַגענט פון די סעמעטערי און מיר פאַלען אריין אין אָפּיס אריין מיט אַ גרויס געוואַלד: וואו איז דער רב?

— וואָס פאַר אַ רב ? זאָגט ער.

— וואָס הייסט, זאָגען מיר, וואָס פאַר אַ רב ? דער גאָלדענער רב ! דער רב וואָס איהר האָט אונז פאַרקויפט פאַר פינף הונדערט דאָלאַר מיט קרקע !

— אַ רב ?... זאָגט ער. ער הויבט נישט אָן צו געדענקען, ער זאָל אונז אַ מאָל האָבען פאַרקויפט אַ רב ! איבריגענס, זאָגט ער, איז עס ניט זיינע ביזנעס, אז דער רב וויל ניט איינליגען אויף אָן אָרט. ס'איז, זאָגט ער, אַ גאָט'ס זאַך !

און אזוי ווי מיר שטעהען אזוי און אמפּערען זיך, קומט אריינצולויפען נאָך אַ קאָמיטע פון די „אהבת־כלה" מיט אַ שטורם :

— וואו איז דער איידזשענט ? מיר ווילען פון איהם מאַכען קרעפּעל־פלייש ; ער האָט ביי אונז אוועקגע'גנב'עט דעם רב !

— וואָס פאַר אַ רב, זאָגט ער, האָב איך ביי אייך אוועקגע'גנב'עט ?

— דעם זילבערנעם רב ! דעם רב וואָס איהר האָט אונז פאַרקויפט פאַר אכט הונדערט דאָלאַר מיט קרקע !

זעהט דער בחור אז סע האַלט שמאָל, פּרובט ער זיך ארויסמאַכען. לאָזען מיר איהם ניט, נאָר מיר שפּארען איהם צו צו דער וואַנט און מיר שרייען אַלע אין איין קול : דעם רב, דו סאַנעוועגאָן ! גיב אונז דעם רב !...

און אזוי ווי מיר האַלטען אזוי אין שרייען קומט אריינצולויפען נאָך אַ קאָמיטע (פון די „הרי־חושך יאָנג מענס") פאַרסאָפּעט ווי די גענז :

— דאָ איז עס דער מאַכער וואָס מופט דעם רב ? מיר וועלען איהם זאַטשמעליען מיט אַ שייט האָלץ — וועלען מיר איהם !

* * *

הכלל, וואָס טויג עס אייך — וואָס האָט זיך ארויסגעוויזען ? עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דער איי־

רזשענט האָט יעדען איינעם פון די חברות אריינגערע־
כענט אין נדן דעם „רב", וועלכער איז גאָר קיינמאָל
נישט געווען אויף דער וועלט, און נאָכדעם ווי ער האָט
אָפּגענומען די געלד, האָט ער אריבערגעפּעקעלט די מצבה
אויף אַן אנדער אָרט.

איצט פארשטעהט איהר שוין, פאר וואָס מיר זוכען
א סעמעטערי?

# דער קונצענמאַכער

„געהט אהין, וואו אַלע געהן!" — אזוי האָט געשריגען דורך א טרובע א מאַן מיט א געקעסטעלטען קאַשקעט. „עס איז היינט ביי אונז א ספּעשעל פּראָגראַם פון די באריהמטע קונצענמאַכערס, וואָס האָבען אויפגעשטורעמט די גאַנצע וועלט!"

דער עולם האָט זיך געשטופּט און געטומעלט... און די מיידעלשע האַנט, וואָס האָט זיך ארויסגעזעהן פון די גראַטקעס פון דעם קליינעם אָפיסעל, האָט פלינק אריינגעשאַרט די מטבעות.

איך האָב באַצאָהלט א קוואָדער און בין אריין.

און אָט וואָס איך האָב געזעהן:

אויף דער ביהנע זענען געשטאַנען צוויי פּאַרשוינען — א מאַן מיט א פרוי. די לעצטע האָט געהאַט פאַרבונדענע אויגען און איז געשטאַנען פּונקט אַקעגען דעם ק ו נ צ ע נ מ אַ כ ע ר, וועלכער האָט געטראָגען שוואַרצע קליידער און א צילינדער־הוט.

דער קונצענמאַכער האָט איצט ארויסגענומען פון קעשענע א גאָלדען־זייגעריל, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך גוט פאַרקאַטשעט די אַרבעל, און געוויזען דעם עולם, אז ער האָט גאָרנישט צווישען די פינגער, האָט ער שנעל א זאָג געטון צו דער פרוי מיט די פאַרבונדענע אויגען:

— איך האַלט אין האַנט א גאָלדען זייגעריל — זאָג דעם עולם, וואָס דאָס איז!

— א גאָלדען זייגעריל! — האָט די טרעפערקע געענפערט.

אין „טעאַטער" האָט אויסגעבראָכען א שטורם פון

אפלאָדיסמענטען, וועלכער האָט אָנגעהאַלטען עטליכע מינוטען.

— דזשענטלמען און לײדים! — האָט זיך דער קונצענמאַכער געווענדעט צום פּובליקום — איך וויל, אַז איהר זאָלט פאַרשטעהן, אַז אונזערע קונצען זענען ס ט ר י ק ט ל י ר א י ע ל. קײן שווינדעל! מיט אונזערע קונצען האָבען מיר אויפגערודערט אַ וועלט. מיר האָבען אין דערהײם אַ מאַסע מעדאַלען פון קעניגע און פּרינצען... און אַרויסנעמענדיג פון זײן וואָרדעראָב־קעסטעל אַ קויטיגען קראַגען, האָט ער זיך געווענדעט צו דער טרעפּערקע.

— אין האַלט אין האַנט אַ קויטיגען קראַגען — וואָס איז דאָס?

— אַ קויטיגער קראַגען! — האָט די טרעפּערקע געענטפערט.

— ריכטיג!

— זאָג דעם ווערטען פּובליקום, וואָס פאַר אַ סײז דיזער זעכצעהנער־סײז קראַגען איז!

— סײז זעכצעהן!

— ריכטיג!

— איצט צושנייד איך דעם קראַגען מיט אַ מעסעריל — זאָג דעם ווערטען פּובליקום, וואָס איך טו.

— איצט צושנײדט ער דעם קראַגען מיט אַ מעסעריל!

— האָט די מכשפ'טע ג ע ט ר אָ פ ע ן.

— דאָס מעסעריל איז אַ בײנערן מעסעריל, מיט צוויי קלינגלעך — זאָג דעם ווערטען פּובליקום, וואָס פאַר אַ מעסעריל דאָס איז!

— דאָס מעסעריל איז אַ בײנערן מעסעריל, מיט צוויי קלינגלעך! — האָט זי געזאָגט.

— ריכטיג ווי גאָלד!

— איצט וועלען מיר אייך ווייזען עטוואָס, וואָס האָט איבערראַשט די גאַנצע וועלט — האָט געזאָגט דער קונצענמאַכער, זיך אָפּווישענדיג דעם שווייס פון זײן

שטערן — זאָל ווער־עס־איז פון פּובליקום אַרויפקומען אויף דער ביהנע און איך וועל איהם היפּנאָטיזירען.

איך האָב זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט און בין אַרויפגעגאַנגען.

ער האָט מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקעל, אין מיטען פון ביהנע, און געזאָגט: „איהר מוזט גלויבען אין מיין אונפעהלבאַרער קראַפט אַלס היפּנאָטיקער..."

— איכ'ל פּרובען! — האָב איך געזאָגט.

— איצט קוקט מיר גלייך אין די אויגען אַריין! — האָט ער מיר געגעבען אַ באַפעהל.

— איהר לעזט נישט מיינע זאַכעלעך? — האָב איך איהם געפרעגט.

ער האָט געענטפערט, אַז ניין.

— אויב אַזוי, קען איך אייך קוקען גלייך אין די אויגען אַריין! — האָב איך געזאָגט.

אַרום דריי מינוטען האָבען מיר זיך אַזוי אָנגעקוקט, אָבער ענדליך האָב איך אַרויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער.

— איהר מוזט שלאָפען! — האָט ער געזאָגט שוין שטרענגליך.

— עס הויבט זיך ניט אָן, איך בין ניט שלעפעריג!

— איהר זענט יאָ שלעפעריג! — האָט ער אויף מיר אַ דונער געטון.

— אָלל־רייט — מאַך איך — לאָז זיין אַזוי ווי איהר זאָגט, איכ'ל זיך מיט אייך ניט קריגען!

דער קונצענמאַכער האָט מיר צוגעדעקט די אויגען מיט די הענט און באַמערקט צום פּובליקום: „דער מאַן שלאָפט!... איצט קען איך מיט איהם טון, וואָס איך וויל!"

— ס'אַ בלאָף! — האָב איך געוואָלט אויסשרייען — אָבער ער האָט מיר פעסט צוגעהאַלטען דאָס מויל.

— איצט וועט ער טאַנצען מיט אַ בעזים! — האָט ער באַקאַנט געמאַכט. און נאָך איידער איך האָב געוואוסט וואָס סע טוט זיך מיט מיר, האָט ער מיר אַריינגעשטופּט אַ בעזים אין האַנט און האָט מיט מיר גענומען

טאַנצען אַ טענציל. צו דערזעלבער צייט האָבען די מוזיקער געקלאַפּט אויף אַלע כלים, אַזוי אַז מען האָט נישט געקענט הערען מיינע פּראָטעסטען.

אַז ער איז געוועזן פאַרטיג דערמיט, האָט ער מיך אַרויסגעשטופּט דורך אַ הינטער־טיר גלייך אין דרויסען אַרויס.

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיט עטליכע גאַסען ווייטער האָב איך נאָך געהערט דעם שטורם פון אַפּלאָדיסמענטען.

# מאַדאַם פאַרפאַציאַ

איך האָב א סך געלעזען אין די צייטונגען וועגען דער מאדאם פארפאציא, די באריהמטע ספּירימואליסטין, וואָס צויבערט א ר ו י ס גייסטער פון יענער וועלט, און שטעלט אייך מיט זיי אין פארבינדונג.

אלע בעסטע זשורנאלען פּונ׳ם לאַנד האָבען גערעדט וועגען מאדאם פארפאציא׳ס וואונדער. עטליכע שריפט־שטעלער זענען ארוים מיט לויבגעזאנגען צו מאדאם פארפאציא׳ס איבער־נאטירליכע קראפט זיך צונויפצו־רעדען מיט יענער וועלט.

אינזשענירען, זייגערמאכערס, קאָסטימערפעדלער, פּי־ראמידען־האקער, טראָמבאָן־שפּילער, שלייקע־פאבריקאנ־טען — אלע, אלע זענען געווען באגייסטערט פאר מאדאם פארפאציא.

זייערע פּאָרטרעטען און אונטערשריפטען זענען ארוים אין א ביכעל שעהן־געדרוקט וואָס האָט זיך גערופען: „קענט איהר די מאדאם פארפאציא?“

אין דעם נעמליכען ביכעל האָט זיך דערצעהלט, מיט גענויע סימנים, אונטערשריפטען, בילדער, טעלעגראמען און „ספּעשעל־דעליוועריס“, אז אויב איהר ווילט זיך אביסעל דורכרעדען מיט אייער טויטען עלטער־זיידען, אָדער מיט אייער טויטער שוויגער, טויטע שוואָגערס, טויטער שוועגערין, קענט איהר עס טון, צו רעדוצירטע פּרייזען, ביי מאדאם פּארפאציא, פּארזאמט נישט די געלעגענהייט.

דער אמת איז, אז איך האָב מיך שוין לאַנג געקלי־בען זיך אביסעל דורכצורעדען מיט מיין עלטער־זיידען,

געוואָהר ווערען ווי אזוי עס געהט איהם אויף יענער וועלט, און צי ער איז נאָך אלץ אין טראַבעל מיט מיין עלטער־באָבען, און פאר וואָס הערט מען פון איהם אזוי ווענינ? אָבער איך האָב עס אלץ געהאלטען פאר א פאנטאזיע, פאר אן אונמעגליכקייט.

אָבער איצט!

איך בין אוועק צו דער מאדאם פארפאציא און איהר ערקלערט, אז איך וויל רעדען מיט מיין עלטער־זיידען, וואָס'ט עס קאָסטען?

מאדאם פארפאציא — איינע פון יענע פרויען וואָס מען רופט זיי מיט „קע" — א ליעבען־קע, א ווייכינ־קע, א שעהנינ־קע, א זיסען־קע, א שטילען־קע, א פוכינ־קע, א פרומענ'קע איז מיר אקעגען געקומען אנגעטון אין א כי־נעזישער קימאָנא, מיך אריינגעפיהרט אין א צימער הינ־טער א שפאניש ווענטעל און מיר געזאָגט מיט איהר ווייכינ'קער ריין־אידישער שטימע:

— ווי אזוי האָט מען גערופען אייער זיידען ע"ה?

זאָג איך: עליע.

מאכט זי: עליע וואָס?

זאָג איך: עליע פאָן־דער־קאפעליע.

זאָגט זי: א דייטש?

זאָג איך: ניין, א בר־מנן.

מאכט זי: שפאס אָן א זייט — אייער עלטער־זיידע איז געווען א איד?

זאָג איך: וואָס דען איז ער געווען — א כינעזער?

מאכט זי צו מיר: איהר געדענקט אייער עלטער־זיידען?

זאָג איך: א קאפעטשקע. קוים־קוים.

זאָגט זי: וואָס פאר א קול האָט ער געהאט?

זאָג איך: אקעגען וואָס פרעגט איהר עס?

זאָג זי: איך דארף וויסען ווי אזוי איהם אויסצוגע־פינען. איהר ווייסט גאָרנישט, זאָג זי, וואָס פאר א טראָ־בעל איך האָב מיט די גייסטער! אָפטמאָל, מאכט זי,

ענדערען זיי זיך אומיסנע איבער די שטימען מע'זאָל זיי נישט דערקענען. אייער עלטער־זיידע האָט מסתמא גע־רעדט אויפ'ן באס?

זאָג איך: אויפ'ן באַס.

זאָגט זי: נו, גוט. מיר'ן איהם באלד אָנקלינגען. ווי אזוי, זאָגט איהר, הייסט ער?

זאָג איך: כ'האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אז ער הייסט עליע־פאָן־דער־קאפעליע.

זאָגט זי: סאַ מאָדנער נאָמען! און ווי לאנג, זאָגט זי, ווילט איהר רעדען מיט אייער עלטער־זיידען?

זאָג איך: כ'ווייס... א צעהן־פופצעהן מינוט. וואָס איז, זאָג איך, ער האָט דען נישט קיין צייט? ער ארבייט אָווערטיים?

זאָגט זי: נישט דאָס! נאָר די גייסטער האָבען פיינט, אז מען באַדערט זיי צופיעל — צעהן דאָלאר, פליעז!

איך האָב איהר דערלאנגט א געזונט, קנאקעדיג צעה־נערעל. זי האָט עס צוגענומען מיט צוויי פינגער, ווי א דאָקטאָר, איז פארשוואונדען געוואָרען אויף א מינוט.

אין „קאבינעט" איז געוואָרען בלאָה־פינסטערליך, שאָטענס האָבען זיך געוואָרפען איינס אויף ס'אנדערע און געטאנצט, און עס האָט זיך געהערט ס'קלימפערן פון עפּעס א פידעל.

— שוין! — האָט זי געזאָגט — איהר קענט שוין אָנהויבען!

און זי האָט מיר א ווייז געטון אויף זיך — אז זי געהט אוועק.

אז איך בין געבליבען אליין, האָב איך — לויט פריי־הערדיגע אינסטרוקציעס — צוגעלעגט צום אויער דאָס רעהרעל פונ'ם טעלעפאָן און געזאָגט:

— העלאָ... איז דאָס מיין עלטער־זיידע?

— יעס־סיר! — האָט געענטפערט א טיפע ברופּט־שטימע — דאָס בין איך, דיין עלטער־זיידע.

— נו, וואָס הערט זיך זיידע? — האָב איך געפרעגט
— וואָס דערצעהלט איהר עפּעס נייעס?

— וואָס זאָל זיך הערען? — מאַכט מיין עלטער־זיידע פון יענער וועלט — איך מאַך דאָ זעהר שעהן א לעבען.

— שפּאָרסטו אמאָל א דאָלאר, זיידע? — כאַפּט זיך ביי מיר ארויס א פראגע.

— וועל, מאַכט מיין עלטער־זיידע שוין אויף ענגליש
— אייל טעל יו...

— זיידע! — ווער איך איבערראַשט — ווי קומט צו דיר רעדען ענגליש?

— וועל, מאַכט ער, — יו סי... איך האָב מיך שוין דאָ צוגעלערענט... אונזער גן־עדן־וועכטער, יו נאָ, איז א פי־לאדעלפיער....

— מאָרגנע! — זאָג איך — און טראַכט וואָס ווייטער צו רעדען.

— יעס! — רעדט ווייטער מיין זיידע, ס'איז דאָ אָל־רייט... וועהאטיהעל — מאכט ער — איט'ס נאָ יוהז קיקינג...

און ווי דער גייסט פון מיין זיידען רעדט אזוי דאכט זיך מיר, אז דאָס קול האָט זיך ביי איהם געביטען — ער רעדט שוין נישט אויף קיין באס, נאָר אויף א טענאָר...

זיידע! — זאָג איך צו איהם — עפּעס איז דער מעהר מיט אייער שטימע....

— יעס, — מאַכט ער שוין צוריק אויף א באס־שטי־מע — איך האָב מיך דאָ אנומעלטען שטארק צוגעקיהלט...

— אבי איך האָב געמיינט — זאָג איך — אז אין גן־עדן איז קיינמאָל נישט צו קאַלט....

— דאנטשע בעליוויט! — וויל מיין עלטער־זיידע עפּעס אנהויבען זאָגען, שוין ווידער אויף א יונגע שטי־מעלע, אָבער אין דער מינוט באווייזט זיך די מאדאם פארפאציא און גיט א זאָג: גענוג! אייערע פופצעהן מינוט זיינען שוין פאראיבער! אויב איהר ווילט ווייטער

רעדען מיט אייער עלטער־זיידען, מאכט זי, וועט אייך קאָסטען נאָך אַ פינפערעל.

טראַכט איך אַ ווײַלע און זאָג: ניין, כ׳וויל שוין נישט מעהר רעדען מיט׳ן זיידען, איך האָב איהם נישט ליעב.... ער רעדט צו גראָב.... און ער באַנוצט זיך מיט אַזוינע ווערטער ווי „דאָנטשע בעליווית" — ווי קומט עס, זאָג איך, צו מיין זיידען ?

— טאַ ! — מאכט מאדאם פאַרפאַציאַ — וואָס קען מען וויסען ווי אַזוי אַ מת לעבט ? דער טויט, מאַכט זי, ווירקט פאַרשידען אויף אַלערליי מענשען. אַ טייל ווערען דערפון העכסט געבילדעט, און אַ טייל ווידער פאַרקערט. קלויבט זיך, זאָגט זי, אויס עפּעס אַן אנדערען גייסט. מיר איז, מאַכט זי, אַלץ איינס !

— אָלרייט, זאָג איך, שטעלט מיך אין פאַרבינדונג מיט איוב׳ען.

ווערט ווידער פינסטערליך, דער פידעל קלימפּערט ווידער. די שאָטענס מאַכען ווידער אַלערליי פּאָקוסען אויף דער וואַנט, און ענדליך קומט זי אַריין און זאָגט :

— שוין ! איהר קענט שוין רעדען צו איוב׳ען !

נעם איך דאָס טעלעפאָנדעל צום אויער און זאָג :

— איוב ?

— יעס סיר ! — ענטפערט מיר דער גייסט פון איוב׳ען.

זאָג איך : הא ? וואָס האָט איהר געזאָגט ?

זאָגט ער : ווהאַטיהעל ?.... און ער פאַרכאַפּט זיך באַלד : דאָס איז איוב — פון דער ביבעל.

זאָג איך : נו, וואָס מאַכט איהר עפּעס ? וואָס מאַכען עפּעס אייערע חברים אליפז און בלדד ? און ווי געהט עס אייער מיזיניקעל קרן־הפוך ? און וואָס טוען עפּעס די נשמות פון אייערע שאָף, און אייערע טויזענט עזלען ?

— וועל, איי׳ל טעל יו... הויבט ער שוין אָן רעדען אויף ענגליש גלייך ווי מיין עלטער־זיידע — נאָר אויף

אַ קוויטשעדיג קול — ווער קערט פאַר די עזלען? אבי מען מאַכט, זאָג ער, אַ שעהן לעבען.

— מאָדנע! — זאָג איך — ווי מענשען ענדערען זיך... אמאָליגע צייטען, זאָג איך, זענט איהר געווען אַ שטיקעל אידעאַליסט....

— וועל, — מאַכט דער גייסט פון איוב׳ען — אמאָל בין איך טאַקע געווען אַ שטיקעל וו ה א ט ש ע מ י־ ק אָ ל י ט, אָבער איצט, יו נאָ, איז אַנדערע צייטען. עס איז פּראָגרעס, יו נאָ, ציוויליזאַ —

אָבער נאָך איידער איוב׳ס גייסט האָט געקענט ענ־ דיגען איז ווידער ליכטיג געוואָרען און די פּוכינקע מאדאם פארפאציא איז ווידער געשטאַנען לעבען מיר און גע־ זאָגט: „די צייט איז פאַראיבער“.

זאָג איך: ס׳איז מאָדנע, ווי אַלע גייסטער רעדען ביי אייך אַן ענגלישען אידיש אזוי ווי אויף מארקעט סטריט... אפילו איוב — זאָג איך — איז אויך געכאַפּט אויף דער שפּראַך... ווי קומט עס?

וואָס ווייס איך?! — זאָגט מאדאם פארפאציא — ס׳איז נישט מיינע ביזנעס. מיינע ביזנעס, זאָגט זי, איז צו פאַרבינדען די גייסטער וועלט מיט אונזערער! ווייַ־ טער, זאָגט זי, קען איך נישט זאָגען די גייסטער קיין דעה! אַ גייסט, זאָגט זי, האָט פיינט, אַז מען לערענט איהם ווי אזוי צו רעדען. אַז איהר וועט זיין, מאַכט זי, טויט אזוי לאַנג ווי איוב, אָדער אייער עלטער־זיידע וועט איהר א ו י ך, זאָגט זי, זיין נערוועז. עס איז קיין חידוש נישט! זאָגט זי — דאָס שטענדיגע טויט זיין מאַטערט זעהר אָפּ, עס גראָבט אונטער ס׳געזונט. אפשר, זאָגט זי, ווילט איהר נאָך עמיצען ארויסרופען, וועל איך אייך מאַכען אַ ב א ר ג י י ן — בלויז פיער דאָלאַר פאַר צעהן מינוט. דאָס טו איך, זאָגט זי, פאַר אייך, כדי איהר זאָלט זיך איבער־ צייגען, אַז ביי מיר איז אַלצדינג ר א י ע ל, נישטאָ קיין שווינדעל, קיין מאַניפּאַרגעס. וועמען, זאָגט זי, ווילט איהר איצט אַרויסרופען?

זאָג איך: רופט מיר ארויס גראף טאָלסטאָי.

— אָלרייט! — זאָגט זי און פארשווינדט, און סע ווערט טונקעל, און סע קלימפערט דאָס פידעלע און עס קריכען די שאָטענס.

— שוין! — זאָגט זי — ער איז שוין דאָ.

— העלאָ! — רוף איך אריין מיט גרוים דרך ארץ — גראף טאָלסטאָי?

— יעס סיר.

— קאק ווי פאזשיוואיעטיע? — מאטער איך פון מיר ארוים דאָס לעצטע ביסעל רוסיש, וואָס איך האָב.

— קאק־ווי־ו ו אָ ס? — פרעגט מיך דער גייסט פון טאָלסטאָי.

— פאזשיוואיעטיע, — זאָג איך — אי טשאָ ווי — זאָג איך — דעילאיטיע?

— וואטיהעל! — מאכט טאָלסטאָי — איך פאר־שטעה נישט א וואָרט.

— איזווינימיע! — זאָג איך — גאָספאָדין טאָל־סטאָי — עטאָ, זאָג איך, רוסקי יאזיק...

— יאזיק, שמאזיק! — ענטפערט מיר דער גייסט טאָלסטאָי אומגעדולדיג — רעדט'ס א י ד י ש. איך פארשטעה א י ד י ש! איך בין אַלע מאָל, זאָגט ער, געוועזן אן אוהב ישראל. אין ניו יאָרק, זאָגט ער, האָט אפילו א איד געמאכט סיגארעטס אויף מיין נאָמען „טאָל־סטאָי סיגארעטס" — זעהר אַ גוטער סיגארעט... און בי־ליג... בלויז אכט סענט א פעקעדזש מיט קאָרק־טיפס... די פלעינע קאָסטען בלויז זיבען סענט... מיט מעטשעס און מיט אַלצדינג... און מען קריגט נאָך, זאָגט ער, אַ פרעמיע אויך.... בעליוו מי, מאכט ער, ס'איז אַ גאַנץ וואוילער סי־גארעט. נאָר אביסעל צו שארף. ער רייסט די נאָז.

— איזווינימיע — זאָג איך — גאָספאָדין טאָלסטאָי — איך האָב, זאָג איך, געוואָלט מיט אייך רעדען וועגען קריעג און פריעדען... און וועגען דער העברער מאָראל

פון קריסטענטום... און וועגן דער אומשטערבליכקייט פון דער זעעלע...

— וועל, — מאכט דער גייסט פון גראף טאָלסטאָי אויפ׳ן טעלעפאָן — נישט א י צ ט איז די צייט צו רעדען פון אלע זאכען!... אַן אַנדערס מאָל.... איך קען אייך נאָר זאָגען, זאָגט ער, אז אַלצדינג איז אַלרייט. און די ביזנעס, זאָגט ער, פארבעסערען זיך. לעצטען סיזאָן, זאָגט ער, האָב איך אָפּגעשפּאָרט אַזוי גרויס ווי עלף־הונדערט דאָלאר. און איך האָב מיך שעהן באקליידט. דאצאָל! ווהאטיהעל, מאכט ער, קען יו עקספּעקט?

— הא? — בין איך געבליבען שטעהן ווי פארשטיי־נערט פון דער גוואלדיגער ענדערונג וואָס איז פאָרגעקו־מען אין מיין גוטען און עהרליכען און זויבערען טאָלס־טאָי — און, די שפּראך וואָס ער רעדט!...

אָבער אין דער מינוט איז ווידער געוואָרען ליכטיג. מאדאם פארפּאציא איז ווידער געשטאנען לעבען מיר און געשמייכעלט מיט איהר פּוכענ־קע שמייכעלע, און מיך געפרעגט צי איך וועל נאָך עמיצען ארויסרופען.

— וואטיהעל?! — האָב איך מיך שוין נישט געקענט איינהאלטען און איהר געענטפערט מיט׳ן לשון פון גראף טאָלסטאָי און פון איוב — איהר מיינט, אז איהר׳ט דאָ אָנגעטראָפען א יאָלד, וואָס איהר קענט איהם פריצעווען? סך הכל — זאָג איך און דערנעהענטער מיך צום ארויס־גאנג — סך־הכל האָב איך אייך געצאָהלט מיט פ א ל ־ ש ע א ס י ג נ א צ י ע ס!

און איך גיב א האק מיט דער טיר.

**פון דעמאָלט אָן צ ו ו י י פ ע ל איך מעהר נישט אין ספּיריטואליזם. איך בין שוין א י ב ע ר צ י י ג ט...**

# טאָפּעלטע קאָנקורענץ

ס׳פּאַסט נישט, אַז די דאָזיגע געשיכטע זאָל האָבען פּאַסירט מיט אונז פּערזענליך. מיר, שריפטשטעלער, זע־נען עהרליכע מענשען, ריינע נאַטורען און אויב מיר דערצעהלען אַמאָל עפּעס אַ נישט־שעהנע זאַך, פּאַסירט עס געוועהנליך ניט מיט אונז נאָר מיט אונזערס אַ חבר...

אַלזוי, אונזער חבר דערצעהלט די פאָלגענדע מעשה:

דו ווייסט, איך האָב אַמאָל געאַרבייט אין אַ געשעפט אַלס קלוירק. דאָס דאָזיגע געשעפט איז געפיהרט געוואָ־רען פון צוויי מענשען — מיסטער און מיסעס האַזענ־פעלד.

דאָס הייסט: ביידע אי דער מאַן אי די פרוי זענען שטענדיג געווען צוזאַמען אין געשעפט און האָבען זיך גע־פיהרט ווי אמת׳ע שותפים.

די האַזענפעלדס זענען געווען דייטשע לייטע און — קינדערלאָז. ביידע זענען געווען מיטעליעהריגע מענשען, אומגעפעהר 40 יאָהר אַלט, האָבען זיך געהאַלטען זעהר נעט און ביידע זענען געווען מיאוס ווי דער טויט.

אָנגעקומען בין איך צו די האַזענפעלדס אין אַ צייט ווען איך האָב זיך זעהר שטאַרק גענויטיגט אין אַ שטעלע. איידער איך האָב געקראָגען דעם דאָזיגען „דזשאָב" בין איך אַ לאַנגע צייט ארומגעגאַנגען ליידיג און... געהונגערט אויפ׳ן שענסטען אופן, און דו קאָנסט דאַרום פאַרשטעהן, ווי שטאַרק איך האָב זיך געקלאַמערט צו דער דאָזיגער שטעלע, און ווי חשוב זי איז ביי מיר געווען.

צו מיין גרעסטען הארצוועהטאָג האָב איך באַלד באַ־מערקט, אַז איך האָב אין דעם פּלאַץ אַ שרעקליכען קאָנקו־רענט — נעמליך: אַ וואָך נאָכדעם ווי איך בין אָנגעקומען

צו די האָזענפעלדס איז אהינצו אויך אָנגעקומען א יונג מיידעל פון אומגעפעהר מיין עלטער, נישט קיין מיאוס'ע. די דאָזיגע מיידעל איז געווען באשטימט צו טון דיזעלבינע ארבייט וואָס איך — קלערישע ארבייט, נאָר אנשטאט וואָס איך בין געווען אָנגעשטעלט פון דער מיסעס האָזענפעלד, איז זי געווען אָנגעשטעלט פון דעם מ י ס ט ע ר האָזענפעלד.

עס האָט נישט גענומען לאַנג און איך בין געוואָר געוואָרען, אז מיר ביידע — איך און דאָס מיידעל — זענען ביטערע קאָנקורענטען, און אז פאַר אונז ביידע איז דאָ נישטאָ קיין פלאַץ (די ארבייט האָט מיט א ביסעל אָנשטרענגונג געקענט געטון ווערען פון איין פערזאָן!) און אז צווישען דעם באָס און זיין פרוי געהט דאָ אָן א שטילע צו־להכעיס־פּאָליטיק—אזוי צו זאָגען—ווער פון אונז ביידע זאָל פארבלייבען אויף דער שטעלע.

וואָס א טאָג האָב איך באמערקט ווי דער באָס ווערט אלץ פריינטליכער צום מיידעל, און מיין שטעלע איז דארום אין דער גרעסטער געפאהר.

דאָס איינציגע מיטעל זיך צו ראטעווען איז געווען זיך צו־צושאַרען צו דער אלטער און זעהר מיאוס'ער מיסעס האָזענפעלד, וועלכע איז צו מיר געווען נישט גאַנץ גלייכגילטיג, און וועלכע האָט מיך מעהר־ווייניגער פראָטעזשירט.

באַלד האָט זיך צווישען מיר און דעם מיידעל אָנגעהויבען א שטילער, אָבער פארביטערטער קאמף. דער קאמף איז אָנגעגאַנגען נישט מיט געוועהר, און נישט אפילו מיט ווערטער, נאָר שטומערהייד... מיט פארב און פודער און שעהנהייטס־מיטלען...

זייענדיג א געזונטער כאָטש נישט גאַנץ שעהנער בחור — איז מיר, ביז צו יענעם מאָמענט, פונדעסטוועגען קיינמאָל נישט איינגעפאַלען זיך צו באַנוצען מיט אזעלכע נאַרישקייטען ווי פודער, אָדער שמינקע... אָבער — די קאָנקורענץ האָט מיך דערצו געצוואונגען...

איינמאָל אין א שעהנעם פריהמאָרגען, בעת איך האָב באמערקט ווי מיין קאָנקורענטין, דאָס מיידעל, האָט זיך אָנגעשמינקט די בלייכע באקען און אז זי גלאנצט ווי אן עפּעלע... און אז דאָס געפעהלט זעהר שטארק דעם באָס און אז ער שמייכעלט צו איהר אזוי ליעבליך — איי ביי מיר געבוירען געוואָרען דער דאָזיגער משונה'דיגער פּלאַן...

צו מאָרגענס פון זעלבען טאָג, בין איך געקומען צוגעהן מיט לייכט־אָנגעשמינקטע באקען — א זאך וואָס האָט מיר צוגעגעבען א היבש ביסעל חן.

— „זי זעהען הויטע רייצענד אויס!" — האָט מיר די מיסעס האָזענפעלד געמאכט א קאָמפּלימענט...

— זי זינד אויך רייצענד! — האָב איך געזאָגט אויף דייטש און געשמייכעלט צו איהר ווי א פארליעבטער...

עס איז אוועק א טאָג און צוויי און איך האָב באמערקט ווי מיין קאָנקורענטין ווערט שעהנער און בליהענדער — זי האָט שוין איצט געפארבט אויך איהרע ליפּען און גע־פינזעלט די ברעמען...

איך האָב געטון דאָסזעלבע און אויף א וויילע באַ־פעסטיגט מיין פּאָזיציע...

אָט־אזוי־אָ, איז דער קאמף אָנגעגאנגען א שטיק צייט. עס איז געווען א שטילער נאָר א פארביסענער קאמף. וואָס מעהר דאָס מיידעל האָט זיך געפּוצט און געפארבט צו געפעלען דעם באָס, אום צו באפעסטיגען איהר פּאָזיציע, אלץ מעהר האָב איך זיך אויך געפּוצט און געפארבט צו געפעלען דער מיסעס...

א שטיק צייט אזוי.

ענדליך איז אָנגעקומען דער סלעק. איצט, האָבען מירביידע געוואוסט, — אי איך אי מיין קאָנקורענטין — אז ביידע צוזאמען קענען מיר לאנג נישט פארבלייבען. און אז די פראגע ווער פון אונז זאל פארבלייבען אויפ'ן „דזשאָב" וועט אנטשיידען ווערען דורך דעם גראד פון אונ־זער שעהנקייט און גראַציע...

נאָך קיינמאָל אין מיין לעבען האָב איך זיך אזוי גע־

פוצט ווי דעמאָלט! די שענסטע קראַוואַטען, די פיינסטע העמדער, די טייערסטע אַנצוגען, די מאָדערנסטע קאַפּעליושען — אַלעס, אַלעס איז אַנגעווענדט געוואָרען אין דעמדראַזיגען מאָדנעם קאַמפּף. אויך זי — דאָס מיידעל — האָט נישט געשוויגען, אַ דאַנק דער אַפּטייק און דעם שניידער איז זי געוואָרען פון טאָג צו טאָג שענער און בליהענדער — כאָטש עס האָט זיך נישט אַרויסגעזעהען, אַז עס זאָל איהר האָבען געלונגען מעהר צו געפעלען דעם באָס, ווי איך בין געפעלען געוואָרען זיין ווייב...

ווער ווייס ווי לאַנג אָט־דער פאַרביסענער קאַמפּף וואָלט זיך געוועזען געצויגען, ווען ניט די פאָלגענדע פּאַסירונג:

איינמאָל האָבען מיר ביידע — אי איך, אי דאָס מיידעל — געהערט דעם באָס שמועסען מיט זיין פרוי מכח פאַרשידענע שעהנהייטען, דערביי האָט ער אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז מעהר ווי אַלעס האָט ער האָלט די בלאָנדע פאַרב, וועהרענד זי — די פרוי האָזענפעלד, האָט ערקלערט, אַז איהר געפעלט בעסער ברונעטע...

דאָ מוז איך דיר איבערהאַקען די געשיכטע און זאָגען, אַז דאָס מיידעל, מיין קאָנקורענטין, איז גראָד געוועזען אַ ברונעטע... דאָס האָט מיר שטאַרק הנאה געטון, כאָטש פון מיין זייט האָב איך זיך אויך נישט צוגעפּאַסט צו דעם געשמאַק פון מיין באַלעבאָסטע — וואָרים איך בין דאָך, ווי דו זעהסט, אַ בלאָנדער...

אָבער צו מיין גרעסטער איבעררעשונג האָב איך צו מאָרגענס פון דער פּאַסירונג באַמערקט, אַז אויף דעם אָרט וואו עס איז נעכטען געזעסען אַ טיעף־ברונעטע מיידעל איז היינט געזעסען אַ... גאָלד־בלאָנדע! און דאָס דאָזיגע גאָלד־בלאָנדע מיידעל איז געווען נישט קיין אַנדערע ווי מיין... קאָנקורענטין.

זי האָט זיך אָפּגעפאַרבט די האָר!

אויף אַזוי פיעל נאָכטון איהר — אַזוי ענדיגט מיין

חבר — איז שוין געווען אונטער מיין ווירדע . דעמזעלבען טאָג איז פארגעקומען — אין פריוואטען אפים — א שטי־לע צאנקעריי צווישען מיין באָס און זיין פרוי, און נאָך דעמזעלבען טאָג האָב איך פאַלאָרען מיין שטעלע.

# די מיטעלמעסיגקייט
# פון קליין און גרויס

די בחורים גראסמאן און קליינמאן זיינען געווען צוויי חברים — צוויי אויסגעבונדענע פריינט.

פונקט ווי מען איז זיכער, אז נאך מיטוואך קומט דאנערשטאג, און אז נאך דעם ערשטען קומט — דער לענדלארד, אזוי איז יעדער וואס האט געקענט די צוויי לייט געווען זיכער, אז נאך קליינמאן קומט גראסמאן אדער פארקעהרט.

קליינמאן — דאס איז געווען די פארזעצונג פון גראס־מאן, און גראסמאן איז געווען די פאררעדע פון קליינמאן.

און דאך דארף מען נישט מיינען, אז די צוויי בחורים האבען סיי אין קערפערליכען סיי אין גייסטיגען אויסזעהן כאטש געהאט די מינדעסטע עהנליכקייט איינס צו ס'אנ־דערע

פונקט פארקעהרט.

גראסמאן איז געווען קליין און געל און געשטופעלט. אקעגען־זשע ווידער איז קליינמאן געווען א הויכער, א דארער, און פלאך ווי א צייטונגס־ראמאן.

אבער נאך מעהר ווי זיי האבען זיך אונטערשיידעט איינס פון ס'אנדערע קערפערליך זענען זיך פאנאנדער־געגאנגען אין די טעאריען — היינו:

דער קליינער גראסמאן איז געווען א מאקסימאליסט — ער האט געגלויבט אין מאקסימום. דערפאר האט ער געטראגען דעם גרעסטען נומער קאפעליושען, געגעסען די ברייטסטע לאקשען וואס ער האט נאר געקענט קריגען און גערעדט אין די לענגסטע פראזען וואס ער האט נאר געקענט אויסזוכען.

פונקט דער היפוך פון איהם איז געווען זיין חבר קליינמאַן. ער איז נעמליך געווען אַ מינימאַליסט — ער האָט געהאַלטען, אַז דאָס לעבען איז אַ „רעדוצירטער גאַרנישט״ — און דעריבער האָט ער געטראָגען אַ פּיצעלע קאַשקעטעל, געגעסען די קלענסטע פּאַרפּעלעך, גערעדט און געשריבען בלויז אין איינזילביגע ווערטער.

אָט אַזוי האָבען זיי געלעבט — די צוויי חברים, יעדער מיט זיין באַזונדערע טעאָריע, ביז וואַנעט — נו, ביז וואַנעט זיי האָבען חתונה געהאַט.

און מערקווירדיג: דער קליינער גראָסמאַן, וועלכער איז געווען אַן אָנהענגער פון מאַקסימום, האָט זיך דוקא אויסגעקליבען אַ ווייבעל וואָס איז געווען נאָך קלענער פון איהם — הויט און ביינער! און ס׳קעפּיל האָט זיך ביי איהר געהאַלטען ווי אויף ספּרוזשינעס און ס׳האָט כסדר געציטערט פון שוואַכקייט.

דאַגעגען האָט זיך דער גרויסער קליינמאַן, וועלכער איז געווען אַן אָנהענגער פון מינימום אויסגעקליבען פאַר אַ באַשערטע אַ הויכע אידענע ווי אַ דראַגונער און אַ שטאַרקע ווי אַ דעמב.

נאָך דער חתונה האָבען די צוויי פריינטלעך גענומען דירות איינס לעבען ס׳אַנדערע. דער קליינער גראָסמאַן, וועלכער איז איצט געווען דער מאַן פון דער פּיצינקער גראָסמאַניכע, האָט — טריי צו זיין טעאָריע, — גענומען אַ פלעט פון עלף רומס, אויסגעפּאַרנישט מיט די גרעסטע שטיקער פּאַרניטשע — וואָס מען האָט זיי געמוזט שלעפּען דורכ׳ן פענסטער.

צו דער זעלבער צייט האָט דער גרויסער קליינמאַן, וועלכער איז איצט געווען דער מאַן פון דער ריעזיגער קליינמאַניכע — געטריי צו זיין טעאָריע פון מינימום — גענומען אַ פּיצענקע געפּאַרנישטע רום און קוים אַריינגעקוועטשט זיין ווייבעל אהינצו.

אין עטליכע טעג אַרום האָבען די שכנים פון ביידע יונגע פּאָרלעך געהערט שרעקליכע געוואַלדען.

דער קליינער גראַסמאַן, וועלכער איז געווען אַן אָנ־הענגער פון מאַקסימום האָט גענומען שטאָפּען זיין שוואַך, קליין ווייבעלע מיט ווינטער־בארען, געבראָטענע קעלבלעך, שווייצער־קעז, פּאַסטראַמע און זויערע דיניעס. און אַז יענע האָט פּראָטעסטירט, האָט ער איהר וויסענ־שאַפטליך ערקלערט, אַז דאָס לעבען איז גרויס, ריעזיג, קאָלאָסאַל, וואונדערבאר. און אַז אפילו די קלענסטע אי־דענע דאַרף זיך פיהלען גרויס גענוג אויף צו פּאַרטילי־גען אַ 17—16 ווינטערבארען.

די ערשטע צוויי טעג האָט די אָרימע מיסעס גראָס־מאַן נעביך געשטאָפּט אין זיך ווי וויט מעגליך. אָבער אויפ'ן דריטען טאָג האָט זיך אָנגעהויבען די רעאַקציע — די ווינטערבארען האָבען גענומען רעוואָלטירען און ס'איז געווען אַ גאָט'ס רחמנות אויף דעם ווייבעל. און אַז דער דאָקטאָר איז געקומען און איהר פאַרשריבען אַ לעפעל ריצענאויל, איז קליינמאַן צוגעשטאַנען צו איהר, נישט אַנ־דערש זי מוז אויסטרינקען כאָטש אַ גאַנץ טעפּיל. מעהר האָט שוין די אָרימע פרוי'קע ניט געקענט אויסהאַלטען און — דאַרום די געשרייען נאָך הילף, וועלכע די שכנים האָבען דערהערט.

לאָזען מיר שטעהן די גראַסמאַנ'ס און כאַפּען זיך אַריבער צו די קליינמאַנ'ס.

אין דער זעלבער צייט, וואָס אין דעם ריעזיגען פּלעט האָט די קליינע מיסעס גראַסמאַן געשריגען נאָך הילף, ווייל מען האָט זי צופיעל געשטאָפּט און געקראָפּט, איז די ריעזיגע, די דראַגונערישע מיסעס קליינמאַן אויסגע־גאַנגען פון הונגער אין דער קליינער רומקע. וואָרים דער מינימאַליסט קליינמאַן, האָט זי גע־האָדעוועט בלויז אויף אַ „ליידיס־פינגער" און געלען גרישאָק. און אַז די גרוי־סע, געזונטע און קרעפטיגע מיסעס קליינמאַן האָט איהם גענומען פּאָדאַוועען די גרויסע פּעטש, האָט ער גע'טענה'ט, אַז מיט אַזעלכע פּעטש וועט זי גאַרנישט אויספיהרען — מחמת זיי זיינען דירעקט געגען זיין טעאָריע.

זעהענדיג, אז די געשיכטע ווערט שטארק נישט אָנגע־נעם פאר ביידע צדדים, האָבען זיך קלוגע מענשען אריינ־געלעגט אין עסק און באשלאָסען, אז די מענער זאָלען זיך בייטען מיט די טעאָריעם.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„דער סוף?" — פרעגט איהר.

דער סוף איז געווען, אז גראָסמאן איז געשטאָרבען פון הארצוועהטאָג, און צוצוגעבען נאָך מעהר איראָניע צו זיין מזל — האָט די חברה „אהבת קעלישאק, יאָנג מענס פראָגרעסיוו" באשלאָסען איהם צו באגראָבען זי־צענדיג. מחמת, ווי יעדער וויסענשאפטליכער פאראיין, איז זי געווען זעהר עקאָנאָמיש און נישט געוואָלט פאר־שווענדען צופיעל קרקע.

זיין פריינט — דער מינימאליסט קליינמאַן ווידער, ביי וועמען ס'האָט געפלאצט אַן אָדער אין קאָפּ פון גרי־זאָטע האָט באלאַנגט צו א „סאָסייעטי" פון לאַנדסלייט, וועלכע האָט נאָך ניט געהאט באַגייט איהר „סעמעטע־רי" און — זי האָט איהם דאריבער געגעבען א „שאָו" און איהם באערדיגט אין א ריעזיגען קבר, וועלכער, אין צייט פון כאָלעריע, איז גענוג פאר א גאנץ שטעדטיל.

## צווייערליי מאָראַלען

און זיין נאָמען איז געווען...

ענטשולדיגט. מיר ווייסען נישט זיין נאָמען. ער האָט געקענט הייסען יואל, ברוך, פּייוויש, היינריך, דזשיאָוואַני, אמבראָס, איוואַן, א. א. וו.

ער האָט געקענט זיין א איד אָדער א דייטש, אָדער א פּאָליאַק, אָדער א פראנצויז, אָדער א רוס. דאָס איז נישט וויכטיג. וויכטיג איז, אַז עס האָט פּאסירט — מיט פּראכט און גלאַנץ — די פאָלגענדע מעשה, מיט וועלכער איך פאַר־נעם מיך דאָ — אין דער ברייט. מחמת איך האָב פּיינט זשאַלעווען טאַלענט. איינמאָל, זאָגט ער, האָט דיר גאָט גע־געבען טאַלענט, טו זיי נישט קיין איינברענגער! שפּאָר נישט אָפּעט אויף מאָרגען! אַז גאָט עט העלפען מ׳עט לע־בען, עטין מאָרגען אויך האָבען טאַלענט!...

עס איז געווען ביינאַכט. וואו? אין א פּאַרק. פון וואַ־נעט ווייס איך? — איך ווייס. נאָר שלאָגט נישט איבער. אַז נישט וועט זיין שלעכט, ווייל איך בין זעהר אַן אויפגע־רעגטער. אלע גאַליציאַנער זיינען אויפגערעגט בשעת זיי ווערען בייז. לאָזען מיר אַלזאָ, שטעהן דעם וויץ און מיר געהן ווייטער. אַלזאָ: ס׳איז געווען ביינאַכט און — אין א פּאַרק.

לבנה־שטערען?

— וואָדען!

ויידענע וואָלקענדלעך און הימלישען רוים?

— אודאי.

א טויטע שטילקייט האָט געהערשעלט?

— אבסאָלוט!

און זיי זענען געווען צוויי — ער און זי?
— געווים.

און איצט, אז מיר ווייסען שוין אלצדינג וואָס מיר דאַרפען שוין וויסען, וועלען מיר אָנהויבען געהן כסדר, טריט־ביי־טריט און נישט געכאַפּט.

זיצען זיי אזוי ביידע. ווער זענען די ביידע? — ער און זי? ניין. זי און ער. האַהאַ. אָפּגענאַרט אייך! קורץ זיצען זיי אזוי ביידע און זיי פּילען אָן די לופט מיט זייערע זיפצען. מאַכט צו זיי די לופט: קינדער, הערט אויף מיך אָנפּילען מיט אייערע זיפצען. ס׳קען שוין מעהר נישט אריין אין מיר. געזעהן אַזוינס! רופען זיי זיך גאָרניש־נישט אָפּ, מחמת זיי הערען נישט. נאָר ער, דער „באָי", דער בחור, דער ליעבהאַבער, וואָס האָט זיך ביז איצט געשפּילט מיט איהר האַנט, און געגלעט איהרע פינגער איבער די גלאַנציגע קעפּלעך, מיט גרוים ליעבשאַפט — האָט זיך אָפּ־גערופען צו איהר מ י ט טרערען, דוקא אין די אויגען און מיט גרוים — דוקא — געריהרשאַפט:

„טייערסטע", מאַכט ער צו איהר, „דו מוזט מיך אויס־הערען. איך האָב דיר", מאַכט ער, „עפּעס צו זאָגען. עפּעס" מאַכט ער, „ליגט מיר אויפ׳ן האַרץ, און איך מוז עס", מאַכט ער, „ארויסזאָגען. איך ווייס" זאָגט ער, און גלעט בשעת־מעשה איהרע גינגאָלדענע לאָקען — איך ווייס, אז דו וועסט זיין בייז אויף מיר... איך ווייס", זאָגט ער, „אז איך האָב עס דיר באַדאַרפט צו זאָגען פריהער. נישט אָפּ־לייגען ביז איצט — אכט טעג פאַר אונזער חתונה. אָבער כ׳האָב" — זאָגט ער — „נישט געהאַט דעם מוט דערצו, האָב איך עס אַלץ אָפּגעלעגט אויף שפּעטער. אָבער איצט איז", זאָגט ער, „געקומען די צייט, ווען איך קען לענגער נישט האַלטען אין זיך דעם סוד און איך מוז..."

ביי די דאָזיגע ווערטער (אַזוי פאַרזיכערען מיר מיט אַ גאַראַנטי אויף דריי יאָהר) איז דער ליעבהאָבער גע־בליבען שטעהן מיט אן אראָפּגעלאָזטען קאָפּ, און טרערען גרוים ווי די שווערסטע טראָפען רעגען, האָבען אראָפּגע־

רעגענט פון זיינע אויגען און נאָם געמאַכט דעם רוזש און דעם פּודער (בעסטע קוואַליטעט) פון איהרע באַקען...

א ווײַלע איז געווען שטיל.

נ אָ ך א ווײַלע איז געווען שטיל.

ו ו י ד ע ר א ווײַלע איז געווען שטיל.

ענדליך איז געוואָרען — גאָר שטיל.

דאַן האָט זי זיך אָפּגערופען צו איהם:

— רעד! איך וויל אַלצדינג וויסען...

און ער האָט ווידער אָנגעהויבען גלעטען די אונשול־דיגע קעפּלעך פון איהרע פּאַרשניצטע פינגער און ער האָט געזאָגט:

— ס'איז מיר שווער צו רעדען דערפון... איך ווייס אז דו וועסט מיר קיינמאָל נישט מוחל זיין, אָבער דער אמת איז ביי מיר טייערער פון אַלצדינג. איך מוז דיר זאָגען, מיין טייערסטע, אז איך האָב שוין אמאָל געליעבט אַן אַנדערע... א פאַרהייראַטע פרוי... אָבער" — דאָ איז ער צוגעפּאַלען צו איהרע קניען און געפּלאַמכעט ווי א בי־בער — „אָבער דו קענסט עס", זאָגט ער, „נישט פאַר־שטעהן... דו ביזט יונג און אונשולדיג און דו ווייסט נישט", זאָגט ער, „וואָס פאַר א כח די זינד האָט... און וואָס פאַר א רייץ", זאָגט ער, „עס ליגט אין דעם פאַרבאָטענעם... ווען דו זאָלסט", זאָגט ער, „וויסען — וואָלסטו אפשר", זאָגט ער, „נישט געווען אזוי שטרענג צו מיר"...

א ווײַלע איז געווען שטיל.

נ אָ ך א ווײַלע איז געווען שטיל.

ו ו י ד ע ר איז געווען שטיל.

ענדליך איז געוואָרען גאָר שטיל. און זי האָט זיך אָפּ־גערופען צו איהם, גלעטענדיג זיין פאַרקאַמטקייט מיט פאַרגעבונג:

— ס'אָלרייט, יואל (אָדער איוואַן, אָדער אָ'טול) ס'אָל־רייט... איך פאַרשטעהע דיך גאַנץ גוט. דו דאַרפסט זיך נישט פּיהלען אזוי דערשלאָגען, הויב זיך אויף פון דר'ערד,

טייערסטער. איך ווייס פאר א כח די זינד האָט, איך אליין האָב א ו י ך אמאָל געשפּילט א ליעבע מיט א יונגענמאַן און...

מעהר האָט זי נישט געקענט רעדען, זי האָט נישט געהאַט צו וועמען צו רעדען, מחמת יואל, אָדער היינריך, אָדער איוואַן, אָדער מ׳קיעף, האָט געכאַפּט מ׳קאַפּעליוש און איז אַנטלאָפען — מיט דעם גרעסטען אַנטלויפעניש וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען... — — — — — — —

געשרייען פון אלע לעזערקעם: „אַזאַ פאַרך! אַזאַ שטיק ניקס! אַזאַ גאָרנישט!... צו פארלאָזען א כלה אַכט טעג פאר דער חתונה! מאַלע אז סע מאַכט זיך אמאָל“...

צוריקגעשריי פון שרייבער פון דיזע צייליען: „ריכטיג, ווי גאָלד! מאַלע, אז סע טרעפט זיך אמאָל!... מ׳איז דאָך נישט מעהר ווי א מענש!... קומט דערפאר איבערצולאָזען א כלה און צו אנטלויפען? פע!“

## פרײלײן ראָזענהאַרץ

מ׳האָט אונז פאָרגעשטעלט אײנס פאַר ס׳אַנדערע:

— פרײלײן רױזענהאַרץ.

— הערר פּידװאַלינע!

איך, הערר פּידװאַלינע, האָב זיך פאַרנײגט, געזאָגט דאָס באַריהמטע װערטעל „עס פרעהט מיך אײך צו קענען" און — האָב געװאָלט אװעקגעהן, װײל דאָס פרײלײן האָט מיך נישט פאַראינטערעסירט, איז מיר נישט אַרײן אין האַרצען, װי עס מאַכט זיך אַמאָל מיט אַ מײדעל װאָס מען האָט זי דיר ערשט פאָרגעשטעלט און װאָס דו ערװאַרטעסט נאָך פון איהר זעהר פיעל.

זי האָט געזאָגט — דורך שיטערע און געלע צײן:

— דוכט זיך, אַז איך האָב אײך שױן אַמאָל באַגעגענט ערגיץ?

איך האָב אַװעקגעקוקט און געזאָגט מיט אַ געניץ:

— עס קאָן זײן.

זי האָט געזאָגט:

— פּליעז, נאָר נישט מיט די ה ע נ ט. איך האָב דאָס פײנט.

איך האָב געזאָגט:

— װער טשעפּעט אײך דען? — װער ריהרט אײך דען אָן? איך האָב זיך בלױז געװאָלט אַ טאַפּ טון בײם קראַװאַט. נישט מעהר.

— קראַװאַט? הא? מעהר האָט איהר גאָרנישט געװאָלט? נו־יאָ. איך קאָן אײך גאַנץ גוט איהר מאַנס־בילען, און מי־װײסען, אַז מען דאַרף אײך אױסמײדען.

— אײך אױסמײדען — האָב איך איהר נאָכגעזאָגט,

זעהר גלייכגילטיג, קוקענדיג בשעת מעשה אויף אן איינ־זאמע האָר וואָס האָט ארויסגעשפּראָצט פון איהר קינ־באק.

— און מ׳טאָר נישט זיין צו פריינטליך צו אייך, אז נישט, מיינט איהר גאָט־וויים־וואָס.

— מיינט איהר, אז גאָט־ווייסט־וואָס! — האָב איך איהר נאָכגעקרעכצט און באטראכט איהרע פארשלאָפענע אויגען, וועלכע זענען געהאנגען ווי פאררויכערטע לאמ־טערענדלעך, איבער אן אלט, איינגעפאלען הויז.

— פליעז, האלט זיך א ביסעל פון דער ווייטענס!

— האלט זיך א ביסעל פון דער ווייטענס! — האָט זי געזאָגט, זעהענדיג ווי איינער פון מיינע פיס קלייבט זיך אוועקצוגעהן — און זייט נישט אזוי —

מעהר האָב איך נישט געהערט, ווייל איך האָב א געניץ געטון און בין אוועק, צו אנדערע יונגע דאמען, וואָס האָבען זיך געפונען אין דעם הויז, וואו מ׳האָט מיך געהאט פאָרגעשטעלט פאר פריילין רויזענהארץ.

יענעם אָוונד האָב איך שוין מעהר נישט גערעדט צו איהר, האָב זי אויסגעמידען ווי א בעל־חוב, און זי אפילו נישט אָנגעריהרט מיט אן אויג.

מיט א טאָג שפּעטער האָב איך דערהאלטען א שמע־קעדיג בריוועל, מיט־אָט אזא נוסח:

„ליעבער העדר פידוואָלינע!

איך מוז אייך זאָגען, אז ס׳איז נישט שעהן פון אייער זייט, וואָס איהר האָט זיך אזוי אויפגעפיהרט נעכטען ביינאכט. יעדעס מאָל, וואָס אייערע בליקען האָבען זיך באגעגענט מיט מיינע, האָב איך געפיהלט ווי זיי עסען זיך אריין אין מיין יונגענדליכען קערפּער, ווי זיי פאר־שלינגען מיך, מיט זייער ליידענשאפט. — פוי! איך האָב זיך נישט געריכט, אז אין דער קורצער צייט וואָס מיר קאָנען זיך, וועט צווישען אונז פאָרקומען אזא זאך. איך האָב אלץ געמיינט, אז איהר האָט ליעב מיין נשמה

און נישט מיין קערפּער. מיט גרוס, פרייליין רויזענ־
האַרץ.

פּ. ס. עס טוט מיר לייד איך צו זאָגען אָפענהערציג, אז איך קאָן אייך נישט ענטפערען אויף אייער ליעבע. איך בין נאָך צו יונג צו טראַכטען פון האָבען קינדער און זיין צוגעבונדען צו אַ מאַן, איך הויב ערשט אָן צו לעבען אויף דער וועלט. — דיזעלבע.“

— אָט האָסטו דיר אַ נייע אָנטשעפּעניש! — האָב איך געזאָגט צו זיך, נאָכדעם ווי איך האָב איבערגעלעזען דאָס דאָזיגע בריוועל — אָט האָסטו דיר די דריטע טעג יום־טוב. נאָך ז י פעהלט מיר צו מיינע צרות — זי מיט דעם איינזאַמען האָרעלע אויף דער מאָרדע — בררר!

איך האָב איהר פונדעסטוועגען גאָרנישט געענטפערט, ווייל איך האָב נישט געוואָלט אָנקניפּען מיט איהר קיין קאָרעספּאָנדענץ. מיין באַגעגעניש מיט איהר איז שוין אזוי א ו י ך געהאנגען איבער מיין לעבען ווי א שאָטען פון אן אומגליק.

געהען אוועק עטליכע טעג, דערהאַלט איך נ אָ ך אַ בריוועלע, שרייבט זי אזוי:

„ווערטער הערר פידוואָלינע!

מיט עטליכע טעג צוריק האָב איך אייך געשריבען א בריעף, אין וועלכען איך האָב אייך אויפמערקזאם געמאכט, אז די באציהונגען צווישען אונז זענען אזוי גוט ווי איבערגעריסען. איך פארלאנג נישט, איהר זאָלט קומען צו מיר, אין סעפּעראַט צימער אין נומער 143½ ריווילענסי סטריט, דעם צווייטען פלאָר, לינקס, עלף אויף דער טיר, צווישען זיבען און צעהן יעדען אָווענד, אחוץ פרייטאָג. איך וויל אויך זאָגען, אז אייער האנדלונג געגען דאמען איז נישט זעהר קיין שעהנע. א מענש ווי איהר, האָט זיך געמעגט באנעמען אביסעל איידעלער און אונטערדריקען זיינע ליידענשאַפטען. איך ווייס אז אייער ליעבע צו מיר איז בלויז א קערפּערליכע און נישט

קיין גייסטיגע און דאָס עקעלט מיך. מיט גרוס, רויזענ־הארץ.

פּ. ס. מיין באשלוס, אז איהר זאָלט נישט קומען צו מיר אין מיין סעפּעראַטען צימער, אין נומער 143½ ריווילענסי סטריט, צווייטען פלאָר, לינקס, עלף אויף דער טיר, יעדן טאָג צווישען זיבען און צעהן, אחוץ פריי־טאָג איז א פעסטער און קיין זאך אין דער וועלט קאָן דאָס נישט איבעראַנדערשען.

אכטונג־פול, דיזעלבע."

איבערגעלעזען דעם דאָזיגען בריעף, האָב איך איהם א שליידער געטון פון זיך מיט גרוים כעס, אויסגעשפּי־גען עטליכע מאָל, אויסגעדריקט צו דער סטעליע מיין האָפנונג, אז זי וועט אין גיכען איבערגעפאָהרען ווע־רען פון אן אויטאָמאָביל, אָדער שטארבען א נאַטירליכען טויט — צום גוטען יאָהר!

ווידער זענען אוועק עטליכע טעג, איך האָב זיך פארנומען מיט מיין ארבייט און שוין געהאט אין גאַנ־צען פארגעסען אין דער רויזענהארציגער פריילין, ווען איינמאָל — — —

ס'איז געווען ארום עלף א זייגער ביינאַכט, איך בין געזעסען ביי זיך אין צימערל, אָנגעטון אין מיינע סאמע אינטימסטע קליידער און זיך געמאכט באקוועם מיט מיין ליולקע, ווען פלוצים, זעהר פלוצים, נאָך פלוצימער ווי דאָס, האָט זיך געעפענט די טיר און ס'איז אריינגעקומען מיין פריילין רויזענהארץ.

מאכט זי צו מיר: גוטענאָווענט!

מאך איך צו איהר: א גוט יאָהר. וואָס קאָן איך טון פאר אייך?

מאכט זי צו מיר ברוגז'לעך: איהר קאָנט פאר מיר גאָרנישט נישט טון. אדרבא, וואָס וועניגער איהר וועט פאר מיר טון, אלץ געזונטער וועט זיין פאר אונז ביי־דען.

מאך איך צו איהר: וואָס הייסט?

מאכט זי צו מיר: איהר וועט מיר ערלויבען זיך אוועקצוזעצען אויף אייער בעטעל. עס הייסט גאנץ פשוט, אז איך וויל מיט אייך נישט האָבען קיין עסקים, דערפאר ווייל איך האָב אייך נישט ליעב. מיין האַרץ ציהט מיך נישט צו אייך. איך ווייס — זאָגט זי — אז ס׳איז גרוֹיזאם פון מיר צו רעדען אזוי. אָבער איך קאָן זיך נישט העלפען. איך וויל נישט, אז א מענש זאָל האָבען צוליעב מיר אומזיסטע האָפנונגען. איך מוז אייך זאָגען — איז זי ארויפגעפאלען אויף מיר מיטביידע הענט און גענומען וויינען ווי צו סליחות — איך מוז אייך זאָגען, אז פון דעם ערשטען טאָג וואָס איך האָב אייך דערזעהען, זענט איהר מיר נישט געפעלען. בין איך אייך געקומען זאָגען, אז אין מיינע געפיהלען צו אייך איז פאראן עפּיס אזוינס — האָט זי געזאָגט און מיך פעסט צוגעדרוקט צו זיך — אזוינס וואָס שטויסט אָפּ. וואָס איז נישט סימפּאטיש. און דעריבער בין איך צו׳נ׳אייך גלייכגילטיג, קאלט און — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שלום-מאָגאַלאָג: אָה, פרויען, ווער קאָן אייך פאַר־שטעהן? ווער קאָן אייך אָפּשאצען? ווער קאָן באגריי־פען אייערע וועגען, אָ גאָט?

# אינהאלט:


| | | |
|---|---|---|
| שנעלע באלמעלאָכעס | זייט | 5 |
| די עסטאבאנאניסטען | " | 11 |
| א אידישע טבע | " | 17 |
| צווייערליי מעטאָדען | " | 24 |
| דער גרויסער געשעפטסמאַן | " | 29 |
| רואינירט דורך סוקסעס | " | 37 |
| אויפגעגעסען א ביזנעס | " | 43 |
| איך — אלס בײשפּיעל | " | 48 |
| איך אלס ווידערקול | " | 55 |
| דער רעגעלמעסיגער חלש'ער | " | 59 |
| א ברויטגעבער | " | 64 |
| א זויבערער רעסטאָראַן | " | 69 |
| נאָטוס און פראָטוס | " | 74 |
| די גראשיציאַנער | " | 80 |
| פּרעזענטען | " | 86 |
| מיין ערשטער דעפּאָזיט | " | 98 |
| א משפחה־פּעהלער | " | 91 |
| מע וואָלט געקאָנט לעבען, נאָר מע לאָזט נישט | " | 95 |
| גיב איהם פינפערלעך | " | 105 |
| ת'נ'צ'ב'ה | " | 109 |
| מזל דאַרף מען האָבען | " | 112 |
| קרקע | " | 120 |
| דער קונצענמאכער | " | 126 |
| מאדאם פּארפאציא | " | 130 |
| טאָפּעלטע קאָנקורענץ | " | 139 |
| די מיטעלמעסיגקייט פון קליין און גרויס | " | 143 |
| צווייערליי מאָראַלען | " | 147 |
| פריילין רויזענהארץ | " | 151 |

# מעשה׳לאך מיט אַ מאָראַל
## און
# אויסגעטראַכטע זאַכען

## ס'איז מיר אומעטיג, ליעבער גאָט.

דיין וועלט איז שוין אַזוי אַלט. די זון געהט אויף און געהט אונטער אַזוי באַנאַל און רעגעלמעסיג. פריהלינג, זומער, הערבסט און ווינטער זיינען פיער שוועסטער פון איין גלייכגילטיגער, סימפּאַטישער מאַמען. דיין לבנה, ליעבער גאָט, דערמאָהנט אָן דעם זילבער פון אָפּגעריבענע מטבעות. דיינע שטערן פינטלען אַזוי אונפאַרשטענדליך.

און מיר אַלע טראָגען דעם טויט אין אונזערע הערצער ווי אַ ממזר.

אַ פרעמדען טויט, באַשאַפען פון אַ פרעמדען גאָט, וועלכער אַמוזירט אונז ניט.

ס'איז אומעטיג, ליעבער גאָט, דאַריבער בין איך אַזוי קלוג און פול מיט וועלט־שמערץ, — אַ זאַך וואָס געפעהלט זעהר די דאַמען.

## עהרליכקייט באַצאָהלט זיך

אין דער שטאָדט פּאָמפּידוסע האָט געוואוינט א גאָטספאָרכטיגער איד, האָט ער געהייסען ר׳ שיע־העשיל ציבוך און איז געווען — כאפּט אייך אָן — אן עושר גדול ועצום.

אז מען זאָל זיך פארלאָזען אויף דעם וואָס די אלטע פּאָמפּידוסער תושבים זאָגען, מוז מען גלויבען, אז ר׳ שיע־העשעלע איז אויך געווען דער גרויסער בעל־מאמין, דער אמת׳ער איד מיט׳ן פולען מויל — ווי די מעשה וועט אי״ה באלד באווייזען.

איינמאָל האָט ר׳ שיע־העשעלע באדארפט צו פאָהרען אויף א חתונה פון אן אָרימער כלה, וועלכע ער איז אויסען געווען מהנה צו זיין מיט זיין סבר פנים יפות און טאקע מיט דער שעהנער כלה־מתנה — הינו: א בשמים־קעסטעלע פון פיינעם פּימסען־האָלץ און באשלאָגען מיט גאָלד.

פאָהרען — איז אויסגעקומען צו פאָהרען דורך א געדיכטען, פינסטערען וואלד, אין וועלכען עס זענען פון אייביג־אָן שכיח געווען א סך גזלנים.

אָבער שיע־העשעלע איז נישט דער מענש זיך צו שרעקען. „ד׳ לי מה אירא? אז השי״ת איז מיט מיר, וואָס דארף איך פורכט צו האָבען?״ — אזוי האָט געטראכט ר׳ שיע־העשעלע, אָנגעטון די טייערע ראצימירענע בעקעשע, ארויפגעזעצט אויף דער בלאָה־סאמע־

טענער יארמולקע דעם שעהנעם ספאָדעק און מ׳לאָזט זיך אין וועג אריין — אויף גאָט׳ס באראָט.

פאָהרט מען א שעה, צוויי, גאָרנישט. דערווייל האָט גענומען צופאלען די נאכט, איז ר׳ שיע־העשעלע אראָפּ־געקראָכען פון דער בויד, זיך ארומגעגאַרטעלט מיט דעם שווערען, זיידענעם גארטעל, און זיך געשטעלט מנחה דאווענען. ערשט ערגיץ פון א הייל גיבען א שפּרונג ארויס דריי גזלנים מיט גרויסע שטיוועל און מיט שארפע מע־סערס.

איינער פון די דריי גזלנים האָט זיך געגעבען א נעם צו ר׳ שיע־העשעלע׳ן איהם א כאפּ געטון פאר׳ן האלז און באפוילען ער זאָל אָפּגעבען דאָס גאנצע גאָלד און זילבער.

— נו־אָ! — האָט ר׳ שיע־העשעלע א מאך געטון מיט דער האנט און נישט אויפגעמאכט אפילו די אויגען — ווארים ר׳ שיע־העשעלע האָט גראָד געהאלטען ביים „לך" פון „מודים".

ערשט דערנאָכדעם, אז ער איז אויסגעגאנגען שמונה עשרה, האָט ר׳ שיע־העשעלע אליין אראָפּגענומען פון זיך ס׳גאָלדענע קייטעל מיט׳ן זייגערעל און אנדערע מטלטלין שיש להן אחריות, און עס אָפּגעגעבען צו די גזלנים, ווארים ר׳ שיע־העשעלע האָט נישט געוואָלט ברענגען דערצו, אז אידישע מענשען זאָלען פארלירען זייער חלק לעולם הבא צוליעב שפיכת דמים ר״ל.

— האָסטו אונז אלצדינג אוועקגעגעבען וואָס דו האָסט ביי זיך? — האָט דער הויפּט־גזלן געפרעגט ביי ר׳ שיע־העשעלע׳ן, ווארים ער האָט געזעהן אז ער האָט דאָ צו טון מיט אידען אויף וועמעס וואָרט מען קאָן זיך פארלאָזען.

— יאָ! — האָט געזאָגט ר׳ שיע־העשעלע, מחמת פון גרויס פחד, אז די גזלנים זאָלען חלילה נישט פאר־לירען זייער חלק לעולם הבא, איז ביי איהם דער זכרון געשלאָגען געוואָרען.

— דו ביזט אן עהרליכער מאן ! — האָט געזאָגט דער הויפּט־גזלן און איהם דערלאַנגט א זעץ צו דר'ערד.

אז ר' שיע־העשעלע האָט געהאַט צוריק אָנגעטון דעם ספּאָדעק און איהם געהאַלטען אין ארויפזעצען אויף זיין בלאָהער, סאַמעטענער יארמולקע, האָט ער זיך פלוצים אן עפּעס דערמאָנט פון וואָס ער איז שטארק דערשראָקען געוואָרען. ער האָט זיך א טאַפּ געטון ביי דער בוזים־קעשענע און — ריכטיג ! ווי ס'הארץ האָט איהם געזאָגט. ער האָט פארגעסען אָפּצוגעבען די גזלנים דאָס טייערע בשמים־קעסטעלע וואָס איז געווען גע־מאכט פון פּימסען־האָלץ און באשלאָגען מיט גאָלד.

רב עליע ! — האָט שיע־העשעלע זיך געווענדעט צו זיין בעל־עגלה. — איהר'ט אזוי גוט זיין אונטערוואר־טען דאָ מיט דער בויד, איך מוז נאָכלויפען די גזלנים, איך האָב זיי פארגעסען אָפּגעבען ס'פּושקעלע — האָב איך זיי פארגעסען ! — און ער האָט גענומען לויפען טשוואַליאָם.

נאָך דריי טעג לויפען האָט ער זיך ענדליך דערשלאָ־גען צו דער געוויסער הייל.

די גזלנים־יונגען זענען געזעסען אויף דר'ערד ארום א דרייפיסיג טישעל און געזופּט וויין פון כוסות וואָס זענען געווען געמאכט פון מענשליכע שארבענס.

דערזעהן דעם פארסאָפּעטען און אָהן־אָטעמ'־דיגען שיע־העשלען, איז דער וויין געבליבען אין זייערע גאָרגלען.

אָבער ר' שיע־העשעלע האָט זיי גלייך בארוהיגט :

— זייט מיר מוחל, ליעבע גזלנים. — האָט ער גע־זאָגט מיט א פארטרערט קול — זייט מיר מוחל וואָס איך האָב אייך אָפּגענאַרט. גאָט איז מיין עדות, אז איך האָב פארגעסען. נאַט אייך ס'פּושקעלע !

דערשטוינט און גערירט פון דעם מענשען'ס עהר־ליכקייט האָט איינער פון די גזלנים געמאכט א פאָר־שלאָג, אז מען זאָל צו ר' שיע־העשעלע'ס ספּאָדיק צו־

בינדען א גלעקעל און איהם ארומפיהרען **אויף אלע** ירידים.

---

און נאָך היינט — **אזוי דערצעהלט** די מעשה — נאָכדעם ווי ער איז געשטאָרבען, קאָן מען זעהען דעם אלטען, גרייז־גראָהען ר' שיע־העשעלע זיצען אין גן־עדן מיט א גלעקעל אויפ'ן ספאָדיק און די יונגערע, שקאָצעוואטע גייסטער, וואָס געהען פארביי, צופּען איהם פאר דער נאָז, שיסען איהם בעבליך אין די אוירען אריין, אָבער דער גוטער רב שיע־העשעלע שמייכעלט און טראכט — אָט לאָזען די קינדער הנאה האָבען!

* * *

מאָראל: דער רעגען **רעגענט פאר אלעמען** גלייך — פאר דעם שולדיגען און פאר דעם אונשולדיגען, נאָר אביסעל מעהר פאר דעם אונשולדיגען, ביי וועלכען דער שולדיגער גנב'עט געווענליך צו דעם רעגענשירם.

## דער אָפּנאַרער

אמאָל זענען — אין א קליין שטעדטעל — געווען צוויי סוחרים.ביידע האָבען געהאַנדעלט מיט האָניג — אויב ס'איז געווען האָניג צו האנדלען, ביידע האָבען געהאנדעלט מיט פלאקס — אויב ס'האָט זיך געמאכט א בינטעל פלאקס און ביידע זענען אין אלגעמיין געשטאַרבען פון הונגער ווי סע קעהר צו זיין.

דידאָזיגע צוויי סוחרים האָט מען געקאָנט זעהן אויף אלע ירידים — מיט די שטרויעלעך אין מויל, די פּאָלעס פארקאטשעט — מעשה סוחרים, און — ביידע זענען זיך איינס ס'אנדערע נאָכגעגאנגען פוס־טרית.

האָט איינער דערזעהן, אז דער אנדערער האָט ערגעץ דערטאפּט א בינטעל פלאקס, אָדער עטליכע היהנער — איז ער גלייך אויסגעוואקסען פון הינטען און גענומען קאָנקורירען, אויסדינגען.

דאביי זענען זיך די צוויי שעהנע סוחרים אָפּט אריינגעקראָכען אין די שיטערע, אונענטוויקעלטע בערדלעך, זיך צוגראבעלט די פּנים'ער און זיך אָנגערופען מיט אלערליי נעמען.

דאָס איז געווען יריד־צייט.

אין געוועגליכע טעג פון א גאנץ יאָהר, פלעגען אונזערע סוחרים ארומגעהן איבער די דערפער מיט קאָשיקעס אין די הענט און האנדלען מיט די באקאַנטע

סחורות, מיט וועלכע עם האנדלען אידישע יונגע לייטלעך מיט שיטערע בערדלעך.

האָט איין סוחר דערזעהן אין דער פריה, אז דער אנדערער געהט מיט'ן קווישעל אין דאָרף אריין — האָט ער פופטערנע געכאפּט זיין קווישעל און איז אויך ארויס אין דאָרף אריין.

אונטערוועגס פלעגען זיך די צוויי סוחרים אָפט באַגעגענען, זיך אוועקזעצען אונטער א פלויט פון א נוי'שען סאַד, איבער וועלכען עס האָבען אריבערגעהאנגען די זאפטיגע עפּעל און בארן און פלוימען און — אנטלייען איינער ביים אנדערען א ביסעל זאלץ פאר דער ציבעלע, אָדער רעדען פון וועלט־זאכען. אָבער נאָך אָפטער ווי זיי פלעגען געהן צוזאמען, פלעגען די דאָזיגע צוויי סוחרים פּרובען איינס ס'אנדערע אָפּנארען בנוגע דעם ציעל פון זייער רייזע. איבערהויפּט האָט עס געטון דער עלטערער סוחר, וועלכער האָט געהייסען מרדכי־עליע.

— וואוהין שפּאנט מען דאָס אזוי ? — פלעגט פרעגען דער איינגערער סוחר ביי מרדכי־עליע'ן בשעת זיי פלעגען זיך באַגעגענען אויפ'ן וועג.

— איך שפּאַן קיין כינזשעוו ! — פלעגט תּמ'עוואטע ענטפערען מרדכי־עליע און אין הארצען ביי זיך פלעגט ער טראכטען : הלואי קרענקט ער אזוי, ווי לאנג איך געה נישט קיין כינדזשעוו, נאָר קיין פינדזשעוו !

---

אין אָנהויב האָט זיך דער איינגערער סוחר געלאָזט פארנארען און פלעגט פארלויפען דעם וועג קיין כינדזשעוו און צו זיין גרויס הארצוועהטאָג אויסגעפינען אז מרדכי־עליע איז נאָר אין פינדזשעוו און ער איז אויך אוועק אהינצו.

איז אָבער מרדכי־עליע אויך נישט קיין מלופין־קינד — עפּעס פאָרט געשליפען דעם קאָפּ אין תוספות און עין יעקב — איז ער זיך מישב און אנשטאָט

איהם אפצונארען, אז ער נעהמט קיין בינדזשעוו, זאגט ער איהם דעם אמת אז ער נעהמט קיין פינדזשעוו, לויפט יענער שוין ממילא קיין בינדזשעוו.

עטליכע מאל האט שוין פאסירט אזא מין געשיכטע און דער אינגערער סוחר איז געווארען אין גאנצען צו־טומעלט — נישט געוואוסט וואס צו טון.

איינמאל האט ער איהם ווידער באגעגענט אויפ'ן שייד־וועג — וואס פיהרט אי קיין בינזשעוו אי קיין פינדזשעוו.

— שלום עליכם, מרדכי־עליע !

— עליכם שלום.

— וואוהין איז דאס שפאנעכץ וואס מען שפאנט ?

— קיין בינזשעוו ! — ענטפערט מרדכי־עליע און גיט אפילו נישט קיין פינטעל מיט'ן אויג.

פארטראכט זיך דער אינגערער סוחר א ווייל, לאזט ארויס א פיעל־געגלידערטען זיפץ און זאגט :

— איך ווייס מרדכי־עליע אז דו זאגסט מיר אומיסנע אז דו נעהסט קיין בינדזשעוו, כדי איך זאל מיינען אז דו געהסט קיין פינדזשעוו, — געהסט דאך אבער טאקיש קיין בינדזשעוו, טו וואס־זשע נארסטו אפ ?

און ער האט זיך צוואויינט.

* * *

מ א ר א ל : דער בעסטער שווינדעל איז פארט אז מען קאן יענעם גוט אפנארען און נאך בלייבען דער פיינער מאן.

## די הוהן און דער אייער־סוחר

אמאָל איז געווען א איד — אן אייער־סוחר, האָט ער, ווי די טבע איז פון אלע אייער־סוחרים, געהאנדעלט מיט אייער.

יעדען פריהמאָרגען פלעגט ער פארקאַשען די פאלעס פון זיין פארבלאָטיגטער בעקעשע, נעמען אין דער האנט אריין א קוישעל און זיך אוועקלאָזען אין דאָרף אריין — נאָך אייער.

דאָס דאָרף וואו אונזער אייער־סוחר האָט געהאנדעלט איז געווען זעהר א שעהן דאָרף אין גאליציע. זומער האָבען דאָרט די קארשען־בוימער גע׳חנ׳ט אין די סעדער. ווינטער זענען די קליינע הייזלעך מיט שטרויענע דעכלעך, אין ווייסע, בלישטשענדיגע דימענט־הויפענס פארוואנדעלט געוואָרען.

אָבער דער איד—דער אייער־סוחר—האָט דאָס אלעס נישט געזעהן. געזעהן האָט ער בלויז, אז אין דאָרף זענען פאראן צופיעל הינט און — צו ווענינ אייער.

איינמאָל איז אונזער אייער־סוחר פארביינעגאנגען א נוי׳עש שטיבעל, און באמערקט ווי א הוהן גערט דאָרט ארום אין דרויסען זעהר נישט־אויפגעלעגט און קוואָקעט שרעקליך און מאכט „גא־גא־גא־גא!“

— א מאָדנע הוהן!—האָט זיך ארויסגעזאָגט דער אייער־סוחר — טאָמער דארף זי האָבען איין שטיקעל איי, איז טהוט זיך חושך. וואָס זאָל איך נאָך זאָגען,

אז איך דארף האָבען  ע ט ל י כ ע   ש אָ ק   א י י ע ר, י ע ד ע ן   ט אָ ן?

* * *

מ אָ ר א ל: די מאָראל פון דער דאָזיגער געשיכטע איז נישט זעהר קלאָר. אָבער אונז דוכט זיך אז זי האָט עפּיס א שטיקעל שייכות מיט דער פראגע פון פרויען און אידען-רעכט.

## דער גרויסער דענקער

אמאָל איז געווען אַן עלענד מיידעל, א פּרומס. האָט זי געגלויבט אין גאָט און אין דער מענשהייט אין אלגע־מיין, אָבער אין מאַנסביל ספּעציעל האָט זי נישט געגלויבט.

נישט געהאַלטען דערפון.

האָט זי געלייענט א סך מאָנדשייענדיגע ראָמאַנען מיט וואהרע, אויפריכטיגע, הייליגע ליעבעס — אהא! און — געבליבען אַן אלט פאַרוועלקט מענשען־קינד ביז העט־העט אין די יאָהרען.

איז זי געוואָרען אומעטיגער און בלייכער פון טאָג צו טאָג, האָט נאָר דעבאַטירט וועגען ריינער אויפריש־טיגער ליעבע און געלעכצט נאָך א פּאָר ווארימע מענער־אָרעמס און ברייטע מענער אַקסלען.

האָט זי זיך באַקאַנט מיט א בחור, וועלכער האָט ווייניג גערעדט. דערפאַר אָבער האָט ער א סך, זעהר־אונגעהויער־פיעל־א־סך־געדענקט, נאָר רעדען האָט ער גערעדט זעהר־אונגעהויער־פיעל־ווייניג — כמעט נאָר נישט. נישט חלילה דערפאַר וואָס ער האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגען — ווי סע טרעפט ביי מאַנכע דענקער — נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט צופיעל געדענקט, האָט ער נישט געהאַט קיין צייט צו רעדען.

איז ער אפילו איהר, דער אלטער יונגפרוי גע־וואָרען מאוס און דערעסען און — זי האָט איהם אוועק־

געשיקט. אויף זיין אָרט האָט זי זיך איינגעשאפט א פּאפּוגאַי, זעהר א שעהנעם, זעהר אַן ערנסטען און זעהר א רעדעוודיגען.

ווי אזוי האָט זי געוואוסט, אז דער פּאפּוגאַי איז א זעהר רעדעוודיגער? איז דער תירוץ: דער מאַן פון פויגעל געשעפט האָט איהר פאַרזיכערט, אז דער פּאפּוגאַי רעדט ווי א וואסער.

אז ס'איז אוועק א וואָך און צוויי און דריי און דער פּאפּוגאַי האָט אַלץ געשוויגען איז דאָס פון אויפּריש־טיגער־ליעבע־רעדענדיגע מיידעל געוואָרען א ביסעל אומרוהיג און גענומען דעם פויגעל און צוריקגעטראָגען צום פויגעל־סוחר.

— סטייטש! — זי אזוי.

— סטייטש וואָס? —ער אזוי צו איהר.

— סטייטש, ער רעדט נישט, דער פויגעל! — זי אזוי צו איהם.

קוקט זי דער פויגעלדיגער איד אן און מאכט אזוי:

ס'איז אפשר אמת, מאכט ער, אז דער פּאפּוגאַי רעדט ווענעג — כמעט גאָרנישט, דערפאַר איז ער אָבער, מאכט ער, א גרויסער דענקער.

זי האָט איהם געוואָרפען דעם פויגעל אין פּאָם אריין.

* * *

מאָראַל: שטילע דענקערס, קריכט ארויס פון אייערע טראנשעען, טרענטשעס, פעלדגריבער און — הויבט אָן דערלאַנגען פּראָזע!

## ס. פּאָלעק

אמאָל איז געווען אַ בחור'ל מיט'ן נאָמען ס. פּאָלעק. דאָס דאָזיגע ס. פּאָלעק'על איז געווען נישט רייך און נישט שעהן, נישט קלוג און נישט געבילדעט, נישט חן'עוודיג און נישט באַ'טעמ'ט, — נאָר ס'האָט געהאט אַ מאָדנע שטימעלע, אויף וועלכען מען פלעגט זאָגען, אז ס'איז זעהר עהנליך צו דער שטימע פון נאָט — כאָטש זעהר וועניג מענשען האָבען געהאט די געלעגענהייט צו הערען אויף וואָס פאַר אַ מין קול די גאָטהייט רעדט אייגענטליך.

און צוליעב דערדאָזיגער שטימעלע האָבען זיך אַלע גרעסטע לייט פאַר איהם געבוקט, געניי‍גט, געשאָקעלט, געציטערט — אַ קליינינקייט: ס. פּאָלעק!

אין אָנהויב איז דאָס דאָזיגע ס. פּאָלעק'על געווען באַשיידען. נישט געזאָגט קיין דעות אין אַזעלכע זאַכען ווי פּאָליטיק, נישט גערעדט וועגען קונסט, נישט געזאָגט קיין מבינות איבער אַנאַטאָל פראַנס און אין אַלגעמיין געהערשט מיט נישט וועניגער טאַקט ווי אַ פשוט'ער קייזער־קעניג.

נאָר ענדליך האָט זיך אין איהם פאַרליעבט עפּעס אַ רויטע מויד מיט'ן נאָמען סאָשע ליזעם, און איהם גענו־מען קעכלען און פעכלען ווי אַ טייערען בן־יחיד, און איהם צודריקען צו איהר הויכער, איבער־וואַרימער ברוסט.

— ס. פאַלעק׳על איז גרויס! — פלעגט איהם די דאַ־זיגע סאָשע זינגען א ניגונ׳דעל.

— ס. פאַלעק׳על וועט נאָך א מאָל האנדלען מיט קעניגליכע מאנטלען! — האָט זי איהם געשלעפערט.

— ס. פאַלעק׳על איז קלוג ווי די וועלט.

— ס. פאַלעק׳על שיינט ווי די זון.

— ס. פאַלעק׳על איז דער גרעסטער מבין אויף קונסט!

און אזוי ווייטער.

איז ס. פאַלעק׳על געוואָרען ביי זיך שטאָלץ און גע־נומען טראָגען דעם קאפעליוש אויפ׳ן אויער — מעשה וועלט־חכם.

און א חוץ וואָס עס האָט געארבייט ביי שניידעריי, האָט עס אויך גענומען זיך אינטערעסירען מיט קונסט און מיט טעאַטער.

זעהר סימפאטיש!

איינמאָל איז ס. פאַלעק׳על אוועק צום קאסע־פענס־טעריל פון א אידישען קונסט־טעמפעל און געפרעגט:

— וואָס שפיעלצעך ביי אייך?

— סע שפיעלט זיך א קאָמעדיע.

— צום לאכען, צי א רעגעלע?

— צום לאכען.

— געטשימיר א פינף און דרייסיג־סענטיגען טיקעט!

— האָט געזאָגט ס. פאַלעק, איז אריין אינוועניג, זיך צו־געהערט צו די וויצען און געלאכט ס׳גרעסטע געלעכטער.

מען האָט געמיינט, אז אָט־אָט פאלט עס ארונטער פון דער באלקאָני פון געלעכטער.

אזוי קרעפטיג האָט עס געלאכט!

אין א פּאָר טעג ארום, נאָך דער פאָרשטעלונג, איז אונזער ס. פאַלעק ווידער געשטאַנען ביים קאסע־פענס־טעריל פון זעלבען טעאטער און געזאָגט זעהר אונשולדיג צום קאסירער:

— מיסטער, געטשימיר צוריק די פינף און דרייסיג

סענט פאר מיין טיקעט — כ'האָב אויסגעפונען, אז ס'איז נישט געווען קיין וויצינגע פיעסע.

— אָבער איהר זענט דאָך שיעור אראָפּגעפאלען פון דער באלקאָני פון געלעכטער?

— וואָס האָב איך געזאָלט וויסען, מיסטער? איהר האָט מיר געזאָגט, אז ס'איז א וויצינגע פיעסע, האָב איך זיך אמוזירט. אָבער היינט אין דער פריה האָב איך געטראָפען מיינעם א לאנדסמאַן וואָס ארבייט אין א צייטונג, האָט ער מיר געזאָגט, אז די וויצען זענען קיין וויצען נישט און אז כ'האָב נאָר אומזיסט געלאכט — גיט מיר צוריק ס'געלד!

* * *

מאָראַל: צו וואָס דארף מען א קאַרוזאָ, אז ס. פאָלעק האָט אויך אן איבערגעענוג מעכטיגע שטימע.

# אַ ביהנע וואָס וואַקסט

אמאָל איז געווען א איד פלעגט ער געהן אין אידישען טעאטער באטראכטען ווי דער קונסט־ליעבענדער עולם עסט מיט גרוים מיטגעפיהל די גרויסע, קיילעכדיגע עפעל און שרייט בראוואָמאָטאָפעשקי! הוראפאר דעיפיקעסעל! שלומאש — ספיהה־טש!!

האָט אין איהם, אין ליטעראַרישען צוקוקער, הייסט עס, געוואקסען ס'אידיש־דראמאטישע הארץ, (מיט א ביסעל מוזיק־פליעז) און ער האָט זיך געפיהלט שטאָלץ דארויף וואָס ער האָט א גוט פוטעריל, און וועלכען ער פיהלט זיך גאנץ ווארים.

נאָר איינמאָל האָט ער באמערקט ווי דאָס פארטוך אויף א געוויסער אידישער ביהנע איז אביסעל קירצליך און גרייכט נישט ביז אראָפּ. און אז נאָך איידער די פאָר־שטעלונג הויבט זיך אָן זעהט מען שוין ארוים די שיך פון די קינסטלער, וועלכע שארען זיך ארום אויף דער בעסערער אידישער ביהנע צו יעדער צייט און אמאָל נאָך אָפטער.

איז דער דאָזיגער צוקוקענדער, כמעט קריטיש־קרי־טיזירענדער איד ארויסגעלאָפען הינטער די קוליסען צו דעם הויפּט פון אלע הויפּט־קינסטלער און איהם אָנגע־זאָגט, אז דער פאָרהאנג איז א ביסעל צו קורץ און אז עס זעהען זיך ארוים די דראמאטישע פים.

האָט איהם דער הויפּט פון אלע הויפּט־קינסטלער

א ווײלע באטראכט מיט זײנע צװײ אונטערגעפינזעלטע אויגען און דערנאָך האָט ער באמערקט זעהר קלוג:

— נו, זעהט איהר שוין! איהר טענה'ט דאָך אלץ אז די אידישע ביהנע וואקסט נישט, — לאָזט זיך אויס, אז זי האָט די לעצטע צײט אזא וואקס געטון, קײן עין־הרע־נישט, אז אפילו דאָס פארטוך איז אויף איהר קורץ געוואָרען.

* * *

מאָראל: מענער וואָס ווילען שנעל וואקסען ווערען געראטען זיך אונטערצושנײדען די הויזען!

## דער דיכטער און דאָס פויגעלע

אמאָל איז געווען אַ יונגער דיכטער, אַ הויכער מיט ברייטע פּלייצעס און געזונט ווי אַ בער. האָט ער געריכטעט צו דריי דאָלאַר אַ שטיק, אַזוי לאַנג ביז וואַנען ער האָט זיך אויסגעדיכטעט, נישט געקאָנט מעהר שאַפען, הייסט דאָס. האָט דער דיכטער און זיין פרוי גענומען ליידען צו ביסלעכווייז פון הונגער און טראַכטען פון — זעלבסטמאָרד און פון אַ שטעלע אין אַ רעדאַקציע.

האָבען זיך די רעדאַקציעס נישט געאיילט איהם אויסצוכאַפּען, און אַזוי ווי זעלבסטמאָרד איז אַ זאַך, וואָס מען מוז אליין באַגעהן, אָהן דער הילף פון אַ דייטשען קאָלעגע, האָט ער זיך געפוילט עס צו טון און — איז בעסער געבליבען לעבען.

און אַז זיין לאַגע איז געוואָרען מעהר אונערטרעגליך, ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט מיט דער הילף פון אַ געוויסען דייטשען שטימונגס־דיכטער, האָט ער זיך געגעבען אַ קלאַפּ אין שטערען און אָנווייזענדיג אויף אַ קליין, נעבעכדיג פויגעלע, וואָס איז געהאַנגען אין אַ שטייגעל לעבען זיין קיך־פענסטער, האָט ער אויסגערופען:

— אָט דאָס פויגעלע מוז מיך ראַטעווען פון מיין שווערער לאַגע!

האָט זיך ס'פויגעלע דערשראָקען פון זיין אויסרוף און גענומען פּישטשען ווי אַ קליין היהנדרעלע.

— אָה, ווי געטליך דאָס איז! — האָט זיך דער דיכ־טער אליין אונטערגעטריבען צו ווערען באגייסטערט. — אָה, וואָס פאר א טענער! וואָס פאר א געזאנג! איך מוז מיך זעצען דיכטען.

און ער האָט זיך אוועקגעזעצט און אויפגעדיכטעט א פיין ליעדעלע ווי א גאָלד, נאָר א קורצס. עס איז באשטאנען פון די צוויי קלאנגען: „ציף־ציף!“ און ער איז געבליבען שטעהן.

—אָט צו דעם דאָזיגען ציף־ציף, ווען איך האָב נאָך א צוויי, דריי געדאנקען, וואָלט איך געקאָנט מאכען דער־פון א לירישע זאך — פאר זעקס דאָלאר! — אזוי האָט גערעדט דער דיכטער צום קליינעם פויגעלע, וואָס האָט אויסגעקוקט מעהר ווי א היהנדעל ווי עפּעס אנדערש.

און דאָס היהנדעל־פויגעלע האָט געענטפערט:

— צעף־צעף!

— האָבען מיר שוין אי „ציף־ציף“, אי „צעף־צעף“!

— האָט געטראכט דער דיכטער. — איצט ווען מיר האָ־בען נאָך א שטיקעל איינפאל, זענען מיר געראטעוועט!

אָבער דער איינפאל איז ליידער נישט געקומען. אלץ, וואָס ס'איז געקומען, איז געווען א קליינער פּישטשע פון דעם מיזעראבעלען פויגעלע:

— צוף־צוף!

אָבער מיט „ציף־ציף“ און „צעף־צעף“ און „צוף־צוף“ איז דער דיכטער נישט געווען געהאָלפען. ער האָט באדארפט א געדאנק, אן איינפאל און דאָס האָט איהם דאָס בידנע פויגעלע נישט געגעבען.

און דער דיכטער האָט זיך געביך אויסגעלאָזען ווי א ליכט.

* * *

מאָראל: צו מאכען א לעבען פון א פויגעלע איז נישט קיין פויגעלדיגע פרנסה!

## קינדער ליעבע

אמאל איז געווען א בחור האט ער געהייסען אזוי און אזוי. איז ער געווען זעהר א קלוגער, האט ער שטודירט די גאלעריע פון פארשוואונדענע זשענטעלמענער און גע־נומען א טיעפען אינטערעס אין בעסי טאמאשעפסקי'ס ביאגראפיע. און כדי זיך צו פארפאלקאמענען — סא הארט ווארט „פארפאלקאמענען"! — מיר'ן זוכען עפעס אן אנדער ווארט — אלזא, כדי זיך אויסצובילדען פאר א פאלנעם קולטור־מענש, האט ער באשלאסען צו כאפען א קוק — פאר'ן שלאפען געהן — אין פיליפ קראנץ'ס קול־טור'עדינע געשיכטע און אין אנדערע פעליטאניסטישע זאכען.

פון די אלע זאכען איז דער בחור געווארען העכסט־קולטורעל געזאנגען, און האט כסדר געזידעלט די מענשהייט, זי גערופען מאלפע, מארק אידענע, קאנסער־וואטיווע נשמה, אפגעשטאנענער עלעמענט, א. ז. וו.

וואס שייך חתונה האבען, האט אונזער קולטורוואר־טער העלד באשלאסען, אז קיינמאל אין לעבען וועט ער נישט באגעהן אזא נארישקייט, אזא שמאכינשאנדע!

איינמאל האט זיך דער דאזיגער בחור באקאנט מיט א קליידעל, אין וועלכען ס'האט זיך געפונען א פריילין מיט ברענענדיגע אויגען, האט ער גלייך גענומען באוואונדערען איהר הערליכע פינור, גענומען צוגלייכען איהרע אויגען צו צוויי זונען, איהר בוזעם צו צוויי עלטערע דערוואק־

סענע שעפּעלעך, איהרע האָר צו שוואַרצען גין־גאָלד און — אין פינף יאָהר אַרום טרעפען מיר איהם שוין אין אַן אייגענער דירה, אַרומגערינגעלט פון אַ צעשוואָומע־נער אידענע, וואָס קנייפּט פון די קעשענעס פון איהר פאַרטוך און וואַרפט אין מויל אַריין און פון פינף יאַטען, וואָס מען דאַרף זיי אײנוויקען אויף עטליכע וואָכען און זיי אויסזשמוקען אויף אַ וואַש־ברעטעל.

— העלאָ! — זאָגען מיר צו איהם — וואָס מאַכט איהר עפּעס? וואָס מאַכען אייערע ליעבע קינדערלעך?

— און מיר גיבען אויף איהם אַזאַ סאַרקאַסטישען קוק, אַז עס ווערט אין איהם אַנטפּאַלען דער מאַמע׳ס מילך.

קוקט ער אונז אַ ווײלע אָן, קנאַקט די פינגער איבער פּיליפּ־קראַנץ׳ס קולטור נעשיכטע און מאַכט צו אונז מיט אַ זיפץ:

— איהר וואונדערט זיך מסתמא, למאי, איך, אַ פּראָפעסיאָנעלער געגנער פון דער הייראַט און אַלנעמיינער פרויען־האַסער, האָב חתונה געהאַט?

— יאָ, זאָגען מיר, עס איז אונז טאַקי אַ שטיקעל חידוש.

— נע, מאַכט ער און קוקט מיט איין אויג צום ענגלייכטער — איך האָב געמוזט חתונה האָבען צוליעב די קינדערעלך נעביך — כדי זיי זאָלען האָבען אַ טאַטען.

* * *

**מ אָ ר אַ ל: אַז עס שטעהט אין פּסוק: „כרחם אב על בנים“ — מסתמא דאַרף טאַקי אַזוי צו שטעהן — מען ווערט דאָך נישט נעמען גלאַט אַ פּסוק און איהם אַריינשטעל־לען.**

**פּ. ס. און אפשר יאָ! ווער קאָן וויסען?!**

## פינסטער זאָל ווערן

אמאָל איז געווען א יונגער מענש האָט ער ליעב גע־האט — ליעב צו האָבען. האָט ער זיך פארליעבט אין א ברונעט, נישט זעהר חן'עוודיג באשעפעניש מיט מענש־ליכע אויגען, מענשליכע ליפען און — זעה זייטע 364 פון דער פאָלקסביבליאָטעק פאר וויטערע אינפאָרמאציאָנען.

פלעגט ער נעמען דאָס נישט־חן'עוודיגע געשטופעל־טע מיידעל און מיט איהר אויסגעהן אין די פארקס — אין די גרינע פארקס, אין די דופטיגע פארקס און — רעדען וועגען ליעבעס־ביכלעך, וועלכע מען קאָן איצט קויפען זעהר ביליג—צוליעב פארשידענע אורזאכען

— קום, לאָמיר זיך זעצען אָט־דאָרטען אויף יענער באנק. ס'ליכט שטעכט מיר אין די אויגען! — פלעגט איהם ס'מיידעל אָפט איבערשלאָגען די רייד.

אין אזא צייט פלעגט ער אויף איהר א קוק טון מיט א האלבען ברוגז'ן בליק, אָפשאצען די נישט־חן'עוודיגקייט פון איהר געשטופעלטען פנים, אויף וועלכען עס איז גע־ווען נישט אָנגענעהם צו קוקען, און ענטפערען:

— מ'דארף נישט אויסמיידען קיין ליכט. ס'איז דא אויך גאנץ גוט צו זיצען.

נאָר איינמאָל האָט זיך פארלאָפען א גרויס פארלויפע־ניש, הינו: אונזער יונגער, ראָמאנטישער בחור האָט זיך באקאָנט און — ביים באקענען זיך פאר־ליעבט אין א שעהנער, הויכער, יונגער דאמע

מיט א צארט סמעטענע־מיט־פּאָזימקע געזיכט, וואָס איז געווען פריש און מחיה'דיג און שעהן, אז ס'איז גע־ווען א נחת צו קוקען דארויף.

פלעגט ער מיט איהר — ביינאכט — אויסגעהן אין די פּארקס — אין די גרינע, אין די דופטינע שיטער־באַ־מענשטע פּארקס. אָבער מעהר ווי מ י ט איהר, פלעגט ער אויסגעהן אָהן איהר. ווי א ליכט פלעגט ער אויסגעהן, אז ער האָט בלויז עטליכע טעג נישט געזעהן די סמעטענע־מיט־פּאָזימקע שעהנקייט פון דער יונגער דאמע'ס גע־זיכט.

און וואָס מעהר ער איז געקומען צום באשלוס, אז זי איז א געוואלדיגע שעהנהייט, און אז עס איז א מחיה צו קוקען אויף איהר געזיכט — אלץ מעהר האָט ער נישט געוואָלט קוקען אויף איהר, אלץ מעהר האָט ער געוואָלט זיין מיט איהר אין דער פינסטער.

א מערקווירדיגער פּאראדאָקס!

— קום מיין טייערע, לאָמיר זיך זעצען אויף יענער באנק. ס'ליכט שטעכט מיר אין די אויגען! — פלעגט ער אפט זאָגען צו דעם חן'עוודיגען וועלט־קינד, מיט דעם שלאנקען, קעצישען קערפּער און מיט דער סמעטענע־און־פּאָזעמקע פרישקייט אין איהרע באקען.

וואָס מעהר ער האָט ליעב געקראָגען ס'מיידעל, אלץ מעהר האָט זיך ביי איהם ענטוויקעלט דער האס צו פּאָ־ליציילייט און לאַמטערנעס און וואָס שטארקער ער האָט פיינט געהאט פּאָליציילייט און לאָמטערנעס, אלץ שטאר־קער האָט ער ליעב געהאט די עלעגאנטע דאמע מיט די — צו אונז גוט־באקאָנטע, כאָטש פון א ו נ ז אזוי גוט ווי פון א י ה ם נאָך נישט געקושטע — באקען.

— דו ביזט אזוי שעהן, אזוי שעהן! — פלעגט ער זיך באנייסטערען אין ווארימע זומער־נעכט — איך וואָלט קיינמאָל נישט מיעד געווערען צו קוקען אויף דיין פּרעכ־טיג געזיכט.

און ער פלענט ענדיגען:

— קום לאָמיר זיך זעצען אָט־דאָרט, אויף יענער באנק, וואו ס'איז פינסטער. ס'לאמטערען־ליכט שטעכט מיר אין די אויגען.

און זי פלענט ענטפערען קלוג, ווי א לייט־ארטיקעל:

— ווי קומט עס, וואָס אזוי שנעל ווי א מאן געפינט אויס, אז א פרוי איז אזוי שעהן, אז ס'איז א נחת אויף איהר צו קוקען וויל ער מיט איהר זיין אין דער פינס־טער?

* * *

מאָראל: בעסער מיט א מאָדערנער פרוי צו זיין אין דער טונקעלהייט — איידער פארקעהרט!

## די אָפּענע האַנט

שוין פון קליינערהייד אָן האָט מען געזעהן, אז דאָס וואקסט א פּרי שב'פּירות. ביי קליינע אינגלעך פלעגט ער אויסנארען דאָס פּוטער־ברויט, ביי גרעסערע פלעגט ער אָפּדרעהען די קנעפּלעך פון די בונדעלעך, בעת די בונדעלעך זענען געהאנגען אין חדר אויף דער וואנט און ער פלעגט זיי אויסטוישען פאר באָנבאָנעס. און א חוץ דעם האָט ער געהאט א טבע צו פיינגען אומשולדיגע קעץ, ציגען, מלמדים, העהנער, באהעלפערס, א. אז. וו.

האָט די מוטער צו איהם גע'טענה'ט:

— ליעב קינד מיינס, זעה וואָס דו טוסט! דו פארשווארצסט דיינע טאטע־מאמע ס'פּנים! א מעהר: זיי א גוט אינגעל, טשעפּע נישט קיינעם, האָב א גוט הארץ און דער עיקר — האָב אַ אָפּענע האַנט!

און דער טאטע זיינער האָט איהם אויך גע'עצה'ט: האָב אַ אָפּענע האַנט פאר אידען, וועט דיר גוט זיין!

יאָהרען זענען אוועק. דער קליינער חברה־מאַן איז אונטערגעוואקסען און — מערקווירדיג! אלע אנדערע עצות, וואָס זיינע טאטע־מאמע האָבען איהם געגעבען אין דער יוגענד האָט ער פארגעסען, נאָר די עצה צו האָבען אַ אָפּענע האַנט האָט ער נישט פארגעסען.

איהר קענט איהם זעהן יעדען טאָג לעבען דער נאָר־

פאָלק־סטריט־שוהל, ווי ער שטעהט מ י ט א ן אָ פ ע נ ע ר ה א נ ט און — בעטעלט נדבות.

* * *

מ אָ ר א ל: אָרימקייט איז נישט קיין שאנדע נאָר א — פרנסה!

## דער פּרעמדער

איך האָב אמאָל געקענט אַ אידישען דיכטער, וועמעס נשמה האָט זיך נישט אָפּגעשפּיגעלט אויף זיין געזיכט.

זיין פּנים, הייסט עס, האָט פאַרשוויגען זיין גרויסקייט און זיינע אויגען האָבען אומעטיג געוואַכט איבער דעם איינפאַכען אָבער עהרליכען ד ר ו י ס ע ן פון זיין פּער־זענליכקייט.

איינמאָל האָט דער דאָזיגער דיכטער געוואָלט געהן אין אידישען טעאַטער זיך אָנוואַרימען אָן דעם יונגען פרייליין קונסט, האָט ער ביי דער קאַסע זיין וויזיט־קאַרטעל דערלאַנגט און אַ פרייען בילעט געבעטען.

האָט איהם דער קאַסיער אָפּגעמאָסטען מיט אַ פאַר־דעכטיגען בליק, איהם צוריקגעגעבען דאָס וויזיט־קאַרטעל און איהם געזאָגט, אז ס'איז ליידער און אַהאַ! נישטאָ קיין פּלאַץ.

האָט דער דיכטער אַ לייכטען שמייכעל געטון, אוועק ערגיץ אין אַ ווינקעל, וואו דער קאַסיער האָט נישט גע־קאָנט זעהן, און האָט אויף דער לינקער זייט פון זיין וויזיטקאַרטעל אָנגעשריבען:

„ביטע אריינצולאָזען דעם איבערגעבער פון דיזען קאַרטעל אין אייער טעאַטער. מיט גרוס...." דאָ האָט ער אונטערגעשריבען זיין אייגענעם נאָמען און ס'קאַרטעל צו דעם טעאַטער דירעקטאָר דערלאַנגט, וועלכער האָט איהם מיט גרויס דרך־ארץ אין זיין קונסט־טעמפּעל

אריינגעפיהרט און איהם א פלאץ אין דער שענסטער לאזשע אוועקגעגעבען.

* *
*

מאראל: כדי צו זיין א גרויסער מענש איז נויטיג צו זיין מעהר ד ע ק א ר א ט י ו ו ווי נ י צ ל י ך...

## די געטרייע טאָכטער

עס איז געווען שפּעט ביינאַכט און זיי זענען געזעסען אין דער פינסטער. האָט ער פון צייט צו צייט פאַר־לוירען די לינקע האַנט אַרום איהר טאַליע און נאָכ־געשיקט די רעכטע האַנט זוכען די לינקע. האָבען זיך ביי־דע הענט פיין אַמוזירט. די הערצער האָבען געקלאַפּט — צוזאַמען מיט די צוויי זיינערס וואָס זענען געשטאַנען אין פראָנט־רום. די אויגען האָבען געגליהט צוזאַמען מיט א מאסע שטערען, וואָס האָבען, אפשר, געפינקעלט אויפ׳ן הימעל. די ליפּען האָבען זיך באַגעגענט צוזאַמען מיט פיעלע נאַרישע עקסטרעמען. די זעעלען האָבען שטיל געראָשט צוזאַמען מיט די עטליכע מייז, וועלכע זענען בגנבה אַרומגעלאָפען אַרום די וואַש־טעפּ.

ענדליך האָט דער זייגער געקלונגען דריי.

נישט דער ביי־טאָגיגער דריי, נאָר דער נאַכטיגער, דער פריהמאָרגענדיגער.

האָט דעם זעהר אונשולדיגען מעדכענ׳ס געוויסען ער־וואַכט, און זי האָט אַזוי געזאָגט — האָט זי:

— ליעבער, געליעבטעסטער געליעבטער! מיינע עלטערען האָבען מיר פאַרבאָטען דיך צו זעהן, קען איך נישט געהן געגען זייער וואונש.

—נו, גוט! — האָט ער געענטפערט. — מיר וועלען נישט געהן געגען דיינע עלטערן׳ס באַפעהל. אויב זיי

ווילען נישט, אז מיר זאָלען זיך זעהן, וועל איך — אויס־
לעשען די גענז.

און ער האָט אויסגעלאָשען די גענז!

* * *

מאָראַל: די ליעבע איז בלינד, דאריבער קען זי
זיך גאנץ שעהן אויסדריקען אין דער פינסטער.

# דער ראַדיקאַל

ער איז געווען א ראַדיקאַל און האָט געהייסען פערדינאַנד־לאַסאַל־מאַרקס־קאוטסקי.

א חוץ דעם שעהנען נאָמען האָט דער דאָזיגער ראַדיקאַל אויך פאַרמאָגט עטליכע פּאָר פלודערען מיט ראַדיקאַל אויסגעריבענע זיץ־פּלעצער, א פּאָר שיך מיט ראַדיקאַלע, געלע קנעפּלעך און האָט זיך געגאָלט דעם קאַרק אויף א ראַדיקאַל־קיילעכדיגען אופן.

א פלאַם־פייערדיגער ראַדיקאַל און קלאַסענבאַוואוסט וואָס קלאַסענבאַוואוסט קאָן נאָר זיין.

איינמאָל האָט אונזער פערדינאַנד־לאַסאַל־ק. מאַרקס־קאוטסקי איבערגעלייענט א בראָשורע וועגען פרייע ליעבע, וואו עס ווערט געפּרעדיגט דער שעהנער אידעאַל אז מענשען דאַרפען פון צייט צו צייט הייראַטען פריי ווי די קאַנאַריקלעך און טעדי־בערען — איזוויניטיע זא וויראַזשעניע! — און ווייטער ווערט דאָרט געפּרעדיגט, אז געזעצליכע פרויען זענען א שאַנדע און שמאַך פאַר דער ציוויליזאַציע און דעריבער — דאָלאָי מיט דעם אַלטען סיסטעם!

אז אונזער ראַדיקאַל האָט דאָס דערהערט (פון דער בראָשורקע) איז ער אוועק א היים צו זיין פרוי, וועלכע האָט געהייסען חאַשע־גיטעל און וועלכע איז נעביך געווען א כשר'ע אידענע, אן אמת'ע צדקניות און צו איהר אַזוי געזאָגט:

— חאַשע־גיטעל מיין ווייב! געננוג געלעבט ווי קאַני־

באלען, קלעריקאלען, אָרטאָדאָקסאלען! גענוג געווען גע־זעצליך פארהייראט! איך וויל דיך אָפּ׳גט׳ען און דאן וועל איך קאָנען מיט דיר לעבען ווי מיט א פרעמד ווייבעל און דאָס וועט זיין אזוי נאָבעל, מיין טייערע האשע־גיטעלע.

צומאָרגענס האָבען זיי זיך גע׳גט (כאָטש האשע־גיטעל איז שטארק געווען דאגעגען) און איצט לעבען זיי גליק־ליך אַלס זינדיגע צוויי־און־זעכציג־יעהריגע ליעבהאָבער.

* * *

מאָראל: א מענש איז נישט קיין בהמה — ער האָט נישט אזויפיעל שכל.

## דער מבין הגדול

אַן אויפגעקומענער עושר. האָט ער געהאַט אַ שעהנע אומשולדיגע ביבליאָטעק, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געטשעפּעט. אַ פיינע פּיאַנאָ, אויף וועלכע זיין ווייב פּלעגט פון צייט צו צייט... איבערשרעקען די מייז. און אויך — קונסט־בילדער.

מען שמועסט — אַ מאָדערנער מענש!

איינמאָל אין אַ שעהנעם אָדער נישט קיין שעהנעם פריהמאָרגען איז ער זיך מישב: אַלע רייכע לייט האָבען אויל־בילדער, וועט ער זיך אויך לאָזען מאַכען אַן אויל־בילד פון זיין פּערזענליכקייט.

איז ער אוועק צו אַ גרויסען מאַהלער, וועלכער האָט געהאַט אַ שם פאַר די גרויסע קונסט... פּרייזען, וואָס ער האָט גערעכענט, און צו איהם אזוי געזאָגט:

— מיסטער, איך וויל אַז איהר זאָלט מיר אַ מאַך טון אַן אויל־פּיקטשע, אָבער אַ פעטע! ווי זאָגט ער, אַז עס זאָל אזש רינען איבער די פיסקעס. איך קען עס אפּאָר־דערען!

האָט איהם דער מאַהלער אָפּגעמאָסטען מיט אַ קלוגען בליק און איהם געהייסען קומען מאָרגען.

צו מאָרגענס אין דער פריה האָט זיך אונזער קונסט־ליעבהאָבער גענומען אַ וואַנע פון בוימעל. אויסגע־טרונקען אַ פלעשעל איילבירט־בוימעל, און פאַרביסען מיט

פעטע בלינצעס איינגעטונקען אין בוימעל און איז אוועק נעמען די ריכטיגע „אויל־פיקטשע“.

איז צווישען איהם און דעם מאהלער פארגעקומען אזא מין דיאלאג:

מאהלער: זייט אזוי גוט און גיט א דרעה דעם קאפ אביסעל אויף לינקס, וועט זיין א בעסערע ליכט.

דער אויסגעשמירטער איד: ווער דארף ס׳ליכט?! איהר גיסט בעסער צו אביסעל מעהר אויל, זשאלעוועט נישט!

מאהלער: שמייכעלט אביסעל אויפריכטינער, פליעז!

דער איד: ווער דארף ס׳שמייכלען! גיסט בעסער אונטער א ביסעל מעהר בוימעל... איך וויל עס זאל ארויס־קומען פעט ווי א בלינטשע מיט א סך אויל...

מאהלער: הערט זיך אויף דלאבען ס׳אויער, זייט אזוי גוט!

דער איד: דאס איז נישט וויכטיג: וויכטיג איז, אז איהר זאלט גיסען וואס מעהר אויל... איך וויל עס זאל ארויסקומען א רייכע בילד, א פעטע... נישט קיין קבצנ׳ישע.

מאהלער: ס׳איז אלרייט. איך וויים וואס איך האב צו טון.

דער איד: ס׳מאכט נישט, וואס איהר ווייסט! איהר כליאפעט בעסער אונטער א פריש גאלונטשיקעל מיט אויל. זשאלעוועט נישט מיין געלט. איך קען דאס ב"ה אפארדערען!

* * *

מאראל: די אמת׳ע מבינים אויף קונסט זענען פארט די אידען מיט די טוליפלעך.

# גערַאטעוועט

אמאָל איז געווען א איד, האָט ער געהייסען שלמה. איז ער געווען א וואוילער איד, א בכבוד'ער, מיט א צע־קאמטער באָרד — א שעהנער, מיט א הדרת־פנים און ער איז געווען א רעוורענד.

דער באריהמטער רעוורענד שלמה.

ער האָט טאקע אזוי אדווערטייזט אין די פּעיפּערס: „רעוורענד שלמה, וואָס איז וועלט־באריהמט און באקאנט צו אלעמען, בעט באקאנט צו מאכען זיינע פיעלע פריינדע אונד פעראייהרער, אז ער האָט זיך שוין צוריקגעקעהרט פון זיין רייזע קיין קאנארסי און אז ער איז אָפּען פאר ביזנעס."

פ ל י י ן אידיש!

מאכט זיך אמאָל א מעשה, אז דער רעוורענד שלמה, וועלכער איז געווען א שטארק־פארהייראטער מאן און א טאטע פון עטליכע שעהנע, בכבוד'ע קינדערלעך, האָט באדארפט פאָהרען קיין ווירדזשיניא פאר ביזנעס. איז פאראן צוויי וועגען: אָדער מען פאָהרט מיט דער באהן, איבער באלטימאָר א. אז. וו., אָדער מען פאָהרט מיט דער שיף דירעקט קיין נאָרפאָלק.

דער רעוורענד שלמה האָט אויסגעקליבען דאָס ערשטע — כאָטש ס'איז ווענינער באקוועם.

אורזאכע: פאראן א געוויסע ווייבעל אין באלטימאָר! האָט רעוורענד שלמה פארבראכט אין באלטימאָר

עטליכע אנגענעמע טעג און — מערקווירדיג! דאָס האָט איהם געראַטעוועט פון גרעסטען אומגליק. וואָרים די שיף מיט וועלכער ער וואָלט זיכער געווען אָפּגעפאָרען (ווען נישט דאָס ווייבעל), האָט זיך גראד אָנגעשלאָגען אין א פעלז און איז אונטערגעגאנגען צוזאמען מיט אלע פאסאזשירען.

אז דער רעוורענד שלמה האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך געוואשען די הענט, געבענשט גומל און א גליק־ליכער, מיט א צעקאמטער באָרד, איז ער אוועק צוריק אהיים צו זיין ווייב־און־קינדער, וועלכע האָבען זיכער געמיינט, אז ער איז דערטרונקען געוואָרען.

אויף דער פראגע פון זיין פרוי, ווי אזוי — מיט וועלכע נסים — ער האָט זיך געראַטעוועט, האָט רעוורענד שלמה אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און געענט־פערט: „אונזער גאָט האָט דאָס געטון! לאָמיר איהם דאנקען!“ און ער האָט זיך געשטעלט דאווענען מנחה.

* * *

— — — — — — — — — — — — — — — —

מאָראל: א רעוורענד'ס נשמה איז אויך נישט קיין ראָזשינקע!

## די רויטע ראָזע

די רויטע ראָזע איז נישט געווען קיין בלום, נאָר א מיידעל אזא. זי האָט נישט געוואַקסען אין קיין גאָרטען און נישט געדופטעט. אדרבא — זי איז געווען א פשוט׳ע מויד, א געזונטע ווי אן אייזען און האָט געאַר־בייט אין א רעסטאָראַן.

און זי האָט נעבליהט. נעבליהט אויף דעם פעטען מיסט פון מיסטער שוועמעל׳ס רעסטאָראַן. נעבליהט פון די שטראַהלען פון דעם אויבער־קעלנער׳ס אויגען. גע־בליהט אויף דעם פרישען טוי פון די יויך־קעסלען און איז, ווי זאָגט פינסקי, „עמפּאָר געוואַקסען" צו א וואונ־דערבארען „געשעפּף", — צו א זעלטענער פלאַנץ.

די ראָזע, די רויטע ראָזע. די בלום פון שוועמעל׳ס פופצעהן־סענטיגען רעסטאָראַן!

און אז סע פלעגט קומען ארום צוועלף א זייגער ביי־נאַכט, ווען די קונדען זענען געוואָרען ווייניגער, און דער טוי פון די יויך־קעסלען האָט זיך געזעצט אונטער דעם סופיט פון רעסטאָראַן, און דער באָס, מיסטער שוועמעל, פלעגט שטעהן ביים רעדזשיסטער און איבערצעהלען די קאַלטע זילבערנע און קופּערנע מטבעות פון טאָג לייזונג — דעמאָלט פלעגט די רויטע ראָזע ארויסשלעפּען פון קיך איהרע גרויסע, פּערדישע פיס, אריינקומען אינוועניג אין רעסטאָראַן, אפּזוכען אן אַלטע צייטונג און נעמען לעזען

דעם ריהרענדען ראָמאַן „דער זייגער מאַכער" און — וויינען ווי ביי א רעגעלע דראַמע.

אַלע נאַכט אַזוי.

האָט דער באָס, מיסטער שוועמעל, דערזעהן, אַז די רויטע ראָזע איז אַ סענטימענטאַלע פרוי, אַ ווייכע פרוי וואָס גיסט טרעהרען איבער דעם שיקזאַל פון דעם ליעבענדען זייגער־מאַכער, האָט ער זיך באַטראַכט, אַז מען דאַרף מיט איהר פאַרטשעפּען אַ ליעבע.

און אַמאָל, בשעת די רויטע ראָזע איז געזעסען און געוויינט איבער דעם אומגליקליכען זייגער־מאַכער, איז צו איהר צוגעקומען מיסטער שוועמעל, איהר אַ קניפּ געטהון אין אַ באַק, דאַן אַ קיצעל געטהון, דאַן האָט ער זי געוואָלט אַרומנעמען.

אָבער — אָה! און עך־הע! אין אָט־דעם מאָמענט האָט דער פאַרפיהרערישער מאַן ערשט אויסגעפונען, אַז יעדע ראָזע האָט איהרע דערנער — וואָס שטעכען. ביי איהר איז עס געוועזען נישט קיין דערנער, נאָר שפּילקעס, מיט וועלכע זי האָט פאַרשפּילעט איהר בלוזע...

מיט צעשטאָכענע, צעבלוטיגטע הענט איז מיסטער שוועמעל אָפּגעטרעטען פון דער רויטער ראָזע, וועלכע איז געוועזען צופיעל פאַרטון אין „זייגער־מאַכער" צו שענקען אויפמערקזאַמקייט צו אָט־דער סצענע.

* * *

**מאָראַל: נישטאָ קיין ראָזע אָהן שטעכערס.**

## פרויען און וועלף

אמאָל איז געווען אַ בחור מיט ברענענדיגע אויגען. באצווינגענדע אויגען.

אויגען ווי לאָמפּען, ווי שטורקאצען, ווי שרפות.

האָט דער דאָזיגער בחור די האַרטסטע פרויען־הערצער מיט זיינע אויגען צעשמאָלצען און זיי איבערגעפורעמט אין אַ פורעם פון זינד און נארישקייטען.

האָבען פאַרהייראטע פרויען געזאָגט וועגען איהם:

—אך, סארא וואונדערבאַר־באַאויגטער מענש, דער הערר מ. ס. ל. ב. איז!

האָבען אנדערע צוגעגעבען:

— אך, סאַרא מעכטיגע אויגען ער האָט! מיט זיינע אויגען וואָלט ער געקאָנט צאהמען דעם ווילדסטען לעמ־פּערט און דעם שרעקליכסטען טיגער.

— די אויגען! די אויגען! — האָט מ. ס. ל. ב. געטראַכט, די אויגען זענען מיין פארמעגען, מיין קרוין, מיין ציערונג־קעסטיל — די אויגען וועלען מיך נאָך אמאָל גליקליך מאכען.

און ער האָט באַשלאָסען אוועקצופאָהרען ערגיץ אויפ׳ן לאַנד שעפּען פייער פאר זיינע וואונדערבארע אוי־גען און לופט פאר זיין גרויסארטיגער נשמה.

באלד ווי ער איז אָנגעקומען אין דער פארוואָרפּע־נער פארם, האָט ער באַשלאָסען אלע טאָג אויפצושטעהן (ווי תמיד!) מיט א שעה פריהער ווי געוועהנליך און זיך ארייגקוקען אין די אויגען אריין אלע שעהנקייטען

פון גאָט׳ס וועלט און זיי דאָרט באהאלטען פאַר די ווייבלעך פון די בראָנקס.

אָבער שוין אויפ׳ן ערשטען שפּאַציער, האָט זיך איהם געטראָפען א שטיקעל שטערונג — היינו: א א וואָלף.

אז מ. ס. ל. ב. האָט דערזעהן דעם וואָלף, האָט ער אויפ׳ן ערשטען אויגענבליק געוואָלט אנטלויפען, אָבער דערנאָכדעם האָט ער זיך דערמאָנט אַז זיינע אויגען, אויף וועלכע ווייבער האָבען געזאָגט, אַז זיי קאָנען באַצווינ־גען אפילו א טיגער און — ער איז געבליבען שטעהן פּנים־אל־פּנים געגען וואָלף און איהם אָנגעקוקט — איהם אָנגעקוקט מיט זיינע צוויי גרויסע, ליכטיגע, פייערדיגע אויגען.

אז דער וואָלף האָט דערזעהן דעם בלישטש פון די וואונדערבארע אויגען, האָט ער זיך דערשראָקען און — איהם אויפגעגעסען מיט די אויגען, מיט אלעמען.

אזוי שטארק האָט זיך דער וואָלף פאַר איהם דער־שראָקען!

און אז די בראָנקסער ווייבלעך האָבען דערזעהן די פּאָר געקנעפּעלטע שיך און דעם הארטען קאַפּעליוש, וואָס מ׳האָט פון איהם אהיימגעבראכט (מעהר איז נישט געבליבען!) האָבען זיי געביך געוויינט א גרויס געוויין — א שטילס, וואָס קיינער האָט נישט גע־קאָנט הערען — אפילו נישט זיי אליין.

* * *

מאָראל: א הונגעריגער וואָלף איז נישט קיין פּרוי. ער האָט פיינט, אז מ׳קוקט איהם צו שטארק אין די אויגען אריין!

# דער מאַן מיט'ן מעסער,
# דער מאַן מיט דער זעג.

אמאָל איז געווען א מענש, האָט ער געהייסען א גע־וויסען נאָמען. עלטער און אָפּשטאַמונג אומבאַקאַנט. האָר שווארצע ווי פּעך און צוויי ליכטיגע אויגען ווי איך־ווייס־אַליין־נישט־וואָס.

דער דאָזיגער מענש האָט געהאַט א פארלאַנג צו דינען דער מאדאם וויסענשאַפט. איז ער געזעסען טאָג און נאכט און געלייענט אלטע ביכלעך, און געציפּערט ציפערען, און געטאבעלעט טאבעלען, און געשליפען דעם מח אזוי לאנג ביז וואנעט ער איז געוואָרען שפּיציג ווי א פּיראמידע און שארף ווי א חלף — נאָר צו קוילענען בהמות!

דאן האָט ער געקראָגען א דיפּלאָמא „דאָקטאָר מעדי־צין" און זי איינגעפּאסט אין א רעהמעל. פּרייז $1.98

דערנאָכדעם האָט ער געהאַט פאָלגענדע הוצאות:

1) כירורגישע מעסערס, זעגען, דלאָטען און שרויפּענציהערס — — — — — — — — — $463.00

2) טישלעך, אש־טעצלעך, עלעקטרישע מאשינען, שילדען און אוילבילדער — — — 981.00

3) אויסגעריבען הויזען, בשעת זיצען און ווארטען אויף פּאציענטען — — — — — — — 118.00

4) עטהער, כלאָראָפאָרם, גאז און שפּאַק־
טיוועס — — — — — — — — — — — — 615.00
5) פאַר מאַניקורען די נעגעל און פאַר
פאַרשפּיצען דאָס בערדיל — — — — — — — 114.00
דאָס רעהמיל פאַר דער דיפּלאָמאַ — — 1.98

ס"ה צוזאַמען — — — — — — — — — $2,292.98

ענדליך האָט זיך באַוויזען אַ פּאַציענט. דער דאָקטאָר האָט איהם אַרויפגעטאַשקעט אויפ'ן נייעם טיש און איהם אַטאַקירט מיט דער גאַנצער מאַכט פון זיין וויסענשאַפט, וואָס האָט באַטראָפען צוויי טויזענד צוויי הונדערט און צוויי און נייציג דאָלאַר מיט פּענים, און מיט דעם נייעם זעקס־און־אַ־האַלב־דאָלאַרדיגען דלאָט, האָט ער ביי איהם אַרויסגעדראָלבעט דעם א פּ ע נ ד י ק, פון וואָס דער פּאַ־ציענט איז אין צוויי טעג אַרום פאָלשטענדיג — געשטאָרבען.

* * *

**מ אָ ר אַ ל: אז מען ניט אוים געלט פאַר אַ זאַך, איז דאָס ווערט!**

## דער טרוימער

אמאָל איז געווען אַ בחור האָט ער געהייסען אזוי און אזוי. האָט ער כסדר געקוקט צום הימעל און געטרוימט אַלערליי טרוימעניִשען. האָבען פרעמדע מענשען געזאָגט: „ער איז אַ טרוימער — ער טרוימט.“ האָט דער טאַטע זיינער געזאָגט: „וואָס טויג מיר זיין טרוימען, וואָס ער טרוימט, אז ער געהט ארום לעדיג“. האָבען ערעלע מענשען איהם פארענטפערט און געזאָגט: „אַ יונג קינד, לאָז ער זיך אויסטרוימען, דערנאָך וועט ער זיך אויסלערנען עפּעס אַ פאַך“.

איז אַוועק אַ יאָהר און צוויי און דריי און פיער און פינף א. אז. וו. און אונזער טרוימער פלעגט אַלע שבת־צו־נאַכט געהן אָנקוקען אַ נייע כלה, זיך אָנטרינקען מיט וואסער־מיט־סיראָפּ, מיט מעהד (ער איז געווען אַ גאַליציאַנער), אויפעסען די פּאָר פיינע אייער־קיכלעך, און דערנאָכדעם פלעגט ער געהן אהיים קוקען אין שפּיגעלע, זיך דרעהען די ערב־וואָנצעס און טרוימען אַלערליי טרוימעניִשען.

האָט איהם דער פאָטער זיינער ארויסגעטריבען מיט זיין שבת'דיגען שטעקען און נאָכגעוואָרפען די יאַרמולקע, וואָס האָט איהם געטראָפען אין פּלייצע און פארוואונדעט זיינע געפיהלען.

האָט זיך דער טרוימער מישב געווען, זיך פארליעבט אין אַ מיידעל און איהר געשוואוירען טרייהייט ביז

צום לעצטען אטעם־צוג, אז נישט זאל ער איינגעמען א מיתה־משונה דא אויפ׳ן ארט.

האט זי געזאגט: „צווערשט לערן זיך אוים א מלאכה“. און זי איז אוועק קיין פילאדעלפיא.

איז ער געווארען א קאסטימער־פעדלער.

זענען אוועק געניויע עלף יאהר און דער קאסטימער־פעדלער האט אלץ געבענקט נאך איהר, וועמען ער איז שולדיג געוועזן זיין לעצטען אטעם־צוג, אבער אז זי איז אין פילאדעלפיא איז איהם נישט איינגעפאלען!

אויפ׳ן צוועלפטען יאהר האט דער קאסטימער־פעדלער אויסגעפונען, אז די שטאדט פילאדעלפיא איז די ביליגע שאלעכץ אין וועלכער עס געפינט זיך די טייערע פרי — זיין געליעבטע.

האט ער זיך אויפגעזעצט אויף דער באהן און איז אוועק קיין פילאדעלפיא.

און ווי א דונער וואס פאלט אריין אין א רוהיגער שטאדט, אזוי איז ער אריינגעפאלען צו זיין געליעבטער אין שטוב אריין. און מיט א ציטערדיג קול, אין וועלכען עס האט געקלונגען די טיעפע בענקשאפט פון זיין הארץ האט ער געפרעגט:

פעני, ווילסט קויפען א פייגע קאלדרע ביליג?

* * *

**מאראל: געשעפט איז געשעפט.**

# דער איבערמענש

ער האָט זיך איינגעשמועסט, אז ער איז אַן איבער־מענש, א ריעז, א גיגאַנט, א קאָלאָס, א טיטאַן און אַז סע זיצט אין איהם א מערקווירדיגע קראַפט.

האָט ער געגומען טראַכטען: צו וואָס, למשל, קען ער זיין געגליכען? און ער האָט באַשלאָסען, אז ער איז א לאָקאָמאָטיף! — א שטאָלצער מעכטיגער לאָקאָמאָטיף, וואָס פאָהרט קיין שיקאַגאָ און פייפט...

מילא, דאָס פייפען איז איהם אָנגעקומען לייכט, אָבער נישט אזוי לייכט איז איהם אָנגעקומען צו פאָהרען קיין שיקאַגאָ, וואו עס האָט אויף איהם געוואַרט א יונג איבער־ווייבעלע וועלכע איז אויך געווען א ריזיגע קראַפט און פלעגט דעקלאַמירען ביי קאָנצערטען.

ענדליך האָט ער זיך מישב געווען: א לאָקאָמאָטיף איז ער, פייפען קען ער — טו וואָס זאָל איהם אָפּהאַלטען פון לויפען אין שיקאַגאָ?

און ער איז אַוועק...

אָבער גלייך נאָך איהם איז אַוועק א טעלעגראַמע: „דער משוגע'נער ברוך איז אַנטלאָפען קיין שיקאַגאָ". האָט מען געכאַפּט דעם „לאָקאָמאָטיף" און איהם פאַר־סערעוועט צוריק קיין ניו יאָרק.

און פון דעמאָלט אָן איז דער איבערמענש גע־

וואָרען אויס א י ב ע ר מ ע נ ש און געוואָרען צוריק אַן
א ו נ ט ע ר ב י נ ל ע ר.

* * *

מ אָ ר א ל, שווער פאַר אַ לאָקאָמאָטיף זיך
א ל י י ן צו פיהרען!

## דער פארביסענער קעניג

אמאָל איז געווען אַ קעניג.

האָט ער געקעניגט — טאָג און נאַכט, נאַכט און טאָג.

און אַז עס איז איהם מיאוס געוואָרען דאָס קעני־גען — האָט ער זיך נישט געקענט העלפען און ער האָט ווייטער געמוזט קעניגען.

ווייל ער איז געווען אַ קעניג!

אַז דער דאָזיגער קעניג, וועלכער האָט געהייסען קעניג מלך דער 31טער, האָט געהאַט אָפּגעקעניגט אַ צייט פון פופציג יאָהר, האָט דאָס פאָלק באַשלאָסען צו פייערען די געלעגענהייט מיט מוזיק, טענץ און מיליטע־רישע פאַראַדען.

גראַנדיעז!

אַז דער קעניג מלך דער 31טער האָט דאָס געהערט האָט דאָס איהם זעהר געפרעהט און ער האָט אויסגע־רופען — פון בעט ארוים:

— לאָז מען נעמען דעם קעניג און איהם אָנטון די פאַראַדנע גאָלדענע פלודערן מיט די אַלע זאַכען, וועלכע וועגען געננויע 42 פונט — אַ חוץ די קעשענעס.

האָט מען דעם אַלטען קעניג ארויסגענומען פון בעט, איהם אָנגעטון די גאָלדענע פלודערען, מיט'ן מעשענעם העמד, מיט'ן קופערנעם וועסטיל און דעם גרעיד־עי־זיל־בערנעם אויבערראַק, מיט דעם ראַדיום־היטעל, מ'האָט איהם אָנגעשפּילעט 119 פונט מעדאַלען — וועלכע ער

האָט זיך אליין געשאָנקען און... מ'האָט איהם אַרויס־געשטופּט אויף דער פּאַראַדע.

אַז דער אַלטער, שוואַר־באַלאָדענער קעניג איז אָפּגע־ריטען עטליכע גאַסען איז איהם געוואָרען שרעקליך הייס (עס איז געווען אַ פייערדיגער זומער־טאָג) און ער האָט גענומען, כ'בעט איבער אַלעמענס כבוד, שוויצען אונטער'ן קאַלנער — האָט ער גענומען.

און דער קעניגליכער שווייס איז גערונען פון דער פּלייצע, גלייך איבער דעם רוקען־ביין און שרעקליך גע־קיצעלט דעם קעניג — אַזוי, אַז ער האָט געהאַט ס'געפיהל, אַז ער מוז אויף זיך אַ שיב טון דאָס מעשענע העמד און זיך אַ קראַץ טון, אַז נישט וועט ער עס נישט אויס־האַלטען.

איז דאָס אָבער אַ קעניג. און פריי צו קראַצען זיך, ווי באַקאַנט, איז בלויז דער פּראָלעטאַריאַט און אַנדערע דעמאָקראַטישע מענשען. האָט דער קעניג שרעקליך גע־ליטען און געשוויגען.

אָבער דאָס קעניגליכע בייסעניש און פּלייצע־קיצעל־ניש איז אַלץ געשטיגען און געשטיגען. און וואָס העכער און ווילדער עס זענען געוואָרען די געשרייען פון דער מאַסע יובילאַנטען, אַלץ מעהר האָט דער קעניג געהאַט חשק אַריינצושטעקען די האַנט אונטער'ן קעניגליכען קאַלנער און זיך אַ קראַץ טון מיט אַלע כחות.

אַז דאָס קיצלעניש איז געוואָרען נישט־מעהר־אויסצו־האַלטען, האָט דער קעניג צוגערופען זיין צערעמאָניען־מייסטער און איהם געזאָגט אויפ'ן אויער:

— מעכיל, (ער האָט געהייסען מעכיל — האָט ער גע־הייסען!) מעכיל, גיב מיר אַ קראַץ אין פּלייצע, אַז נישט גנע איך אויס ווי אַ ליכט...

האָט איהם מעכיל, דער צערעמאָניען־מייסטער אָננע־קוקט און געענטפערט:

— אדוני קעניג — מ׳טאָר נישט... ס׳איז געגען דער הויף־עטיקעט...

— א קליין קראַצעלע!.. — האָט זיך געבעטען דער קעניג — כאָטש מיט א י י ן פינגער. ס׳עט קיינער נישט באמערקען.

— מ׳טאָר נישט — האָט געענטפערט דער הויף־מייסטער — נאָר כ׳וועל אייך זאָגען, ווערטהער הערר קעניג, וואָס איהר קאָנט טון —

— הינו?

— צעטרייבט אייער לייב־וואַך, וועט זיך אונטער־רוקען א רעוואָלוציאָנער און אייך א קראַץ טון מיט׳ן שווערד פון הינטען. וועט איהר זיין געראַטעוועט.

דער קעניג האָט אזוי געטון און באלד איז אָנגעקומען א מענש מיט א צעפלאַמט פנים און אן ענטבלויזטער שווערד און זיך געלאָזען צום קעניג — איהם צו דער־שטעכען...

— פון הינטען, פון הינטען, ליעבער רעוואָלוציאָנער!

— האָט איהם אָנגעוויזען דער קעניג אויף דעם אָרט וואו ס׳האָט איהם געביסען — שטעכט מיך פון הינטען, פליעז, וועל איך מיך מחיה זיין...

אז דער רעוואָלוציאָנער האָט דאָס דערהערט, האָט ער אויסגערופען: „קיינמאָל וועל איך, אַ, טון א זאַך, פון וועלכער א קעניג זאָל זיך, אַ, מחיה זיין" — און ער איז אנטלאָפען.

* * *

מאָראַל: א קעניג איז אויך נישט מעהר ווי א מענש און אמאָל נאָך וועניגער.

# דער מלחמה קרבן

אמאָל איז געווען א גוט, ליעב מענש־אלע, מיט א גוט הארצ־אלע און מיט א טייער נשמה־אלע — מיט'ן טראָפּ אויפ'ן „לע".

דאָס דאָזיגע מענש־אלע האָט געוווינט מיט ביטערע טרער־אלעך אויף דעם ביטערען שיקזאל־אלע פון די איד־לאך אויף די שלאַכטפעלדעלאך.

פון צייט צו צייט פלעגט דאָס דאָזיגע ליעבע מענש־אלע זיך אוועקזעצען לעבען שפּיעג־אלע און זיך אליין באווייזען ווי טרויעריגלאך און געריהרט ער איז פון די אידישע צרות־לאך.

און יעדען פריהמאָרגען, אזוי גיך ווי די שטראהלען פון דער זונ־אלע האָבען זיך צעוואָרפען איבער דעם קליין־מענש־אלע'ס הימעל'ע, האָט ער זיך אויסגעקנאקט די פינגער פון זיין ווייס, צארט הענט־אלע, אויסגע־טרונקען א קאָניאק'על און ארויסגעזיפצעלט:

— אך, די ליידענדע ברידער־לאך! וועה די געשעגע־דעטע שוועסטער־לאך! — און ער פלעגט נעמען נאָך א קאָניאקעל, כדי אראָפּצושווענקען די צרות־לאך.

מיטאָג־צייט פלעגט דאָס קליין מענש־אלע אוועק־געהן אין קאפע, זיך באשטעלען א טעלער שאלאטעלעך פאר פאָרשפּייזעלע — אויסטרינקען דאָס גוטע ביסעלע קימעל בראנפענדעל און באמערקען צו א שכנ'דעל:

— אך, די ליידענדע ברידער'לאך אין יעווראפא — לחיים!

— לחיים טובים ולשלום! — פלעגט ענטפערען דאס שכן'דעל און איהם אנקוקען אביסעל סקאסנע.

אזוי איז עס געגאנגען א שטיק צייט־אלע. דאס קליין מענשעלע האט זיך געשמאק און בא'טעמ'ט געערגערט וועגען די צרה'לאך פון די אידע'לאך אין יעווראפיטשקע און — געווארען פעטער, אויפגעשוואומענער פון טאג צו טאג און — האט גענומען פרייכען.

ענדליך האט איהם דער דאקטאר ערקלערט, אז ער ליידט פון הארץ פארפעטונג און אז ער איז זעהר באַזארגט וועגען דעם קליין־מענשאלע'ס לאגע.

אז דאס קליין מענשאלע האט דאס דערהערט, האט ער געשיקט רופען אלע זיינע פריינטעלאך און באקאנטע און פרייבענדיג פון צופיעל מלחמה־פעטקייט וואס האט זיך אנגעקליבען אויף זיין הארץ, האט דאס מענש'אלע געגלאצט מיט די פארשוואומענע אויגען צו דער סטעליע און ארויסגעזאגט:

— ברידערלאך! דאס לאגע'לע פון אונזערע שוועסטער'לאך און ברידער'לאך אין יעווראפיטשקע טרייבט מיך אין קבר'ל אריין פאר דער צייט — אוואו איז דאס ביסעלע קימעל־שנאפס?

מען האט דעם מענש'אלע דערלאנגט ס'ביסעלע קימעל־שנאפס און מיט דעם גלעזעל אויף די ליפען איז ער געפאלען א קרבן'דעל פון דער מלחמה און פון — הארץ־פארפעטונג.

* * *

מאראל: קליינע מענשעלעך, געניסט אייערע ביטערע ליידען מיט א מאס און אהן דעם גוטען ביסעל קימעל־שנאפס.

# די אומשטענדען

אמאָל איז געווען א בחור. אמאָל איז געווען א מיידעל.

האָבען זיי זיך ליעב געהאט מיט'ן גאַנצען פייער פון זייערע נשמות.

מיט'ן גאַנצען לעבען.

ווי אין שיר השירים שטעהט געשריבען.

פלעגט דער בחור באַזוכען ס'מיידעל, איהר ברענגען צוקערקעס. מיט איהר אין דערפינסטערניש פון איהר מאמעס פ ר אָ נ ט ר ו ם רעדען וועגען דער ווייטער קאַלטער צוקונפט און, בשעת מעשה, הנאה האָבען פון איהר ווארימער און זעהר נאָהענטער געגענוואַרט.

האָבען זיי על פי שכל געדאַרפט חתונה האָבען?

יאָ, זיי האָבען על פי שכל געדאַרפט חתונה האָבען.

פאַרוואָס־זשע האָבען זיי נישט חתונה געהאט?

דערפאַר, ווייל די פאַרפלוכטע אַכט־דאָלאַר־א־וואָכעדיגע אומשטענדען האָבען נישט ערלויבט.

פאַרדאַמטע אומשטענדען!

נאָר איינמאָל האָט זיך דער בחור פאַרלוירען און געפונען... זיין גליק ביי זיין אַלמעכטיגער געליעבטער. האַהאַ! און ס'איז באַשלאָסען געוואָרען אז מ'זאָל געהן קענען אַלע אומשטענדען וועלכע ערלויבען נישט.

— ווערטע אומשטענדען — האָט דער בחור, אין גערדאַנק, געזאָגט צו די אומשטענדען — איהר'ט מיר

מוזען ערלויבען חתונה צו האָבען מיט מיין איינאונאיינ־ציגסטער מרים.

— גוט! — האָבען געענטפערט די אומשטענ־דען — מיר ערלויבען דיר.

האָט ער חתונה געהאט. שטארק, מעכטיג, גיגאנטיש חתונה געהאט.

אין עטליכע יאָהר ארום האָט דערזועלבער בחור זיך ווידער געווענד'ט מיט א בקשה צו די אומשטענדען:

— ליעבע אומשטענדען! — האָט ער זיי אדרעסירט, — זיינט אזוי פריינטליך און ערלויבט מיר צו אנטלויפען פון מיין ווייב.

— גוט! — האָבען געענטפערט די אומשטענדען, — מיר ערלויבען דיר.

און ער איז אנטלאָפען און זיך פארפלאָנטערט מיט א צווייטער פרוי.

— ליעבע אומשטענדען! — האָט ער זיך געווענדט צו די אומשטענדען אין א שטיקעל צייט ארום, — ערלויבט מיר זיך צו גט'ען מיט מיין ערשט ווייב.

— אלצדינג יאָ, נאָר דאָס נישט, — האָבען קורץ געענטפערט די ליעבעסווירדיגע אומשטענדען.

— אָבער כ'האָב זי דאָך פיינט, מיין ערשט ווייב! — האָט ער זיך געבעטען.

— כדי געזעצליך פיינט צו האָבען אנ'איינען ווייב מוז מען באצאָהלען דעם אדוואָקאט, לכל הפחות, זעקס טויזענד דאָלאר.

— אויב אזוי, ליעבע אומשטענדען, — האָט ער גע־טענה'ט, — וועט איהר מיר מוזען ערלויבען צו לעבען מיט מיין צווייטער ווייב אָהן חופה וקדושין — וועט דאָס מיר טאקע זיין אנגענעהמער אויך.

— ווי דו ווילסט ! — האָבען נעענטפערט די אומ־שטענדען, — ס'איז נישט אונזער דאגה !

* * *

**מאָראַל: די אומשטענדען זענען נאָך אַלעמען נישט אַזוי שלעכט ווי מע'מיינט. אדרבא.**

## לייוועגט

ער האָט געטראָגען אַ ברייטען קאַפּעליוש און האָט זיך גערעכענט פאַר אַ מאָהלער.

האָט געהאַט זעהר שעהנע געשיכטען צו דערצעהלען וועגען מאַדעלקעס און וועגען פּאַריז. האָט מען איהם גערן אויסגעהערט און געגעבען אַ פּאַפּיראָס.

די מאַנסביל אַזוי.

די פרויען אָבער האָבען זיך דערביי נישט אָפּגעשטעלט. האָבען איהם אמת ליעב געהאַט, נישט אַלע, נאַטירליך, אָבער אַ היבשע צאָהל פון זיי.

און זיי האָבען איהם געמאַכט קאָמפּלימענטען פאַר די קליינע שאַרזשען וועלכע ער פלעגט צייכנען אויף די שפּייז־צעטלעך פון די ביליגע רעסטאָראַנען. נישט אַלע, נאַטירליך, אָבער אַ היבשע צאָהל פון זיי.

און ענדליך האָבען זיי איהם געהייראַט — די דאַמען. נישט אַלע, נאַטירליך, נאָר אַ היבשע בחור'טע, און נישט קיין קלוגע.

איז זי געגאַנגען אויסאַרבייטען ביי דאַמען־היט און ער האָט געשוואַנגערט — מיט אַ גרויסער אידעע.

זעהר שעהן פון איהם!

זעגען אוועק זיעבען חדשים, אכט חדשים, ניין חדשים, און אונזער מאָהלער האָט אַלץ געשוואַנגערט מיט זיין קונסטווערק און נישט פאַרדינט אַ צעבראָכענע קאָפּיקע.

האָט זיין פרוי גענומען טענה'ן:

— סטייטש, וואָס וועט זיין דער סוף?

האָט ער געענטפערט: ער דאַרף האָבען אויף קאַנווע — לייוועגט, הייסט דאָס. ער האָט פארטראַכט אַ גרויסע לאנדשאפט פון אנדערהאַלבען מייל...

— וויפיעל דאַרף דאָס קאָסטען?

— דריי דאָלאַר מיט פערציג סענט!

האָט זי איהם געגעבען דריי דאָלאַר און פערציג סענט. איז ער אוועק אין אַ רומענישען וויין־שענק און עס פאַר־שכור'ט.

האָט זיין פרוי גענומען טענה'ן צו איהם: סטייטש? און נו? און וואָסערציך?

האָט ער געענטפערט: ער דאַרף האָבען קאַנווע — לייוועגט, הייסט דאָס, מחמת ער האָט פארטראַכט אַ גרעסערע לאַנדשאַפט פון ניין מיט אַ פערטעל מייל.

— וויפיעל דאַרף דאָס קאָסטען?

— זעקס דאָלאַר מיט פינף און דרייסיג סענט!

האָט זי איהם געגעבען די זעקס דאָלאַר מיט 35 סענט און ער איז אוועק אין אַ גרויסען קאַפע און עס פאַר־טאַכלעוועט.

האָט זי איהם גענומען דערגעהן די יאָהרען: סטייטש, וואָס וועט זיין דער סוף? און וואָס טראַכט ער זיך?

האָט ער געענטפערט: ער דאַרף האָבען קאַנווע — לייוועגט הייסט דאָס, מחמת ער האָט פארטראַכט די גרעס־טע לאַנדשאַפט וואָס סע קען נאָר געבען — הינו: אַ וואַלד פון איבער צוויי הונדערט מייל.

— וויפיעל דאַרף דאָס קאָסטען?

— פינף און אכציג דאָלאַר!

— אָלרייט, נאדיר פינף־און־אכציג דאָלאַר און מאַך אָן... אַ פוראָר!

האָט ער גענומען די 85 דאָלאַר, געקויפט טיקעטס פאַר זיך און פאַר מיסס ראַבינאָוויטש (פון וועלכער מיר

**װעלען רעדען בײ א צװײטער, דריטער אָדער פיערטער געלעגענהײט!) און איז אװעק קײן קענעדע.**

* * *

— — — — — — — — — — — — — — — —

מאָראל: ס׳איז נישט קײן קונץ צו זײן א קינעלער, **א קונץ איז צו זײן א... געטרײער פאמיליען־פאָטער. אָט־װאָס!**

# דער שטאָלצער קינסטלער

ער צענעמט זיך די באָרד און דערצעהלט:

...אנטקעגען דעם וואָס איהר זאָגט: מוט. אודאי דארף מען האָבען מוט. א מענש — דארף זיין א מענש, נישט קיין צעקראָכענע לעמישקע. א מענש, ווי זאָגט איהר, דארף אין זיך האָבען שטאָלץ. דארף זיך נישט לאָזען באליידיגען פון קיינעם און אז מען באליידיגט איהם, דארף ער וויסען וואָס ער האָט צו טון.

ער דארף נישט שווייגען. ווי זאָגט עפּעס ס'חומש'ל? אן אויג פאר אן אויג, א צאָהן פאר א צאָהן.

אי, וואָס דער גוי זאָגט אנדערש? אי, וואָס ס'גוי'עשע חומש'על, להבדיל, זאָגט, אז אויב מען גיט דיר א פּאטש אויף איין באַק, זאָלסטו אונטערשטעלען די צווייטע — איז נאָר געזאָגט. אנו, פּרובט, לאָמיך זעהן — איהר זענט דאָך עפּעס א וואוילער יונג! — אנו פּרובט און גיט נאָר א געזונטען עשו א פּאטש אין באַק, וועט איהר זעהן, וואָס ס'עט זיין!

אי, וואָס ז י י ן חומש'על הייסט נישט? איז דער תירוץ: חומש'על איז חומש'על און גוי — איז גוי... און נישט נאָר א גוי, אפילו א איד, אז מען דערצערענט איהם, שווייגט ער נישט... ער האָט פיינט צו שווייגען. בפרט, אז מען לעגט אויף איהם ארויף די האנט! און בפרט, אז עס איז נישט קיין פּראָסטער מענש. נאָר, ווי רופט איהר איהם אָן, א קינסטלער, א שרייבער וואָס שרייבט אין די בלעטער, א גאנצער פארנעם אין שטעטיל,

א מענש וואָס קינד־און־קייט קענען זיין נאָמען, קיין קלייניגקייט נישט!

...דערצעהל איך עס אנטקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: מ׳צ י ט ע ר ט! אודאי ציטערט מען. א שוואכער מענש ציטערט. וואָס דען זאָל ער טון? נעמען צוריק־שלאָגען? דארף מען דאָך האָבען כח!... און אז מען האָט ש ו י ן כח, טראכט מען אלץ איבער: ווער ווייסט? מ׳איז דאָך נישט מעהר ווי א מענש, און א מענש האָט א טבע, אז ער פאלט אריין אין דער רציחה, און אז מ׳פאלט אריין אין דער רציחה, ווייסט מען נישט וואָס מ׳טוט, איז מען קאפּאבעל איך־ווייס־אליין־נישט־וואָס. קען מען אמאָל יענעם אויסזעצען אַן אויג, צי כ׳ווייס־וואָס. און דעמאָלט פעהלען שוין נישט קיין צרות. ס׳הויבט זיך אָן א מעשה מיט פּראָצעסען, מיט עדות, מיט אדוואָקאטלעך — ס׳איז, ווי רופט איהר עס אָן, א פרעה־ליך חתונ׳קעלע.

נאָר איינמאָל האָב איך, פונדעסטוועגען, געזעהן וואָס עס הייסט נ י ש ט ק י י ן מ ו ר א ה אָ ב ע ן, וואָס סע הייסט, אז א מענש איז ביי זיך אָפּגעלעקילט און אָפּגעטעקילט, און אז מ׳ריהרט איהם, חלילה, אָן דעם האָנאָר איז ערגער ווי כ׳ווייס־אליין־נישט־וואָס.

...האָב איך אייך שוין געזאָגט, אז דאָס איז געווען א מענש נישט קיין פּראָסטאק — נישט קיין איד פון אונ־זערע אידען, נאָר א שם־דבר, א פארנעם, א שרייבער אין א צייטונג, און דער פיינער שמועסער און דער וואוילער לערנער און א היינט־וועלטיגער, און אויסגעפּוצט ווי א ליאלקע און א טאטענס א קינד, פארשטעהט איהר מיך. דארף אייך שוין זיין קלאָר, וואָס סע הייסט, אז מ׳גיט אזא מענשען א פּאטש און — בפני כל עם־ועדה

...געווען איז דאָס ביי דער אסיפה וועגען קהל׳שע ענינים. איז דאָך אייך באקאנט: קהל. און אז קהל צע׳־קהל׳ט זיך איז, ווי זאָגט איהר, חושך! מען רעדט, מען שרייט, מע מאכט מיט די הענט, מע גוואלדעוועט.

און ווי מען גוואלדעוועט אזוי און מ׳טומעלט, עפענט זיך די טיר און ס׳קומט אריין וועוויל־דער־שרייבער, וואָס שרייבט אויף די בלעטער, אין לשון־קודש.

דערזעהן וועולען איז קהל געוואָרען שטיל און געוואָלט הערען וואָס ער האָט צו זאָגען. „פּאַני וועוויל", האָט מען געזאָגט, „זאָגט עפּעס". „נו, גוט!" האָט געזאָגט וועוויל בקיצור — ער האָט פיינט געהאַט א סך רייד! — איך זאָג, אז אונזער גבאי יאָשע פּאַכאָליק איז א דאָס, ווי רופט מען עס?... (ער האָט גענומען קנאקען מיט די פינגער. ער איז געווען א קאַפּיטשקע זאאיקע) א פּאסקודניאַק.

אז יאָשע פּאַכאָליק האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרען רויט ווי א צוויק, איז צוגעלאָפען צו וועוולין און איהם אראָפּגעלאָזט א פּאטש, — אז ס׳האָט אזש פארקלונגען די שוהל.

פון י ע נ ע פּעטש!...

אז קהל האָט דאָס דערזעהן, איז איהם — קהל׳ען — ארויס די נשמה. אזא איידעלען יונגענמאַן, — נעמט מען און מ׳גיט איהם א פּאטש. ס׳איז גאָר, ווי זאָגט איהר, א קליינינקייט!

אז וועוויל איז געקומען צו זיך פון פּאטש, איז ער געוואָרען צוערשט רויט, דערנאָך בלאס, דערנאָך גרין, דערנאָך געל — סע האָבען זיך אין איהם געמינעט אלערליי קאָלירען! — און ער האָט זיך אָפּגערופען:

—וואו איז דער פּאַכאָליק?

— אָט בין איך! — האָט געזאָגט יאָשע, וועלכער איז געשטאנען לעבען איהם.

— איהר האָט מיר געגעבען א דאָס, א ווי רופט מען עס? (ער האָט גענומען קנאקען מיט די פינגער!) א... א פּ־פּאטש?

— יאָ. און איך׳ל דיר נאָך געבען פּעטש ווי די ברעטער, לאָמיך נאָר הערען א פּיפּס...

מאכט וועוויל: איהר האָט מיך, ווי רופט איהר עס

(א קנאַק מיט די פינגער!) באַליידיגט... און אידען — גיט ער א געשריי און טוט זיך א שטעל ווי א טיגער און שפּייט אָן די הענט — אידען! איהר זאָלט זיין מיין עדות, אז איך'ל איהם נישט שווייגען... אנו, לאָז ער פּ־פּריוועז און מיר געבען נאָך א, ווי רופט איהר עס (אַ קנאַק מיט די פינגער!) א פּאַטש וועט זיך...

— אָט, נאַדיר נאָך אַ פּאַטש, דו שרייבערוציק! — האָט איהם יאָשע פּאַכאַליק איבערגעשלאָגען מיט א פּאַטש אין דער צווייטער באַק.

אָבער מעהר האָט ער שוין נישט געקאָנט שווייגען — אונזער וועוויל. פּאַרט, ווי זאָגט איהר, נישט קיין פּראָס־טער מענש. א איד, מיט דער פיינער פּען, און דער זעלטענער שמועסער און — א טאַטענס א קינד...

איז אַזוי גיך ווי עס האָט אָפּגעקלונגען דער צווייטער פּאַטש, האָט אונזער וועוויל אויפגעהויבען די הענט, האָט זיך געהייסען דערלאַנגען א שטיקעל פּאַפּיר און — ער האָט זיך אוועקגעזעצט אָנשרייבען א שאַרף ארטיקעל קעגען יאָשע פּאַכאַליק, וועלכער האָט געהאַלטען אין א י י ן געבען פּעטש.

— — — — — — — — — — — — — — — —

און דער דערצעהלער פּאַרענדיגט: „אָט־אַזוי איז, אז מען פּאַרטשעפּעט זיך מיט אַ אידען א שרייבער און א טאַטענס א קינד“.

* * *

מ אָ ר אַ ל: דער שוואַכסטער פּאַטש איז מעכטיגער, ווי די מעכטיגסטע פּען.

## ציוויליזאַציע

ער איז געווען אַ בראַווער און אַ באַשיידענער מענש. האָט ער חדשים דורכאַנאַנד געקוילעט, פּרעמדע אומבאַקאַנטע מענשען. צעריסען זייערע גלידער מיט שראַפּנעלען, זיי דערשטיקט מיט גאַז. דורכגעשטאָכען מיט אַ באַיאָנעט.

האָט ער זיך כאָטש געשעמט דאָס צו טון?
ניין ער האָט זיך נישט געשעמט דאָס צו טון! כאָטש ער האָט די מענשען קיינמאָל פריהער נישט באַגעגענט. כאָטש ער איז פאַר זיי נישט געווען פאַרגעשטעלט.

אָבער איינמאָל אין אַ שעהנעם בלוט־פּעטען טאָג, נאָכדעם ווי דער באַשיידענער קולטור מענש האָט — אויף זיין חשבון — געהאַט דורכגעשטאָכען עטליכע טוץ מענשען מיט זיין באַיאָנעט, האָט ער דערזעהן אַ מיידעל — אַ שעהן און ליעב קינד, וואָס איז געשטאַנען לעבען איהם און געפּלירטעט מיט די אויגען.

ער האָט צוריקגעענטפערט מיט אַ שמייכעל, און בשעת־מעשה דערפיהלט אַ טיפען וואונש, דעם ליעבען מיידעל אַ קוש צו טון, עס איז געווען מאַרטאַ — זיין געליעבטע. ער האָט זיך אָבער געשעמט דאָס צו טון, ווייל עטליכע חברים זעלנער זענען געשטאַנען און געקוקט...

* * *

מאָראַל: ליעבע איז דאָך נישט הרג'ענען קיין מענשען — מיט ליעבע דאַרף מען זיך שעמען.

## דאָן זשואַן?

ער איז א שעהנער, א בלוט־און־מילכיגער בחור, שמייכעלט מיט ווייסע צייהן און קנייטשט זיך אזוי חן־עווריג און קוקט אזוי שעהן דורך האלב־צוגעמאכטע אויגען מיט שווארצע ברעמען־פאַרהאנגען. אן אמת'ער פּרימאַדאָן, אויב מען מעג אזוי זאָגען.

און קומט ער ערגיץ אין דער געזעלשאפט פון דאמען טייטעלט מען אויף איהם שטילערהייד מיט די פינגער:

אָט דאָס איז דאוויד, דער באריהמטער הארץ־ברעכער, דער שרעקליכער דאָן־זשואן.

און אז דער דאָזיגער שעהנער דאוויד געהט צו צו א דאמע, און וויל מיט איהר א נאָהענטערע באקאַנטשאפט אָנקניפּען, ציטערט דאביי איהר הארץ אזוי. זי האָט מורא. זי שרעקט זיך פאר איהם. סטייטש אזא שרעקליכער הארץ־ברעכער, און האָט צו טון מיט אזויפיעל פרויען.

און זי ציהט זיך — מיט א תירוץ צוריק. און דער שעהנער, שמייכלענדיגער, פארטרוימטער דאָן־זשואן פון דער אידישער גאס געהט פון איין דאמע צו דער צווייטער און אומעטום האָט ער דעמזעלבען אָפּשניט — מען האָט פאר איהם מורא. סטייטש, אזא פרויען־פארפיהרער!

און אין די שטילע, פאר'חלום'טע און פאר'לבנה'טע נעכט זיצט אונזער שעהנער דאָן־זשואן ביי זיך אין צימער און בענקט אזוי נאָך אביסעלע ליעבע, און דורשט אזוי נאָך דער באריהרונג פון א פרוי'ס לייב!

* * *

מאָראל: די גאנצע געשיכטע איז אן אויסגעטראכטע, נאָר א שעהנע — כמעט אן אמת'ע!

# א רעגעלער ראָמאַן

זיי זענען געווען יונג און האָבן גענומען ראָמאַנען אויף אויסצאָהלען — ערגיץ ביי א סטענד אין אָרטשארד סטריט.

ער האָט געהאַט א פּנים פון א בלייכען פּרינץ, וואָס טראָגט בייגעל אויף א שטעקען. און זי האָט געכאַפּט דעם אָנבליק פון א פּרינצעסין, וואָס טרוימט פון דריי טויז הויזען אויפצונעהען, און פון א פּרייען בילעט אין א מופינפּיקטשע.

האָבען זיך די צוויי אײדעלע גייסטער פאַרליעבט איינס אין ס'אַנדערע און ער אין איהר, און זי אין איהם.

א שרעקליכע ליעבע!

און הייס ווי א געשלעג צווישען צוויי ווייבער!

און גליהענד ווי א פּרעסאייזען!

האָט זי געזאָגט צו איהם:

— לאָמיר אַנטלויפען וואוהין די אויגען וועלען אונז טראָגען און — שטעלען א חופּה.

האָט ער געזאָגט:

— צו וואָס דאַרף מען דאָס האָבען? אז די עלטערען שטערען דאָך אונז גאָר נישט.

— סמאַכטנישט! — האָט זי געזאָגט — סע קוקט אויס ראָמאַנביכעלשער צו לויפען פון די עלטערען.

און זיי האָבען באַשטימט צו אַנטלויפען אין מיטען דער נאַכט און חתונה האָבען.

האָבען זיי צונויפגענומען זייערע פּאָר גראָשען, גע-

דונגען א װעגעלע און ער איז געקומען נאָך איהר — זיי זאָלען אנטלויפען.

האָט די מאמע איהרע געזאָגט:

— וואָס עפּעס אזוי שפּעט ביי נאכט זיך אויסגע־קליבען?

האָט דאָס טאָכטער׳ל געזאָגט:

— מאמע! מיר געהען אנטלויפען חתונה האָבען און קיין זאך קען אונז ניט אָפּהאַלטען!

און זי האָט גענומען קריכען דורכ׳ן פענסטער און דער חתן נאָך איהר!

— משוגע אויף טויט! — האָט געזאָגט די מאמע.

— אַלטע פינצטערלינגען! — האָבען געזאָגט די צוויי ראָמאנטישע פארליעבטע, בעת זיי זענען געקראָ־בען אויף די לייטערס.

— און איצט שנעל צום מסדר קידושין! — האָט געזאָגט די העלדין, ארונטערקומענדיג אין גאס און זיך אָננעמענדיג פאר די הענט, האָבען זיי גענומען לויפען טשוואליאָם!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט א פּאָר טעג שפּעטער האָט די מוטער געזאָגט צום יונגען ווייבעל:

— נו, האָסטו באדארפט לויפען חתונה האָבען און פארשווענדען פיער דאָלאר אויף א מסדר־קידושין, אז מיר האָבען א לאנדסמאן, וואָס וואָלט דאָס געוועז געמאכט פאר צוויי דאָלאר מיט ניין־און־דרייסיג סענט!

אָבער די טאָכטער האָט געענטפערט:

— מאמע! דו רעדסט ווי א פינצטערלינגיכע! וואָס האָסטו געוואָלט, אז צוליעב א דאָלאר מיט איין־און־זעכציג פענים, זאָלען מיר חתונה האָבען אָהן א ראָמאַן?!

* * *

מ אָ ר א ל: וואָס פארשטעהט אן אלטמאָדישע מאמע?

# די נאַאיווע

זי איז אויפגעצויגען געוואָרען אין ניו יאָרק — אין דער גרויסער און אייזערנער שטאָדט ניו יאָרק.

ערגעץ אויף דער זיבעטער עוועניו איז זי געבוירען געוואָרען — אין אַן אָרימער געגענד.

זומער פלעגט זי געהן שפאצירען ביים בארטען פון ים, ביי די ד א ק ס און ווינטער פלעגט זי געהן צו טאנ־צונגען און צו ביליגע טעאטער־שפיעלען.

און זי איז געוואָרען יונג און אומשולדיג — מיט א פאָזיטיווער גאראנטיע.

יאָהר איין, יאָהר אויס איז זי געווען אומשולדיג, זומער און ווינטער, שבת און יום טוב. און אפילו אין אזא געוועהנליכען טאָג, ווי דעם 23טען יאנואר, 1918, — איז זי אויך געווען אומשולדיג.

און די צייט איז זיך געגאנגען איהר וועג. זייגערס האָבען געקלונגען, מענשען זענען געשטאָרבען, צייטונגען זיינען אונטערגעגאנגען ווי שעהנע זונען, דירה־געלט איז געהעכערט געוואָרען, קרויט איז געשטיגען אין פרייז, אנארכיסטען זענען ארעסטירט געוואָרען, סאָלדאטען האָבען גענומען קומען צוריק פון פראנקרייך אין די טוי־זענדער, אָבער אונזער העלדין, אָהן א נאָמען, אָהן טאטע־מאמע און אָהן אלעמען איז נאָך אלץ געווען נאַאיוו, אומ־שולדיג און —

ענדליך איז זי אוועק קיין פילאדעלפיא צו איהרען א

פעטער. דערזועלבער פעטער האָט געהאט א זוהן, דער־זעלבער זוהן האָט געהאט א הארץ פול מיט ליעבע און ער האָט עס נישט געהאט וואו אהינצוטון, — האָט ער זיך מישב געווען: וואטאהעל?

...און איצט ליעגט נעבעך אונזער העלדין און וויינט און קלאָגט און רייסט זיך די בלאָנדע האָר פונ'ם קאָפּ און לעגט זיי פּאָרזיכטיג אוועק אויפ'ן טיש און זי טראכט — פּיאַניסימא:

— אך, פארוואָס האָט מיר קיינער נישט דערצעהלט פון די געפאהרען, וואָס לויערען אויף א מיידעל אין דער שטילער פרומער שטאָדט פילאדעלפיא? פארוואָס בין איך געווען אזוי נאאיוו? פארוואָס בין איך געבוירען געוואָרען אין רוישיגען זינדיגען ניו יאָרק? — — —

* * *

מאָראל: מוטערס, לאָזט נישט אייערע אומשול־דיגע טעכטער אוועקפאָהרען פון דער גרויסער שטאָדט, זיי וועלען פארדארבען ווערען!

## דאָס פארשטאָכענע אויג

ער איז געווען א בחור און האָט נישט געוואָלט חתונה האָבען. אויף זיין עהרענוואָרט! ניע־געוועד־ניעמאלס, — אזוי האָט ער געשוואָרען — וועט ער חתונה האָבען!

אורזאכע:

ס'איז א לאסט.

ס'איז פארבונדען מיט צופיעל הוצאות.

נישטאָ קיין עהרליכע פרויען.

ער גלויבט אין פּלאטאָנישער ליעבע.

ויהי און עס איז געווען, איינמאָל אין א שעהנעם פריהמאָרגען, בעת דער דאָזיגער בחור איז געגאנגען אין נאס און ס'איז געווען א ווינט אין דרויסען. איז א בלאָנד־גאָלדען מיידעל פון די גאָלד־בלאָנדענע מיידלעך געגאנגען מיט איהם אויף דעמזעלבען טראָטואר. ויהי און עס איז ווייטער געווען, אז דאָס דאָזיגע דורכאויס־גאָלדענע מיידעל האָט זיך פארפּראָשעט אן אויג, און זי האָט גענומען וויינען מיט נישט־פרייוויליגע, בלאָהע טרערען — וועלכע האָבען נישט פרייוויליג געקוואָלען פון איהרע העכסט־בלאָהע אויגען.

— מיסטער! — האָט דאָס כמעט־גאָלדענע מיידעל אָפּגעשטעלט אונזער הארטגעקאָכטען בחור — מיסטער, ס'איז מיר עפּעס אריין אין אויג. ווילט איהר אזוי גוט זיין מיר אריינקוקען אין די אויגען אריין?

דער בחור האָט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען

און געזעהן: לינקס — מענשען; רעכטס — אויך מענשען; פאָרענט — א קליינער בליהענדיגער פּארק; הינטען — אויך מענשען; אויבען — א מערקווירדיגער בלאָה־בלאָהער הימעל און ער טריפט מיט וואריי־מען זומער גאָלד.

האָט דעם בחור׳ם הארץ גענומען קלאפּען, קלאפּען, קלאפּען. האָבען זיינע קניען זיך גענומען בויגען, בויגען, בויגען און ער האָט א קוק געטון אין דעם מיידעל׳ם אויגען, אויגען, אויגען!

דאן האָט ער ארויסגערעדט — מעהר מיט׳ן הארץ ווי מיט׳ן מויל:

— קומט אַט אהין אין יענעם קליינעם פּארק, וועט איהר זיך אוועקזעצען אויף א באנק און איך וועל אייך ארײנקוקען אין די אויגען.

— — — — — — — — — — — — — — —

איבעראכטאָג מיטוואָך איז געווען די חופּה.

* * *

מאָראל: געגען שווארצע געזעצען קאָן מען זיך שיצען, קעגען א רעגען פון גאָלדענע רענדלעך קאָן מען זיך פארטיידיגען מיט א רעגען־שירם, אָבער וועה צו דיר, מענש, ווען דיר קומט אוים צו קעמפען געגען א גינגאָלדענעם לאָקען־רעגען און געגען די אונגעשריבענע בלאָהע געזעץ־ביכער פון צוויי בלאָהע, מיידעלשע אויגען.

## גערשאַנקען־עקאָנאָמיע

אמאָל איז געווען א שרייבער — נישט אזא וואָס שרייבט בלויז איינמאָל אין 28 יאָהר און איז א גרויסער טאלאנט און אלע רעדען פון איהם, אז ער איז אן אונער־מיעדליכער זשעניע, און אז אָט־אָט, אקאָרשט מען־זעהט־נישט, גיט ער זיך א זעץ אוועקעט און גיט זיך א שרייב אָנעט א זאך, וואָס וועט אויפטרייסלען דעם גאנצען ערד־קוגעל, מיט די באנאכבארטע געגענדען. נאָר א שרייבער וואָס שרייבט, וואָס דיכטעט, וואָס שמירט, וואָס שאפט, וואָס גיט קאָפּיע און האָט נאָך צייט צו האָבען טאלאנט אויך. איינער פון אונזערע שרייבער, — פון די בעסערע: לאָמיר זאָגען משה נאדיר—אויב קיינער פון אייך האָט נישט דאגעגען! און פארוואָס זאָלט איהר האָבען דאגעגען? בין איך דען נישט א גוטער יונג, מיט אן איידעל, כאָטש מענשליך הארץ, און שטאם פון גאליציען?

האָט דער דאָזיגער שרייבער אמאָל באדארפט אוועק־געבען קאָפּיע און ער האָט נישט געקאָנט, ווייל ער האָט נישט געהאט קיין צייט — ער האָט זיך באדארפט אבי־סעל דורכגעהן אויף דער פרישער לופט און באווייזען אלעמען אז ער האָט א ניי פוטערעל, וואָס פאסט איהם זעהר שעהן צו זיין טאלאנט. האָט די רעדאקציע געבור־טשעט: נו־אָ, קאָפּיע! תן לי ע ליטל קאָפּיע!

האָט דער דאָזיגער שרייבער געפרעגט: סעיליסן,

קיין רענעלע קאַפּיע האָבען מיר היינט נישט, נאָר אויב איהר ווילט א מעשה מיט זעקס פערד, וועלען מיר אייך דערצעהלען. ווילט איהר?

מאכט די רעדאקציע צו איהם: אָלרייט. זאָל זיין א מעשה מיט זעקס פערד, אבי סע זאָל זיין לייכט, פאַקענד, באלעהרענד, אמוזירענד און העכסט־זשעניאַל.

האָט דער שרייבער גענומען דערצעהלען:

אמאָל איז געווען א רייכער ציגיינער האָט ער געהאט זעקס וואונדערבארע פערד האָט ער זיי באצייכענט מיט זעקס נומערען, הינו:

ערשט פערד,
צווייט פערד,
דריט פערד,
פערט פערד,
פיפט פערד,
זעקסט פערד.

מיט די דאָזיגע מושטירטע פערד, פלעגט דער רייכער ציגיינער רייטען איבער די העכסטע בערג און איבער די טיפסטע טאָלען און אומעטום וואו ער האָט געטראָפען א מענשען האָט ער איהם אָפּגעשטעלט און ביי איהם צוגענומען גאָר דאָס גוטס.

האָט דער דאָזיגער ציגיינער געהאט א טאָכטער — שעהן ווי די וועלט. און קלוג ווי דער טאָג. האָט זיך צו איהר גע'שדכנ'ט א רייכער קניאז, וועלכער האָט אויך זעהר האָלד געהאט פערד.

האָט דער ציגיינער צו איהם געזאָגט: ליעבער קניאז, אויב איהר ווילט מיין טאָכטער, קאָנט איהר מיט איהר חתונה האָבען נאָר — מיט א באדינג.

וואָס איז דער באדינג?

ער זאָל אויסשטעלען די זעקס פערד אזוי, אז זיי זאָלען שטעהן א צעהן מינוטען אין דער פאָלגענדער אָרדנונג:

ערשט פערד,

פערט פערד,
צווייט פערד,
פיפט פערד,
זעקסט פערד,
דריט פערד.

האָט דער קניאז געלאַכט און געמאַכט כאַ־כאַ, דאָס איז נישט קיין קונץ און ער האָט אויסגעשטעלט די פערד אַט־אַזוי ווי דער ציגיינער האָט איהם געהייסען — הינו:

ערשט פערד,
פערט פערד,
צווייט פערד,
פיפט פערד,
זעקסט פערד,
דריט פערד.

אָבער ווי איבעראַשט איז געוואָרען דער קניאז, אַז ער האָט דערזעהן, אַז דאָס פערד נומער צוויי איז גלייך ארויס פון שורה און זיך געשטעלט באַלד נאָך נומער איינס, און נומער דריי האָט זיך געשטעלט גלייך נאָך נומער צוויי און אַזוי ווייטער. אין צייט פון א האַלבער מינוט זענען שוין די פערד געשטאַנען צוריק אין דער פאָלגענדער אָרדנונג:

ערשט פערד,
צווייט פערד,
דריט פערד,
פערט פערד,
פיפט פערד,
זעקסט פערד.

אַז דער קניאז האָט דאָס דערזעהן, איז ער געוואָרען זעהר שטאַרק פאַרשעהמט — ער זאָל נישט קאָנען טון אַזא קלייניגקייט! האָט ער נאָך א מאָל געפּרובט אויס־שטעלען די פערד, אָבער דאָס מאָל האָט ער פאַרגעסען, אַז נאָכ׳ן ערשטען פערד מוז קומען ס׳פערטע, ווי מיר האָבען דאָ אויבען געוויזען, נעמליך:

ערשט פערד,
פערט פערד,
צווייט פערד,
פיפט פערד,
זעקסט פערד,
דריט פערד.
אַנשטאָט דעם, איז ביי איהם אויסגעקומען אזוי:
ערשט פערד,
פיפט פערד,
פערט פערד,
צווייט פערד,
דריט פערד,
זעקסט פערד.

אז דער קניאז האָט זיך געכאפּט, אז ער האָט געמאכט א טעות, איז ער געוואָרען נאָך מעהר דערצאָרענט און ארויסנעמענדיג די שווערד פון שיידעל, האָט ער אויסגערופען:

— פארפלוכטער ציגיינער! דו האָסט דיינע פערד פאר'כשופ'ט! האָב דיר אכציג שווארצע יאָהר צוזאמען מיט דיין טאָכטער!

און ער איז אוועק כאפּען — א הלואה ביי א אידען.

* * *

מאָראל: האָבען מיר שוין, הייסט עס, איבערגענוג קאָפּיע.

# דער בלאָנזשענדער שטערן

אן אינטעליגענטער בחור. רעדט פיין רוסיש און לשון... הרע. לעזט טאלאָגוב'ען און שפּיעלט זעהר גוט אין... ליעבע.

מיידלעך קלייבט ער זיך אויס מאָדנע: בלויז נידרינג־געוואקסענע, מיט קליינע נעזלעך און מאסיווע — ווי אָנגעדראָפּטשעט מיט די פּיס.

אָן אָריגינעלער מענש!

און א שטיקעל טאלענט צום שרייבען האָט ער אוי ך! אז די מיידלעך דערזעהן איהם, טייטלען זיי מיט די פינגער און זאָגען: אָט דאָ געהט מאָטיע, דער זעהר אומבאקאנטער דיכטער.

נאָר דרוקען—דרוקט ער זיך נישט. ער וויל זיך נישט אַראָפּלאָזען צום עולם — וויל ער נישט. וואָס קענען מיר איהם טון?

אז ער צעקריגט זיך מיט א געדרוקטען ליטעראט ווארפט ער איהם גלייך אויף: „ביזט א ברייטע מאסע!" און... ער שפּייט אויס אין דער זשמעניע אריין, מחמת ער האלט נישט פון נאָז־טיכלעך — האלט ער נישט.

אָריגינעל!

פרעגט מען איהם: „מאָטיע!?"

ענטפער ער: „איך בין א בלאָנזשענדער שטערן — בין איך. אָט וואָס!" און ער נעמט ביי אייך א ציגארעטעל.

פארשטעהט זיך.

איינמאָל האָט ער זיך באקאנט מיט א מיידעל נישט פון זיין „קרייז“, נאָר א ציווילנע, אזוי צו זאָגען, נישט קיין איבער־מיידעל, נישט קיין פשיבישעווסקי־נערין. נאָר א געזונטע און פול מיט חנ׳עוודיגסטען חן.

ווי עס טרעפט אמאָל מיט מיידלעך!

האָט ער זיך אין איהר פארליעבט און זי אויסגע־נומען אין פאר. דאָס איז געווען ביינאכט. פינסטער. רוישען פון טראַמוויי. נאכטיגאלען. ערגיץ ווייט־ווייט. הימעל, לבנה, שטערען — אויפ׳ן פלאַץ. בוימער — בוי־מערען אונטער. פראכטפולענטציקענד.

קוקט ער אויפ׳ן הימעל, זיפצט אָפּ אויף דעם שטיי־נער פון בלעטעל 486 פון א ראָמאן און ווייזט אָן אויפ׳ן הימעל:

— זעהסט יענעם בלאַנזשענדען שטערען!

יאָ, זי זעהט.

— איך בין אויך א בלאַזשענדער שטערען!

און בענייביי טוליעט ער צו זיין קאָפּ צו איהר ברוסט, און זיין שטערען נעמט בלאַנזשען אהער־און־אהין, אהין־און־אהער, א. אז. וו.

נעמט דאָס מיידעל און שטרעקט אויס די האנט און גיט איהם א פארפאָהר איבער׳ן בלאַנזשענדען שטערען, אז עס ווערט איהם פינסטער אין די אויגען, זידעלט איהם אָפּ און — אנטלויפט.

* * *

מאָראל: נישט אלע מיידלעך געפעלט, אז א שטערן בלאַנזשעט צופיעל ארום.

## דער, וואָס בויגט זיך

עס קומט צו רייד קעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: בויגען זיך און אז דער וואָס בויגט זיך — ברעכט זיך נישט. אודאי שטעקט דארין א טיפער אמת. מען דארף עס נאָר קענען תופס זיין. איך וויל אייך — קעגען דעם — דערצעהלען א מעשה׳לע, א מין משל. איהר זאָלט מיר מוחל זיין דער־פאר וואָס איך האָב א נאָס געטון. איך האָב היינט אזא פארקיהלונג, נישט פאר אייך געדאכט.

הויבט זיך עס אָן אזוי: אמאָל איז געווען א וואלד — ווי סע מאכט זיך אמאָל, א וואלד. גיט א שמעק טאבאק, ר׳ שעמשעל. טאזוי! איז א וואלד. ווי דער שטייגער איז פון א וואלד, איז דאָרט פאראן אלערליי בוימער. גרויסע בוימער. גרעסערע בוימער און אויך קליינע בוימער — פּיצעלעך, אָט־אזוי־אָ די גרויס. נישט גרעסער. נוס־בוימלעך — צי וואָס. ווער קען זיך דאָרטען אויס אין זיי!

הקיצור, גיט נאָך א שמעק טאבאק, ר׳ שעמשעל. טאזוי. איז וואו האלטען מיר? אין וואלד. נישט קיין קלייניגקייט. ווי דער ספּבטיון. סע רוהט נישט. סע בלאָזט. סע שטורעמט. סע לעגט איין וועלטען. און — שטעהן שטעהט עס נאָך אויף א ווינטיג אָרט — אויף א ריכטיג ערטעל, גיט נאָך א שמעק טאבאק, ר׳ שעמשעל,

ס'איז ביי מיר פאַרלייגט די נאָז, איז מיר שווער צו רעדען.

...איז — דער וואַלד. פאַרלויפט זיך אַמאָל אַ מעשה, אַז דהיינו וואָס? דהיינו סע טוט אַ ברעך אויס אַזוי אַ שטורעם און — פון די גרויסע, נישט פון די אָפּגענאַרטע שטורעמדלעך, וואָס אַט גיט עס אַ בלאָז און אַט הערט ער אויף! סע שטורעמט, סע רודערט, סע ברעכט. סע קערט וועלטען — עפּעס ווי די גאַנצע וועלט וואָלט, נישט דאָ געדאַכט, משוגע געוואָרען, אַזוי ראַיעט עס און סע זידט וואו־הו, און נאָך אַמאָל „וואו־הו"... מיט אַ געוויין, און מיט אַ פייף, פון די אמת'ע וויכערס.

און אין דערפעל ביי אונז — (דער וואַלד איז געווען נישט ווייט פון דאָרף) הערט מען סע ברעכט! ער לייגט אוועק — אַ בוים נאָך אַ בוים, אַ דעמב נאָך אַ דעמב. זיי פאַלען ווי די שפּענער. און וואָס? סע האָט עפּעס אַ ווערדע ביי דעם רוצח, ביי דעם ווינד, ביי דעם וואַלד־גזלן? ער האָט עפּעס רחמנות? און די גוים געהען אַרום אין די פּעלצען צעשראָקען און מורמלען: סע קערט זיך איבער די וועלט. הלואי, די וועלט זאָל נישט אונטערגעהן. גיט נאָך אַ שמעק טאַבאַק, ר' שעמשעל, זעהר ווויל טאַבעקע ביי אייך. טאַזווי!

איז אַז דער שטורעם האָט זיך געלייגט, און דער וואַלד האָט זיך אַביסעל באַרוהיגט, בין איך מיט נאָך עטליכע אידען אוועק אין וואַלד, אַ קוק טון וואָס סע הערט זיך, און וואָס טויג עס אייך ר' שעמשעל? — איך האָב נאָך אַזאַ חורבן נישט געזעהן! דער גאַנצער וואַלד איז געלעגען אויף דר'ערד. אויסגעבראָכען, אויסגעשלאָגען. צודרעהט די צווייגען און דעמבעס — פון די גרעסטע. יעדער דעמב איז געווען אַזוי גרויס — ווי זאָל איך אייך זאָגען? — אָהן אַ גוזמא, העכער פון שוהל־דאַך, לחבּ־יל. אמת'ע עצי־יער — וואַלד בוימער, וואָס זייערע

אבות־אבותינו זענען דאָ געבוירען געוואָרען און, ווי מ׳זאָגט, דאָ פארלוירען געוואָרען.

איז קעגען דעם וואָס איהר זאָגט, אז דאָס וואָס בויגט זיך, ברעכט זיך נישט — האָב איך עס טאקע אליין געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען. בעיני ראיתי. אָט מיט די צוויי אויגען, גיט נאָך א שמעק טאבאק, ר׳ שעמשעל. די גרעסטע און שטארקסטע בוימער זענען אויסגעליינגט געוואָרען ווי די שאָף, נאָר איינס: א קליין ביימעלע, א מיזערנע, א גאָרנישט, א שפּעטנע זאַך, — א נוס־בוימעל, דאכט זיך, מיט עט־ליכע דינע ריטלעך, אָט דאָס איינע ביימעלע איז זיך געשטאנען אָן א זייט און איז — אויך צעבראָכען געוואָ־רען פון ווינד.

* * *

מאראל: דאָס בוימעלע פאלט נישט ווייט פונ׳ם שטורעמדעל.

# דער פארליבטער און דאָס בעזימעל

ער איז געווען אַ בחור אין די יאָהרען, א היציגער, א קאָכיגער, און פול מיט לעבען, ווי אַן אַלטער מאַטראַץ, וואָס מען דארף איהם פארברענען. —

**אזוי פול מיט לעבען איז ער געווען.**

וואָס זשע האָט ער געטון? — האָט ער זיך פארליעבט.

**אין ועמען? — אין א דאָקטאָר׳ס א טאָכטער.**

**פארוואָס אין א דאָקטאָר׳ס א טאָכטער? ענטפער:** מחמת די מעשה פאָדערט עס. אז נישט וועט נישט ארויסקומען דער וויץ און מיר וועלען אויפהערען אָנצו־מאכען דעם געוועהנליכען רושם מיט אונזער טאלאנט.

**הקיצור: ער איז פארליעבט אין א דאָקטאָר׳ס א טאָכטער — זעהר א שעהנע, זעהר א וואוילע, זעהר א** יונגע, זעהר אַ בוזעמדיגע, זעהר... פארשידענע זאַכען.

**איינמאָל ביינאכט, ווען עס האָט געטון שיינען די** שיינענדיגע לבנה, און די פארקס פון העסטער־טשערי **סטריטס, האָבען גענומען שמעקען מיט... שלאָפענדיגע** אידען וגם דאמען, האָבען זיך ביי אונזער בחור אָנגע־צונדען די געבליטען און ער האָט געפיהלט, **אז זיין הארץ איז פול־פול־פול מיט ליעבע און אז די גע־** **פיהלען זענען ביי איהם אזעלכע הייסע, אזעלכע ברע־** נענדיגע, אזעלכע צאַפּעלדיגע, אז ס׳איז א שרעק אין דער וועלט.

נעמט דערדאָזיגער יונגערמאן — לאָמיר זיך פאָר־ **שטעלען, אז ער איז א הויכער בחור מיט אן איבערגע־**

שראָקען פּנים און פינטעלדיגע אויגען — נעמט ער און געהט אוועק צו זיין, אָ, געליעבטע, און ער וויל איהר, אָ, ערקלערען ווי אזוי זיין הארץ פּלאקערט, אָ, שרעקליך צו איהר, אָ, און אָ!

געהט ער אריין אין דאָקטאָר׳ס אָפּיס — טרעפט ער דאָרטען קיינעם נישט, נאָר דעם דאָקטאָר אליין, אור־זאכע? פארוואָס דעם דאָקטאָר אליין — אוואו זענען די פּאציענטען? — האָבען מיר נאָך נישט צוגעטראכט. אפשר שפּעטער מיט עטליכע טעג.

דערוויל ווייסען מיר נאָר אזויפיעל, אז דער בחור מיט די פינטעלדיגע אויגען שטעהט אין אָפּיס און אנט־קעגען איהם שטעהט דער אלטער, טרוקענער אומראָמאנ־טישער דאָקטאָר.

מאכט צו איהם דער יונגערמאן:

— העם... כ׳האָב געוואָלט הייסט דאָס... כ׳בין אריינ־עמהע־געקומען, ווייל איך האָב עמהע געוואָלט אוים־עמהע־געפינען צי דאָס־עמהע...

און ער טאַפּט זיך ארום ארום קראגען און הוסט, ווי עפּעס וואָלט איהם געדרושעט.

קוקט איהם דער דאָקטאָר אָן און זאָגט:

— אָה! איך ווייס שוין וואָס דאָס איז! ס׳איז ביי אייך א פארקיהלונג אין האלז — צוויי דאלאר, פּליעז!

גיט איהם דער יונגערמאן — פאר שרעק — צוויי דאָלאר, נעמט איהם דער דאָקטאָר אריין אינווענינ אין קאבינעט, רייבט איהם אוים דעם האלז מיט א בעזימעל און שיקט איהם אהיים.

* * *

**מ אָ ר א ל: באווייזט פאר א דאָקטאָר, אז איהר האָט צוויי דאלאר און... איהר זענט נישט זיכער מיט׳ן לעבען.**

# א באַנקעט

אמאָל איז געווען א שרייבער, א דיכטער, א קינסט־לער.

האָט ער געדיכטעט און געשריבען און געקינסעלט ביז זשעניאַליטעט, אזוי לאנג ביז וואנעט ער איז געוואָרען גראָה און אלט, און דער מיסטישער האר פון יענער וועלט אין דער שווארצער פּאָלערינא, האָט גענומען ווינקען צו איהם און רופען שטילערהייד.

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אז ער האָט בלויז א האַרץ־ניערען־לעבער־לונגען און פיס קראַנקהייט, און זיינע חברים די קינסטלער האָבען יעזאָגט: אויב אזוי, טו לאָמיר זיך א נעם טון אלע צוזאמען, און מיט פאראייניג־טע קרעפטען איהם מאַכען א באנקעט. האָט מען כמעט ווי גענומען א זאַל, איהם אויסגעפוצט מיט פּראַכטפולע קאָלעגען און קאָלעגינען וגם זייטיגע מענשען, און דער באנקעט האָט זיך אָנגעהויבען.

דער דיכטער — לכבוד וועמעס קאָמפליצירטע קראַנקהייטען און מעכטיגען טאַלאַנט מ׳האָט אראנ־זשירט דעם גרויסען באנקעט, איז געזעסען אויבען־אָן, אביסעל פארשעהמט פון דעם גרויסען כבוד וואָס מען טיילט איהם צו און געמאַכט — אין געדאנק — א גרויס ליעד אין פּייקע.

קאָלעגע אבימלך האָט זיך (נאטירליך) אויפגעשטעלט,

געמון א זופּ פּוּ״ם זויערען וויין און גענומען זידלען דעם בעל־הבאנקעט אזוי שטאַרק ווי מעגליך.

נאָך אים האָט גערעדט א צווייטער און א דריטער און א פערטער קאַלעגע, און ס׳האָט אויסגעזעהן, אז די ליעבע חברים האָבען זיך פאַרוועט, ווער עס וועט וועמען אריבערשטייגען אין זידלעריי און ביטערע שטעכיגע ווערטער אויף דעם אדרעס פון דעם דיכטער, צו עהרע פון וועמעס קאמפּליצירטע קראנקהייטען און מעכטיגען טאלאנט מ׳האָט אראנזשירט דעם באַנקעט.

אז דער עולם איז שוין געווען אָנגעטרונקען מיט זויערען וויין און די זיסע בליקען פון חנ׳עוודיגע מיידלעך, האָט זיך געעפענט די טיר און ס׳איז ארייננגעקומען א פרעמדער איד פון גאס, זיך אָנגעגאָסען א גלעזעל וויין און הערענדיג ווי יעדער פון די פאַרזאַמעלטע זידעלט דעם מאַן וואָס זיצט העט־אויבען ביים טיש, האָט ער גע־געבען א קלאַפּ מיט׳ן פויסט ס׳זאָל ווערען שטיל און ער האָט ארייננגעזאָגט די פאָלגענדע רעדע:

— פריינדע! — האָט ער געזאָגט — איך בין א פרעמדער מענש פון גאס. איך קאָן נישט קיינעם פון אייך און וויים נישט ווער איהר זענט, נאָר הערענדיג די גע־שרייען אין דרויסען, בין איך ארויפגעקומען. און איך וויל זאָגען—נישט קאָנענדיג קיינעם פון אייך—אז דער מאַן וואָס זיצט העט־אויבען (דאָ האָט ער אָנגעוויזען אויף דעם בעל־הבאנקעט) איז מסתמא א שטיק ניקס, אַן אויס־וואורף, א פּאַסקודניאק און קאָן נישט אָנשרייבען קיין צוויי שורות. לחיים!

— לחיים! לחיים! האָבען אלע חברים געשריען און געטראָגען דעם פרעמדען אידען אין דער לופטען — הידד!

און אלע זענען געווען העכסט פרעהליך. א חוץ דער באַ־

ריחמטער דיכטער מיט די קאָמפּליצירטע קראַנקהייטען און מעכטיגען טאַלאַנט.

* * *

מ אָ ר א ל: ווי נאַריש און קלוג און אידיאָטיש און טיעפזיניג די מענשען זענען.

# געגעסען אין סוכה

אמאל איז געווען א מענש האט ער געהייסען לעמיל־בעריש, איז ער געווען זעהר א מאדנער לעמילבעריש — צווישען אלע לעמילבערישעס דער לעמילבעריש־סטער, אזוי צו זאגען.

און אן עקשן.

׳צאך אמאל איינגעשפארט, אז ער מוז זיך שמד׳ען און ווערען א גוי מיט א פעלצעל. האט זיין מאמע — אונז צו לאנגע יאהר — זעהר געוויינט און געבראכען די הענט, און געבעטען:

— לעמילבערישעל, קעצעלע־פייגעלע־בערעלע־קרוי־נעלע מיינס, — שמד זיך נישט! טו צוליעב אן אלטער מאמען.

און דער פאטער זיינער האט צוגעגעבען:

— זיי א מענש, לעמילבעריש, וועסטו עסען אין סוכה.

— דו נארסט נישט אפ טאטע? האט געפרעגט לעמילבעריש, מיט א פינגער אויפ׳ן טאטען, ביזט זיכער אז איכ׳ל עסען אין סוכה?

— זיכער.

— ווער זאל אזוי לעבען, טאטע?

— איך זאל אזוי לעבען, לעמילבעריש!

— גוט! — האט געזאגט לעמילבע. — וועל איך זיך נישט שמד׳ען אויף א גוי מיט א פעלציל און בלייבען אן עוויגער יודע, ביז אין טויט אריין.

שפעטער אז לעמילבעריש איז אונטערגעוואקסען און געווארען א... גנב, האט דער שניידקעשענע־שותף צו איהם געזאגט:

— לעמילבעני (ער האט שוין געהייסען לעמילבעני), לעמילבעני, אויב דו וועסט אי"ה אריוסגנב'ענען ביי ראַקענפעלערן ס'ווייסעל פון אויג וועסטו זיין א מענש און עסען אין סוכה.

— דיינע ווערטער גיבען מיר איין מוט — האט געזאגט לעמילבעני און איז אוועק גנב'ענען.

שפעטער מיט צוואנציג־דרייסיג־פערציג יאהר איז איז אונזער לעמילבעני'ן אויסגעקומען א טאג פאר סוכות צו דער'הרג'ענען צוויי אידען האט ער זיך א ביסעל געקווייקעלט, אבער זיין שותף האט איהם ווידער אונטערגעגעבען מוט מיט דעם צוזאג, אז אויב ער וועט דער'הרג'ענען די צוויי געוויסע אידען וועט ער זיין א מענש און — וועט עסען אין סוכה.

אזוי זענען געגאנגען די יאהרען.

נישט געשטאנען אויף קיין ארט.

די סוכות'ן זיינען געקומען און — פארשוואונדען געווארען — און — ווידערגעקומען.

אונזער לעמילבעריש איז געווארען אלט און אפגעשוואכט, הן פון זיצען אין געפענקעניש און הן פון לעבען 24 שעה אין מעת לעת אהן אויפהער, אבער אין סוכה האט ער נאך אלץ נישט געגעסען, מחמת ס'איז איהם נישט אויסגעקומען. האט ער געזאגט צו זיך זעלבסט: לעמילבעני, דיין שטונדע האט געשלאגען. ביזט אלט און שוואך און האסט נאך גארנישט גענאסען פון דער סוכה. זיי א מענש האט ער פארענדיגט זיין זעלבסטרעדע מיט די נאקעטע ציין — זיי א מענש און גאה עסען אין סוכה.

---

שפעטער מיט א וואך טרעפען מיר שוין אונזער העלד אין גן־עדן (רעכטס) און אויף אונזער פראגע: ווי קומסט

ער אהער? ענטפערט ער אונז מיט א שטארקען הוסט: ס'האָט זיך מיר פארגלוסט א סוכה  האָט זיך מיר פאר־גלוסט! — האָב איך זיך צוגעקיהלט און געגאנגען פון דער וועלט. קבע!

* * *

מ אָ ר א ל: מצוות — פונקט ווי עבירות — זענען אָפט זעהר שעדליך פאר'ן געזונט.

# אילוסטרירטע ליעבע

**ער איז געווען — אָדער א בחור, אָדער א פארהייראטער מאן.**

זי איז געווען אָדער א מיידעל, אָדער — ס'געגענטייל.

פ ר א ג ע: האָבען זיי זיך מסתמא, ווי דער שטייגער איז, געליעבט?

ע נ ט פ ע ר: ריכטיג געטראָפען!

צוריקפראגע: אויב אזוי, טו וואָס איז דאָ דער חידוש? עס איז דאָך גאנץ נאטירליך?!

צוריקענטפער: געדולד, מיינע הערען! געדולד. די געשיכטע הויבט זיך ערשט אָן צו ענטוויקלען. עס וועט זיין א וואונדערבארע געשיכטע — — —

הקיצור, פליעז, וואו האלטען מיר? מיר האָבען זיך פארטראכט און דערוייל פארגעסען וואו מיר האלטען, אהא! מיר האָבען זיך שוין דערמאָנט: מיר זענען געבליבען שטעהן דערביי, ווי זיי האָבען זיך ליעב געהאט! אָסור זאָל אונז זיין, אויב מיר האָבען אפילו א קוק געטון אויף דעם וואָס מיר האָבען פריהער אָנגעשריבען! מיר געדענקען עס אויף אויסענווענינ. מיר האָבען א וואונדערבארען כח הזכרון, האָבען מיר! אָפטמאָל ווייסען מיר אליין נישט, פון וואנעט עס נעמט זיך צו אונז אזא אייזערנער זכרון.

הקיצור צום צווייטען מאָל: זיי האָבען זיך געליעבט.

היים געליעבט? יאָ. וואו? אין פראָנט רום. וויפיעל? אכצעהן דאָלאר א חודש, מיט עלעקטרי. בילינ? יאָ. גישט זעהר טייער.

ווי אזוי איז צוגעגאנגען די ליעבע? פליעז, ערקלערט דייטליך מיט אן אילוסטראציע. אָללרייט. מיר'ן ער־קלערען דייטליך מיט אן אילוסטראציע.

אין דער ערשטער צייט פון זייער ליעבע פלעגען די צוויי יונגע מענשען זיך טרעפען ביי איהרע עלטערען אין הויז און זיצען אויף דער זאָפא פון זייער פראָנט רום, וועלכע איז געווען זעהר א גראמע זאָפא. רעדען וועג־נען די געבראָטענע טויבען — פאָסטען, פון זייער שוין אביסעל־צו־נאָהענטער צוקונפט, און דאן פלעגט אויס־קומען אז זי פלעגט זיצען דאָ, און ער — — דאָרט.

שפעטער מיט א שטיקעל צייט, פלעגען זיי שוין נישט רעדען פון די געבראָטענע טויבען — פאָסטען פון זייער פארהייראטען לעבען, נאָר פון פ א נ י ט ש ע, פלע־גען טרוימען אויף א שלעכטשען אידיש, וועגען א בעט פון אמת'ן קארשען־האָלץ, און א דעמבענעם בופעט און זיצען פלעגען זיי זיצען טאקע אויף דער זעלבער זאָפא, נאָר זי פלעגט שוין נישט זיצען דאָ, און ער — — — — דאָרט, ווי אין דער אילוסטראציע נומער איינס, אָנשטאט דעם פלעגט ער זיצען דאָ־און־זי־דאָרט.

אין א פאָר חדשים ארום האָט זייער ליעבע געביטען די פאָזיציע. און אָנשטאט ווי פריהער, פער אילוסטרא־ציע נומער צוויי, וועלכע איז שוין גענוג נאָהענט צו דער־וויטערען אפילו די יונגסטע און נאָהענטסטע צוויי מענ־שען, זענען זיי שוין איצט געזעסען אָט־אזוי אָ — ער־דאָ און־זי־אויך־דאָ.

דער סוף פון דער געשיכטע איז געווען אז פון צו־פיעל ליעבע האָבען זיי חתונה געהאט און איצט זיצען

זיי שוין ביים טיש אָט אזוי אָ: ער דאָ — — — — —
און זי — — — — — — — — — — — — — דאָרט.

* * *

מאָראל: קאָנען מיר, הייסט עס, מאכען אילוס־טראציעס אויך. ווער וואָלט זיך עס געוועז געריכט אויף אונז, צוריק מיט דריי יאָהר, הא?

## די שענסטע רויז

אין מיין גאָרטען איז זי געוואקסען די מעלאנכאָלישע, זילבער־מאטע רויז.

פון אלע רויזען די צארטסטע און איידעלסטע.

און איהר שטאָלצער, זוויבער־בלאסער קערפער, האָט זיך קאָפּ־הויך איבער די אנדערע רויזען געשטרעקט.

און זיי פארשעמט.

און נידעריג געמאכט.

און אלע אין דער פריה פלעגען די קליינע רויזען וויינען:

— אונזער שוועסטער פארשעמט אונז.

— צוליעב איהר זעהט מען אונז נישט ארוים.

— באוואונדערט מען נישט אונזער פיינעם רופט, און אונזער שעהנע פארב.

האָב איך די טרערען פון די קלענערע רויזען נישט געקאָנט פארנעמען.

האָב איך די שענסטע פון אלע רויזען פון איהר מוטער־צווייג אראָפּגעפּליקט און אויפ׳ן פעלד פארוואָרפען.

דאָרט דערצעהלט זי, אין די לבנה־נעכט, איהרע חבר׳טעס, די קליינע פעלד־בלומען, די לעגענדע פון שעהנקייט —

און פון פארדארבען.

און די קליינע פעלד־בלומען שאָקלען קלוג מיט די געלי׳ קעפּלעך און זיפצען.

## א לעגענדע

האָב אמאָל געלייענט וועגן דעם א ליעד ערגיץ אין א נארישער צייטונג.

איבריגענס זענען אלע צייטונגען נאריש.

א חוץ די פאַראַיאָהריגע.

און אינטערעסאנטע באמערקונג.

גלייך צום אינהאלט, נאָר נישט אומגעדולדיג ווערען, מיינע פריינט.

איך האָב מיט אייך אויך געדולד!

איצט: אמאָל איז געווען א פרינצעסין, יונג, שעהן, צארט און הייליג — ווי געוועהנליך.

האָבען אלע איהר כבוד אָפּגעגעבען. גערופען זי „מלאך“, „הייליג“, „בלאָנדע געטין“ און אזוי ווייטער.

נאָר אמאָל זענען עטליכע זקנים פארבייגעגאנגען אן אָרט — מסתמא א טייך — וואו די פרינצעסין האָט זיך געבאָדען, און זיי האָבען איהר נאקעט לייב דערזעהן.

און זענען העכסט ערשטוינט געוואָרען!

וואו איז זי דען א מלאך? און אויב יאָ — איז זי פיעל מלאך׳דיגער, פיעל — ווי זאָלען זיי זאָגען? — פיעל געשעצטער ווי וועלכער־עס־איז ענגעל. פיעל אינטערעסאנטער... פיעל... פיעל...

און די זקנים האָבען די אויגען נישט געקענט אָפּרייסען.

אזוי דערצעהל איך מיר א לעגענדע.

# די זעגעל שיף

זעהט איהר:
די ווייסע זעגעל־פליגעל האבען וואלקענס אויף זייערע ברעגען — ציהען זיי לייכט און רוהיג אין דער בלאה־גראהער ווייטקייט אריין.

ליעבע שיף, וואוהין בלאנזשעסטו אוועק?

דו וועסט מיך, שיף, נישט אפנארען! איך וויים, ביי דיר אין דיין אינגעווייד זענען די גליקליכע צוויי מענשען־קינדער פאראנען.

ער איז יונג, שטארק און פול מיט פייערדיגען בלוט.
זי איז צארט און בלאס און געאיידעלט און מוז איהר לע־בען ביי זיינע גליהענדיגע אויגען ווארימען.

אויפ'ן דעק זעה איך זייביידען: דאס קראנקע פרינ־צעסין־מיידעל און דעם איבער־שטארקען בחור, וואס גיסט דורך זיינע אויגען גאנצע שטראמען לעבען אריבער.

און א חוץ דעם ווילדען ים זעהט קיינער זייער גליק נים צו.

סיידען אמאל א נייגעריגער בלאסער שטערען־שטראהל, וואס קלאמערט אין א מיידעל־טרער זיך איין.
און ס'בליצט דימענט אויף דימענט.

אבער די אלטע, ערנסטע לבנה, — זי גיט זיך מיט אזעלכע קלייניגקייטען נישט אפ.

ליעבע טייערע שיף, שטעל זיך אפ. איך וויל מיט דיר מיטבלאנזשען און מיט יענע צוויי גליקליכע אונטערגעהן.

# צו די שדים

איך לאַד אייך, ליעבע שדים, צו קומען צו מיר.

מיינע טירען און פענסטער זענען פאַר אייך שטענדיג צוגעמאַכט.

קומט אריין דורך די שפּאַרעס.

וועט איהר זיך פיהלען היימישער.

קומט צו מיר, איהר שדים, און באַלעבט מיך מיט א פּאַרציע פון אייערע שוידערהאַפטע גרוילטאַטען.

אפשר קענט איהר אַרויסרופען ביי מיר אַן אינטע־רעסאַנטען שוידער, א פאַרגעניגענדען ציטער איבער מיין חוט־השדרה.

איך וועל אייך דערפאַר פאַרקויפען מיין נשמה און צוגעבען מיין שלאָף־יאַרמולקע.

איהר מעגט דאָך זעהן, אז איך האָב א פּליך.

פאַר אייך וועל איך זיך ווייזען אין מיין גאַנצער פּליכעוואַטער איינפאַכקייט.

און די שדים׳טעס דאַרפען זיך פאַר מיר אויך נישט שעמען.

זאָלען זיי זיך ווייזען אזוי נאַטירליך ווי מעגליך.

איך וועל דאָס שדים׳שע אין זיי דערקענען אפילו ווען זיי זענען מוטער־נאַקעט.

איך האָב דאָס געלערנט פון ערפאַהרונג און באַצאָהלט א פּרייז.

ליעבע שדים, קומט צו מיר און אונטערהאַלט מיך.

## פארגעסענהייט

קראנקע, עלטער־שוואכע געדאנקען, פארלאזט מיין הארץ און לאזט מיך פריי ווערען.

ווי רעטונגס־שיפלעך אין א שטורם־געפעהרליכען האפען האב איך אייך צונויפגעזאמעלט, אייך מיט קייטען צום ברעג צוגעשמידט און פאר נויט זיך באווארענט.

איצט זענט איהר מיר צופיעל געווארען, און אזוי געדיכט איז דער האפען מיט רעטונגס־שיפלעך בארעקט, אז אין נויט־צייט וועל איך זיי פון ברעג ריהרען נישט קענען.

און הער איך אייערע קייטען קלינגען, איהר נעשמידטע געדאנקען־זקנים פיהל איך א רחמנות צו אייך, אבער אפבינדען קען איך אייך נישט. איך קען אייך נישט באפרייען.

און איצט ווייס איך נישט מעהר: זענט איהר נעפאנגען ביי מיר, אדער איך ביי אייך?..

---

זשעסט: גרויסער, אלמעכטיגער גאט! איך פאדער פון דיר זאלסט מיך לאזען פארגעסען, אדער — שטארבען.

# די לבנה

דו, לבנה!

אין אלטע דאך־שפאלטען קריכסטו, אין פענסטער פון שאנד־הייזער און אויך, להבדיל, אין שוהל־ריינינ־קייטען. אין אלעם און אין אלעמען זעטיגסטו דיין בלאסען נייגיער.

דו פארפאלגסט דעם מערדער, בעת ער גראבט זיין מעסער אין א מענשען־הארץ אריין, און דערקוטשעסט די פארליעבטע, וואס טוליען זיך איינס צו ס'אנדערע פארשעהמטערהייד.

דו ביזט אזוי שרעקליך צודרינגליך, אלטע לבנה!
גליטשסט זיך אויף די קאלטע געוועהר־שפיצען פון גוסס'ע זעלנער און לויערסט אין די קאץ־אויגען פון פאלשע, אויסגעלאסענע פרויען.

און ווער קען דיך פארטרייבען?

אויף אלטע, פארשטויבטע טראָהן־בענקלעך שפרייט־סטו דיינע שפין־נעצען אויס און אין די דאך־שטיבלעך פון אָרימע גנבים ביזטו פאראן.

דו וואכסט און זעהסט אזוי פיעל!

האָסט דאָס געזיכט פון א נביא און ביזט אין גרונד בלויז א נאריש ווייב, וואָס האָט ליעב דורך דאך־שפאלטען אונטערקוקען.

און אפילו אויף דעם פּאַפּיער, אויף וועלכען אָט דער
שילט־שפּרוך ווערט דיר אויפגעשריבען, לויערסטו
אַרויף און לאַכסט מיט דיין קאַלט און בלאַס געלעכטער.
דו, אַלט־ווייבערישע לבנה — דו, נייגעריגע אַלטע
אונשולדיגע מויד, וואָס נעמט קיין אנטייל נישט!..

# מיין אויג.

ווי אין אן אפענעם לייבען־מויל ווארף איך מיין אויג
אלצדינג אריין.
אי בויגיגע יונגפרוי־געשטאלטען.
אי אוראלטע קעניג קברים.
אי מערש, אי טענץ פון אידישען טעאטער.
אי זונאונטערגענג פון עגיפטען.
אי ליניען פון קופער־רויטע בערג.
אי שרפות מורא׳דיגע,
אי ים־ווועלען וואס קיצלען דעם הימעל הינטער די
ריפען.
גערטנער טויזענדע ווארף איך צו מיר אין אויג אריין.
וועלט אונטערגענג און פאראדען! לויות און וואסער־
פאלען!
די שווייץ, איטאליען און באלטימאר,
דעם רוסישען באלעט און אן איבערגעפאחרטען
קינד.
הימלען און רעגענשירעמס.
שטערען און שיכבענדלעך.
פליי און עלעפאנטען.
אָ אויג, מיין אויג! דו אונערזעטליך אויג!
דו אליץ־פארשלינגענד אויג!

# מײַן נײַער אנצוג

איך קויף מיר אַ נײַעם אנצוג, פּוץ זיך אויס, רײַניג אויס די נעגעל, שמיר אָן די האָר מיט פּעטס זיי זאָלען גלאַנצען, נעם דעם שפּאַציר־שטעקען אין האַנט און פאַרלאָז מײַן פאַרהייראַטע פּרוי.

זוך אויס אינ׳ם נאָטיץ־ביכעל די אדרעסען פון אמאָ־ליגע געליבטע און געה.

פרעג זיך אָן ביי שכנים, קלעטער אויפ׳ן פּערטען, פינפטען שטאָק און בין ענטוישט.

ארויסגעצויגען.

חתונה געהאַט.

במעט אַלע פון מײַנע געליעבטע זײַנען מעהר־וועניגער פאַרהייראַט און יעדע פון זיי האָט אַ מאַן וואָס קאָן דערלאַנגען אזא ראָמאַנטישען יונגערמאַן, ווי איך, פּײַנע, געזונטע פּעטש און —

מיר אויסשמירען מײַן נײַעם אנצוג.

מײַן זומערדיגען.

דרעה איך מיך ארום איבער די גאַסען אָן אויסגע־פּוצטער מיט דעם געפלעקטען שפּאַציר־שטעקען אין האַנט און — לאַנגווייל זיך.

קעהר זיך אום אַ היים, ווארף אראָפּ פון זיך דעם נײַעם אנצוג, דערלאַנג דער קאַץ איבער׳ן קאָפּ מיט׳ן שטעקען און בייזער זיך אויף מײַן געזעצליכער פּרוי.

און קאָן זיך נישט באַרוהיגען.

# פישפאנג און ליבעליי

שרייבט מיר א חבר:

צווישען אנדערם לאז איך דיר וויסען אז איך בין ביים ברעג ים און כאפ פיש.

עס איז א גרויסער ספארט.

נישט די פיש — נאר דאס כאפען.

קוים פארבלוטיגט א צאפעלדיגער פיש אויף מיין אנגעל,ווארף איך איהם צוריק אין וואסער אריין.

דען בלויז אין פאנגען ליגט דאס גליק.

שרייב איך צו מיין חבר:

ליעבער חבר! דיין פיש־פאנג דערמאנט מיך אן מיינע יונגע ליעבעס.

ווי אפט בין איך געזעסען גאנצע טעג אין וואלד און געווארט אויף א פאנג.

איך האב נישט גענוצט קיין האנד־נעץ און קיין אנגעל.

איך האב גענוצט שעהנע, געשליפענע ווערטער.

ווי פעריל.

און גאלד.

און בלומען האב איך אין האנט געהאלטען.

און אזוי איידעל געזיפצט.

און האב איך דאס נארישע הארץ געפאנגען און צעבלוטיגט, האב איך עס צוריק אין וואסער געשליידערט.

ד ע ן  ב ל ו י ז  א י ן  פ א נ ג ע ן  ל י ג ט  ד א ס  ג ל י ק.

אדיע!

# עלעגיע

אן עלענד בלעטעל פלאטערט אויפ'ן בוים.
הערבסט.
קראָהען דרעהען זיך ארום אין דער הויך און קראקען
דיר אזא אומענדליכע שווערקייט אין הארצען אריין.
און די זון געהט אויף,
געהט אונטער —
געהט ווידער אויף.
אזוי לאנגווייליג.
אז דו ביזט טרויעריג,
ווי נאָך א רייכען איבערזאטען מאָלצייט.
אָדער האָבענדיג איבערגעלעזען א בוך פון איינעם,
וואָס איז אונענדליך גרעסער פון דיר
און טאלאנטפולער.
און נאָך טרויעריגער איז עס וואָס —
איך בין אליין דער הערבסט.
דאָס עלענדע בלעטעל.
די שווארצע קראָה.
די מיעדע זון, וואָס געהט אויף און געהט אונטער
און געהט ווידער אויף אָהן א זין און ציעל.
איך בין אליין דער זאטער מאָלצייט.
דאָס פיינע בוך.
דער טאלאנטפולער קינסטלער.

— — —

קעלנער, צו גלעזלעך טיי פאר אלעמען. מיט לימענע!

# אין מוזעאום

נעהט אין מוזעאום און באטראכט די שעהנע בילדער.
לויפט נישט. געהט לאנגזאם.
נעהט לאנגזאם און באטראכט די פיעלע פרויען־גע־שטאלטען אויפ׳ן לייוועגט.
מאכט געוויסע קונסט־באמערקונגען און האט הנאה פון אייערע קלוגע רייד.
רעדט וועגען אטמאספערע, זשאנר, מיליע און פוטוריזם.
ס׳איז שעהן!
נאר אז איהר ווערט מיעד און איהר זעצט זיך אוועק אויף א באנק אפרוהען גיט א טראכט:
פאר יעדען פרויען־בילד, וואס ערגיץ א לומפ־קערל א מאלער האט געמאלען, איז געשטאנען א מאדעל־מיידעל.
וואס איז דער סוף פון די אלע מאדעל־מיידלעך?
פרעגט ביי די ציניש‏ע קונסט־סטודענטען פון פאריז.
זיי וועלען אייך אנווייזען א מ א ג ד א ל ע נ א וואס שטארבט פון א וועגערישע קראנקהייט.
און א ו ו ע נ ו ס וואס גערט ארום איבער די הייזער וואשען וועש.
און א ד י א נ א וואס פארקויפט זי צו שכורים פאר א פראנק.
גיט זיך די מיה, ליעבע צושויער, און טראכט וועגען זיי!

## סענטימענטאַל

אביסעל ליריק.

מיין שטעדטעל. א לבנה־נאכט.

ס'איז שטיל.

שטיל.

די גוטע לייט שלאָפען און חלומ'ען פון א ברוין שטיק ברויט.

מיט פוטער.

ערגעץ אויסער'ן שטאָדט ארום דעם פארוואָרפענעם בארג פון ווייסען ליים שטעהט דער אלטער ברונען.

דער ברונען־קאסטען איז מיט וואלד־שוואָמען באַוואקסען. דער עמער הענגט אין דער הויך אויף דער פאראָסטעטער קייט און פון איהם טריפען טראָפענס וואסער ארונטער.

קאַפ, קאַפ!

אפשר האָט זיך דעם ברונענ'ס הארץ צעוויינט — צו מיעף האָט מען פון איהם געשעפט?

די קאלטע נאכט־שטערען ארט עס נישט —

ווי ס'ארען זיי נישט די שטילע טראָפענס, וואָס פאלען — אין די פאר'חלומ'טע נעכט — פון מיין אוינ אראָפ.

— — —

אַלטמאדיש, אָבער נישט אַלע קאָנען עס.

## איך בעט דיך —

לאָז מיך שכור זיין, מיין ליעבע פרוי.
דען אומגליקליך בין איך, ווען איך בין ניכטער.
אזוי בייז.
פארביטערט.
רעוואָלוציאָנער.

שלאג די קינדער פון אומצופרידענהייט מיט זיך אליין.

טייטעל אויף דיינע פארנאָלדעטע, קינסטליכע אויבערשטע ציין.

שריי, אז איך וועל אנטלויפען פון דער אומציכטיגער שטוב.

פון די שלעכטע בלינצעס.

שכור וויל איך זיין, מיין ליעבע אומשולדיגע פרוי.

ניכטער מיך נישט אוים מיט'ן וואסער פון ווירקליכקייט.

דען אין וואסער שפיגעלט זיך אָפּ מיין אמת'ע געשטאלט.

מיין ווילדער קאָפּ האָר, די אויסדרוקסלאָזע אויגען, די לאנגע און פארהאָרטע הענט.

לאָז מיך שכור זיין.
אז איך בין שכור, בין איך גוט.

העלף דיר וואשען ס'נעשיר,
גיב די קינדער מטבעות,
רעד מיט'ן שכן וועגען די דארדאנעלען.
רוף דיך: מיין טויב.
לאז מיך שבור זיין, ליעבע פרוי!

# אַ באַרג

בײַ אונז אין שטעדטעל איז פאַראַן אַ באַרג.
איז ביים ליעבען לעזער אין שטעדטעל אויך פאַראַן
אַ בארג?
אויב נישט, דאַרף ער נישט רויט ווערען.
ס'מאַכט נישט אויס.
נישטאָ איז נישטאָ.
נאָר פונדעסטוועגען איז אַ בארג אַ ניצליכע זאַך.
אַ גוטער ברודער — פאַרשטעלט ער.
ווען מען באַדאַרף.
און די גוי'עם אין די פעלצען און די אידען מיט די
נישט פאַרקאַמטע בערד אויף דער זייט באַרג זעהען
נישט, וואָס אויף יענער זייט טוט זיך.
— — —
זי האָט געהייסען: קאַסיאַ.

## אַלעם וואָס ענדיגט זיך.

די ענדע!

פאַרוואָס זאָל זיך אַלעם מוזען ענדיגען — זאָגאר אַן אַמוזירענדע נאַרישקייט?

אויב עס געפינען זיך אין דער נאָכבאַרשאַפט דיפּלאָמירטע הערהען פון דער שווייץ, זאָלען זיי ענטפערען!

פאַרוואָס זאָל מען נישט קאָנען אָנגעהן ביז דער ווייטסטער אייביגקייט, און פאַרגעהן ערשט אין לעצטען שטויב?

אומגעפעהר אַזא פראַגע.

פאַרוואָס זאָלען אַלע פאַרגאַנגענע זאַכען זיין שעה־ און אַלע געגענוואַרטיגע באַגעבונגען — מיאוס און קליין?

איז דען די געגענוואַרט פון היינט נישט די פאַרגאַנגענהייט פון מאָרגען?

ווארום זאָל איין זון־אונטערגאַנג זיין אַזא שונא פון אַ נ ד ע ר ע ן?

און ווארום זאָלען בלומען בליהען און וועלקען, און וועלקען און בליהען? — צו וואָס אַזוי פיעל אומנוצליכע אַרבייט פון דער געטליכקייט, ווען עס איז פיעל פּראַקטישער צו מאַכען די וועלט פאַר אַן אייביגען ווייננאַרטען, און אַלע מענשען פאַר נביאים מיט ווייסע בערד? — —

— — — — — — — — — — — — — — —

אויב עס געפינען זיך אין דער נאָכבאַרשאַפט דיפּלאָמירטע הערהען פון דער שווייץ, זאָלען זיי ענטפערען, אַז נישט פאָהר איך אַוועק אויף עטליכע טעג!

## די סטראשידלע

אין א גרויסען, משופע'דיגען ווייצען־פעלד האב איך זי געזעהן — די אויסגעשטאפּטע פיגור, מיט א מאנס־בילש רעקעל, א הוט און א פּאר הויזען.

ווייט, אין מיטען פעלד, איז די סטראשידלע געשטא־נען מיט צעשפּרייטע העמד ארבעל, פון וועלכע עס האַ־בען זיך אן א פאר ווייסע מאנזשעטען ארויסגעזעהן און געדארפט אפּשרעקען די יונגע, חוצפּה'דיגע פויגעל וואָס קומען די קערנער פון די זאנגען ארויס'גנב'ענען.

און איך האָב געזעהן:

אויף דעם טוכענעם הוט פון דעם כלומרשט'דיגען פעלד־פריץ מיט מאנזשעטען זענען א טשאַטע נישט־צע־שראָקענע יונגע פויגעל געשטאנען, און יעדע פּאטשערקע־אויג פון די פארשייטע פייגעל האָט הויך געזאָגט:

— ווער שרעקט זיך פאר דיר, דו נארישער פּריץ מיט די מאנזשעטען?...

# דער רעגן

דער רעגן האָט געזונגען איבער די פעלדער און די גראָזן האָבן אויפגעלעבט.

דער רעגן האָט געזונגען איבער די פעלדער, און די פויגל האָבן פון די נעסטן מיט אומעטיקע, שוואַרצע פּאַטשערקע־אויגן אַרויסגעקוקט און זיך צום הייַ געטוליעט.

דער רעגן האָט געזונגען איבער די פעלדער, און די בערג זענען גרינער און ליכטיקער געוואָרן.

דער רעגן האָט געזונגען איבער די פעלדער, און אַ וואַנדערער, וואָס איז אונטערוועגס מיט נאַסע פיס געגאַנגען, האָט דעם זינגענדיקן רעגן געשאָלטן, און די בערג און די פויגל און די פעלדער.

דען דער מענטש האָט געהאַט אַ שווערן קאַטאַר און זיינע ביינער זענען געווען אַ וואוין־אָרט פאַר הימלאָזן רוימאַטעם.

און דער מענטש איז ניט געווען איך.
איך היט מיר די פיס.

## ווענען זיך אליין

— איהר רעדט פון זיך אליין.

— איך בין אן אינטערעסאנטער מענש.

— איהר רעדט צופיעל ווענען זיך אליין.

— איך האב פיעל לענדער דורכגערייזט, א סך גע־זעהן. מיינע שטיוועל טראגען אויף זיך דעם שטויב פון פיער וועלט־טיילען.

— איהר רעדט צופיעל ווענען זיך אליין!

— איך האב פיעל ליעבעס געשפיעלט און נישט פארשפיעלט, פיעל ביכער געלעזען און נישט פארשטא־נען, פיעל ווייך געטרונקען און נישט שכור געווארען.

— איהר רעדט צופיעל ווענען זיך.

— אויף מיין הארץ ליעגט די אלטקייט פון א גאנץ פאלק, דער שימעל פון הייסען עגיפטען.

— איהר רעדט צופיעל ווענען זיך.

— דאס האט אלץ געזאגט דער העלד פון מיין ער־צעהלונג!

— אה, דאס איז עפעס אנדערש. א העלד — פאר־שטעה איך...

## אַ שטימונג

בייטאָג טראַכט איך: ווען קומט שוין די נאַכט?
און ביינאַכט טראַכט איך: ווען קומט שוין „זי“?
זי קומט נישט.
אומעטיג.

אין פריהלינג טראַכט איך: אַט באַלד וועט זיין זומער און איך בין אַזוי אונענדליך פאַרהייראַט.

אין פריהלינג טראַכט איך: אַט רוקט זיך אונטער דער ווינטער מיט זיינע שניי־שטורעמס, ווען עס איז אַזוי גוט צו אומאַרמען אַ מיידעל און חלומ'ען פון זומער.

און אין זומער טראַכט איך: אַט באַלד וועט זיין ווינ־טער און עס וועט זיין אַזוי שעהן צו האַלטען אַ מיידעל אויף דיין שויס און טרוימען פון זומער.

און זי קומט נישט.
איז אומעטיג.

און פון גרויס אומעטינקייט ווער איך קלוג און טראַכט:

יענע וואָס איך האָב שטאַרק געגלוסט צו קושען און האַלזען, האָב איך קיינמאָל נישט געקושט, און יענע, וואָס איך האָב אַזוי האַרציג געקושט און געהאַלזט, האָב איך קיינמאָל נישט געגלוסט צו קושען און האַלזען.

און איך ווער מעלאַנכאָליש און ציה אָן דעם וואַנד־זייגער.

ציה איך אָן.

# אַדיעקטיוון

שעהנע קארשען אויפ'ן בוים, ווילט איהר אַפּרייסען זיך פון אייער מוטערצווייג?
שעהנע קארשען שווייגען.
רויטע קארשען אויפ'ן בוים, ווילט איהר אין מיינע אויסגעשפרייטע הענט אריינפאלען?
רויטע קארשען שווייגען.
ליעבע קארשען אויפ'ן בוים, ווילט איהר ווילדע פוינגעל זאָלען אייערע יונגע לייבער אויסשטעכען?
ליעבע קארשען שווייגען.
פיינע קארשען אויפ'ן בוים, ווילט איהר די זון זאָל אייער שמעקענדיג בלוט פון די אָדערען אויסטרינקען?
פיינע קארשען שווייגען.
צייטיגע קארשען אויפ'ן בוים, ווילט איהר דער ווינד זאָל אייך אין א פרעמד לאנד פארווארפען?
צייטיגע קארשען שווייגען.
זאפטיגע קארשען אויפ'ן בוים, ווילט איהר עהר־ליכע ווערים זאָלען אייערע רויטע הערצלעך דורכפרע־סען?
זאפטיגע קארשען ציטערען אויף און פאלען אויף מיינע ליפען ארויף.

## ווי אַלעמאָל — ליעבע

מיין טאָכטער, אויב די ליעבע איז א באזיינגבארע זאך, דאן האָב איך נישט קיין צייט זי צו באזיינגען — איך וועל בעסער די דאָזיגע צייט אויסנוצען אויף צו ליע־בען. און אויב ליעבע איז נישט אזא גרויסע זאך, מיין טאָכטער, צו וואָס זינגען וועגען איהר? סיידען אויף באשטעלונג.

טאָכטער מיינע, געה נישט מיט דיין געליעבטען אין פארק, ווייל דאָרט איז פאראן צו פיעל לופט. און גוטע לופט איז שעדליך פאר דער ליעבע, ווייל זי לייטערט אוים דעם מח און האלט איהם ריין.

געה אויך נישט מיט דיין געליעבטען צום ים, מיין קלוגע טאָכטער.

דען דער ים בייט זיין דרויסענדיגקייט און וויזט זיי־נע קאפריזען. ער שעמט זיך נישט צו זיין זעהר שלע־פעריג, נאָכדעם ווי ער איז ערשט געווען זעהר שטורעמ־דיג. און דו פארלאנגסט אז דיין געליעבטער, זאָל זיין אייביג שטורעמדיג און ווילד.

און אז זיין ליעבע צו דיר זאָל זיין זיין הויפּט־באַ־שעפטיגונג.

און אז ער זאָל אייביג קושען די זאמדיגע ברעגעס פון דיין טרוקענער רוהיגקייט.

מיין טאָכטער, די גאנצע ליטערארישע פּראָפעסיע

לעבט פון ליעבע און פון איהרע פּאָלגען, און דעריבער לעבט זי אזוי לייכט, אזוי חן'עוודיג.

ליעבע איז א לייכטע און חן'עוודיגע אינדוסטריע, מיין טאָכטער, און זי דערהאלט א סך מענשען ביים לעבען.

מיין טאָכטער, איך און דיין מוטער זענען איין מענש און איך בין דער איינער.

אזוי האָט געזאָגט משה נאדיר און איז אנשלאָפען געוואָרען איבער דעם מאנוסקריפּט.

## נאָכאַמאָל — ליעבע

אומפארשעמט בין איך און אויף אייערע נערוועז שפיעל איך — פער שטונדע.

„דער שטויב פון דער וועלט איז אויף מיר געפאַלען", דאריבער טראָג איך אין מיין יונגען הארץ משותלח־אלטע נארישקייטען.

איך וויל אייך אלעמען, אָהן אויסנאם, דערצעהלען פון מיין געליעבטער מיט דעם שווארצען צאָפּ.

אונטער'ן מאסט־בוים פון א שיף, באלויכטענ פון עטליכע הענג־לאמטערנעס, וואָס ציטערען העט אויבען ווי אויסגעריסענע אויגען פון א מענש, האָט זי מיך בייז געקושט און געזאָגט:

— ווערט איהר שוין, אלזאָ, א טעמא האָבען פאר א ליעד?

— דו שעהן, נאריש מיידעל — האָב איך געזאָגט, און געקוקט צו די פארביגע הענג־לאמטערנעס — זיי ווייסען. אַז איך קוש נישט קיין מיידלעך כדי צו קענען זינגען, נאָר איך זינג כדי צו געפעלען ווערען מיידלעך און זיי קושען.

און ביי די דאָזיגע ווערטער האָב איך זי צו זיך פעסט־פעסט צוגעדריקט און איהר — א ליעד פאַרגעלעזען.

— — —

אומפארשעמט בין איך און אויף אייערע נערוועז שפיעל איך — פער שטונדע.

# מיין ווינטער־חלום

א ווייטע שניי־מדבר.
די נארישע ווייסקייט בלענט די אויגען.
און די אונענדליכקייט שרעקט.
פילט דעם מח מיט קאַלטע מחשבות אָן.
אזוינע משוגע־ניכטערע.
אהין וועל איך אוועקגעהן און מיטנעמען:
ס'גאָלד פון אייערע אויגען.
דאָס זילבער פון אייערע געלעכטערס.
די דימענט־שטיינדלעך פון אייערע טרערען.
די פערלען פון אייערע ליעבעס.
און ערגיץ־וואו, אין דעם טויזענד־מאָל־פארפרוירענעם ים־מדבר, וועל איך, מיט מיין אייזערנעם קנאפעל, אן עפנונג אויסהאַקען.
און דאָס אלעס אריינוואַרפען — אינאיינעם מיט מיין הארץ.
און אריינשפייען.

— — —

אַט אזוי גיב איך זיך א שרייב — כלומרשט אויפגערעגט און שרעקליך פארביטערט.

## די פינפטע עוועניו

ביים טיי־טיש איז אידיש א פאסענדע שפראך. אויך ביי קאווע און פוטערקוכען. אבער ביי ווייך מוז מען פראנ־צויזיש רעדען.

און לירישע אינספיראציאן קומט נישט פון די אר־בייטענדע מאסען, נאר פון די שעהנע דאמען פון דער פינפטער עוועניו.

אט אזוי רייס איך ארונטער דעם אידישען פראלע־טאריאט, ווייוואויל איך מאך פון איהם א לעבען.

זאלען אלע ארבייטענדע נאראנים וויסען, אז איך בעדויער זיי ווען איך האב צייט, אבער ליעב האב איך די זאטע און די רייכע.

דען בלויז א זאטער קען אפשאצען די שעהנקייט פון הונגער. און בלויז די פינפטע־עוועניו קורטיזאנקע קאן אפוועגען די באנאלע שניידערין־אומשולד.

דאס אפענע, נישט־שעהנע, אפגעדעקטע לעבען פון זומער איז פרעמד דער פינפטער עוועניו.

זי שטעלט איהר צייטיגע ברוסט נישט ארוים פאר דעם הונגעריגען קינד נ י י ג י ר ד ע, און דעקט אויך איהר אומשולד אין שמאטעס נישט איין.

ביים טיי־טיש און ביים הערינג־טעלער איז אידיש א וואוילע שפראך, אבער אויף עלעגאנטע איינפאלען איז נויטיג פראנצויזיש.

כדי דער איינפאכער לעזער זאל נישט פארשטעהן, און דער אינטעליגענט זאל הנאה האבען.

## אַ ג ע נ י ץ —

ערגיץ אין א גאַליציש דאָרף.

פון ווייטע פאָהרען בין איך מיעד, צעבראָכען.

פאָהרט ס׳גוי׳עשע פוהרעל צו אן אכסניא צו.

קאפּעט א קליין, מיעד רענענדיל.

שלאָגען — דורך די לאָנקעס — נראָהע, שלעפּעריגע וואסערלעך.

פּאשען זיך עטליכע שפּיציג־ביינערדיגע קיה, מיט הונגעריגע קוה־אויגען.

ביי א מיסט־בארג בלייבען מיר שטעהן: וואָ־אָ! די אכסניא.

פערעלדיג־גראָה איז דער דרויסען. דאָס דאָרף שלאָפט נאָך.

לינקס — איז אן אויסגעבוינען קלויסטער אויף א בארג.

פאלען די ערשטע גלאָקען־קלאנגען ארונטער.

אזוי מעלאנכאָליש!

איך וויל ארייננעהן אין דער אכסניא און קען נישט — דער געשטאנק לאָזט נישט.

איך געה צוריק ארוים אין דער נאסקייט.

אין מיין לאנגען, שווארצען מאנטעל, ראזירטע וואָנ־צען, זעה איך אוים ווי א גלח.

לינקס — א קליינער סאָד. געהט דאָרט, צווישען די עפּעל־ביימלעך, א שאָטען־שטילער, טויט־בלייכער

יונגערמאַן אַרום, אין אַ שאָל איינגעוויקעלט, און — שפּייט איבער'ן פּלויט גרויסע שטיקער בלוט אַריבער.

און הוסט — מיט אַ שרעקליכען כריפּ.

קרעהט ערגיץ אַ האָהן און עס סקריפּעט אַ קייט פון אַ ברונען.

דער רעגען קאַפּעט, קאַפּעט, נעצט מיין לייב דורך.

הערט, יונגערמאַן, איהר זענט ערנסט קראַנק. טוט איהר עפּעס דערצו?

— יאָ. איך פאָהר אַלע צוואי וואָכען צום רבי'ן.

עס קרעהט דער האָהן. מיר פאָהרען אַ ליימיג בערגיל אַרויף און לאָזען דעם טויט־בלאַסען יונג אין טאָל איבער —

צווישען אזיאַטען.

צווישען לאַנדסלייט.

## וועגן היסטאָריע

מיין טאָכטער, היסטאָריע איז אַ גרויסע פּאַסקודסטווע און זי איז שולדיג אין אַלע וועלט־אומגליקען.

מיין טאָכטער, די היסטאָריע פאַרשרייבט זיך זעלבסט, ווייל ווען עס זאָל נישט זיין קיין היסטאָריע, וואָלט נישט געווען וואָס צו פאַרשרייבען.

קינד מיינס, דיין קלוגער טאַטע, (32 יאָהר אַלט, פאַרהייראַט,) האָט זיך אריינגעטראַכט אין דער היסטאָריע און ער איז געקומען צום שלום, אַז זי איז דאָס גרעסטע אומגליק.

מיין טאָכטער, די היסטאָריע איז דער זכרון פון דער וועלט, איהר אונשטערבליכקייט. און פאַרוואָס נאָך שטאַרבט דען אַ מענש אַזוי גערן, ווי פאַר אונשטערבליכ־קייט?

„כדי די היסטאָריע זאָל אריינשרייבען" — קוילעט מען אויס אַ האַלבע וועלט. „כדי די היסטאָריע זאָל אריינשרייבען" — לאָזט זיך דער זעלנער אויפזעבלען דאָס האַרץ, אָדער דער קאָפּ. „כדי די היסטאָריע זאָל אריינשרייבען" — שטרעבען מענשען נאָך רייכקייט און נאָך כבוד. „כדי די היסטאָריע זאָל אריינשרייבען" — זיצען טויזענדער געזונטע צוויי־העגטיגע מענשען און שפּיעלען זיך מיט קונסט און ליטעראַטור.

מיין טאָכטער. די וועלט־געשיכטע איז די געשיכטע פון דער וועלט־געשיכטע זעלבסט.

# דאָס מוטערל ערד

נישט מיין טעמא, נאָר עס מאַכט נישט.

אביסעל ערנסט גיט צו קאָלאָריט און גוטער טאָן איז צו האָבען א מיינונג וועגען אונזער אָרדנונג.

האָב איך מיר באַטראַכט די איצטיגע געשעהענישען און אין כעס געוואָרען.

דאָס מוטערל ערד איז מיט בלוט פאַרגאָסען, ווי א צעביילטער חזיר.

צופיעל בלוט זויפט די אַלטע — ווערט פעטער און פעטער.

און עפענט נישט איהר פייערשפייענדיגען מויל און פרעסט נישט אויף דאָס נאַרישע מענשען־געזינדעל.

איהרע שווייגען־קינדער.

קיין ריהר טוט זיך נישט — פון מאָראַלישער ענט־ריסטונג — איהר פעט לייב.

אונבאַוועגליך בלייבט איהר גרויסער, קאָלאָסאַל־אויסגעזינדיגטער קערפּער. זי איז אַלט און שוואַך און וויל פעט ווערען און צוקריגען א גוידער אויף די על־טערע יאָהרען.

נעמט דאָס מוטערל ערד ווארימע בלוט־בעדער, און פעטער און געזונטער ווערט זי פון טאָג צו טאָג.

און טון טוט זי דאָס נישט צוליעב זיך, נאָר צוליעב איהרע קינדער — די מענשען.

זיי זאָלען האָבען א געזונטע מאַמע.

דו שווייניש מוטערל ערד!

דו!

## פרײלײן שװעבעלע

— א בלאָנד קעפּעל א שערגס, אויף א שלאַנקען קערפּער, אָבער — ס׳איז אומעטיג.

שרעקליך אומעטיג!

און אין אײנעם מיט א סך אנדערע שװעסטער ליגט עס בײ זיך אין דער הײם און — ס׳איז אומעטיג.

עס לאַכט נישט.

עס ברענט נישט.

עס װאַרעמט נישט.

אומעטיגע, קאַלטע, בלאָנד־קעפּיגע יונגפרוי!

װי פרום דו ליגסט אויף דײן געלעגער, װי אומשולדיג, װי נישט־געפעהרליך!

נאָר אָט האָט דיך א האַנט אָנגעריהרט, א גלעט געטאָן דעם בלאָנדען קאָפּ דײנעם אויף זײן אַרבעל און — דו שטעהסט שוין ביז איבער׳ן האַרץ אין פײער. און דו פאַרלירסט ס׳שעהנע, בלאָנדע קעפּעל דײנס און דו פאַלסט, פאַלסט, אין דײן אײגען פײער.

און דו געהסט אויס — װי א ליכט.

און דו שטאַרבסט פון בושה דאַפון װאָס דו האָסט דיך געלאָזט אָנצינדען פון א גלעט, דאַפון װאָס דו האָסט זיך דיר געלאָזט פאַרברענען — אָהן א חופּה־רינגעל.

װעה געשריגען!

## צוויי

די שעהנע האָט געזאָגט:

וואָס פאר א פרעכער מענש מיין דאָקטאָר איז! ווי נישט שעהן ער באַנעמט זיך מיט די פרויען!

און זי איז געוועז רויט און פארשעמט, און העכסט פון־זיין־צימער־ארויסגעהענדיג. אין די שעהנע אויגען האָבען ביי איהר געברענט מיט א קליין, חן׳עוודיג, וואלד־שרפה׳לע, פון באַליידיגונג, און איהרע באַקען זע־נען געוועז ווי צוויי רויטע רויזען פון דעם שיר־השירים־גאָרטען ארויס.

און זי האָט באַשלאָסען:

זי וועט מעהר צו דעם דאָקטאָר נישט געהן. ער איז צו פרעך, צו מאנסבילישׁ, צו טעמפעראמענטפול.

די נישט־שעהנע האָט געזאָגט:

וואָס פאר א קאַלטער מענש דער דאָקטאָר איז! ווי אנשטענדיג ער באַנעמט זיך מיט זיינע פרויען!

און זי איז געוועז ציגעל־רויט און פארשעמט. אין איהרע אויגען האָט געברענט א שטיל שרפה׳לע פון באַ־ליידיגטען פרויען־שטאָלץ, און איבער איהרע ברעמען האָבען צוויי יונגע טרערען געוואָלט אראָפּשפּרינגען און באַגעהן זעלבסטמארד.

און זי האָט באַשלאָסען:

זי וועט מעהר צו דעם דאָקטאָר נישט געהן. ער איז צו קאַלט, צו גלייכגילטיג, צו אנשטענדיג.

און דער דאָקטאָר, מיט דער פיינער געשניצטער

שווארצער ד׳אנונציאָ־באָרד, האָט נעביך זיין גאנצע פּראקטיקע פארלוירען.

דער אָרימער דאָקטאָר.

**דער זעהר מענשליכער דאָקטאָר!**

# עלטער און יונגער

זעהט מיין נאָטיצביכעל!

זעהט מיין פּריוואט נאָטיצביכעל.

זעהט די וואונדער פון מיין פּריוואט נאָטיצביכעל! זעהט אזוי פיעל מיידעל־נעמען אָנגעצייכענט אין מיין ביכעל, און וואָס עלטער די שריפט איז, אלץ יונגער איז מיר דער נאָמען.

וואָס אָפּגעמעקטער דער נאָמען אלץ קלאָרער איז ער מיר, אלץ דייטליכער.

ווי וואונדערבאר דאָס איז!

דער פרויען נאָמען וואָס איך האָב איהם ערשט נעכטען אריינגעשריבען אין מיין ביכעל, איז מיר עלטער און אומבאקאָנטער, ווי די נעמען וועלכע איך קאָן שוין קוים איבערליינען.

די אלטע האלב אָפּגעמעקטע נעמען ווי דייטליך איך קאָן זיי פארשטעהן, ווי קלאָר איך קען זיי לייענען — אפילו אהן ברילען.

אָבער די נייערע?

לאנג קוק איך אויף זיי און פארשטעה זיי נישט.

דורך די בעסטע ברילען לייען איך זיי און זיי זענען מיר נישט קלאָר.

איז דען דאָס נישט קיין רעטעניש, מיינע ליעבע־געטרייע?

אלטע, אָפּגעמעקטע מיידעל־נעמען פון מיין נאָטיצ־ביכעל — איהר זענט דער איינציגער, קלאָרער, אנגע־נעהמער, פיינער לעזעשטאָף אויף וועלכען איך פאר־ברענג מיינע לאנגווייליגע טעג.

## מעטאַפּאַרען

דיין זילבערנער גירטעל, געליעבטע, איז די קייט וואָס נעמט אַרום מיין צוקונפטיג לעבען.

דיין גירטעל, געליעבטע, איז די זילבערנע רייף וואָס האַלט צענויף מיין ליידיגען איצט מיט מיין פּרוכטבאַרען שפּעטער.

מיינע הענט האָב איך אַרויסגעשיקט, געליעבטע, און זיי בלאָנזשען אַרום ווי צוויי מיעדע, פאַרשלאָפענע קינדער אַרום דיין זילבערנעם־גירטעל־געגענד.

טרייב נישט אַוועק מיינע אָרימע, פאַרבלאָנזשעטע הענט פון זייער ירושלים, געליעבטע!

פאַרשטויס נישט די צוויי עלענדע וואַנדערער פון דעם פייער וואָס גליהט אין דיינע לענדען, געליעבטע!

עס איז זיי אַזוי אומעטיג די צוויי בלייכע, בלאַסע, בלינדע, בלאָנדע וואַנדערער, וואָס בלאָנזשען אַרום כמעט אויף די שפּיץ פינגער.

האָב רחמנות, געליעבטע!

# איינזאַם

איינזאַם איז די איינזאַמקייט, מיין געליעבטע. אָבער טאָפּעל איינזאַם איז די צווייזאַמקייט.

לאָמיר זיך פאַרצווייזאַמען, געליעבטע, צוליעב די צוקונפטיגע דורות:

נויג־צו דיין ווייס, דורכזיכטיג עלפאַנטביין־אויער מיין געליעבטע און האָרך דעם רוף פון אונזער נאָהענטער נאָך נישט געבוירענער צוקונפט.

לאָמיר קעמפען, געליעבטע, צו מאַכען די צוקונפט פריי און ענטבונדען פאַר דער וועלט.

לאָמיר שטרעבען דאַצו, אַז אונזער צוקונפטיגער דור זאָל נישט בלייבען אין דער פינסטער.

ווארים:

שעהן ביזטו, מיין געליעבטע, בלאָנד ביזטו, יונג ביזטו, און אזוי פול מיט א רייכער, אומרוהיגער, טומעל־דיגער צוקונפט.

און וואָס וועט זיין דער תכלית דאַפון ?

געליעבטע מיינע, לאָמיר מעהר־וועניגער קעמפען דערפאַר, אַז אונזערע קינדער זאָלען קאָנען לעבען אויף דער וועלט.

לאָמיר דעמאָקראַטיש זיין, געליעבטע. און לאָמיר טון אונזער פליכט פאַר אונזער קינדער׳ס פאָטער־און־מוטער.

## פֿאַרזעצונג

צווישען אונזביידען, אַן אויסגעניכטערטער פרעמ־דער טאָג — ווי אַ מאַנסביל אין נאָכלעסיגע אונטער־שטע מלבושים אין אַ מאַנדאַרינען טעמפּעל.

אָדער אין אַ גאַליציש קלויסטער.

נידערטרעכטיג!

מעהר פינסטערניש, געליעבטע, מעהר פינסטערניש!

לאָז מיך נאָך אַמאָל דערזעהן דאָס פינסטערניש פון דער נאַכט און געטרייסט ווערען.

צווישען מיר, דיר, און דער פריינטליכער נאַכט האָט זיך אַ פרעמדער, באַלאַבאַטישער טאָג זיין געצעלט אויפגעשלאָגען, און פאַרניכטערט אַלצדינג, און פאַר־וואָכעדיגט עס.

דער היינט איז אַלט, צעקנייטשט פון דיין מאַסיוו לייב, געליעבטע, און ער דופטעט פון מענשליכקייט, אָבער אונזער לאַנג־פאַרגאַנגענער נעכטען איז פריי ווי אַ הירש, און אַזוי אייביג־יונג, און גליקבערענגענד.

געליעבטע מיינע, דו ביזט דער לעבעדיגער חופּה־רינג וואָס איז אָפּגענוצט געוואָרען פון דער צייט און האָט זיין ווערט פאַרלוירען.

און אוועקוואַרפען דיך, מיין טייערע, איז אַזאַ שאָד, ווייל דו דערמאָנסט מיך אָן איהר, אָן איהר, מיין איבער־אַלעס געליעבטער נאַכט, מיט וועלכער איך האָב מיך פאַרבונדען ביז אין טויט אריין, ביז אין טויט אריין.

# די ווייטע וואַנדיגע שיף

מיין זוהן!

דיין פּאָטער האָט אַ קנייטש געטון דעם שטערן און ער האָט זיך אוועקגע׳חלום׳ט איבער די ווייטע ימים.

מיין קינד! דיין פּאָטער האָט געזעגנט אין אַ ווייסער שיף, מיט רויזרויטע זעגלבוימער, און פאַרפּיר־מירטע ווינטען האָבען אָנגעבויגען די אַקסלען און געשטופּט די שיף איבער די גרינשוימיגע וואַסער־וועגען.

מיין קינד! דיין פּאָטער איז אַזוי אָבגעפאָהרען אין דער חלום־שיף אַ שטיק־וועג. ס׳איז איהם געווען אַזוי גרינג, אַזוי גוט, פּונקט ווי אין זיינע אָדערען וואָלט גערונען די זיסע אייביגקייט און זיין נשמה וואָלט געווען אַ פייערטוויער צום כישוף־לאַנד.

אָבער פּלוצלונג האָט פון׳ם וואַסער אַ שטיק שפּיגעל גלאָז אַרויסגעוואַקסען, ווי אַן אויג פון אַ. ים־שד עטליכע מאַטראָזען זענען ווי קעץ אַרויפגעשפּרונגען אויף מיין שיף און באַפוילען:

— גיט אהער די חלומות אָדער מיר שיסען!

מיין קינד, אַז דיין פּאָטער האָט דערהערט די נעמליכע רייד פון די ים־רויבערס, האָט ער זיך העלדיש דערשראָקען און געזאָגט:

— ברידער, איך קאָן אייך אוועקגעבען וואָס איהר ווילט, — ס׳זייגערל, דעם גאָלדענעם שטעקען, דאָס

ראזיר־מעסער, מיין טאלאנט, אָבער די חלומות קאָן איך נישט אוועקגעבען, ווייל איך פאָהר אויף זיי.

מיין קינד, איך וועל דיר נישט דערצעהלען וואָס די ים־רויבער האָבען מיר געטון. איך וועל דיר נאָר זאָגען, אז ווען איך האָב זיך אויפגעכאפט פון שלאָף האָב איך געהערט ווי ערגעץ וואָיעט וויינענדיג א ווייטע שיף.

## טעג און נעכט

מיין קינד, מאך דיר א רייכען בוקעט פון טעג־און־נעכט.

עס איז רויטער ווי רויזען, זעלטענער ווי לאפיס־לאזולי, פייערדיגער ווי קרעלען, פארביגער ווי מאלאכיט און ריינער ווי אלפענשטיינבלומען.

פליק א שעה צו א שעה, א טאג צו א טאג, א וואך צו א וואך, בינד דאס איין אין חדשים און ווען דער קראנץ האט צוועלף גרויסע פיער־בלעטערדיגע בונטען, — ווארף איהם הינטער דיין פלייצע און פארגעס איהם.

מיין קינד, דיין מעלאנכאלישער פאטער האט געזעהן ווי א יונג מיידעל האט געווארפען רויזען אויפ'ן וואסער דארט וואו איהר געליעבטער איז דערטרונקען געווארען, און דיין פאטער האט געטראכט אז אונזערע בליהענדיגע טעג זענען רויטע רויזען אויפ'ן וואסער, רויטע רויזען אויפ'ן ים.

מיין קינד, די בלומען אליין זענען גארנישט ווערט, זייער שעהנקייט איז פיעל־שטארביג, זייער אטעם איז א נשמה וואס פארגעהט, אבער די ארבייט פון רייסען די בלומען איז זעהר אינטערעסאנט.

דאריבער פליק דיינע בלאהע טעג, מיין קינד, דיינע בלייבע שעה'ן און ווארף זיי אוועק הינטער דיר.

זיי באשעפטיגט, מיין זוהן, זיי באשעפטיגט!

## מיין קינד —

מזן קינד, — פארליעב דיך אין עמיצען. עס מאַכט נישט אוים אין וועמען.

פארליעב דיך, מיין קינד, פון צייט צו צייט, און אויך צווישען דער צייט פון פון־צייט־צו־צייט.

מיין זוהן, עס איז בעסער ליעב צו האָבען דעם פרעמדסטען מענש אין דער וועלט, ווי זיך אליין.

ווייל די ליעבע צו זיך אליין איז א פלאטאָנישע ליעבע, און איך האס די פלאטאָנישע ליעבעס.

מיין קינד, עס איז בעסער ליעב צו האָבען א נישט פארקאמטע נעגערין, ווי ליעב צו האָבען די באריהמטסטע פערזענליכקייט אין דער וועלט, ווען די דאָזיגע פערזענליכקייט איז — דו אליין.

מיט א נעגערין קאנסטו זיצען ערגעץ אין א שפאציר גאָרטען און זיך פארגעסען, אָבער מיט זיך אליין קאָנסטו נישט זיצען און זיך נאריש מאכען.

מיין קינד, דיין פאָטער איז אזוי מיעד פון ליעב האָבען זיך זעלבסט, אז ער האָט זיך אזש פיינט דערפאר און ער טראַכט זעהר ערנסט וועגען גט׳ען־זיך מיט זיך אליין, אָבער ער קאָן עס נישט טון, ווייל ער האָט אויף זיך שטארק רחמנות, און ער ווייסט, אז אָהן זיך אליין, וועט ער נישט קאָנען לעבען.

מיין קינד, זיי וויסען אז די ליעבע איז נישט אויף

צו געדענקען, נאָר אויף צו פארגעסען. פארגעם דיך אין דער ליעבע, מיין קינד, נאָר פארגעם נישט צו צאָהלען אן אנשטענדיגען פּריי דערפאר, ווייל די ליעבע איז היינט זעהר טייער, מיין קינד.

## האָמאָ סאַפּיענס

מיין קינד, דיין פאָטער דער געוואלדיגער קאָפּ־מענש און האָמאָ־סאַפּיענס, זיצט לעבען זיין קליין שרייב טישעל אין אטלאנטיק סיטי, און ווערט געקעמט פון די דינסטע ווינטען און געקושט פון די זוניגסטע ליידיגקייטען וואָס די וועלט פארמאָגט, און ער מיהט זיך אויסצופערלען די שענסטע געדאַנקען, אַרויסצופינקלען די רייכסטע נשמה־צירונג — כאָטש דיין פאָטער ווייסט זעהר גוט, איז די שפּעטערע דורות וועלען האָבען בילכערע זאכען צו טון, ווי זיך צו פארטיעפען אין דיין פאָטער׳ס נארישקייטען, אָדער זיך צו פרעהען מיט זיינע קלוגשאפטען.

מיין קינד, דיין קאָלאָסאלער פאָטער זיצט דאָ און ערגערט זיך ס׳הארץ ארויס, צוליעב דעם וואָס אין ערשטען בוך פון זיינע שריפטען האָבען זיך אריינגעגנב׳עט דרוק־פעהלערען און וואָס די אידישע שפּראַך אין אמעריקא האָט אזוי פיעל אנגליציזמען און דאָס באַדען זיך באַקומט איהם נישט, און די שעהנפרויענריי געהט איהם נישט איין.

מיין קינד, אז דיין פאָטער דערמאָנט זיך אז דעם מענשענס לעבען איז ווי א שטויב וואָס פארגעהט, ווערט ער אומעטיג אָבער באלד דערמאָנט ער זיך, אז ער אליין, מערקט אייך, ער אליין, מיט זיין אייגענעם מעלאנכאָלישען קאָפּ, איז אימשטאַנד צו טראַכטען אזוינע געדאַנקען,

און עס ווערט איהם ווארימער אויף דער נשמה, ליעבלי־
בער, טרייסטפולער.

מיין קינד, דיין פאטער איז שרעקליך פארצווייפעלט, אָבער דאָס ביסעל טעגליכע פארצווייפלונג האלט איהם אויף די פיס, און גיט איהם כח ווייטער צו לעבען און צו ק ע מ פ ע ן, — אָהן א פ, הער שריפטזעצער.

אַט־אזויאַ. דאנקע שעהן!

## שווייג —

מיין זוהן! דיין פאטער איז איצט זעהר אויפגעלעגט צו רעדען, דאריבער שווייגט ער. ווייל רייד זענען בלויז רייד. אבער ס׳שווייגען איז א סך מעהר ווי דאס.

מיין זוהן! צוערשט קומט דאס גערעדטע ווארט, וואס איז כמעט קלאר און דאריבער נישט פארשטענדליך, דערנאך קומט דאס געדרוקטע ווארט, וואס איז א ביסעל טונקעלער פון דעם גערעדטען, און דאריבער א ביסעל פארשטענדליכער, דערנאכדעם קומט די מוזיק וואס איז נאך א ביסעל טונקעלער און דאריבער נאך פארשטענדליכער, און גאר צום לעצט קומט דאס געבענשטע געטליכע שווייגען, וואס איז אזוי קלאר, אז יעדער מענש — אפילו איינער וואס האט א שטום הארץ — קאן עס פארשטעהן.

מיין טאכטער, אויב דו ווילסט דיר איינהאנדלען א חתן — זינג נישט און רעד נישט און זיפץ נישט נאר שווייג איהם אוים מיט די אויגען.

ווייל דער שטארקסטער שטריק, מיין טאכטער, איז דער גאלדענער שטריק, וואס ווערט אויסגעשפינען פון דינעם אויגענגאלד, און די העכסטע תליה ביזטו אליין, מיין שלאנקע טאכטער, — א ברכה אויף דיין שעהנעם קאפ!

# וואַנדערלוסט

ליעב האָב איך צו זיצען אין דער היים און האָב איך זומערצייט א וואך פעריען, ווייס איך ניט וואס צו טון מיט זיך.

אָבער דאָס וואָרט געפעלט מיר: וואנדער־לוסט!

קלינגט שעהן.

וואָס דארף מען מעהר?

זענען דען נישט אלע ווערטער אינהאלטסלאָז און די שפראך א גוט מיטעל צו מאכען זיך אומפארשטענדליך?

דוכט זיך עמיץ האָט עס שוין געזאָגט אמאָל.

וואנדערלוסט — ס'ארא מוזיקאליש, געפלי־געלט וואָרט, וואָס טראָגט מיך אוועק ווייט פון הויז און טאָג־טעגליכע געשעפטען.

בין איך אין דער הויך.

אן אָדלער פיקט עפעס א שרעקליכען רויב פויגעל די אויגען אויס — כ'ווייס נישט פארוואָס.

און דאָך בעסער אזוי.

שעהנער איז שטארבען אין פעלד פון מיעדקייט איידער אין בעט פון פוילקייט.

וואנדערלוסט! וואנדעלוסט!

עמיצער האָט אויסגעשפרייט פליגלען ווייסע און איך פליה ווייט — — —

איך שפיי אראָפ אויפ'ן שפיץ פונ'ם בארג קילי מאנזשאראָ.

## נאָכמאָל — אַ שיף

ווייט אויפ׳ן האָריזאָנט ציהט אַ שיף.

ווי וואָלט איך וועלען וויסען ווער די שיפסלייט זענען!

און צי האָט דער קאַפּיטאַן גאָלדענע פּאַסען אויף די הויזען?

און וואו שטעלט ער זיך אָפּ אז ער וויל זינדיגען?

ניט עס אזעלכע אינזלען?

די שיף זעגעלט און זעגעלט אַלץ ווייטער אויפ׳ן שמאָלסטען פּאַס הימעל. דאָרט וואו דער הימעל פלאַכט זיך אויס און קושט דעם בלאָה־בלאָהען ים.

אויפ׳ן ראַנד פון הימעל זעגעלט די שיף.

ווי פאַלט זי ניט אראָפּ?

בלויז אַ רויך־לענטע, בלאָה און אונענדליך־לאַנג ציהט פון דעם שטומען קוימען־שטעקיל. ווי אַ לאַנגע־לאַנגע פאָהן פלאַטערט די רויך־לענטע אריין אין הימעל און מישט זיך צונויף מיט די וואָלקענס.

און די שיף ווערט אַ שיפעל, און דאָס שיפעל ווערט אַלץ קלענער און קלענער, אָבער דער פּאַס רויך האַלט זי צוגעבונדען צום הימעל.

— — —

ווינשט מיין געליעבטע נאָך אַ ציגאַר, אָדער הוסט זי שוין?

# דער טאָג

לאַנג איז דער טאָג אויסגעצויגען (אזוי ווי איך!) און ער האָט נישט וואָס צו טון (אזוי ווי איך!) דרעהט ער זיך ארום לעבען מיין בעט און געניצט און געניצט (אזוי ווי איך!).

וועק מיך נישט געליעבטע.

דעם טאָג וועט קיינער נישט צו'גנב'ענען, ער וועט זיך ארומבלאָנזשען אזוי לאַנג ביז וואנעט עס וועט איהם מיאוס ווערען, דאן וועט ער אהיים געהן שלאָפען. (אזוי ווי איך!)

און ער וועט זיך שווערען, ביי אלץ וואָס איהם איז הייליג אז מעהר וועט ער נישט ערשיינען אויפ'ן ערד־קוגעל, אָבער ער וועט איבעראנדערשען זיין מיינונג (אזוי ווי איך!) און מאָרגען אין דער פריה וועט דער טאָג ווידער ארויסקריכען א פארשלאָפענער, א צעפּי־בערטער, און ארומגעהן איבער די קאפּעע'ן מאכען אן איינדרוק. (אזוי ווי איך!)

און פארנאכט וועט ער ווידער מיעד ווערען, און דער קאָפּ וועט איהם ברענגען ווי א פייער, און וועט זיך געבען א לאָז אראָפּ הינטער די בערג, א פארצווייפעלטער, א דערשלאָגענער (אזוי ווי איך!).

און ווידער וועט ער זיך שווערען אז אזוי זאָל איהם גאָט העלפען ווי ער וועט מעהר נישט אויפגעהן. און ווידער וועט ער רחמנות האָבען אויף דער נאכט, וועלכע נעכטיגט נעביך נישט אין דער היים (אזוי ווי איך!) און

ווידער וועט ער זיך ארומשלעפּען איבער רויזענגערטנער
און הערינגשטיבלעך און מיסטבערג, (אזוי ווי איך!)
און ווידער וועט ער געהן שלאָפען — א מיעדער, א
צעבראָכענער, א פארבענקטער (אזוי ווי איך!)

דער טאָג, דער טאָג! ברענג איהם אריין אין שטוב
אריין, געליעבטע! נעם אָן פולע אויגען מיט טאָג און
צעגיס עס אויף מיר אזוי ווי א שווארצען רעגען.

נעם אן א פול הארץ מיט זון, און ברענג עס מיר אין
שטוב אריין. וואָרים איך בין נישט קיין אנטקעגענטאנ־
צער פונ'ם טאָג.

איך בין נישט דער שמש פונ'ם הייליגען פריהמאָרגען,
און נישט דער דיאקאָן פון דעם בלאָהבלייכען, פארפרומ־
טען פארנאכט.

דער טאָג, דער טאָג! טאָג־טעגליך איז טאָג, און
טאָג און טאָג.

ווי דערעסען עס איז מיר שוין!

געליעבטע מיינע, געה ארוים און זאָג דער גאָטהייט
דיינער אז איך בין איהר מוחל דעם טאָג מיט דער נאכט
מיט אלצדינג, איך וועל מיך שוין באגעהן אָהן טעג און
אָהן נעכט.

לאָז זי נישט מיינען, אז זי טוט מיר א טובה, די
גאָטהייט דיינע!

# דיינע שמעטערלינגען

## ערשט קאפיטעל

א טאָג געווען — פול מיט גאָלדליכט. האָב איך גוט געשפּייזט, געקושט מיין ליעבע פרוי און זי געפרעגט:
— אפשר כאפען שמעטערלינגען, פאר דיר?
— יאָ, רייז.
— יאָרייז — צוזאמען. א שעהן וואָרט — כמעט ווי זשאָרעס.
סאָציאַליסטען ווייסען.
און מיר זענען איבער די שטויבוועגען אוועק, ארי־בער די האָבערפעלדער, און דאָרטען האָבען מיר זיי גע־דארפט כאפען — די שווארצע שמעטערלינגען.
צווייט קאפיטעל קומט.

## צווייט קאפיטעל

שוואַרצע שמעטערלינגען. זענען אָבער נישט אַלע גלייך. א טייל זיינען מיט רויטפּונקטען אָפּגעשאָטען, א טייל זענען בלוי־געל געפלעקט — און אלע זענען שעהנ־פארביג ציטערדיג און לייכט און ווילען לעבען — נישט וועניגער ווי איך, אייער גראציעזער שלאנקער דיכטער.
דריט קאפיטעל קומט.

## דריט קאפיטעל

אביסעל צוריקגעהן צו דער נאטורבאשרייבונג.

איז ערלויבט?

עס זענען ווארימליידיגע טעג געווען. אויסגעטון פון אלצדינג זענען זיי אויף א ברעג געלעגען און אונז געלאנגווייליגט מיט זייער געל־בלעבענער גארנישט־זאגענדיגקייט.

זענען אויך פויגעל געווען — האבען זיי געפיפען. פיפיף. און עהנליכס.

זענען אויך יונגע קעלבלעך געווען — פלעגען זיי לאנג שטעהן געגען דער געלער הימעל־מאראנץ און לעקען איהר זאפט — טעארעטיש.

זענען אויך אידישע שניידערמיידלעך געווען, פלעגען זיי לאכען הויך און צייגערדיג צו די נארישע בערג ארויף, וועלכע האבען צוריקגעשפיגען דיזעלבע ווערטער אויף שלעכט־דארפישען אידיש. מיט א הארטער „ר".

זענען אויך עטליכע כריסטמוידען געווען — שיקסעס, אויב איהר ווילט. מעהלבלאסע מיט ארויפגעשליפענע נעז און פארבוימעלטע אויגען, וואס האבען געשמעקט פון די באקאנטע עהל־לעמפלעך הינטער די יעזוס־פאר־טרעטען.

האבען זיי מיר מיינע פליה־פליגעל פארפלעקט מיט תיילינקייט, און אויפ'ן דארף איז זייף זעהר טייער.

פיערט קאפיטעל קומט.

## פיערט קאפיטעל

במעט ווי א באשרייבונג: מיין ליעבע פרוי איז געווארען בלאנדער פון טאג צו טאג און איהר אראפגע־האנגענע צעפ זענען געווארען צוויי זונענפאלען, וואס זענען געלאפען איבער די שטיינער פון מיין הארץ.

שעהן־פיין איז דאס, — נישט אזוי, דו אינגעל?

און טעג קומען און פארגעהען — פארשטעהט זיך, אנדערש קען נישט זיין, ביי דער היינטיגער ציוויליזאציע.

און נייע טעג קומען אויף די קנאפעלדיגקייטען פון

די אַלטע און פֿאַר׳מעריב׳ען זיך און זיי זאַמלען זיך איין צו זייערע טאַטעס הינטער די בערג.

פֿינפֿט קאַפּיטעל קומט.

## פ י נ פ ט   ק א פ י ט ע ל

האָט זי צו מיר געזאָגט — די וואָס מיין האַרץ גלוסט:

— שמעטערלינגען!

— שמעטערלינגען?

שמעטער —

אויגענליכט — שאַרף. באַפֿעהל — דייטליך. ווייס־פֿאַרטוך בליסטשעט אין דער זון און — זאָגט צו. בלוזע־הויכקייט שטימט איין. פֿלייצעשיפֿעל — שווימט אין נעכטענלאַנד אַוועק און זאָגט צו מיט אַ גראַציעזער שווים־ליניע. גאָלדצעפּ שמייכלען און ווייס־ציין זאָגען דייטליך:

— פֿאַנג שמעטערלינגען.

שטעך זיי מיט אַ שפּילקע די קעפּלעך דורך.

— און ראַהם זיי איין.

— אַך, ווי זי ליעבט די שמעטערלינג־פֿייגעל. די בלאָנד־גאָלדיגע פֿרוי מיינע. זעקסט קאַפּיטעל קומט, ביטע, נישט אומרוהיג ווערען!

## ז ע ק ס ט   ק א פ י ט ע ל

שטעהען אויף מיין קאָמאָדע דריי איבערגעקערטע טרינקגלעזער און הינטער יעדען גלאָז צאַפּעלט אַ שמעטערלינג און וויל שטאַרבען.

איך, דער שרייבער פֿון אָט די צייֵלען, בין געטריי און איבערגעגעבען צו מיין פֿרוי, האָב ליעב מיין קינד אָהן אַ שיעור, — האָב איך פֿאַרגעניגען צו טראַכטען ווי די

שמעטערלינגען װעלען אמאָל אויף װײַסער װאַטע שטע־
קען, דורכגענאָדעלט דורך די קלײנע, פײַנע, שמעטער־
לינגקעפּ.

און מײַן קלײן אינגעלע, דאָס ליעבע מלאכ׳על,
טראָגט מיר א נאָדעל אונטער: „פּאַפּאַ“ — עטצעטערא.
אָבער מײַן ליעבע פרוי, און איך זעלבסט — מיר צװײ
נאָבעלע זעעלען, קאָנען די מערדער־ארבייט נישט טון —
לאָזען מיר די דרײַ שמעטערלינגען אונטער די דרײַ אי־
בערגעקערטע גלעזער שלאָפען און מיר געהען ארױס
באװאונדערען די לבנה, װאָס פלאַמט מיט װײַס־פײַער
איבער די בערג. קאַפּיטעל זיבען קומט. פיליײכט ענדע.

## זיבעט קאַפּיטעל

זענען מיר אויפגעשטאַנען.

האָבען מיר געזעהן: שװאַך, טויט־מיעד האָבען קלײ־
נע פליגעל אונטער דרײַ איבערגעקערטע װאַסער־גלעזער
געפלאַטערט און אויף׳ן װײַסען קאַמאָד־טישטוך זענען
שטיקער שמעטערלינג־פליגעל געלעגען, װי אויסגע־
ברענט פּאַפּיער.

האָט אײנער פון מיר און מײַן פרוי רחמנות געקראָ־
גען און די גלעזער אויפגעהויבען, האָבען צװײ שמעטער־
לינגען א װײַלע געפּרובט זיך זעצען אויף דער לופט און
אראָפּגעפאַלען צו דר׳ערד, און דער דריטער שמעטער־
לינג — דער שענסטער — האָט מיט די פליגעל א
פאַרבינע קללה אויסגעקלאַפּט, און געבליבען ליגען בײַם
ראנד פון מײַן װאַסער־גלאָז.

א שאָד! אזױנע שעהנע שמעטערלינגען און מען
קען זײ נישט אײנראַהמען צוליעב די צעבראָכענע פליגעל.

---

...א מעשה מיט א שמעטערלינג.

## וואָס מיינט איהר דאַמיט?

ער זאָגט צו מיר:

איך פארשטעה נישט וואָס איהר שרייבט.

וואָס מיינט איהר דאמיט, אזוי און אזוי?

איך ענטפער איהם:

מיין ליעבער מענש, איך מיין דאמיט פארשיעדענע זאכען, און נאָך פארשיעדענערע און גאָר די פארשיעדענסטע.

איך ענטפער איהם:

אָפט מיין איך זעהר דייטליך, ליעבער פריינד, אָבער נאָך אָפטער פארשטעה איך נישט וואָס איך מיין. אָבער איך פרעג נישט ביי אייך: ליעבער לעזער, וואָס מיין איך דאמיט וואָס אזוי און אזוי?

אויב איך פארשטעה וואָס איך שרייב — איז גוט, אויב נישט, שרייב איך סיי־ווי־סיי.

און איך מיין אבסאָלוט גאָרנישט דערמיט, מיין טייערער!

און אך! — זאָג איך — ווען מיין געשריפטס זאָל זיין די איינציגע זאך אין דער וועלט וואָס איז מיר נישט קלאָר.

פאראן גרעסערע זאכען וואָס זענען מיר נישט קלאָר, און אויך קלענערע.

נאָר איך פרעג נישט ביי קיינעם, בין נישט אויפגע־

רעגט אויף קיינעם און איך שרייב נישט קיין פראָטע־סטען צו דער גאָטהייט.

ווען גאָט האָט נישט געהאט וואָס צו טון, האָט ער באַשאַפן א וועלט. ווען איך האָב נישט וואָס צו טון, ענטשאַף איך די דאָזיגע וועלט אויף אזוי פיעל ווי עס ליגט אין מיינע כחות.

פאַרשטעהט איהר עס?

ניין איהר פאַרשטעהט נישט. אָבער איך פרעג אייך נישט וואָס מיינט איהר דאַמיט וואָס איהר זענט אזוי קליינקעפיג אז איהר פאַרשטעהט נישט?

איך פרעג נישט וואָס מיינט איהר דאַמיט, וואָס איהר פרעגט מיך אזוי אָפּט:

וואָס מיינט איהר דאַמיט?

איך פרעג נישט: וואָס מיינט אַזוינס גן־עדן, כאָליערע, עלקטריציטעט, דער אָקעאַן, אַן ערד־ציטערניש, דער ליעבער לעזער?

איך פרעג אייך נישט: פאַר וואָס פאַרשווענדט איהר אייערע טעג־און־נעכט אויף נישט־צו־פאַרשטעהן מיך, ווען איהר קאָנט אין דערזעלבער צייט נישט־פאַרשטעהן גרעסערע זאכען, ווי צומביישפּיעל דאָס לעבען, דער טויט, די ליעבע, די פּלאַנעטען, דאָס זאמד?

איך פרעג נישט: וואָס מיינט איהר דאַמיט וואָס אייך איז אַלצדינג אזוי אידיאָטיש־קלאָר, אזוי באַנאַל פאַרשטענדיג, אזוי עזליש־איינפאַך?

איך פרעג נישט: וואָס מיינט איהר דאַמיט וואָס איהר זענט אזוי גרינטליך־אונוויסענד, אז איהר ווייסט אַזש אַלצדינג.

איך פרעג נישט: וואָס מיינט איהר דאַמיט וואָס איהר כאַכאַ'קעט איבער דעם נאַרישסטען וויץ, וואָס איהר וואַלגערט זיך אין א זומפּ פון פאַרשימעלטע ווער־טער, וואָס איהר שווימט אין א ים פון האַרצטרוקענקייט (א שווער וואָרט) און פון מיטעל־מיטעל־מיטעלמע־סיגקייט?

איך פרעג נישט: וואָס מיינט איהר דאמיט וואָס אייערע גייסטיגע יאסלעס זענען אזוי שרעקליך יונג, אָדער אזוי שרעקליך אלט, און איהר קאָנט בלויז עסען — דירעקטע חכמות.

איך פרעג אייך נישט: וואָס מיינט איהר דאמיט וואָס איהר טראָגט זיך ארום מיט גע'פגר'טע פראזען, ווי מיט טויטע קעץ?

איך פרעג אייך נישט: וואָס מיינט איהר דאמיט וואָס איהר זענט נישט איינשטימיג מיט מיר? און איך דערצעהל אייך נישט, אז איך בין אויך קיינמאָל נישט איינשטימיג מיט מיר אליין!

איך פרעג אייך נישט: וואָס מיינט איהר דאמיט וואָס איהר האָט געדולד פאר אלע דומע האלבע קלוגהייטען פון די נאָכמיטאָג־דענקער, און פארוואָס איהר פארשטעהט נישט די קלוגע נארישקייטען פון א גע־לאנגווייליגטען מענש?

# אינהאלט


| | |
|---|---|
| עהרליכקייט באצאָהלט זיך | זייט 7 |
| דער אָפּנאַרער | " 11 |
| די תּוחן און דער אייער סוחר | " 14 |
| דער גרויסער דענקער | " 16 |
| ס. פּאלעק | " 18 |
| א ביהנע וואָס וואקסט | " 21 |
| דער דיכטער און דאָס פויגעלע | " 23 |
| קינדער ליעבע | " 25 |
| פינסטער זאָל ווערען | " 27 |
| די אָפענע האנט | " 30 |
| דער פרעמדער | " 32 |
| די געטרייע טאָכטער | " 34 |
| דער ראדיקאל | " 36 |
| דער מבין הגדול | " 38 |
| גערא‏טעוועט | " 40 |
| די רויטע ראָזע | " 42 |
| פרויען און וועלף | " 44 |
| דער מאן מיט'ן מעסער און דער מאן מיט'ן זעג | " 46 |
| דער טרוימער | " 48 |
| דער איבערמענש | " 50 |
| דער פארביסענער קעניג | " 52 |
| דער מלחמה קרבן | " 55 |
| די אומשטענדען | " 57 |
| לייוועגט | " 60 |
| דער שטאָלצער קינסטלער | " 63 |
| ציוויליזאציע | " 67 |

דאן זשואן — — — — — — — — — — — — " 68
א רעגעלער ראָמאן — — — — — — — — — — — " 69
די נאַאיווע — — — — — — — — — — — — " 71
דאָס פארשטאָבענע אויג — — — — — — — — — " 73
געדאַנקען עקאָנאָמיע — — — — — — — — — — " 75
דער בלאָנזשענדער שטערען — — — — — — — — — " 79
דער, וואָס בויגט זיך — — — — — — — — — — " 81
דער פארליעבטער און דאָס בעזעמעל — — — — — " 84
א באַנקעט — — — — — — — — — — — — " 86
געגעסען אין סוכה — — — — — — — — — — " 89
אילוסטרירטע ליעבע — — — — — — — — — — " 92

## אויסגעטראַכטע זאכען

די שענסטע רויז — — — — — — — — — — — " 97
א לעגענדע — — — — — — — — — — — — " 98
די זעגעל שיף — — — — — — — — — — — " 99
צו די שדים — — — — — — — — — — — — " 100
פארגעסענהייט — — — — — — — — — — — — " 101
די לבנה — — — — — — — — — — — — — " 102
מיין בויער אנצוג — — — — — — — — — — — " 105
מיין אויג — — — — — — — — — — — — — " 104
פישפאנג און ליבעליי — — — — — — — — — — " 106
עלעגיע — — — — — — — — — — — — — " 107
אין מוזעאום — — — — — — — — — — — — " 108
סענטימענטאל — — — — — — — — — — — — " 109
איך בעט דיך — — — — — — — — — — — — " 110
א בארג — — — — — — — — — — — — — " 112
אלעס וואָס ענדיגט זיך — — — — — — — — — " 113
די סטראשידלע — — — — — — — — — — — " 114
דער רעגען — — — — — — — — — — — — " 115
וועגען זיך אליין — — — — — — — — — — — " 116
א שטימונג — — — — — — — — — — — — " 117
ווי אלע מאָל — ליעבע — — — — — — — — — " 119
אדיעקטיוועז — — — — — — — — — — — — " 118

| | | |
|---|---|---|
| נאָכאַמאָל — ליעבע | " | 121 |
| מיין ווינטער־חלום | " | 122 |
| די פינפטע עוועניו | " | 123 |
| א געניץ | " | 124 |
| וועגען היסטאָריע | " | 126 |
| דאָס מוטערל ערד | " | 127 |
| פריילין שוועבעלע | " | 128 |
| צוויי | " | 129 |
| עלטער און יונגער | " | 131 |
| איינזאַם | " | 133 |
| פאַרזעצונג | " | 134 |
| די ווייטע וואָיענדיגע שיף | " | 135 |
| טעג און נעכט | " | 137 |
| מיין קינד | " | 138 |
| האָמאָ סאַפיענס | " | 140 |
| שווייג | " | 142 |
| נאָכאַמאָל — אַ שיף | " | 144 |
| דער טאָג | " | 145 |
| דיינע שמעטערלינגען | " | 147 |
| וואָס מיינט איהר דאַמיט? | " | 151 |

# אין

# ווילדען ווערטערוואלד

# דער מאָדערנער מענש

ער מאכט אויף די אויגען און גיט א טראכט: דער טאָג ליכטיגט אריין דורכ'ן פענסטער. ס'הארץ פון דער גרויסשטאָדט באוועגט זיך שוין. ער הויבט זיך אויף פונ'ם בעט און טראכט: ווידער ארבייט! ווידער שאַפען! וואָס איז דער צוועק פון דעם אלעמען? וואָס איז דער ציעל? ער נעמט א קאלטע וואנע און ער טראכט: מיין קערפער איז שלאנק ווי א ווערבע און איך האָב נאָך דערווייל זעהר וועניג גענאָסען פונ'ם לעבען. ער פוצט זיך אוים די ציין און ער טראכט: ס'איז זיכער, אז די־זעלבע ווייסע ציין וועלען אמאָל ליגען טויט און מ'דארף שוין א נייע שאכטעל ציינפּודער. ער טוט זיך אָן די אלטע פלודערן און ער טראכט: די אלטע אייראָפּא פאר־לירט איהר גלאנץ, דאדורך וואָס זי ווערט פארדעמאָ־קראטיזירט. ער עסט אָנבייסען און ער טראכט: די בלאסע מעלאנכאָליע פרעסט אויף מיין רויט הארץ. ער געהט צו צום שפּיגעל, מאכט זיך צורעכט די האָר און ער טראכט: אומעטיגע וועלט מיינע, „איך ווייס ניכט וואס זאָל עס בעדאָיטען", ער גיט א קוק אויפ'ן בילד פון „סעפּטעמבער אין דער פריה" און ער טראכט: מאָ־דערנע מענשען ווערען פארצעהרט פון זייער דורשט נאָך שעהנקייט. ער לויפט אראָפּ די טרעפּ און ער טראכט: מיין לעבען איז א טונקעלע טרעפּ, וואָס דרעהט זיך און דרעהט זיך און זי פיהרט אין דער פינסטערניש אריין. ס'איז פינסטער. ווער ווייסט, צי ס'איז עפּעס פאראן אין בריעף־קעסטעל? נישטאָ. אומעטיגע גראָהע טעג מיט — פּוטערפּיש. ער מאָר נישט עסען קיין פּו־

טערפּיש בשום אופן. ער גערט איבער די גאסען און ער טראכט: די אלטע היים, מיט די פארשנייטע דעכער. דאָרט האָט יעדע שטוב א היטעל און דאָס היטעל איז שנייאיג און סע ברענט מיט א בלאָה פייער קעגען הימעל און די שניי־שטערען פינטלען  א ר ו י ף  צו די אויס־געשפּרייטע בלאָהקייטען, און אלע הימעל־שטערען פינטלען  א ר א פּ  צו זייערע שניי־שוועסטער אויף דער ערד. דאָ שטעהען די הייזער מיט נאקעטע קעפּ, — ווי אימיצער וואָלט ביי זיי די היטלען אראָפּגעכאפּט. ער זעצט זיך ארבייטען און ער טראכט: איך שאף רייכ־טימער פאר יענעם, און אליין געה איך אויס — מיט א מיידעל. ער דרעהט די מאשין און ער טראכט: די וועלט איז א נאריש רעדעל, וואָס דרעהט זיך און דרעהט זיך אָהן א ציעל. ער גיט א קוק אויף דעם מיידעל, וואָס זיצט נישט ווייט פון איהם, און ער טראכט: זי וועט פארוויאנען, ווי א שעהנע בלום. אָהן ליעבע. אָהן זאָגענ־שיין. ער וועט איהר געבען זאָגענשיין. ער גיט דעם מיידעל א גלעט אויף דער באק און זי הייסט איהם „סטאפּען". פאר זאָגענשיין, טראכט ער, גיט מען אָפּ שטיינער. עס גיט א פייף דאָס פאבריק־פייפעל און ער טראכט: די שקלאפעריי איז אויף א ווייל צו ענד, איצט וועל איך מיך אוועקזעצען און אויסוויינען מיין מאָגע־רען מיטאָג אין הייסע טרערען. ער עסט זיין שטיקעל הוהן מיט א זויער אוגערקעלע און ער טראכט: ס׳א געשמאק שטיקעל הוהן. נאָר ער האָט נישט קיין כריין. ער האָט ליעב כריין און פרייהייט. ס׳איז נישטאָ קיין פרייהייט. די פליגעל זענען געבונדען. ער גיט זיך א טאפּ אויף דער פלייצע — סע שטעכט איהם נישט. סע וואָלט איהם באדארפט שטעכען. ער לייגט אוועק זיין לעבען אויפ׳ן מזבח פון קאפּיטאל. קאפּיטאל. ער האָט שוין קנאפּע עלף הונדערט דאָלאר אין דער באנק, אָבער זיין מזל׳דיגער שטערען געהט נישט אויף. ער גיט זיך א טאפּ דעם שטערען — טרוקען! נישטאָ קיין שוויים.

ער ענדיגט זיין טאָג ארבייט און ער טראכט: מ׳געהט אנזאמלען כחות פאר דעם גייעם טאָג, וואָס ברענגט נישט קיין גליק און קיין פרייד. ער קומט אהיים און טראכט: איך טראכט עפּעס אזוינע אונגליקליכע געדאנקען — פילאָזאָפישע. איך בין א צובראָכענער מענש. די מאסע איז נישט צובראָכען. איך בין צובראָכען, ווייל איך פיהל מיין אונגליק און די פליגעל זענען מיר געבונדען. ער טוט זיך א טאַפּ ביי די פלייצעס און ער טראכט: סע שטעכט איהם נישט! סע וואָלט איהם באדארפט שטעכען. די ארבייט פרעסט איהם אויף די בעסטע כחות, און אז ער קומט א היים איז ער זעהר מיעד, עסט ער אָפּ און געהט אוועק שפּיעלען פינאקל. ער שפּיעלט פינאקל און ער טראכט: אָט די אלע מאָדערנע מענשען זיינען אונטריי צו זייערע פרויען, נאָר ער אייגנער קאָן נישט זיין אונטריי צו זיין פרוי, ווייל ער האָט נישט קיין פרוי. ער קוקט אויף די פיין־פארפלאממטע ווייבלעך, וואָס שפּיעלען פינאקל, און ער טראכט: ער מוז חתונה האָבען, כדי צו קאָנען ווערען אונטריי זיין ווייב מיט איינע פון אָדי־אָ מאָדערנע פרויען. ער איז פארטיג מיט׳ן שפּיעלען און ער זעהט ווי אלע געהען אוועק שפּאצירען מיט פרעמדע דאמען. ער געהט אויך אוועק שפּאצירען מיט א דאמע, אָבער ער האָט נישט וועמען צו ווערען אונטריי. ער געהט צוריק אהיים און ער טראכט: ס׳גאַנצע לעבען איז נישט מעהר ווי א שפּאציר דורכ׳ן טונקעלען פינאקל: מ׳געווינט כדי צו פארלירען. און די האָפנונג זויגט אוים דאָס פייער פון די אויגען, זעהט ער נישט וואָס ער טוט. האָט זי איהם געגעבען א געלעגענהייט און — א פּאטש. וואָרטשפּיעל. ער געהט דורך דעם פּראָסט־געקוּשטען פּארק און ער טראכט: נאָכאלעמען, נישט קיין סך מענשען קאָנען אזוי דענקען ווי איך. איך האָב א פלינקען מח און אלצדינג אין מיר איז אונרוהיג ווי דער איביג ציטערדיגער הימעל. ער נעהמט

ארוים א נאָז־שיבעל און ער טראכט: איך בין זעלבסט דער ציטערדיגער הימעל. אין מיין הארץ הענגט א — פארקיהלונג. איך בין פארקיהלט. אין מיין נשמה צי־טערט די אייביג — ס'איז מיר פארשטאָפט די נאָז. איך בלאָנזשע ארום אין דער פינסטער און — מ'פּאטשט. פארוואָס? ווייל איך וויל געניסען פונ'ם לעבען. אָבער יעדער איינער מעסט יענעמס טעמפּעראַמענט אויף זיין אייגענעם. דאָס פולע גלעזעל מיינט, אז פולער קאָן מען שוין נישט זיין. דער פולער טאָפּ דענקט אויך דאָסזעלבע. ביידע ווייסען נישט, אז ס'איז פאראן א ים. איך בין דער ים. איך דארף באצאָהלען זעקס סענט אין ביבליאָטעק פאר די איבריגע דריי טעג, וואָס כ'האָב געהאלטען „טשטאָ דיעלאַט" פון טשערנישעוו־סקי. איך בין אן עסטעטיקער, אן אָנהענגער פון דעם שעהנעם וואָרט, און סע קריכען מיר אויס די האָר — דער שלאק זאָל עס טרעפען! איך בין אויס מענש און איך האָב נאָך כמעט גאָרנישט געלעבט. פוטערפיש. — פארברענט זאָלען זיי ווערען! לאָזען זיי זיך אָנצינ־דען מיט א פייער — די אלע פארפלאָמטע ווייבלעך. איך האָב זיי אין דר'ערד! נעמען זיי איין א מיתה־משונה! געלעהמט זאָלען זיי ווערען! איך טאָר נישט עסען קיין פוטערפיש, גיט מען מיר פוטערפיש! ווייל איך האָב נישט קיין פרוי. אן אייגענע פרוי וואָלט מיר נישט גע־געבען קיין פוטערפיש.

— — — — — — — — — — — — — — —

...און דער מאָדערנער מענש לעגט זיך אוועק אויפ'ן בעט, און אָט־אזוינע 0 0 0 טרערען רינען איהם פון די אויגען.

# איהם?

מ'עט איהם דערלאנגען א פארפאָהר אין די ציין, אז ער וועט זיך איבערקעהרען.

איהם?

דעם הערר בערענברענער וועט מען דערלאנגען א פארפאָהר אין די ציין, אז ער וועט זיך איבערקעהרען. זיך איבערקעהרען מיט — ווי אזוי קעהרט מען זיך איבער? ער וועט זיך נישט איבערקעהרען מיט די פיס ארויף. הערר בערענברענער מיט די פיס ארויף. ס'טוליפעל איינגעשמירט און די הויזען פארשארען זיך איבער די שיך, און ס'זעהען זיך ארויס די ווייסע זאָקען — די ריינע. ערשט היינט אין דער פריה אָנגעטון א פּאָר פרישע זאָקען אז סע שמעקט. ער האָט ליעב ציכטיגקייט. די קינדער זאָגען איהם אלע מאָל: טאטע, פארגעס נישט ס'ציגארענשפּיצעל. און גיב אכטונג, טאטע, זאָלסט זיך נישט פארקיהלען, טו אָן ס'שאליקעל אויפ'ן האלז, און ער זאָגט: נו־נו, און די עלטערע טאָכטער — בערענברענער'ס עלטערע טאָכטער — טוט איהם אָן ס'שאליקעל אויפ'ן האלז. פּראָשעט איהם אָפּ א פּאָדעם טיטון פונ'ם זיידענעם בערדיל און ווינשט איהם א גוטען טאָג. ס'ווייב זיינס — בערענברענער'ס אויסערגעוועהנליך ווייב — דערלאנגט איהם מ'שטעקען מיט'ן גאָלדענעם הענטעל טוט איהם א קוש אויפ'ן שטערען און זאָגט איהם אָן ער זאָל זיך האלטען אויף דער זון, וועט ער נישט הוסטען. די זון איז קאלט, דאָס טוליפעל איז ווארעם. געהט ער ארום שפּאצירען איבער'ן פּארק ארויף־און־אראָפּ, און ער טראכט:

עלדאַראַדאַ. דאַ־ראַ־דאַ. ראַ־דאַ. ער — א מענש אַן אינטעליגענטער, אַן אָפּגעהיטער, די קינדער ציטערען אי־בער איהם. ס'ווייב בלאָזט איהם די טריט, און ער בע־רענבערענער, דער אינטעליגענטער מאַן, מיט א „התורן" אין קעשענע. געהט ארום איבער'ן פּארק און טראַכט: על־דאַ־ראַדאַ און נאָר עלדאַראַדאַ? אלצדינג טראַכט ער. ער איז א טיעפער מענש. א מענש מיט א צעוועהטאָגטער נשמה. מיט א שאַרף אויג. אלצדינג וואָס ער זעהט מאַכט אויף איהם אַן איינדרוק. — אַט, למשל, זעהט ער איצט, ווי סע ברענט א שפּיץ פון א בוים, איינ־געטונקען אין זון־גאָלד, — אזוי ווי דער דאָרנבוים, אין דער מדבר, וואָס ברענט און ברענט און ווערט נישט פארברענט. דעם מענשענ'ס הארץ איז אויך אזוי. א דאָרענבוים וואָס ברענט אין דער מדבר פון ליידענשאַפט — ברענט און ברענט און ווערט נישט פארברענט. ס'איז קאַלט. ער וועט שוין באַלד אהיים־געהן. עס קלעמט איהם ס'הארץ. ער האָט ליעב מאַסלינעס. ווייל קיינער דענקט נישט אזוי ווי ער — אזוי ווי בערענבערענער, דער צארטפּיהלענדער מענש, מיט אַן איידעלער נשמה. מיט א הארץ וואָס קלאַפּט ווארעם, — ווארעם. עפּעס האָט ער זיך אָנגעקלאַפּט אין עמיצען. אהא. מ'שטעהט איהם אין וועג. דער וועג איז פול מיט דערנער. אַ, ענטשולדיגט איהם. ער האָט אייך אפשר א קלאַפּ געטון מיט'ן שטע־קען וואָס ער טראָגט אונטער'ן אָרעם. עלדאַ. הא? ער הערט נישט? ער קריכט ווי א בלינד פערד? צו וועמען רעדט ער עם אזוי, דער יונג? ער, בערענבערענער, טאָר זיך נישט אויפרעגען, ווייל ער פיהלט נישט גוט. נישט גוט. ווייב. שאַליקעל. סע ווערט קיהל. מ'עט איהם דער־לאַנגען א פארפאָהר אין די ציין, אז ער וועט זיך איבער־קעהרען.

איהם?!

נאָכאַמאָל: מ'עט איהם דערלאַנגען א פארפאָהר — א האַנט איבער א האַנט ווי א צלם און ביידע פויסטען

וועלען איהם, ב ע ר ע נ ב ר ע נ ע ר ׳ ן דערלאנגען א פארפאָהר אין די ציין. אלע טאָג פוצט ער זיך די ציין מיט א בערשטעלע און מיט אזא רויטליך וואסערל. וועט מען נעמען די ציין זיינע און מ׳עט אין זיי דערלאנגען א פארפאָהר אריין מיט פרעמדע הענט. וועלען זיי דערלאנגען א קלונג, ווי סע וואָלטען איינגעפאלען די זילבערנע גלעקער פון א קאטעדראלע. טע־דרא־לע, און זיי וועלען זיך נעמען וויגען. א מענש מיט לויזע ציין, וואָס וויגען זיך אין ווינט און אז סע גיט א בלאָז — הויבען זיי אָן צו קלינגען. ווייל דער יונג האָט איהם דערלאנגט א פארפאָהר. א פארפאָהר? שרעקליכע וואולגאריטעט. פארפאָהר... פארפאָהרען. אריינקריכען יענעם אין מויל אריין און דאָס בלוט וועט רינען ווי פון א געקוילעטען אָקס. וועט אראָפּרינען איבער דער באָרד — דעם בערדיל, א פארבלוטיגט בערדיל. מיט א פארפאָהרען טוליפּעל; אז ער וועט זיך איבערקעהרען אזוי ווי דער קלאון אין היפּאָדראָם — מיט די פיס ארויף, און אָהן מ׳היטעל. און מענשען וועלען זיך צונויפלויפען אין די טויזענדער, און מ׳עט קוקען אויף איהם און מ׳עט באוואונדערען זיין גוטען געשמאק. אָבער שטילערהייט וועט ער טראכטען פון צימערוואלד און פון עלדאָראדאָ. — עלדאָראדאָ איז נישט פיליגרירט. פיליגרירט איז בלויז דאָס זילבערווארג פון דער בצלאל־שוהלע, מישטיינס־געזאָגט. דער מענש! אין דער היים: שטעקשיך, א שלאָפראָק מיט טראָלדען, א ווארעם קאפּעל פאר׳ן קאָפּ (דינע האָר). און די ביכער וואָס ער לעזט. ס׳איז א געוואלד! צומביישפּיעל — וואָס נישט? לאָז זיין שעקספּיער! לאָז זיין וואָס־סע־וויל! און טאקע פיליגרירט... וויפּיעל מענשען ווייסען, אז ס׳איז פאראן אזא וואָרט ווי פיליגרירט?

ע ר, בערענבערענער, ווייסט עס. און א האַריץ האָט ער אויך א זעלטענעם. וויפּיעל געלט צעטיילט ער — כמעט — צווישען אָרימע. ווייל ער ה אָ ט נישט!

ווען ער זאָל האָבען, וואָלט ער געגעבען, מ'עט איהם געבען א פארפאָהר אין די ציין. ווענען? איהם? מ'עט נעמען און איהם דערלאנגען א פארפאָהר, אז ער וועט זיך איבערקעהרען — א פאָטער פון פיער קליינע קינדער. איינע געהט חתונה האָבען מיט א דאָקטאָר, די צווייטע איז אליין אויך א שוואכע. ס'ווייב זיינס — בערענבערענער'ס פרוי — שטאמט פון רבנים, ער אליין איז נעכטען געווען ביי א פראָפעסאָר, האָט ער איהם געזאָגט: צאָרט געבויט. וועט מען איהם נעמען און מ'עט איהם דערלאנגען א קנאק איבער'ן קאָפּ. איבער וועמעס קאָפּ? איבער זיין אייגענעם קאָפּ, וועט מען איהם דערלאנגען א קנאק מיט א שטיק אייזען — געווען אזא וואונדערבארער מענש, און די גאנצע שטאָדט וועט געהן צו דער לויה. און דער מערדער מיט'ן שטיק אייזען אין האנט, וועט פאלען אויפ'ן קבר און וועט זיך איבערקעהרען. א זעלטענע איבערקעהרעניש. איז ער ארויפגעגאנגען צו איהר אין שטוב אריין און געפרעגט צי זי איז דאָ אין דער היים. ער מוז ליעבען. ער איז נאָך א יונגער מענש. ווי אלט איז ער דען? ער וויל נאָך גע־ניסען פון דער וועלט. איז איהם אנקעגען געקומען די מאמע איהרע מיט'ן גלעזערנעם אויג און געזאָגט: זי איז נישטאָ אין דער היים. האָט ער געזאָגט: א גוטען שבת! און איז אוועקגעגאנגען. עס איז געווען דינסטאָג און די פרוי מיט'ן גלעזערנעם אויג האָט נאָך צוריקגע־ענטפערט: א גוטען שבת, מיסטער, א גוט יאָהר!

מיסטער... ער איז א מיסטער — איז ער! אפשר האָט זי געלאכט פון איהם? וואָס איז דאָ פאראן צו לאכען? ער האָט געמיינט צו זאָגען: א גוטען שבת — קאָן מען שוין האָבען ביי היינטיגען יקרות אויף עסענוואַרג! סאטירע. און זי האָט איהם געענטפערט, ער זאָל אָנטון א שאליקעל און זיך האלטען אויף דער זון. שבת אין דער היים. עד! דאָרט ליגט דער שבת אויף דער גאנצער שטאָט. דאר־אויבס, נאַהיט, עפעלקוואס און דאָס

שפּאַצירען איבער די האָפּענפעלדער. און גאַנצע פעלדער
מיט ווייץ, לאָבען זייער גאָלד צום הימעל אַרויף. אויף
אַלע וואַסערען שווימט דער שבת. פון אַלע הימלען ני־
דערט ער אַראָפּ, פון אַלע וועלדער גרינט ער אַרוים. דאָ
היע, אַז מ׳זאָגט אַ גוטען שבת — לאַכט מען. פאַר
וואָס? ווייל ס׳איז נאָך פיער טעג צו שבת און זי איז
נישטאָ אין דער היים. אפשר באַהאַלט זי זיך? זי באַ־
האַלט זיך — פאַר וועמען? פאַר איהם? פאַר בערענ־
ברענער׳ן באַהאַלט זי זיך? פאַר וועלכען בערענ־
ברענער? פאַר דעם צאַרט געבויטען בערענברענער מיט
דער רייצענדער ד׳אַנונציאַ־באָרד, מיט די שוואַרצע אוי־
גען און מיט די געפּערעלטע ציין? מ׳עט מיר דערלאַנגען
אַ פאַרפאָהר אין די ציין אַריין, אַז איכ׳ל מיך איבער־
קעהרען. און איכ׳ל מוזען שרייען גוואַלד. גוואַ־לד! עס
איז צו שטיל. מ׳הערט נישט. גוואַ־לד! דאָס איז שוין
אַ ביסעל בעסער, נאָר מען הערט נאָך אַלץ נישט. גע־
וואַ־לד! דאָס איז שוין גענוג. נאָר מיר׳ן פּרובען נאָך
אַמאָל: גע־וואַ־לד!! דאָס מוז ברענגען די מאַסע. די
גאַנצע שטאָדט זאָל זיך שטעלען אויף די פיס. דאָס לאַנד
זאָל זיך וויגען! מ׳עט נעמען אַ שוואַכען מענשען, וואָס
איז נעכטען געווען ביי אַ פּראָפעסאָר און וואָס זיין פרוי
שטאַמט פון רבנים, און מ׳עט איהם דערלאַנגען אַ קנאַק

## ס. דימענטשלייפער

ברידער ארבייטער! אז איהר ווערט געבוירען ביי אָרימע טאטע־מאמע, איז איינס פון די צוויי: אָדער איהר שטארבט יונגערהייד, אָדער נ י ש ט. אז איהר שטארבט נ י ש ט יונגערהייד, איז איינס פון די צוויי: אָדער איהר ווערט א פראקטישער פעסימיסט — פאר ז י ך און איהר טוט גוטע געשעפטען, אָדער איהר ארבייט ביי י ע נ ע ם און איהר זענט אויף גרויסע צרות. אויב איהר זענט אויף גרויסע צרות איז איינס פון די צוויי: אָדער איהר געהט אריבער אין די רייהען פון די סאָציאַל־דעמאָקראטען אָדער איהר בלייבט אַן אייביגער אָרימאַן. אויב איהר בלייבט אַן אייביגער אָרימאַן איז איינס פון די צוויי: אָדער עס איז ו ו ע ה צו אייך, אָדער עס איז ו ו י נ ד צו אייך.

ס. דימענטשלייפער איז געווען פון יענעם סאָרט מענ־שען וואָס אויב עס איז זיי נישט ו ו י נ ד איז זיי ו ו ע ה. און אויב ס'איז זיי שוין גאָר גוט, איז עס פון דער ערגסטער, ביליגסטער, צווייפאראקוואָדערדיגסטער גוט־קייט וואָס עס איז נאָר פאראַן.

ס. דימענטשלייפער איז א מענש, וואָס געהט האַנט־אין־האַנט מיט די אַלערלייסטע, גייסטע, נישט־אויסגע־מראַכטעסטע אומגליקען וואָס די וועלט פארמאָגט. וואו ערגיץ אַן אומגליק, וואָס די גאָטהייט ווייסט נישט, צי עס וועט זיין א ערפאָלג אָדער נישט, פרובט זי עס אויס אויף ס. דימענטשלייפער. אויב עס טשעפעט זיך נישט צו צו א י ה ם, דאַן איז א סימן אַז דאָס אומגליק טויג נישט. אַז עס וועט זיך שוין צו קיינעם נישט צוטשעפען. אין

אזא פאל, ערקלערט די גאָטהייט ס׳נייע אומגליק פאַר א דורכפאַל.

ס. דימענטשלייפער איז א שטיל מענשעל, א פארנור־מענש. ער לעזט ציימונגען. ער שרייבט פאָלקסשטימען. ער קלאַפּט בראוואָ אין טעאטער. אין מינדעסטען ווינט פארלירט ס. דימענטשלייפער ס׳היטעל און ער מוז געהן אויף געיענג — נאָכ׳ן היטעל. כמעט דרייפערטעל פון זיין פרייער צייט פארשווענדט ס. דימענטשלייפער אויף נאָכלויפען דעם היטעל, אָדער אויף קריגען זיך מיט קאָנדוקטאָרען וואָס שטופען איהם אראָפּ פון דער קאַר, אָדער אויף צו פאַלען איבער די צעווילדעטע שיך־בענדלעך זיינע, וואָס פארלויפען איהם דעם וועג און קעהרען איהם איבער, און לאָזען איהם נישט מאַכען קיין פאָרשריט.

ס. דימענטשלייפער און די מאדאם דימענטשלייפער און די פינף — מ׳קען זאָגען כמעט זעקס — דימענט־שלייפערלעך, פיהרען א שטיל און רוהיג לעבען. דאָס לעבען זייערס איז אזוי שטיל, אז מ׳הערט נישט צי עס איז דאָ אין שטוב. אמאָל גיט עס א קוק אריין דורך די פענסטער, זאָגט א שטילען גוטמאָרגען און — סע געהט אוועק. אמאָל פארפלאָנטערט זיך א שטיק זונפאָדעם אין דער גראָהער טאָגטעגליכקייט פון די דימענטשלייפערס׳ וועלט, אָבער די שווארצע קאַץ פון אומגליק קומט באַלד ארויס פון איהר באהעלטעניש און נעמט זיך שפּילען מיט דעם קנויל, און צערייסט דעם גאָלדענעם פאָדעם. און אלצדינג בלייבט אזוי ארום־און־ארומיג, אזוי נישט־פאר־געהענד, ווי די אייביגסטע אייביגקייט, ווי דאָס רינגעלסטע רינגעל.

ס. דימענטשלייפער איז אַן ארבייטס־מענש, זיין האמער קלאַפּט, זיין נאָדעל נעהט, זיין מיהלפליגעל דרעהט זיך, זיין פעלד איז געאַקערט און זיין גאָרטען איז געפלאנצט. אָבער זיין צייט איז נישט פאראקערט, זיין גליק איז נישט פארפלאנצט, זיינע פאַנטאַזיפליגעל דרע־

העט זיך גישט, זיין הארצהאמער קלאפט מיעד, און זיין אויג־נאָדעל נעהט נישט קיין ליכטיגע נעצען פון פריה־לינגפלימער, פון זומערזון.

ס. דימענטשלייפער — שמייכעלט נישט. ער אר־בייט. ער זיצט ביים הויזען־אמבאָס און שמידט אויס גרויסע און קליינע הויזען פאר דער מוטער־נאטור, זיין גרויסער פייער־האמער האמערט־אויס מעכטיגע קנעפיל־בריקען איבער ביידע זייטען פון די פלודערען, זיין אקער־שער גראָבט אויס אזוינע טיפע הויזענטאשען, אז עס שווינדעלט אזש פאר די אויגען, און עס נעמט — אומגעפעהר — אנדערטהאלבען וואָכען איידער די אריינ־געלעגטע האנט קומט ארויס צוריק — מיט א זילבער־שטיקעל פאר אן אָרימען ברודער.

ס. דימענטשלייפער לעבט אין א וועלט פון פוטערברויט און — וואו נעמט מען עס? ער שוועבט אין די הימלען פון פינף פאָר שיכלעך א חודש, ער שווימט אין א ים פון קינדערהיטלען און מאזלען, ער באָדט זיך אין א ווייסען מילך־מאנגעל, ער חלום'ט שווארצע רענט־חלומות, און ער ציטערט, טאָמער וועט זיך אָנכאפּען דער טון קוילען און — פארברענט ווערען.

אזוי תמיד און תמיד און תמיד און תמיד'ער.

נאקעט פון יעדער פארצירונג, אויסגעטון ווי א סעפּ־טעמבער־מאָרגען, קומען צו איהם די וואָכען — איינס נאָך איינס, איינס נאָך איינס. אין דער רייהע, ווי זעלנער אויף קעסט. יעדען שבת רוהט זיך די וואָך אביסעל אָפּ, כדי זי זאָל האָבען כח ווייטער צו ארבייטען, און זונ־טאָג אינדערפריה, שטעלט זיך די מידע, נישט־אויסגע־שלאָפענע, זיעבענטעגיגע וואָך ווידער צו דער ארבייט און ס. דימענטשלייפער דרעהט זיך ארום צווישען די קראנקע טעג־און־וואָכען מיט פאָרזיכטיגע, לייכטע טריט — גאנצע בערג מיט טויטע וואָכען ליגען אויף דר'ערד, און ער טרעט איבער זיי מיט פארשלאָפענער ליבשאפט,

דאָ און דאָרט דערקענט ער אַ טאָג, וואָס אָטעמט נאָך אביסעל — אַ שטאַרקער טאָג געווען! אָבער ווער האָט צייט זיך אומצוקוקען? מען איז אַזוי מיד פון ארומ־געהן צווישען בערג מיט גאָרנישטזאָגענדיגע טעג און וואָכען און יאָהרען.

ס. דימענטשלייפער איז נאָך גאָר אַ יונגער מענש, אָבער זיין נאַקען איז שוין קיילעכדיג געשווירען, זיינע ציין זענען פארביג, זיינע אויגען זענען מיט פופצעהן יאָהר עלטער פון איהם, זיינע הענטפידלען זענען אָנגע־צויגען מיט גרויסע, בלאָהע סטרונגעס, זיין ברוסט איז נישט ווייט פון דער פּלייצע, און דער דרויסען איז אפשר צעהן מייל ווייט פון זיין שטוב.

לעבט ער און — הוסט, און לויפט אויף געיעג מיט זיין היטעל — בשעת עס איז אַ ווינט און פאַלט איבער זיינע אייגענע שיך־בענדלעך, און ער קען נישט אַנט־לויפען פון זיינע אייגענע פיס, וואָס שטעהען איהם אין וועג, ווי צוויי הויכע שונאים.

ס. דימענטשלייפער׳ס קולטור: ס׳בינטעל־בריעף, טעאַטעראַנאָנסען, טהעדאַ־באַרא, רעדען דורכ׳ן טעלעפאָן, פייפען די מארסעליעזע, לאָזען זיך פאָטאָגראַפירען, שרייען „נעמט עס צום אָפּשטימונג“, און רויכערען ציגאַ־רעטען מיט מונדשטיקער.

ס. דימענטשלייפער איז קראַנק פון צופיעל לעבענס־זיסקייט, וואָס קומט פון ביטערער ארבייט, און אפילו זיין שלאָף איז פארוואונדעט און האָט צובראָכענע פליגעל. — קרעכצט דער שלאָף איבער זיין בעט, און ער רעדט צו איהם פון קיהלע שפּיטאָלערייען, און ער סוד׳ט איהם אריין אין אויער אַלערליי פארביגע, גלאַנ־צענדיגע, בלישטשענדע מעדיצינפלעשלעך—מיט רויטע, געלע און גרינע וואַסערלעך, וואָס ברענגען היילונג אָהן אַ סוף.

אָבער ס. דימענטשלייפער האָט נישט קיין צייט צו

נעמען זיין געזונט אונטער'ן שפּאַקטיוו, עס צושרויפּע און עס צוריק צונויפשטעלען. ער האָט נישט קיין צייט עס אָוועקצוטראָגען צו אַ געזונדהייטס־סטאָליאַר און לאָזען אַריינשטעלען אַ נייע טיר, אָדער אונטערשטעלען אַ באַלקען אונטער דעם איינגעפאַלענעם גייסטיגען סופיט, אָדער אונטערהויבען אַביסעל דעם פונדאַמענט — די געביידע זאָל נישט ליידען פון רומאַטעס.

ער איז אַ פּאַרנומענער מענש — ש ר ע ק ל י ך, וואָס־ווייסט־איהר־ווי־פאַרנומען. נאָר אַמאָל אַז ער אַרבייט נישט אַ טאָג, דעמאָלט דערמאָנט ער זיך, אַז זיין פּער־זענליכקייט פאָדערט אַ גרינטליכע אויסבעסערונג — פון הינטען ביז אַרויף. און דעמאָלט פּאַסירט, אַז:

אַזוי ווי ער ווערט געוואָהר, אַז היינט דאַרף ער נישט אויפשטעהן פריה, ווייל ס'איז נישטאָ קיין אַרבייט, שטעהט ער אויף זעהר פריה און הויבט זיך אָן פיקסען — מיט אַלע כחות, און אָהן אָן אָפּהאַלט. די ערשטע זאַך שטעלט ער זיך באַנקעס איבער'ן גאַנצען לייב. דאַן לאָזט ער זיך שלאָגען צו דער אָדער און טשעפּעט זיך אָן עטליכע פּיאַווקעס הינטער די אויערען, דאַן געהט ער אין אַ שוויץ, דאַן ל ע ק ט ע ר י ז י ר ט ער זיך, דאַן לויפט ער אַוועק צו אַ דענטיסט און לאָזט זיך אַרויסכאַפּען אַ פּאָר ציין, דאַן טרינקט ער אויס עטליכע אַפּטייקען מיט וואַסערלעך, רייבט זיך אָן מיט אַלערליי זאַלבען, און אַז סע בלייבט איהם נאָך צייט, לויפט ער אַריין אין אַ שפּי־טאָל און לאָזט זיך אויסדרילעווען אַן אויער, אָדער אויס־שניידען דעם אַפּענדיק, אָדער אויסברענען די נאָז, אָדער וואָס־נישט־איז, אַבי צו ווערען געזונט, — וואָס־שנעלער און האַריאַפּ, און אויף־איין־פוס.

נאָך אַזאַ מין „ליידיגען" טאָג, ברענגט מען איהם געוועהנליך אַהיים — ביסלעכווייז; מ'דאַרף געהן פיער מאָל אַהין און צוריק, איידער מען ברענגט איהם אין גאַנצען אַהיים. און ער איז טויטשוואַך און ער הוסט,

און ער איז ארומגעבונדען מיט אלערליי באנדאזשען און ער פיבערט, און ער איז איינגעטונקען אין יאד און זיינע פולסען ארבייטען אזוינע לאנגע שטונדען אז זיי פאלען אזש פון די פיס, און ער איז אויס־מענש. אבער ס. דימענטשלייפער איז גליקליך. צווישען זיינע צוויי וואנצענבערג — שלומערט א גליקליכער, נאך־נישט־איי־בערגעפראהרענער שמייכעל: ער פיהלט, אז ער האט היינט עפעס אויפגעטון פאר זיין געזונט, אז ער האט פארבעסערט זיין לאגע מיט א שנעלקייט פון פערציג מייל א מינוט.

א, דימענטשלייפער, דימענטשלייפער!

# דער אַנאַרכיסט

מיין נאָמען איז הערמאַן זילבער. איך בין פינף־און־דרייסיג יאָהר אלט, טראָג נישט קיין לאנגע האָר, בין פון מיטעלען ·וואוקס, טראָג נישט קיין ווינדזאָר־קראַוואט און פונדעסטוועגן בין איך אן אנארכיסט.

אזוי אז איהר וועט מיך אָנקוקען, וועט איהר נישט גלויבען אז איך בין פון יענע מענשען, וואָס זענען גרייט צו צעשטערען די אלטע אָרדנונג און אויפשטעלען א נייע. איך בין אן עלעגאנטער מענש. מיט א זויבערען קראגען, מיט ריינע פינגער־נעגעל. יעדען אין־דער־פריה באָד איך מיך אין קאלט וואסער און יעדען ביינאכט אז איך קום א היים פון מיין געשעפט, ציה איך נישט אראָפּ די פאָרהאנגען און צעהל איבער די באָמבעס, נאָר פארקעהרט: איך זעץ מיך אוועק אין דעם ווייכען פאָטערשטול, טו מיר אָן די פילצענע שטעק שיך, פאררויכער מיר א גוטען ציגאר און שפיל זיך מיט די קינדער (כ׳האָב פינף קינדער) און פרעג זיך נאָך ביי מיין פרוי אויף דעם געזונט פון איהר אלטער מוטער.

איך בין מיר א שטילער, ליעבליכער מענש, נישט קיין אנארכיסט פון דעם ענגלישען טעאטער ארויס, אָדער פון די פילם־בילדער. יענע שרעקליכע מענשען, וועלכע האָבען אזוינע מערדערישע וואָנצען און וואָס טראָגען זיך ארום מיט א פלאן, אראָפּצופיהרען אן אייזענבאהן פון די רעלסען און אויף אזא אופן דער׳הרג׳־ענען דעם קנעפעל־מאַגנאַט אינאיינעם מיט די איבריגע אומשולדיגע פאסאזשירען. איך רוף נישט מיינע קינדער מיט אזעלכע נעמען, ווי ק א ר ל  מ א ר ק ס,  מ י כ א ע ל

באקונין, פערדינאנד לאסאל, נאָר אדרבא, איך רוף זיי מיט ריין־אידישע נעמען. דאָס עלטסטע אינ־געל מיינס הייסט חיים, דאָס צווייטע אינגעל — וואָס טראָגט א זעלנעריש אָנצוגעל — הייסט איציק, און דאָס דריטע אינגעל — וואָס געהט אין דער נאציאָנאל־ראדי־קאלער שולע — הייסט שלום־אבא, נאָך מיין פרוי׳ס זיידען, וועלכער איז געוועזן א דיין. און פון מיינע צוויי מיידלעך הייסט איינע פראדעל און די צווייטע טויבטשו — פארצויגען פון טויבע.

און אנארכיסט בין איך געוואָרען נאָך אין די יונגע יאָהרען. זיך אָפּגעלערענט פון מיין מוטער (איך בין אין גאנצען געראָטען אין מיין מוטער). וואָס דער טאטע האָט געזאָגט יאָ, האָט זי געזאָגט ניין. זי האָט זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפען צו אויטאָריטעט. זי האָט נישט אויסגעפאָלגט דאָס געזעץ, אז א פרוי דארף זיין פאר־שקלאַפט צו איהר מאן, זי האָט געגלויבט אין דעם רעכט פון דעם איינצעלנעם, דאָס הייסט, פון זיך אליין, און וואָס זי האָט געוואָלט האָט זי געטון. און אז דער טאטע האָט איהר עפּעס געזאָגט א וואָרט, האָט זי איהם אָפּ־געענטפערט — נישט מיט טרעָר, נישט מיט קיין באָמ־בעס — נאָר מיט א שארף־שניידענדיג שמייכעלע וואָס געהט דורך די ריפּען און עסט זיך אריין אין פלייש, ווי א דינע שפּיעז. זי האָט נישט גענוצט קיין געוואלד נאָר שכל. אז דער טאטע פלעגט איהר נישט וועל־לען פאָלגען, פלעגט זי אוועקפאלען און חלש׳ן, און דער טאטע האָט געהאט אן ארבייט זי צו מינטערען און צו שיקען נאָך דאָקטוירים.

זי איז געוועזן א פריעדליכע, א שטילע, א גוטהאר־ציגע אנארכיסטין, מיין מאמע! שטילערהייט פלעגט זי פּרעגלען רויזען־סירופּ פאר אָרימע קימפּעטאָרינס און פאר קראנקע, און זעהר אָפט פלעגט מיר אויסקומען צו זעהן, ווי מיין מוטער גנב׳עט זיך שטילערהייט אראָפּ אין פינסטערען קעלער, פארשליסט הינטער זיך די טיר, זאמט

זיך עטליכע מינוט און אז זי קומט ארויס איז זי אביסעל פאררויטעלט, צעשראָקען, קוקט זיך ארום צי קיינער זעהט נישט. דאַן גנב'עט זי זיך שטילערהייט ארויס פון שטוב, דרעהט זיך ארום דורך אלערליי הינטער־געסלעך, ביז זי קומט צו אן אָרים שטיבעל, פון וואנען עס הערט זיך דאָס פישטשען פון א ניי־געבוירען קינד, און מיט ציטערדיגע הענט נעמט זי ארויס פון אונטער'ן שירץ דעם סלאָי רויזען־סירופ און גיט איהם איבער צו דער קימפעטאָרין.

אז איך בין אויסגעוואקסען און האָב געזעהן, אז די וועלט איז פול מיט סוחרים און מיט ציוניסטען, און כמעט יעדער בחור ביי אונז אין שטעדטעל איז געטוועדער א סוחר אָדער א ציוניסט, האָב איך באשלאָסען, אז איך וועל זיך נעמען צו עפעס א נייעם פאך. האָב איך געוואָלט ווערען א גאָלד־שמיד, האָט מיין טאטע נישט געלאָזט, ווייל גאָלדשמידעריי, האָט ער געזאָגט, איז א מלאכה. בין איך אוועקגעפאָהרען אין דער שווייץ, געגעסען מילכיגס, געלערענט עטליכע יאָהר און געוואָרען אן אנארכיסט, — א שטילער, א פריעדליכער אנארכיסט, מיט שטארקע מוסקולען, מיט א פריעדליך הארץ, און מיט א גוטען שמייכעל אויפ'ן פנים.

שפעטער האָב איך מיך פארליעבט אין א מיידעל, זיך נאָכגעפרעגט צי זי שטאמט פון פיינע עלטערען, וויפיעל געלט איהר פאָטער קאָן געבען, צי איז זי א געזונטע, צי זי איז געבילדעט. און אז איך האָב אויסגעפונען אז אלצדינג איז בעסער ווי געוואונשען, האָב איך זיך אין איהר פארליעבט און חתונה געהאט, — צוערשט געזעצליך און נאָכדעם לויט'ן אידישען דין.

עס איז אוועק אונגעפעהר א יאָהר און מיין פרוי האָט מיר געבוירען א אינגעל, האָב איך איהם א נאָמען געגעבען חיים, האָב איהם געלערענט העברעאיש, און האָב איהם געפרובט אויפציהען אזוי גוט ווי איך האָב נאָר געקאָנט. שפעטער זענען געקומען נאָך קינדער, די

געשעפטען האבען אנגעהויבען געהן שלעכט, בין איך אוועק קיין אמעריקא, וואו איך האב געעפענט א געשעפט פון שטיקערייען. אנגעקומען בין איך עטליכע טעג פאר יום־הקדוש. און אז כ'האב שפעטער מיט עטליכע טעג געזעהן ווי אלע גאסען זענען פול מיט בלאסע אידישע מאנסבילען און פרויען, וואס פאסטען אום יום־כפור, און ווען איך האב דערהערט די אומעטיגע תפלות וואס האבען ארויסגעקלונגען פון די שוהלען און בתי־מדרשים, איז מיר געווארען אזוי אומעטיג־זיס אויפ'ן הארצען, אזוי באנג — און ס'האט מיך אזוי פארדראסען, פאר וואס מיין לעבען איז אזוי לעדיג, אהן גלויבען, פארוואס איך קאן נישט אוועקשטעלען זיך נעבען שטענדער, מיט די ברענענדיגע ליכט, אוועקלעגען דעם קאפ אויפ'ן ארעם און זיך ארפוויינען דעם שטויב פון הארצען, ארויס־קלאגען מיינע זינד און אונבאהאלפענקייט.

עס איז אוועק נאך א שטיקעל צייט און איך האב זיך באקאנט מיט דער סאלוויישאן ארמעע, און עס איז מיר געפעלען געווארען דאס וואס זיי פיהרען דעם גלויבען צום מענשען, אנשטאט צו פיהרען דעם מענשען צום גלויבען. עס זענען מיר געפעלען געווארען די מיידלעך מיט די רויטע שטענגעס אויף די היט און די שמאלע לבנה־געזיכטער מיט די פיבערדיגע אויגען, און די פייקעל־מוזיק, אבער נאך מעהר איז מיר געפעלען געווארען דאס, וואס זיי טיילען אין די ווינטערדיגע נעכט הייסע קאווע און ברויט צו ארימע מענשען. איך האב זיך גענומען פאראינטערעסירען אין קריסטענטום און כ'בין געווארען א נאציאנאלער איד, א שטארקער אנהענגער פון דער אידישער ליטעראטור, פון דער אידישער קונסט, פון דער אידישער קולטור.

זינט דעמאלט זענען שוין אוועק יאהרען. היינט בין איך שוין א טאטע פון פינף קינדער. מיינע געשעפטען געהען גאנץ גוט. איך גיב מיינע קינדער א פיינע ערצי־הונג. איך לעז נישט דעם זשורנאל „די מוטער ערד“,

איך שילט נישט דעם קאפיטאליזם, איך האָב נישט קיין באַמבעס אונטער'ן בעט, איך האָב קיינמאָל נישט גענוצט קיין קינזשאַל, איך טראָג נישט קיין שווארצען הוט, אריבערגערוקט איבער די אויגען. יום־כפור שטעל איך זיך נישט אוועק פאר א שוהל און עס חזיר, איך איך האָב נישט קיין אייגענע הויז אין בראָנזוויל, איך גלויב נישט אין קיין אנדערע פרייע ליעבע, ווי די מיט אן אייגען ווייב, און אז מיין אָרטאָדאָקסישער טאטע איז געשטאָרבען, בין איך נישט געגאנגען קיין טאנץ אויף זיין קבר, נאָר — איהר וועט עס גלויבען צי ניין? — איך בין געלעגען אין בעט, קראנק פון יסורים — כאָטש ס'איז געווען אן אייגענער טאטע, און כאָטש ער פלעגט דאווגען אלע טאָג, און כאָטש ער האָט נישט גע־וואוסט קיין זאך וועגען די לעהרען פון פרודאָן.

איך בין אן אנארכיסט. אָבער נישט אזא אנארכיסט וואָס איהר זעהט אין קינאָמאטאָגראף, נישט קיין אנאר־כיסט וואָס איהר באגעגענט אין די אמעריקאנישע נאָ־ווועלען, נאָר אן אמת'ער דורכשניטליכער אנארכיסט, וואָס שטרעבט צו דער פרייהייט פון דעם איינצעלנעם, און צו דערזעלבער צייט קושט ער זיין אייגענער פרוי, איז א טאטע צו זיינע אייגענע קינדער, ארבייט זעקס טעג אין וואָך, גיט אכטונג אז די הויזען זאָלען האָבען א קנייטש, לייענט גוטע ביכער, גיט אמאָל אן אָרימאן א נדבה, האָט ליעב אידישע פאָלקס־ליעדער, רעדט אין א שטילען טאָן, האלט נישט אז דוד עדעלשטאדט איז דער גרעסטער אידישער דיכטער, טראָגט זיך נישט ארום מיט רוסישע בראָשורען, געהט נישט אין צענטראל פארק צו דער מוזיק, טראָגט נישט קיין שטעקען.

איך בין א דורכשניטליכער, עהרליכער, ארבייטס־זאמער אנארכיסט, — פון די וואָס ווארפען זיך נישט אין די אויגען. פון די וואָס איהר באגעגענט נישט אויפ'ן געפעהרליכען וועג פון דירעקטער אקציאָן, נאָר — פארקעהרט.

## פרינץ איפ

ווי וואויל ער האָט געהייסען — פ ר י נ ץ א י פּ, — האָט דאָס איהם פונדעסטוועגען נישט געשטערט צו זיין א גאנץ פשוט אידעל פון דער ליטע, וואָס רעדט מיט דער ס י ן און איז א סוידערהאָפטער ראדיקאל.

פ ר י נ ץ א י פּ — אָדער ווי זיין ריכטיגער נאָמען איז דאָרט נישט געווען! — האָט נישט געארבייט. ער האָט געגעסען, אויב ער האָט געהאט וואָס. דאָס האָט זיך געטראָפען זעהר זעלטען, נאָך א סך זעלטענער ווי איהר שטעלט זיך פאָר. וואָרים — די פרינץ־איפּיכע — איז געווען א גאנץ פשוט׳ע אידענע פון א גאנץ יאָהר, אָהן הויכע אידעאלען און אָהן הויכע אלצ־דינג. א חוץ דעם איז זי טאקע געווען א שוואך ווייבעל און צו דערנעהרען אזא געזונטען, פולבלוטיגען פרינץ איפּ, וועלכער האָט זעלטען־ווען געהאט א ווייסע צונג, איז געווען איבער איהרע כחות.

אָרימע פרוי פון דעם לעדיג־געהענדען פרינץ איפּ. אָרימע מאדאם אזוי און אזוי. מיר האָבען די פולסטע סימפאטיע מיט דיין אומגליק — מיט דיין מאן!

נאָר פון סימפאטיע אליין קאָן נאָך נישט ווערען קיין הומאָרעסקע, דאריבער מוטשען מיר די טעמא ווייטער און מיר לאָזען זי נישט אָפּ פונ׳ם אויג, ווייל־אָך! מיר זעהען אין איהר פארבענקט אויג, אז זי וואָלט זיך געוועהן אויסגעריסען פון אונזערע הענט און געגאנגען אביסעל שפאצירען איבער די פריהלינג־לענדער.

ווי מיר האָבען שוין געזאָגט פריהער אין א רייהע ארטיקלען, איז אונזער פרינץ איפּ געווען א חוץ און אי־

בערגעבענער עסער אויך א געטרייער און איבערגעבע־נער אפיקורס. צו באגעהן אן עבירה געגען דעם מיעדען הער גאָט אין הימעל, האָט פרינץ איפ געהאלטען פאר דער גרעסטער מצוה — אויב מען מעג אזוי זאָגען. פאר אן עבירה וואָלט ער געלאָפען אין פייער אריין, ווען איהר זאָלט איהם צום ביישפיעל, אויפוועקען אין מיטען נאכט און זאָגען: „אין די בראָנקס האָט איהר איצט א געלעגענהייט עובר צו זיין א געבאָט פון דער תורה", וועט ער אויף זיך באלד כאפען די קליידער און לויפען אין די בראָנקס, מיט פארפלאמטע, בלוט־געצונדענע באקען, און די אויגען וועלען ביי איהם ברענען ווי א נאכט־פייער, וואָס שימערט זיך ארויס פון א גרינעם, גוט ענטוויקעלטען זומפ.

פרינץ איפ איז געווען אזא ליכטלינג, אז יאנאָווסקי'ס „פרייע ארבייטער שטימע" איז ביי איהם נישט געווען נענוג אינטער־וואָס־נישט־איז. עמא גאָלד־מאן איז ביי איהם געווען א זידעלוואָרט: סטייטש, אזא צוריקגעשטאנענע! קורץ, אונזער פרינץ איפ איז געווען דער ריכטיגער ראדיקאל, דער אמת'ער גאָט־פארניכטער, דער איבערגעבענער רעליגיאָן־צעשמעטערער, און אזוי ווייטער און ווייטער.

און געטריי צו זיינע קליינע פרינץ איפען, וועלכע האָבען ארומגעכאפט זיין הארצשטוב, האָט אונזער פרינץ איפ אָנגעפיהרט א שארפע געגנערשאפט צו דעם אלט־מאָדישען גאָט פון ישראל, וואָס געהט נישט הערען קיין לעקציעס און לערענט נישט אין קופער יוניאָן. דערהויפט האָט ער אָנגעפיהרט אן אָפּאָזיציע צו דעם אידישען גאָט'ס ימים טובים. אזוי האָט ער, למשל, געהאט א כלל, אז אלע שמחת תורה מוז ער פאסטען און פייניגען זיין גוף מיט צביון'ס ארטיקלען. שבועות פלעגט ער לאָזען אָפּפארבען זיין קיך פון גרין אויף ווייס, אָדער אן אנדער פארב. און עסען פלעגט ער דעם טאָג בלויז פליישיגס. חנוכה פלעגט ער נישט שפיעלען קיין קאָרטען,

ווען איהר זאָלט איהם אפילו אָפּגילטען, און פּורים פלעגט ער נישט נעמען קיין טרונק בראַנפען, ווען ער זאָל אפילו לאָזען די נשמה. דאַגעגען, אום יום־הקדוש פלעגט ער זיך אָנעסען און אָנטרונקען פון דעם שעה:סטען און בעסטען, און כדי נאָך מעהר אויפצורייצען דעם אי־דישען גאָט, פלעגט ער זיך כלומרשט אוועקזעצען ביים טיש און בענשען נאָכ׳ן עסען און אָנקוועלען פון תענוג, וואָס ער „רייבט דעם רבונו של עולם א קריזש" — ווי ער פלעגט דאָס אָנרופען.

אָט אזוי האָט זיך געלעבט און „געווירקט" גענאָסע פּרינץ איפּ, דער זוהן פון קעניג אונמעגליכקייט דעם ערשטען, ביז צום יאָהר 1918, וואָס איז, ווי איהר ווייסט געוועזן א ביטער יאָהר פון אלע שטאַנדפּונקטען.

פון אונזערע פריהערדיגע דריי ביכער מיט א פיינעם גאָלדשניט ווייסען מיר שוין, אז פּרינץ איפּ האָט נישט געאַרבייט; ער האָט גענעסען. געאַרבייט האָט זיין פרוי — די פּרינצעסין איפּ, אָדער די איפּיכע. זי פלעגט וואַ־שען וועש, נעהען קליידער פאַר די אייגענע קינדער און פאַר פרעמדע, טון אנדערע אונליטעראַרישע אָבער זעהר ניצליכע ארבייטען.

אָבער אָט, זאָגט ער, האָט זיך אָנגעטראָגען דאָס שווערע יאָהר 1918. פּרינץ איפּ, וועלכער האָט א סך יאָהרען געאַרבייט ביי „סלעק", האָט היינטיגען יאָהר נישט געהאט וואָס צו טון, ווייל כמעט אלע סלעק־פאַב־ריקען זיינען געשטאַנען לעדיג און ס׳איז געווען א סך ארבייט. די פרוי זיינע האָט אויך נישט געאַרבייט — זי איז געווען קראַנק און פאַרקיהלט און אויסגע׳חלומ׳ט דאַריבער האָט פּרינץ איפּ און זיין הויז־געזינט נישט געהאט וואָס צו עסען. שוין לאַנג פאַר פסח איז צו די פּרינץ איפּען אין שטוב אריין נישט אריינגעקומען א ברעקעל חמץ, און זיי האָבען זיך אויסגעלאָזט ווי די ליכט.

דער אלטער פּרינץ איפּ אליין האָט שוין אויסגעזעהען

ווי א ביליגער שאַטען פון זיך זעלבסט — שלעכט גע־צייכענט. מיט א פאַרוואָקסענער שטעכיגער באָרד, איינ־געפאַלענע באַקען, און דאָס שרעקליך רויטע העמד, האָט אויסגעזעהען ווי א לעבעדיגע סאַטירע אויף דעם „צלם אלקים“ און איז געווען א שרעקליכער געגענזאַץ הן צו איזידאָרא דאַנקאַן הן צו אַפּאָלאָ פון בעלוועדיר.

צוויי וואָכען פאַר פסח האָבען זיך די שכנים דער־וואוסט פון פרינץ איפּ'ס גאָר נישט פרעהליכער לאגע און געמאָלדען צו חברה „מעות חטים“. די חברה האָט די זאַך אונטערזוכט און ווי איהרע פינאַנציעלע מיטעל זענען היי־יאָהר געווען קליין, האָט זי פונדעסטוועגען באַשלאָסען, אז מען קאָן נישט לאָזען, אז א איד זאָל ח"ו עסען חמץ אום פסח און זיי האָבען ארויפגעשיקט צו די פרינץ איפּ'ען פערציג פונט מצות, א טעפּעל שמאַלץ און א האלב שאָק אייער.

אז דער אלטער פרינץ איפּ האָט דערזעהען די פסח'־דיגע זאַכען, האָט ער א ציטער געטון מיט'ן גאַנצען קערפּער, געוואָרען רויט ווי די פרייהייט נאָכדעם ווי מען האָט איהר דערלאנגט א פּאַטש, און ער האָט גענו־מען שרייען מיט באַנומענע קולות, אז מען זאָל די אלע פסח'דיגע זאַכען ארויסוואַרפען אין דרויסען ארויס און אז ער, דער אלטער, גרייז־גרויער פרינץ איפּ, וועט בשום אופן נישט עסען קיין אנדער זאַך ווי חמץ.

עס איז געגען דעם פּרינציפּ!

ער קאָן נישט!

דאָס הארץ דערלאָזט נישט!

עס עקעלט איהם!

הערט איהם אויף איינצושמועסען!

בעסער אויסגעהן ווי א ליכט, איידער עסען מצות!

און וואָס האָט געזאָגט די פרינץ איפּיכע? — וואָס האָט זי נעבעך געזאָלט זאָגען? זי האָט געוויינט ווי א קינד, געקייט מצות מיט שמאַלץ און געבעטען איהר מאַן ער זאָל נישט זיין קיין גזלן אויף זיך אליין... און אז ער

זאָל געדענקען אז בשעת א מענש איז אין נויט מוז ער א קאפיטשקע פארבויגען זיינע פרינציפּען. און — זי האָט אָפּגעפּרעגלט א פּאָר אייער.

אָבער פּרינץ איפּ, הונגעריג ווי ער איז געווען, און שטארק ווי די געפּרעגלטע אייער מיט די פרישע מצות האָבען גערייצט זיין אפּעטיט, האָט ער זיך דאָך נישט געקאָנט באשליסען צו אזא זאך ווי צו עסען מצות אום פּסח.

דאָס הארץ האָט איהם נישט דערלאָזט — דאָס אלטע פּרינץ איפּישע הארץ!

און אזוי האָט זיך געשידען פון דער וועלט איינער פון גאָר די לעצטע, פון די סאמע פּרינציפּיעלסטע פריי־דענקער און טרעגער פון ליכט, גענאָסע פּרינץ איפּ — פריעדען צו זיין נשמה!

און איצטער, קינדער, לאָמיר זיך אלע אויפהויבען און זינגען די מארסעליעזע!

# עסען די נאַכטיגאַל?

פאָרוואָרט.

איידעלמאַן איז אַן עסטעט.

איידעלמאַן טרינקט הימעלזאַפט. איידעלמאַן עסט שאַטענשפּינוועבס, סערווירט אויף אַ חלום פון שטערענ־גאָלד, און באַשאָטען מיט לבנה־רייז.

איידעלמאַן טראַכט אַזוינע איידעלע געדאַנקען, אַז ער קען זיי אַזש נישט באַפען. יעדער געדאַנק זיינער איז בלויז אַן איידעלער חשד פון אַ געדאַנק, וואָס ער וואָלט גענוואָלט דענקען, נאָר ער ווייסט נישט ווי אַזוי.

איידעלמאַן איז פול מיט געפיהלען, מיט צאַרטקייט, מיט נאָבעלקייט, מיט האַרציגקייט.

איידעלמאַן, איידעלמאַן!

דיין יעדער שריט איז שעהנקייט, דיין יעדער בליק איז ערהאַבענקייט. דיין יעדע טראַכטונג איז אַ בית־המקדש, מיט אויסגעלאָשענע מנורה־ליכט. אַ טרוים־גאָרטען ביזטו, מיין איידעלמאַן, און דיינע ערשט־פרוכטען זענען — עסטעטיק, שעהנקייט, עהרליכקייט.

אַ ליעד ביזטו, מיין איידעלמאַן, אַ פּאָעמאַ, אַ מאַני־לייביזם.

און גאָרנישט אין דיר איז גראָב. און גאָרנישט אין דיר איז רוי. און גאָרנישט אין דיר איז טאָגטעגליך — לויטער טרוימעריי און פורפורשיין און פרוכת־פייער און זאפראַן־רויטקייט.

אַ שפּיץ פון אַ הימאַלאיען־באַרג ביזטו, מיין איידעל־

מאַן, אַ הירש וואָס אַנטלויפט פונ׳ם וועלט־יאַריד! אַ שטיק נשמה־סאַמעט, אויסגעשפּרייט אויף אַ טומאַן פון צעריבענע דימענטען.

מיין איידעלמאַן, מיין איידעלמאַן, מיין איידעלסטער איידעלמאַן, איך טו נעמען און דערצעהלען וועגן דיר אַ מעשה, וואָס איך האָב אַליין אויסגעטראַכט.

די געשיכטע מיט איידעלמאַנען.

איידעלמאַן דער ליעבער, איידעלמאַן דער שעהנער, איידעלמאַן דער דורכאויס עסטעטישער איז פאַרוואָרפען געוואָרען אויף אַ ווייטען אינזעל, וואָס איז באַקאַנט אַלס יעדערטאָג־אינזעל.

ווי אזוי? און ווען? וואָס האָט זיך געטון פאַרלויפען מיט אונזער הויכעסטעטישען איידעלמאַן? און פאַרוואָס איז ער מיט אמאָל, און פלוצים, און אָהן שום נאָטיץ צו אונזערע לעזער, אראָפּגעשטופּט געוואָרען פון דער בלאַסער טרוימוועלט, צו דעם האַרטען, נישט־עסטעטישען אינזעל פון פּוטערברויט? קיינער ווייס נישט. איך ווייס נישט. דו ווייסט נישט. מיין פעטער ווייסט נישט! מ׳ווייסט נאָר דעם פאַקט:

דעם צוויי און צוואַנציגסטען סעפּטעמבער פון דעם יאָהר אַזוי־און־אַזוי איז אונזער איידעלמאַן אויפגעשטאַנען אין דער פריה, און געזעהן אז ער שלאָפט נאָך. אָדער אפשר איז דאָס געווען נאָר אַ שרעקליכער חלום? אפשר חלומ׳ט זיך איהם נאָר, אַז ער שלאָפט, בעת אין דער אמת׳ען איז ער שוין לאַנג אויפגעשטאַנען, און גענומען זיין טעגליכען שפּאַציר איבער די ליליענפעלדער פון קונסט־און־דראַמאַ?

איידעלמאַן האָט זיך אַ קניפּ געטון און ער האָט געזעהן, אַז סע טוט וועה.

איידעלמאַן האָט געוואָלט אַ געשריי טון פון וועהטאָג, אָבער ער האָט זיך דערמאָנט, אַז עס פּאַסט נישט פאַר אַן עסטעט אַרויסצולאָזען אַ נישט־מוזיקאַליש געשריי,

האָט ער נישט געשריען, נאָר ער האָט געטון אַ קליין זיפצעל, גומער דריי, זיך געבראָכען די פינגער לויט אַ גע־ וויסען ריטם, און זיך אוועקגעזעצט טראַכטען וועגען די — אַלטע גריבען.

אָפּגעטראַכט וועגען די אַלטע גריבען איז ער אוועק צו די רוימער מיט זייער וואונדערבארער קולטור, און אַז ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט די רוימער, האָט ער גענומען און איז אוועקגעגאַנגען ערגעץ אין אַ ווינקעל — מיר ווילען נישט זאָגען נאָך וואָס.

דאַן האָט ער זיך אוועקגעלאָזט איבער די גאַסען פונ׳ם לײדיגען אינזעל און גענומען זוכען מאַטעריאַל פאַר נאָכ־ מיטאָג־חלומות אָבער ער האָט נישט געפונען. דער אינזעל איז געווען ליידיג און וויסט.

די ווייטערע ענטוויקלונג פון אונזער הומאָרעסקע.

ליידיג און וויסט איז געווען דער אינזעל. ליידיג און וויסט איז געווען איידעלמאַנ׳ס נשמה.

און דערווייל איז ער געוואָרען הונגעריג — ש ט אַ ר ק הונגעריג; מ׳קאָן זאָגען: אַ ו י ס ע ר ג ע ו ו ע ה נ ל י ך הונגעריג.

דער נעמליכער הונגער האָט איהם ווי אַ ווילדער וואָלף אַנידערגעוואָרפען צו דר׳ערד און געפרעסען זיין לייב זעהר פאַמעליכען אָבער זעהר ג ר י נ ט ל י ך.

איידעלמאַן איז אַזוי געלעגען עטליכע טעג און נישט געוואוסט וואָס צו טון. אינדערהיים איז ער געוואוינט געווען צו עסען פונ׳ם בעסטען, און צו טרוימען פונ׳ם שענסטען. ארבייטען האָט איידעלמאַן נישט געארבייט, ער האָט נאָר געטרוימט און — געגעסען, און איצט!

אַה! צוויי מאָל אַה!! דריי מאָל אַה!!! עס איז געווען טרויעריג.

איידעלמאַן איז געווען פארשמאַכט. די ליפּען זענען ביי איהם געווען צובּרענט די טרוימען זענען איהם געווען

אויסגעטריקענט, און די עסטעטישע געפיהלען זענען גע־
ווען אזוי ווייט פון איהם ווי א — שטיקעל ברויט.

איידעלמאן איז געווען פארצווייפעלט און ער האט נישט געוואוסט וואס צו טון, האט ער געטון דאס וואס יעדער מענש טוט געוועהנליך ווען ער האט נישט וואס צו טון — ער האט געזוכט עסען.

מיט די הוילע פינגערנעגעל האט אונזער איידעלמאן זיך געגראבעלט אין דער ערד, אפשר וועט ער עפעס געפינען צו עסען. אבער די ערד איז געווען טרוקען און זאמדיג און לעדיג פון אלצדינג — אפילו פון ווערים.

„אט הפנים אז די ווערים האבען דא נישט וואס ווע־רעמדיג צו מאכען", האט איידעלמאן געטראכט מיט א נישקשה'דיגער סאטירע. אבער זיין הונגער איז געווארען אלע מינוט שטארקער, שרייענדיגער.

די שווערד פון הונגער האט זיך געשארפט אויף דעם געדאנק פון געוועזענע מאלצייטען און איז אלע מאל גע־ווארען בלישטשענדער, געפעהרליכער.

צום סוף, ווען איידעלמאן האט זיך שוין כמעט נישט געקאנט באוועגען פון מיעדקייט און פון הונגער, האט ער דערזעהען א נאכטיגאל, וואס איז אראפגעפא־לען לעבען איהם — מיט א צעבראכענעם פליגעל.

א נאכטיגאל! האט זיך איידעלמאן דערפרעהט — א שעהנע, גראהע נאכטיגאל. א מעלאנכאלישע נאכטי־גאל, וואס איז פארליעבט און פארוואונדעט.

און ווי שעהן זי זינגט! איידעלמאן האט צוגעמאכט די אויגען און אנגעטרונקען זיינע אויערען מיט'ן פאר־בענקטען געזאנג פון דער גראהער נאכטיגאל און ער האט זיך דערמאנט אז ער איז — הונגעריג.

און דא האט זיך געשטעלט די פראגע:

זאל ער עסען די נאכטיגאל? אדער זאל ער הערען ס'געזאנג פון דער נאכטיגאל?

דאס געזאנג פון דער נאכטיגאל, האט ער גע־טראכט, איז א טרייסטונג צו דער נשמה. אבער דאס

פלייש פון דער זינדיגער נאכטיגאל, האָט ער געטראַכט, איז אַ טרייסטונג צום — לייב, אָהן וועלכען די נשמה קאָן נישט לעבען, דאָ אויף דער זינדיגער ערד.

איידעלמאן האט געכאפט די פארוואונדעטע נאכטי־גאל, זי געהאלטען אין דער לייכט פארמאטערטער פויסט און געפיהלט ווי עפעס אַ זינדיגע נשמה ציטערט ביי איהם אין דער האנט און בעט זיך, מ׳זאָל זי פריי לאָזען.

און אַ צווייטע נשמה — אומעטום אין זיין לייב — האָט פונקט אזוי געציטערט און זיך געוואָרפען און גע־בעטען — מ׳זאָל זי ראטעווען, מ׳זאָל איהר געבען צו עסען די נאכטיגאל.

און די גראָהע נאכטיגאל האָט אלץ געזונגען איהר ליעד — אזוי פארליעבט, אזוי פארבענקט.

און איידעלמאן האָט געוואוסט — וואָס זאָג איך געוואוסט? ער איז ביי זיך געווען זיכער, אז דאָס גע־זאנג פון אַ פארבענקטער נאכטיגאל איז דאָס שענסטע וואָס דאָס לעבען פארמאָגט — דאָס דערהויבענסטע, דאָס וואונדערבארסטע. ער האָט אָבער אויך געוואוסט אז דאָס פלייש פון אַ פארבענקטער ציטערדיגער נאכטי־גאל איז זעהר געשמאק צום עסען.

אויסערגעוועהנליך געשמאק!

און איידעלמאן האָט געוואויגען אויף דער וואָגשאָל פון׳ם שכל דעם געדאנק:

עסען די נאכטיגאל? אָדער — לאָזען זינגען די נאכטיגאל? אז די נאכטיגאל וועט זינגען, האָט ער גע־טראכט, וועל איך האָבען אַ גייסטיג פארגעניגען אַ שטי־קעל צייט, אָבער — איך וועל שטארבען פון הונגער. און אז איך וועל ע ס ע ן די נאכטיגאל וועל איך האָבען גייסטיגע יסורים אָבער איך וועל לעבען און מיך אפשר ראטעווען פון מיין שווערער לאגע.

און שטילערהייד — און צעביסלעכווייז — און לאנגזאם האָבען איידעלמאן׳ס פינגער געטון דאָס וואָס

אײדעלמאַן אַלײן האָט געװאָלט זײ זאָלען טון נאָר
ער האָט נישט געהאַט דעם מוט זײ צו זאָגען.

— — — — — — — — — — — — — — —

און די נאַכטיגאַל, מײנע טײַערע שװעסטער אין ברי־
דער, זינגט שױן נישט מעהר, זינגט שױן נישט מעהר.

# דער גע־לאַנגווייליגטער

איך האָב איהם געטראָפּען ביים צאָהן־דאָקטאָר. ער איז געזעסען אויף א ווייכען שטול אין ווארט־צימער. גענעניצט דורך די פינגער מיט א טיעף־טיעפען געניץ, און געקוקט נישט־פאראינטערעסירט אויף די פאציענטען וואָס זענען געזעסען און געוואַרט אין געהאקטע וואונדען אויף דער מינוט ווען דער וויים־געקליידעטער מערדער וועט ארויסקומען און זאָגען „נעקסט".

איך האָב זיך געפּרובט פארווײלען די צייט מיט וואָס־עס־איז, כּדי צו פארגעסען מיינע יסורים, וועלכע זענען מיר געקומען פון א גוסס'ן באקצאָהן. איך האָב זיך דאָ־רום גענעהנטערט צו דעם מענש וואָס האָט נישט אויפ־געהערט געניצען דורך די פינגער און איהם געפרעגט:

— אויך א באקצאָהן?

דער מענש האָט מיך אָנגעקוקט מיט צוויי בלאָהע שלאָפערס. ווידער א געניץ געטון מיט די הוילע ליפּען, ווייזענדיג דערביי צוויי שורות מיט געזונטע און ווייסע ציין, און האָט געענטפערט:

— כ'וויים נאָך נישט, וועלכען צאָהן כ'על זיך לאָזען ארויסנעמען.

—איהר ווייסט נישט אויף זיכער, וועלכער צאָהן עס טוט אייך וועה? — האָב איך געפּרובט טרעפען.

— וועה? — האָט ער מיך אָנגעקוקט שטארק פאר'־חדוש'ט וואָס איך בין איהם חושד אין אזא זאך — מיר טוט גאָרניש־נישט וועה. איך בין געזונט ווי אן אייזען און פון ציין־וועהטאָג האָב איך קיינמאָל נישט געליטען. נאָר גלאט, ס'איז מיר אומעטיג.

— איהר זענט גלאַט־אַזוי געקומען באַזוכען דעם צאָהן־דאָקטאָר? איז ער נישט אייערם אַ פריינט? — פאַראינטערעסיר איך זיך צו וויסען, וואָס סע האָט גע־בראַכט דעם אידען אהערצו.

— פריינד, שמיינד, כי לעולם חסדו! — וויצעלט זיך דער איד מיט אַ קול וואָס דו ווייסט נישט צי סע קומט ביי איהם פון ארבעל, צי דער גוטער יאָהר ווייסט פון וואַנען. — אַ פריינד גאָר! ער איז מיר אַזוי אַ פריינד, ווי ער איז אַ י י ך אַ פריינד. איז ער אייך אַ פריינד? אודאי איז ער אייך נישט קיין פריינד. מיר איז ער אויך נישט קיין פריי... — האָט ער אָנגעהויבען געניצען — פריי־אי־נד. עווהאָך... עוועהע איז מיר — און ער האָט פאַרענדיגט דערמיט וואָס ער האָט זיך אליין געגעבען אַ פעטשעל איבער די ליפען, און זיך איבערגע־שלאָגען אַ קרעכץ.

— איהר ווילט זיך מסתמא לאָזען אויספּוצען די ציין? — געה איך מיט איהם מיט הינטערגעגנג, ווי מיין טבע איז אין אַזא פאַל.

— וואָס אייך קאָן איינפאַלען! — מאַכט דער איד, און הויבט אויף פון טיש אַ בלאַט־צייטונג און נעמט אין איהר אריינגעניצען. — ציין אויספּוצען גאָר! מעהר געהט מיר נישט אָפּ, נאָר צו האָבען אויסגעפּוצטע ציין. ווייטער, הייסט דאָס, איז דאָס לעבען זעהר אינ־טערעסאַנט. מ'דאַרף נאָר האָבען ווייסע ציין, וועלען שוין אַלע פראַגען פון לעבען־און־טויט זיין פאַרענטפערט. וועהאַ־אַך! — ענדיגט ער מיט אַ געניץ און גיט אַ שוידער מיט'ן גאַנצען לייב.

— איך פאַרשטעה נישט וואָס איהר מיינט דערמיט — זאָג איך. — וואָס האָט עס צו דער פראַגע פון לע־בען־און־טויט? אַזוי לאַנג ווי אַ מענש לעבט דאַרף ער אַלצדינג. און ציין — זאָג איך — זענען אַ וויכטיגע זאַך. והא ראיה...

— מ'וויים, מ'וויים דערפון! — שלאָגט ער מיר

איבער די רייד. מ'ווייסט די טיעפע חכמות. נאָר מיך אינטערעסירען זיי נישט. מיר איז לאַנגווייליג פון די ביכער, מיר איז לאַנגווייליג פון לעבען, מיר איז לאַנג־ווייליג פון אָטעמען טאָג־ווי־נאַכט. מיר איז לאַנגווייליג פון אַלצדינג. אפילו פון דער לאַנגווייליע אַליין איז מיר אויך לאַנגווייליג. ווען עמיצער זאָלען ווען אַראָנזשי־רען אויף היינט אַן ערד־ציטערניש אָדער אַ וועלט אונ־טערגאַנג, וואָלט איך אַ קאָפּעטשקע אויפגעלעבט. אַזוי איז מיר שרעקליך נודנע. עווהאַ־אַ!

דער איד האָט ווידער געעפענט די רויט־ווייסע אָפּ־גרונדען פון זיין מויל, ארוינגעצויגען אין זיך אפשר דרייפערטעל פון דער גאַנצער לופט וואָס האָט זיך גע־פונען אין דעם דאָקטאָר'ס וואַרט־צימער, און ער האָט געזאָגט צו זיין רעכטער קניע:

— כ'על זיך אפשר היינט לאָזען אַרויסנעמען צ ו ו י י ציין מיטאַמאָל. מיר איז שרעקליך לאַנגווייליג.

—עס לאָזט אייך אָפּ אויף אַ רגע און סע כאַפּט אייך ווידער אָן? — וויל איך טרעפען דעם גאַנג פון זיינע יסורים, לויט מ י י נ ע.

— 'שגעטראָפען! — מאַכט דער איד. — איהר זענט אַ שלעכטער טרעפער. נישט סע כאַפּט מיך אָן נישט סע לאָזט מיך אָפּ.

— וואָס־זשע דען זאָגט איהר, אַז איהר וועט זיך לאָזען אַרויסנעמען צוויי ציין? — טראָג איך איהם אַנטקעגען מיין טיעפע אונוויסענהייט, בנוגע זיין לאַגע.

— גלאַט אַזוי — מאַכט ער. — כ'האָב נישט וואָס צו טון און לאַנגווייליג איז מיר האָב איך מיר גע־טראַכט: כ'על אריינגעהן און מיר לאָזען ארויסנעמען אַ פּאָר ציין וועל איך זיך פארווייל́ען די צייט.

איך האָב איהם אָנגעקוקט און נישט פארשטאַנען וואָס ער רעדט.

— יעס — מאַכט ער. — וואָס חידוש'ט איהר זיך אַזוי? אלעמאי איך האָב זיך געלאָזט אויסדריליווען אַן

אויער? צי אז איך האָב זיך געלאָזט מאַכען אן אָפּע־ראציע אויף אפּענדיסיטים! האָב איך עס באדארפט האָבען? נישט מעהר, ס'איז מיר געוואָרען לאנגווייליג בין איך אריין אין א שפּיטאָל, באצאָהלט פינף־און־פער־ציג דאָלאר אין קעש און זיך געלאָזט אָפּערירען.

— וואָס הייסט?

— אזוי הייסט! נו אלעמאי איך האָב זיך מיט עטליכע חדשים צוריק גע'שמד'ט אויף א פּרעסביטאַ־ריאנער! האָב איך עס באדארפט האָבען? פארשטעה איך וואָס סע הייסט פּרעסביטאריאניזם! נישט מעהר זאָלען מיינע שונאים וויסען פון זייער לעבען. גאָר נישט: ס'איז מיר געוואָרען לאנגווייליג און איך בין גראָד פאר־בייגעגאנגען א פּרעסביטארישע קירך, האָב איך זיך אריינגעכאַפּט אויף א ווײלע און זיך גע'שמד'ט. אָבער אין מיטען שמד'ען זיך בין איך אנדרימעלט געוואָרען. ס'איז מיר געוואָרען נודנע דער גאנצער עסק.

— אָבער דאָס איז דאָך נישט שעהן — וויל איך אריינשטעלען א וואָרט קעגען זיין האנדלונג.

— שעהן, שמיין, כי לעולם חסדו! — ווערט ער ווידער וויציג — ס'איז מיר זעהר וויכטיג, צי ס'איז שעהן, צי ס'איז נישט שעהן. איך ווייס נאָר אז ס'איז מיר לאנגווייליג און איך האָב נישט מיט וואָס צו פארברענגען די צייט און אז דאָס לעבען איז פּוסט און אָהן אינהאלט. — ענטשולדיגט מיר! — האָט ער זיך אליין איבערגעשלאָגען די רייד. — אָט איז שוין דער דענטיסט. איך מוז אריינגעהן און זיך לאָזען ארויס־נעהמען א פּאָר ציין. וואור־ר! — האָט ער פארענדיגט מיט אַ שוידער. — סאַ נודנע לעבען דאָס איז. יעס, הער דאָקטאָר — האָט ער שוין גערעדט צום דענטיסט. צוויי ציין! עס מאכט נישט אוים וועלכע.

# דער אַנטלאָפּענער מאַן

.1

— וואוהין אנטלויפט מען ערגעץ פון זיך אליין ? — אָט אזוי האָט געטראכט מעכעלעליע דער פארצווייפעל־טער, ווייל ער איז געווען פארצווייפעלט, שטארק, זעהר און זעהר ! צו זיין פארצווייפלעניש איז נישט געווען קיין גלייכען אויף דער גאנצער וועלט. הינו ? — לאָמיך געבען אן אורזאך ? — האָב איך נישט ! אָבער איך פארזיכער אייך, מיט א געשוואָרענעם דאָקומענט, געצייכענט ניו יאָרק דעם 28טען יוני, 1917, אז מעכעלעליע איז געווען פארצווייפעלט. ער איז געשטאנען ביים ברעג פון אן אָפּגרונד. איין שטופּ — ווען אימיצער זאָל איהם חלילה געוועזן געבען — וואָלט ער חלילה געווען אראָפּ־געפאלען און דער׳הרג׳עט געוואָרען.

אָבער קיינער האָט מעכעלעליע׳ן נישט געטון קיין שטופּ. אפילו נישט די בלינדע וועלט־קראפט. ער אליין מעכעלעליע, פלעגט יאָ אמאָל זיך אונטערשטופּען מיט א פלייצע, כדי ער זאָל געהן פאָרווערטס, מוטיג־ברודער־מאן־דערארבייטאויפגעוואכט, אָבער סע האָט נישט גע־האָלפען, ווייל וויפיעל דער הינטערשטער מעכעלעליע האָט נישט געשטופּט פאָרווערטס מיט דער פלייצע, האָט אָבער דער פאָדערשטער מעכעלעליע צוריקגעשטופּט און נישט געלאָזען. עס איז געווען — ווי זאג איך אין איינעם פון מיינע עלף בענדער ? — א קאמף אויף לעבען־און־טויט; אויף אהין־און־צוריק; אויף זיין־אָדער־נישט־זיין. און געוואונען האָבען ביידע כחות — סיי דער כח וואָס האָט איהם געשטופּט צו געהן פאָרווערטס, סיי דער כח

וואָס האָט איהם געשטופּט צו געהן ריקווערטס. און צווישען די דאָזיגע צוויי קרעפטיגע כחות איז געשטאַנען אונזער מעכעלעליע און זיך נישט גערירט פון אָרט, און נישט געוואוסט וואָס צו טון, און ער איז געווען זעהר אונגליקליך, זעהר דערשלאָגען, פון זיין לאַנגזאַמען שטעהן, פון זיין אונקאָמפּליכקייט געגען דעם מעכטיגען טיראַן, פון זיין לאַגע, וואָס איז געוואָרען — פון טאָג צו טאָג — אַלץ מעהר און מעהר.

און אַז די לאַגע האָט איהם פאַרכאַפּט אַזוי שטאַרק, אַז ער איז געווען פול מיט לאַגע פון קאָפּ־ביז־די־פיס, און זי האָט איהם אַזש אַרויסגעפּלייצט פון די אויגען, האָט מעכעלעליע — איבערשלאָג: ווייל ער איז געווען זעהר אַ קלוגער! — אָפּגעקלערט אַז ער ליידט צופיעל פון די אומשטענדען.

ווען נישט איך, מעכעלעליע — האָט ער געטראַכט — וואָלטען די ביטערע אומשטענדען נישט געהאַט אויף וואָס זיך צו האַלטען און זיי וואָלטען זיך געמוזט אויפלעזען.

און מעכעלעליע האָט אונטערגעפינגערט דעם שטערען זיינעם מיט דעם לענגסטען פינגער וואָס ער האָט פאַרמאָגט (קיין לענגערען האָט ער נישט געהאַט!) און ער האָט באַשלאָסען, אַז — אַך, ווען דער מענש זאָל קאָנען אַנטלויפען פון זיך זעלבסט!

— וואָס זשע וואָלט געווען? — האָט ער דיאַלאָגירט מיט זיך אַליין.

— וואָלט געווען זעהר גוט! — האָט ער זיך געענטפערט, — וואָלט איך נישט געוואוסט וואו איך בין אהינגעקומען און — פאַרפאַלען!

און ער האָט געטראַכט, געטראַכט, געטראַכט. ער האָט אַזוי לאַנג געטראַכט, ביז די שפּיץ־פינגער פון די פיס האָבען איהם אַזש גענומען וועה טון פון — טראַכטען. און ענדליך, און סוף־כל־סוף, און שלום־פאַרהאַנג,

האָט ער באַשלאָסען, ווי מיר וועלען זעהן אין קאַפּיטעל צוויי.

## 2.

אַנטלויפען פון זיך זעלבסט! אַנטלויפען פון זיך זעלבסט! — אַזוי האָט באַשלאָסען מעבעלעליע מיט דעם פעסטעסטען באַשלוס, וואָס מען קאָן נאָר באַשליסען. אָבער ווי אַזוי וועט ער עס טון? ווי אַזוי וועט ער אויספיהרען, אַז ער אַליין זאָל זיך נישט דערוויסען דערפון? וואָרים ער איז זעהר אַ קלוגער, כמעט — ווי אַזוי זאָל איך זיך אויסדריקען? — כמעט אַ וועלט־חכם און איהם איז זעהר שווער אָפּצונאַרען.

פונדעסטוועגען איז געבוירען געוואָרען ביי איהם אַט־וואָס־פאַר־אַ־פּלאַן:

ער וועט זיך עטליכע שעה דורכאַנאַנד אַרומדרעהען אַרום דעם הויז וואו ער וואוינט, כדי ער זאָל זיך אַראָפּפיהרען פון שפּור, און ער זאָל מיינען, אַז ער וויל אַרויפגעהן לעזען עפּעס אַ ביכעל, און דערנאָכדעם, אַז קיינער וועט נישט זעהן, וועט ער כאַפּען די באַהן און אוועקפאָהרען קיין שיקאַגאָ — וועט זיין פאַרפאַלען!

געזאָגט און געטון. מעבעלעליע האָט זיך עטליכע שעה דורכאַנאַנד אַרומגעדרעהט אַרום דעם הויז, וואו ער האָט געוואוינט, אַלץ גע'טענה'ט מיט זיך אַז ער וועט באַלד אַרויפגעהן לעזען עפּעס אַ ביכעל, — ער האָט זעהר אַן אינטערעסאַנט ביכעל! און וועגען אַנטלויפען האָט ער מיט זיך נישט געשמועסט, נישט דערמאָנט אפילו מיט קיין וואָרט, אַז ער וויל פאָהרען קיין שיקאַגאָ. וואָרים ער ווייסט דאָך ביי זיך, אַז ער איז אַ קלוג מענשעל, און — לאָז ער זיך נאָר אַרויסכאַפּען מיט אַ וואָרט, אַז ער פאָהרט אוועק, וועט ער שוין פאַרשטעהן, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיג, און ער וועט שוין האַלטען אויף זיך אַן אויג.

און ווי ער איז אַרומגעגאַנגען אַרום'ן הויז און געשמועסט מיט זיך וועגען לעזען דאָס ביכעל, האָט ער

פלוצים זיך ארומגעקוקט צו קיינער זעהט נישט, איז גע־וואָרען בלאס ווי די וואנט, דאָס הארץ האָט ביי איהם געקלאפּט ווי ביי א גזלן, און — ער האָט גענומען לויפען טשוואליאָם, גלייך צום באהן, און פּיף־פּיף־פּוף! דער צוג האָט געטון א פּייף און — דער בחור איז אוועק.

די ערשטע עטליכע מינוט האָט זיך מעכעלעליע געפיהלט זעהר גוט. „אָט — האָט ער געטראכט — איך האָב עס אָפּגעארבייט ווי א ממזר, איך בין אוועק פון זיך זעלבסט און אן עק. איצט פאָהר איך קיין שיקאגאָ. און אפילו אז איך זאָל זיך שוין כאפּען אז איך בין אנטלאָפען, וועט שוין זיין צו שפּעט נאָכצולויפען, ווייל די באהן געהט שוין."

ביי די ווערטער האָט מעכעלעליע געוואָלט ארויס־נעמען פון הויזען־קעשענע א פּעקעל טיטון און זיך מאַ־כען א ציגאר — ערשט ער גיט א קוק: ס'איז זיינע הויזען. די הויזען פון דעם אלטען מעכעלעליע, וועלכער איז געשטאנען ביים אָפּגרונד פון פארצווייפלונג, און פון וועלכען ער איז אנטלאָפען.

— שלעכט! — טראכט ער. — לאָמיר נאָר זוכען ווייטער.

ער זוכט ווייטער, זעהט ער אז — ער אליין איז אויך דאָ. ער פאָהרט מיט.

— אויב אזוי — טראכט ער — איז פארפאלען. גע־כאפּט זיך ביי דער האנט. וועל איך מוזען — טראכט ער — צוריקפאָהרען א היים. אָבער דאָס צווייטע מאָל — טראכט ער — וועל איך שוין זיין מעהר פאָרזיכטיג. ווייל איך האָב שוין אביסעל ערפאהרונג. — — — — —

3.

דאָס צווייטע מאָל האָט מעכעלעליע באשלאָסען צו אנטלויפען ביינאכט, ווען ער שלאָפט.

דער פלאן איז איהם זעהר געפעלען. נאָר אזוי ווי ער האָט זיך שוין געהאט איינמאָל אָפּגעבריהט מיט זיין אנטלויפען קיין שיקאגאָ, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאכט,

אז ד אַ ס מאָל וועט ער זיין אזוי פּאָרזיכטיג ווי מעגליך.

צוערשט האָט ער זיך געלעגט שלאָפן ווי אלעמאָל, זיך געמאכט כלומרשט ווי ער איז זעהר רוהיג, און פון זיכערקייט־וועגען האָט ער זיך א זאָג געטון פאר'ן שלאָפּ־פּענגגעהן: מנע! מיר'ן זיך שוין אזוי אָפּמוטשען אונזערע פאָר יאָהר דאָ אין ניו יאָרק. מיר'ן שוין אין ערגעץ נישט פאָהרען. דערנאָכדעם האָט ער צוגעמאכט די אויגען, זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבער'ן פּנים, כדי ער זאָל זיך נישט זעהן, און ערשט אז ער איז געווען ביי זיך זיכער אז ער איז שוין פעסט איינגעשלאָפען און אז ער האָט שוין געהערט זיין כלומרשט'דיגען שנאָרכען (דאָס האָט ער אומיסנע אזוי געשנאָרכט, כדי ער זאָל זיך אָפּ־נארען און מיינען אז ער שלאָפט!) ערשט דעמאָלט איז ער פּאמעלעך אויפגעשטאנען פון געלעגער, נישט אָנגעצונ־דען די גאז, און שטילערהייט, אויף די שפּיץ־פינגער, מיט די שיך אין די הענט, כדי ער זאָל זיך נישט אויפ־וועקען, איז ער פּאָרזיכטיג אראָפּ פון די טרעפּ און — האָט גענומען לויפען פייל פון בויגען, מיט די שיך אין די הענט.

אזוי איז ער געלאָפען און געלאָפען, אלץ ווייטער פון זיך, ביז וואנען ער איז שוין געווען אפשר אכט מייל ווייט פון זיך זעלבסט, ווען א פּאָליציימאן האָט איהם פּלוצים אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— וואוהין לויפט איהר?

— איך אנטלויף פון זיך זעלבסט. פּליעז האלטס מיך נישט אָפּ! — האָט מעכעלעליע געזאָגט אָהן אָן אָטעם און געוואָלט אוועקשטופּען דעם פּאָליציימאן.

— וואָס איז אזוי די איילעניש אויף אייך? — האָט דער פּאָליציימאן געשמייכעלט און ארייננגעגראָבען די האנט אין מעכעלעליע'ס לינקען ארבעל.

— די איילעניש איז — האָט מעכעלעליע געזאָגט — אז איך בין אוועק פון דער שטוב אָהן מיין וויסען און

איך וויל נישט אז איך זאל דערפון געוואָהר ווערען. און אך! — איז ער ארויפגעפאלען אויפ'ן פאָליציימאן'ס „בלעכעל“ און גענומען וויינען ווי א קליין קינד — שוין דאָס צווייטע מאָל וואָס איך אנטלויף פון זיך זעלבסט, ווייל איך בין זיך שוין נמאס אויף טויט און איך קאָן זיך נישט קוקען אין פנים אריין און איך מוז אנטלויפען. לאָזט מיך! — האָט ער זיך געריסען — ווייל באלד וועל איך אויפשטעהן פון געלעגער און זיך נעמען נ אָ כ־ ל ו י פ ע ן. איך בין אומיסנע ארויס פון שטוב אין די זאָקען, כדי איך זאָל זיך נישט אויפוועקען. און פליעז — זאָגט ער — מיסטער פאָליסמאן, נאט אייך אזוי־פיעל־און־אזוי־פיעל דאָלאר, אבי פארהאַלט מיך נישט. ווייל יעדע מינוט — זאָגט ער — איז ביי מיר טייער — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

און אז די קראנקען־שוועסטער פרעגט איהם וואָס ער מאכט, ענטפערט ער, אז ער וויל געהן אהיים און זיך אויפוועקען. ער איז שוין גענוג געשלאָפען. שוין צייט, — זאָגט ער — צו עסען אָנבייסען.

# אַ מענש — אַנ'איינברענגער

אַ מענש אַ באַלעבאַטישער, אַ פיינער, מיט די פיינע פּאָר ברילען, מיט דעם פיינעם נאַטור'על, מיט דעם פיינעם אַלצדינג. נאָר אַביסעל צעשויבערט — פון אינווענינג, פון אויסענווענינג. פון אויסענווענינג די באָרד, דער קאָפּ האָר, די קליידער. פון אינעווניג דאָס ביסעל געדאַנקען, וואָס ליגען אָנגעשויבערט איינס אויף ס'אַנדערע און ער פאַלט איבער זיי. אָפּגעבלישטשעטע נשמה־שפּריצען, רעשטלעך פון אַלטע הארצפּייערען, שטיקלעך אידעען פון אַלטע ביכער, שאָטענס פון אַלטע ווידער־קלאַנגען, און אַלצדינג צעשויבערט, צעקנעפּעלט, אָפּגעלאָזען, נישט פאַרקאַמט.

און הייסען הייסט ער ווי אַזוי? הייסען הייסט ער לייזערעליע — דעם אַלטען לייזערעליע'ס זוהן — אַ מענש מיט איינפאַלען. „פּעטענטס". פּאָרטלען.

דער יונגער לייזערעליע האָט אַלערליי שוואַכקייטען — שוואַכערע און שטאַרקערע.

איבערהויפּט: ער האָט אַ טבע איינצובריינגען, צו שפּאָרען, און אַ ליעבע צו אַלערליי היימיש געמאַכטע זאַכען. כמעט יעדע זאַך וואָס געפינט זיך ביי לייזערעליען אין שטוב איז געמאַכט מיט דער האַנט. אויסגעשניצט מיט אַ פּענמעסערעל — מעהר וועניגער. אפילו די קליינע יאָדערדיגע פרוי זיינע, מיט די צוויי גלאַנציגע באַקען, און פאַרשאַרפּטער קליינער נאָז זעהט אויס ווי זי וואָלט געווען אויסגעשניצט מיט דער האַנט און דערנאָכדעם אָפּגעפּאָליטורט, כדי זי זאָל גלאַנצען.

דער יונגער לייזערעליע, (דער אלטער איז שוין טויט א שעהנע פּאָר חדשים), איז נישט אזא פארדיענער ווי אן איינברענגער, אן אָפּשפּאָרער. ער האלט, אז ארייננצו־נעמען א דאָלאר אין שטוב אריין איז קיין קונץ נישט! א קונץ, זאָגט ער, צו האלטען דעם דאָלאר אין שטוב און איהם נישט ארויס לאָזען — בשום אופן. אָפּט־מאָל קאָנט איהר הערען ווי לייזערעליע'ס א זילבערנע מטבעה קוקט ארויס דורך די גראטעס פון זיין קעשענע און שרייט: „געוואלד, ראטעוועט מיך! לאָזט מיך ארויס אין דרויסען. איך דארף לופט". אָבער דער יונגער לייזערעליע (דער אלטער איז שוין טויט א שעהנע פּאָר חדשים!) הערט נישט. אדרבא, יעדעס מאָל, וואָס די יונגע מטבעה שטעקט ארויס דעם קאָפּ און וויל מען זאָל זי פארשווענדען, לייגט ער ארויף א האנט אויף איהר הארץ, און זי הויבט אָן פיבערען און קרעכצען — אזוי לאנג ביז זי דערוואַרימט זיך פון זיין בלוט און זי הויבט אָן שוויצען מיט אן איידעלען זילבערשווייס.

דער יונגער לייזערעליע (דער אלטער איז שוין נע־ביך נישטאָ!) ארבייט זעהר וועניג און פארדיענט זעהר וועניג, ווייל אז ער וועט ארבייטען און פארדיענען, וועט ער נישט האָבען קיין צייט זיך זעלבסט צו האלטען אין די הענט. וועט ער נישט קאָנען אכטונג געבען ער זאָל נישט אויסגעבען קיין איבריגען סענט.

אז איך בין צום ערשטען מאָל געוועזען ביים יונגען לייזערעליע אין שטוב, (דער אלטער לעבט שוין נישט!) האָב איך אידם געטראָפען, ווי ער איז געוועזען פארנומען מיט עפּיס א קעסטעל, אין וועלכען עס האָט זיך געפונען אלערליי געצייג: זעגען, מעסערם, דלאָטען, הובליען, שרויפענציהערס און אזוי ווייטער.

— העלאָ, לייזערעליע!

— העלאָ אזוי־און־אזוי.

— וואָס טוט איהר, לייזערעליע?

— איך שפּאָר־איין, ווי זאָגט איהר, געלט.

— הינו ?

— הערט איהר דאָך — מאכט ער. ס'איז מיר קאַליע געוואָרען, ווי זאָגט איהר, א שליסעלע. דאַרף קאָסטען אפשר פופצעהן סענט עס צו פאַריכטען, וועל איך דאָך נישט געהן ארויסוואַרפען קיין פופצעהן, ווי זאָגט איהר, סענט אויף א, ווי זאָגט איהר, שליסעלע, האָב איך מיר געקויפט א לעסטעל מיט, ווי זאָגט איהר, געצייג פאַר פינף־און־פערציג. ווי זאָגט איהר, טולער און איך פאַריכט מיר אליין, ווי זאָגט איהר, דאָס שליסעלע.

— אָבער עס איז דאָך א משוגעת !

— אודאי, וואָדען, האָט איהר געוואָלט ? איך זאָל נעמען, ווי זאָגט איהר, און ארויסוואַרפען פופצעהן, ווי זאָגט איהר, סענט, ווי אין בלאָטע אריין, פאַר גאָר נישט. — ע ר.

— אָבער אזוי קאָסט דאָך אייך א סך טייערער ! — א י ך.

— פאַרוואָס קאָסט מיך טייערער, ס'געצייג קאָן מיר געדויערען, ווי זאָגט איהר, אייביג, און מ'קאָן מיט זיי פיקסען אפשר דריי מיליאָן, ווי זאָגט איהר, שליסעלעך ! — ע ר.

אז די קליינע פרוי זיינע, האָט דערהערט מיינע רייד, איז זי ארויפגעפאַלען מיטביידע פאָדערשטע אויגען אויפ'ן ארבעל פון מיין נייעם אויבעראָק, זיך צעוויינט, און מיר דערצעהלט, אז, וואָס זאָל זי טון מיט איהר משוגענעם מאַן ? און געוואַלד, וואָס טוט מען ? און וואָס טוט מ ע — ה ן ? נאָר ער קויפט געצייג און נאָר ער שפּאָרט איין געלט, און ער שטעלט זי דערמיט בדלות — שטעלט ער זי. דאָס ביסעל וואָס זי פאַרדיענט ביי איהר ארבייט, געהט אריין אין אלערליי מאַשינען, געצייג, מאָטאָרען, ענזשינס, וואָס ער קויפט, כדי איינצושפּאָרען עטליכע גראָשען.

— דערצעהלט ! דערצעהלט, מאדאם ! — א י ך.

— אָי, ער רואינירט אונז דער משומד ! — ז י.

— קאָנט איהר דאָך איהם זאָגען! — איך.

— אז איך זאָג איהם, טענה'ט ער, אז ער מוז איינ־ברענגען. אָט נעכטען למשל, האָט ער אראָפּגעברענגט אָט יענע ריעזיגע מאשין, וואָס שטעהט דאָרט אין ווינ־קעל, איהר זעהט? — זי.

איך האָב א קוק געטון און דערזעהען עפּעס א ווילדע מאשין מיט רעדער און מיט אַלערליי קונציגע זאכען.

— דאָס איז, זאָגט זי, א מאשין אויף אריינצור־ברענגען צוריק דעם אויסגעקנאקטען קנאק, אין א פּלעשעל זאָדע־וואסער. צו מאכען אזא גוז, זאָגט זי. — און די קיילעכדיגע זעגען אָט דאָרטען זעהט איהר?

— יאָ.

— דאָס איז א מאשין אויף צו שניידען די פּרייזען פון לעבענסמיטעל. אָבער דאָס איז אַלץ גאָרנישט. דער עיקר געלט געהט ביי איהם אוועק אויף צו זיין א גוטער בעל־הבית. נישט קיין אויסברענגער. אָט צומביישפּיעל איז ביי אונז נעכטען צעבראָכען געוואָרען א בענקעל, וואָס האָט אין די גוטע יאָהרען, געהאט די ווערט אפשר פינף־און־ניינציג סענט. וואָס מיינט איהר האָט מיין לייזערעליע געטון?

— עס ארויסגעוואָרפען! — האָב איך גע'נביא'ט.

— וויים איך וואָס איהר רעדט! ער האָט געקויפט פאר פיער טולער א הובעל, פאר אַנדערהאלבען טולער א האק, פאר זעכציג סענט א ברעט, און ער האָט זיך גענומען אליין מייסטרעווען אזוי לאנג ביז וואנעט ער האָט צעבראָכען די האק, דאן איז ער אוועק און האָט גע־קויפט אָט יענע מאשין אויף צו פיקסען העק. אָט ליגט זי דאָרטען אונטער'ן בעט. געקאָסט צוויי־און־פערציג טולער! נו, מאכט זי, קאָן מען לעבען?

בעת איך בין אזוי געשטאנען און גערעדט מיט לייזערעליע'ס פרוי האָט זיך דערוייל דערהערט א שטאר־קער קנאק, ווי פון א געפּלאצטען דאמף־קעסעל.

— דאָס איז מיין לייזערעליע'ס א מאשין אויף צו

פ י ק ס ע ן  געפלאצטע מאשינען! — האָט די מאדאם ל. געזאָגט — איצט וועט מען שוין דארפען קויפען א נייע מאשין.

— איז דאָך דאָס א מעשה אָהן א סוף! — מאך איך צו איהר.

— פרעגט שוין גאָרנישט, מאכט זי, מיט א טיפען זיפץ, מיר זיינען פארלוירען אויף אייביג! זיין איינברעכ־גערייו נעמט ביי אונז צו דעם לעצטען סענט — וואָס איך פארדיען, און אלץ דערפאר וואָס ער איז נישט קיין פארשווענדער. אָט נעכטען, צום ביישפיעל, האָט ער געקויפט א מאשין אויף צו מאכען טשוועקעס. ער קאָן, זאָגט ער, נישט באהויפטען צו צאָהלען א פעני פאר א טוץ טשוועקעס. ס'איז, זאָגט ער, ערגער ווי רויבעריי.

— און וויפיעל קאָסט איהם די מאשין אויף צו מאַ־כען די טשוועקעס?

— קנאפע דריי הונדערט טולער, מאכט זי, אָבער עס א ר ב י י ט  נ י ש ט! — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אז איך האָב געהאלטען ביים ארויסגעהן פון ליי־זערליע'ס שטוב, האָב איך אָנגענומען דאָס הענטעל פון טיר און — ס'איז מיר געבליבען אין האנט.

— דאָס איז א ו י ך מיין מאַן'ס ארבייט — האָט געזאָגט די מאדאם ל. מיט א ביטער געלעכטער — איך האָב איהם געהייסען אריינרופען א סטאָליער און עס לאָזען פאריכטען, האָט ער נישט געוואָלט. האָט ער אליין געארבייט דערביי אָנדערהאלבען טעג און ער האָט — צעבראָכען די טיר.

איך בעט אייך, ליעבער פריינד, האָט זי מיר געד־ריקט די האנט, גיט עפּעס אן עצה, ווי אזוי צו מאכען מיין מאַן ער זאָל נישט זיין אזא איינברעכער, — ער וועט אונז חלילה טרייבען צו בעטעל־ברויט!

אזוי ווי איך האָב נישט געהאט קיין שום עצה, האָב איך מיטגענומען דאָס הענטיל פון טיר און בין אוועק.

# א גנב — ווער קאָן איז׳ם ?

טוט ער אוים ס׳היטעל און דערצעהלט אזוי:

שלאָף איך, שלאָפט מיין פרוי. שלאָפען מיינע קינ־דער. קומט זיך אריין א גנב. א פרעמדער מענש. האָב איהם קיינמאָל נישט געזעהן אין מיין לעבען. איך קאָן נישט זיין פאמיליע. איך ווייס נישט צו איך האָב ווען־עס־איז מיט איהם גערעדט א וואָרט.

טראַכט איך: ווי קומט ער אהער? צי איז ער מיין גלייכען צי וואָס? איך — א ציוניסט מיט א נאָמען מיט אלצדינג, און יענער עפּעס א גאסעניונג, א מערדער, קומט אריין מיך באַ׳גנב׳ענען!

קוק איך אפיר פון אונטער דער קאָלדרע, זעה איך ער — נעמט. טראַכט איך: נעם! איכ׳ל מיך נישט געהן קריגען מיט דיר. אז איך קאָן איהם גאָרנישט, און פאָרגעשטעלט האָט מען אונז אויך נישט — פאסט מיר נישט צו רעדען צו איהם.

און יענער פאקט דערווייל אין זאק אריין. ער פאקט דאָס זילבערוואַרג, די לייכטער, די וועש — וואָס ס׳קומט איהם אונטער דער האנט.

זאָגט צו מיר ס׳ווייב: דניאל, שטעה אויף און זאָג עפּעס דעם גנב. ער׳ט אונז חלילה אומגליקליך מאכען.

זאָג איך: ווער? איך? איך זאָל געהן רעדען מיט א פרעמדען גנב פון אלדע שווארץ יאָהר? איך זאָל געהן רעדען צו אזא נידערטרעכטיגען קערל? אזוי לאנג, זאָג איך, קרענקט ער!

זאָגט זי: ער גנב׳עט דאָך אָבער!

זאָג איך: הערסטו, טאקע דערפאר ווייל ער

גנב׳עט ווייל איך דאָך נישט רעדן צו איהם. זוען ער זאָל, זאָג איך, זיין אַן אַנשטענדיגער מענש, ווייס איך אויך נישט, זאָג איך, צי ס׳וואָלט מיר אַנגעשטאַנען צו רעדען מיט איהם. בפרט, זאָג איך, אז יענער איז א גנב, איז דאָך שוין גאָר אָפּגערעדט.

זאָגט זי: דניאל, ער ברעכט אויף די שאפע וואו ס׳ליגען די פּערעל מיינע.

זאָג איך: וואָס־זשע וואָלסטו געוואָלט? איך זאָל גאָר פּלוצים פון דער העלער הויט נעהמען רעדען צו איהם?

מאכט זי: פארוואָס נישט?

זאָג איך: וואָס הייסט? מיר זענען דען באַקאַנט? וואָס הייסט איכ׳ל געהן רעדען צו א מענשען צו וועלכען איך בין נישט פאָרגעשטעלט.

— אָבער ער גנב׳עט דאָך! — זאָגט זי.

— דאָ איז נישט קיין פראגע פון גנב׳ענען, זאָג איך. דאָ איז א פראגע, זאָג איך, פון כבוד. עס איז א פראגע פון אָנהאַלטען דעם נאָמען.

און ווי איך רעד אזוי, דערהער איך א קנאק. ער האָט אויפגעריסען דעם שופלאָד פון דער שאפע און ער נעמט שוין די צירונג. אָט ציטערט ביי איהם אין דער האנט א שנירעל פּערעל, און אָט פאַלט עס אריין אין שווארצען זאק, ווי א ליכטיגער האָגעל פאַלט אריין אין א קעלער.

נעם איך און גיב א הוסט.

בויגט ער זיך אראָפּ און דרעהט אויס ס׳לאָמטערענ־דעל מיט דער ליכטיגער זייט צו זיך, און ער שלעפּט ארויס א רעוואָלווער.

טראכט איך: אז־א באנדיט! עס פאסט מיר אפילו נישט א הוסט צו טון צו איהם. עס איז צופיעל כבוד פאר אזא מענשען.

און איך ליג און קוק.

און מיין פרוי האלט מיך אין א י י ן נגע'ן: זאָג איהם עפּעס! לאָז ארוים א געשריי!

זאָג איך: פארוואָס שרייסט דו נישט?

זאָגט זי: כ'האָב מורא!

זאָג איך: ביי מיר איז נישט קיין פראגע פון מורא. ס'איז א פראגע, זאָג איך, וואָס איך קאָן נישט דעם מאן; וואָס איך וויים נישט ווער ער איז! דעם אמת געזאָגט, זאָג איך, געפעלט מיר עפּעס נישט דאָס גאנצע מענשיל.

— אָבער ער וועט דאָך אלצדינג צונעמען! — מאכט זי.

אויב ער וועט אלצדינג צונעמען, זאָג איך, וועט זיין א סימן, זאָג איך, אז ער איז א געמיינער גנב, א לעצטער שב'לעצטער, און אז מ'דארף איהם, זאָג איך, איגנאָרירען.

— איגנאָ־וואָס? — זאָגט זי.

— איגנאָרירען, זאָג איך. איג־נאָ־רי־רען! מ'דארף איהם, זאָג איך, געבען אזוינע קעסט, אז ער זאָל עס, זאָג איך, האָבען צו געדענקען.

— אָבער די פּערעל! — זאָגט זי — און ס'זילבער־ווארג! און די וועש!

— וואָס־זשע וואָלסטו געוואָלט? — זאָג איך, אז צוליעב דעם ביסעל פּערעל מיט די וועש זאָל איך ברעכען, זאָג איך, מיין שטאָלץ אלס מענש און אלס ציוניסט?

— אָט נעמט ער צו דיין דימענט־שפּילקע! — מאכט זי מיט זעכצעהנטעל קול, אזוי אז דער גנב זאָל נישט דערהערען.

— טאָ־קע? — זאָג איך — ער נעמט צו די שפּילקע? ווער זאָל אזוי לעבען?

— אָט גיב א קוק, זאָגט זי, און זי דעקט אביסעל אָפּ די קאָלדרע.

— ריכטיג! — זאָג איך — ער נעמט צו די די־מענטשפּילקע.

פארוואָס־זשע זאָגסטו איהם נישט עפּעס ? — מאכט זי.

איצט ? — זאָג איך — איצט וועל איך איהם ב־ש־ו־ם אופן נישט זאָגען ! פריהער, זאָג איך, אז ער האָט צוגענומען בלויז די פּערעל און דאָס זילבערוואַרג און די וועש, וואָלט איך נאָך אפשר געוועזן גערעדט צו איהם. אָבער איצט, זאָג איך, אז איך זעה, אז יענער האָט שוין צוגענומען, זאָג איך, די שפּילקע אויך, איצט וועל איך שוין נישט רעדען צו איהם, ווען איך זאָל אפילו וויסען, זאָג איך, אז איך ווער גליקליך.

— נו, וועל איך א געשריי טון ! — מאכט זי — איך קאָן נישט זעהן, זאָגט זי, ווי מ'רויבט אונזער בלוט.

— זאָל דיך גאָט אָפּהיטען ! — זאָג איך — אזוי לאַנג ווי איך לעב, זאָג איך, וועט די מוטער פון מיינע קינדער, זאָג איך, נישט האָבען צו טון מיט א מענשען וואָס קומט, זאָג איך, אין מיטען דער נאַכט צו יענעם אין שטוב אריין און נעמט ביי איהם צו, זאָג איך, ס'ווייסעל פונ'ם אויג.

דער גנב האָט גענומען אראָפּנעמען די אויבערבילדער פון די וועגט.

— דו זעהסט. — זאָג איך צו מיין פרוי — דאָס מענשעל איז מיר באלד פון אָנהויב נישט געפעלען געוואָרען. איצט זעה איך, זאָג איך, אז איך האָב געטון גאַנץ גלייך, וואָס איך האָב צו איהם נישט געוואָלט רעדען. אז־אה באנדיט! — זאָג איך — אָט האָט ער שוין, זאָג איך, דערטאַפּט מיין גאָלדען זייגערעל, און אָט נעמט ער שוין אראָפּ די בילדער פון די וועגט אויך.

— ער וועט אונז אָנארבייטען א שעהנע חתונה ! — מאכט זי און פלאַטערט ווי א פויגעל.

— זאָל ער עס טון ! — זאָג איך — זאָל ער נעמען, זאָג איך, וואָס ער וויל און וויפיעל ער וויל. איך וועל איהם, זאָג איך, נישט זאָגען א וואָרט. איך

מוז איהם איינמאָל פאַר אלע מאָל, זאָג איך, אָנלערנען, אַז ער זאָל מיך האָבען צו געדענקען אזוי לאנג ווי ער וועט לעבען.

ער האָט גענומען שלעפּען די קליינע זיידענע קאָלדרע פונ׳ם קינד׳ס בעטעל.

— זעה, וואָס ער טוט! — מאכט מיין פרוי און וויל זיך צעוויינען.

— וויין נישט! — זאָג איך און גלעט איהר דעם קאָפּ — סע פּאסט מיר נישט, זאָג איך, אז די מוטער פון מיינע קינדער זאָל וויינען, בשעת א פרעמדער מענש איז דאָ אין שטוב. וועסט וויינען, זאָג איך, שפּעטער. לאָז ער דערווייל, זאָג איך, אוועקגעהן.

— אָבער ער נעמט דאָך אלצדינג מיט! — מאכט זי — זעה נאָר, מאכט זי, ווי ער שלעפּט דעם זאק צו דער טיר.

— נו, איצט זעהסטו שוין — זאָג איך — אז ווען איך ווארף אן אומ׳חן אויף א מענש, איז דאָס נישט אומ־זיסט! לאָז ער שלעפּען דעם זאק, זאָג איך, געזונטער־הייט. איך וועל ווייטער אָנגעהן מיט מיין פּרינציפּ פון שווייגען. אויב שלאָגען זיך, זאָג איך, איז מיט מ י י נ ם ג ל י י כ ע ן, נישט מיט קיין ג נ ב . . .

דער דערצעהלער האָט אָנגעטון ס׳היטעל און גע־ענדיגט:

וואָס זאָל איך אייך זאָגען, ליעבער פריינד? ער האָט מיך באַ׳גנב׳עט אויף א שעהנע פּאַר הונדערט טוהלער. ער האָט אונז איבערגעלאָזט מיט׳ן בלויזען בעט און מיט די קישענעס, אויף וועלכע מיר זענען געלעגען.

און אלץ צוליעב דעם, ווייל איך בין אן עהרענמאַן און איך וועל נישט טון קיין זאך וואָס איז אונטער מיין ווירדע.

# דער אַנטיקען סוחר

דער אַנטיקען־סוחר איז אַ מענש וואָס לעבט צוריק־צו־וועגס. זיין גרעסט פאַרגעניגען איז אויסצוגראָבען אַ שטיק פון דער אַלטער פאַרגאַנגענהייט און עס פאַרקויפען פאַר עלף טויזענד טולער. זיין העכסטער אידעאַל איז די ריקווערטסקייט. וואָס ריקווערטסער אַ זאַך איז, אַלץ חשוב'ער איז זי. אַלץ טייערער. אַלץ געלדברענגענדער. ער איז אַ מענש, וואָס פאַרנעכטענט אַלע היינטס, כדי זיי צו געבען אַ גלאַנץ פון וויטקייט. אַ כישוף פון טרוימ־ליכקייט. אין זיינע אויגען ברענען די טויטע יאָהר־טויזענדער מיט אַ גרין שימעלפייער. אין זיין האַרץ ציטערט דער הויך פון אויסגעאָטעמטע טעג, און זיין קאָפּ־קעסטעל איז פול מיט שטויבווארג, מיט אַלטקייט, מיט פאַרגאַנגענער געשיכטע.

איך האָב איהם געטראָפען אויף אַן אַלטען בית־עולם, וואו ער איז געשטאַנען און באַ'חידוש'ט די אוראַלטע, אַנטיקווארע מצבות, און נישט געהערט ס'געוויין פון די מענשען, וואָס האָבען באַגראָבען אַ יונגען מת.

— אַ רחמנות! — האָב איך זיך אָנגערופען צו איהם. — נעבעך אַזאַ יונגער מענש.

— ווייס איך! — האָט דער אַנטיקען־סוחר געגעבען אַ קוועטש מיט די פּלייצעס. — ס'אַ מת פון היינטי־גען יאָהרהונדערט. ס'האָט נישט קיין שום ווערט.
— איך פאַרשטעה נישט.

— איך מיין פּשוט: ס'איז אַ ביליגע אַרטיקעל, די היינטיגע מתים. פאַראַן טויזענדער און טויזענדער פון

זיי. אָבער קיינער פון אונזערע לייט קוקט זיך אויף זיי נישט אום. מיר זענען בלויז פאראינטערעסירט אין עגיפּטישע מומיען — האָט ער אויסגערופען באַגייסטערט.

— אַך, זענען דאָס אַנטיקען!

— אָבער ס׳געוויין פון דער מוטער! — האָב איך געפּרובט אָנריהרען די איידעלסטע סטרונע פון זיין נשמה.

— דאָס דאָזיגע געוויין — האָט ער געזאָגט קאַלט־בלוטיג — וועט ערשט האָבען אַ ווערט אין זעקס טויזענד יאָהר אַרום. היינט איז עס נאָך ניי, האָט עס נישט די ווערט אַ סענט.

— איהר קוקט אויף אַלצדינג פונ׳ם שטאַנדפּונקט פון אַלטקייט! — האָב איך איהם אונטערגעלייגט אַ שוואַך באַמערקונגעל.

— יאָ — האָט ער געזאָגט מיט אַ קול, וואָס האָט געקלונגען ווי דער סוף פון דרייצעהנטען יאָהרהונדערט. — איך בין אַן אַנטיקען־סוחר. איך האַנדעל מיט אַנטיקען. די מינדסטע זאַך, וואָס איהר טרעפט ביי מיר אין שטוב איז אַלט נישט ווייניגער ווי פופצעהן הונדערט יאָהר. אָט איז, זאָגט ער, מיין וויזיט־קאַרטעל. דאָס קאַרטעל אַליין איז שוין, מאַכט ער, אויך אַלט אַ צוויי הונדערט יאָהר. דאָס איז אַ קעניג־פּאַוועל־דער־עלפטער־קאַרטעל. אַזוינע קאַרטלעך זענען בלויז פאַראַן דריי אויף דער גאַנ־צער וועלט. פון די איבריגע צוויי איז איינס ביים מאַרקיז פאַן יאַפּאַנק, און ס׳צווייטע ביים קאַרדינאַל מעבעלסאָן פון האַרלעם.

— ס׳איז אַ וואונדערבאַר קאַרטעל.

— כ׳מאַך איהן אַ וועט! — האָט ער זיך געגרויסט און פאַררוקט ס׳אַלטע קאַפּעליושעל אויף אַ זייט. — יעדער זאַך, וואָס געפינט זיך ביי מיר האָט הינטער זיך אַ געוויסע טראַדיציע. נעמט מיין הוט, צום ביישפּיעל.

— מסתמא פונ׳ם עלפטען יאָהרהונדערט!

— פונ׳ם עלפּטען ? ! — איז ער געוואָרען כמעט ווי אויפגערעגט. — דאָס היטעל איז נאָך געטראָגען גע־וואָרען פון קעניג ראַמסעס דער 49טער, בשעת ער האָט נאָכגעיאָגט די אידען צום ים־סוף, און משה רבינו האָט עס פון איהם אראָפּגעכאַפּט.

— ווער זאָל אַזוי לעבען ?

— הלואי זאָל איך אַזוי זיין אַ טאַטע צו מיינע קינ־דער, ווי איך זאָג אייך נישט קיין ליגען.

— און ס׳וועסטעל אייערס איז מסתמא אויך אַן אַנטיקעל ?

— אודאי. מ׳האָט עס אויסגעגראָבען אין בבל, מיט דריי טויזענד יאָהר צוריק, בשעת עס איז געווען די גרויסע פארפלייצונג אין גאַלוועסטאָן. קומט אריבער צו מיר אהיים — האָט ער געזאָגט — וועל איך אייך ווייזען די א מ ת ׳ ע אַנטיקען. סע וועט אייך פארכאַפּען די אויגען.

אויפ׳ן וועג צו איהם אהיים האָבען מיר אָנגעטראָפען אַ געזעמעל מיט מענשען, וואָס האָבען געטראָגען אַן אי־בערגעפאָהרענעם אידען, מיט אַ צובראָכענעם פוס.

— אָט אזא מין איד, ווען ער זאָל שוין זיין איבער־געפאָהרען אַ פיער טויזענד יאָהר, וואָלט איך איהם אָפּגעקויפט און באַצאָהלט אַ שעהנעם פּרייז — האָט דער אַנטיקען־סוחר געזעדט. — אָבער אַזוי ווי ער איז ערשט איבערגעפאָהרען עטליכע מינוט איז נאָר אַ שאָד, וואָס מ׳שלעפּט איהם צום דאָקטאָר.

ווען מיר זענען צוגעקומען צו זיין פּ א ל א ץ האָט זיך פלוצים דערהערט אַ קלונג פון אַ קלויסטער־גלאָק.

— איהר הערט דעם קלאַנג ? — האָט צו מיר גע־זאָגט דער אַנטיקען־סוחר — דער דאָזיגער קלאַנג איז שוין אַלט איבער אַ יאָהר. כ׳האָב איהם פארטשעפּעט פאר מיין קונסט־גאַלעריע. קומט אריין, ביטע. דאָס איז מיין שלאָס — האָט ער געזאָגט, אָנווייזענדיג אויף אַ

קליין הויז, וואָס האָט זיך שטילערהייט אַרונטערגעשעמט ביז צו דר׳ערד, און וואָס האָט געהאַט אַ לאַנגע שבת־באַנק פון פאָרענט, נעבען דעם אַריינגאַנג. — דאָס איז מיין שלאָס, געבויט אין סטיל פון מענדעלבייילים. אויף דעם קוימען אַליין — מאַכט ער — איז אַוועק אפשר זעקס הונדערט טאָן מיט רויטע רובינען, אַ חוץ פּערעל.

אינוועניג האָט ער מיך געבעטען איך זאָל זיך צו־זעצען און ער האָט אַ וואונק געטון דער דינסט זי זאָל עפּעס דערלאַנגען צום טיש.

— איהר זעהט די דינסט? — האָט ער געזאָגט בשעת די אידענע איז אַוועק אין קיך — דאָס איז די איינציגע פרוי, וואָס איז פאַרבליבען פון די אַלטע בור־וואַנער. זי איז אַ פּרינצעסין און זי מאַכט זעהר גוטע ציבעלע־קיכלעך. איהרע פיש האָבען אַ שם אויף דער וועלט!

באַלד האָט „די לעצטע פרוי פון די בורוואַנער" אַריינגעבראַכט אַ טעלער מיט פיש, אַוועקגעשטעלט עס נעבען מיר און געזאָגט:

— טאַטיהרעס!

— „טאַטיהרעס" — האָט מיין אַנטיקען־סוחר ער־קלערט — איז אַן אַלט בורוואַניש וואָרט און דער טייטש דערפון איז: אַט האָט איהר עס! ס׳איז ענליך — האָט ער געזאָגט — צו אידיש.

כ׳האָב פאַרזוכט אַ שטיקעל פיש. עס האָט געהאַט אַלערליי טעמ׳ען.

— ס׳איז זעהר וואוילע פיש! — האָב איך אויסגע־דריקט מיין באַוואונדערונג, וואָס די אַלטע בורוואַנערין מאַכט אַזוינע עכט־גאַליצישע מאכלים.

—יאָ — האָט ער געזאָגט — די פיש זענען שוין אַלט איבער פיער הונדערט יאָהר. זיי זענען באַלזאַמירט.

— און דער בראַנפען?

— ס'איז ניט קיין בראַנפֿען. ס'איז דער זאַפֿט פֿון אַלטע אויסגעדריקטע פּיראַמידען.

עס איז אַריינגעקומען אַ פּיצעלע הינטעל, מיט אַ מענ־טעלע און מיט געקרייזעלטע האָר, ווי אַ דיכטערעל.

— איהר זעהט די ווילדע חיה! — האָט ער געזאָגט.

— זי שטאַמט פֿון די אויסטראַלישע וועלדער. איך רופֿ זי — מאַכט ער — לעגבאָימער, דערפֿאַר ווייל זי איז נישט אַהער, נישט אַהין.

— אַ פֿיין לעגבאָימערעל! — האָב איך געזאָגט, און אַ גלעט געטון דעם לעגבאָימער איבער'ן קעפּעל.

— ניטע, ריהרט נישט אָן די בעסטיע! — איז ער אויפֿגעשפּרונגען. — זי וועט אייך נאָך חלילה פֿאַרצוקען. ס'איז — זאָגט ער — נישט קיין היינטיגע חיה. זי איז שוין אַלט 840 יאָהר.

ס'איז אַריינגעקומען דעם אַנטיקען־הענדלער'ס פֿרוי.

— ביטע, באַקענט זיך! — האָט געזאָגט דער אַנטי־קען־סוחר צו זיין ווייב. — דאָס איז הערר נאַדיר. ער שרייבט אונגעהויער אַלטע זאַכען. יעדער זאַך וואָס ער שרייבט שטאַמט נאָך פֿון די צייטען פֿונ'ם ערשטען בית־המקדש.

איך האָב זיך גענומען רויטלען.

— יאָ — האָט ער געזאָגט צו זיין פֿרוי — דער־דאָזיגער מאַן (אָנווייזענדיג אויף מיר) דענקט אַזעלכע אַלטע געדאַנקען, אַז זיי דאַרפֿען אַזש שטעהן אין אַ מוזעאום. יעדער איינפֿאַל זיינער איז אַ שטיק זיבעטער יאָהרהונדערט!

און צו מיר האָט ער געזאָגט שטילערהייט:

— איהר זעהט מיין פֿרוי? דאָס איז אַן אמת'ער אַנטיק. איבער צוויי טויזענד יאָהר אַלט. מ'האָט זי געפֿונען נישט ווייט פֿונ'ם פּאַנאַמאַ־קאַנעל. אַ זעלטענע ערשיינונג.

איך בין געוואָרען מיד און מידער. איך האָב זיך

גענומען פּיהלען, ווי איך וואָלט געווען מיין אייגענער אור־אור־עלטער־זיידע, און ס'האַרץ איז אין מיר אנשלאָפען געוואָרען פון אַלטקייט.

— איכ'ל געהן! — האָב איך געזאָגט מיט אַ שטויביג קול. — ס'איז שוין שפּעט, און איהר ווילט שוין מסתמא שלאָפען.

— שלאָפען?! — האָט ער אַ שפּרונג געטון פונ'ם בענקעל. — אָט וועל איך זיך כאַפּען שלאָפען מיט אַ נ י י ע ם ערשטגעמאַכטען שלאָף, וואָס האָט נישט הינטער זיך קיין שום טראַדיציע, קיין שום הויך פון אַלטערטום.

---

ווען איך בין אַרויסגעקומען אין גאס האָט מיר אַלצ־דינג געשווינדעלט פאַר די אויגען... עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך לעב צוריק־צו־וועגס. די גאַסען האָבען מיר אויסגעוויזען ווי אַלטע יאָהרהונדערטער, וועלכע איך געה פאַרביי אויף מיין וועג צו דער געוועזענקייט, און אפילו די געלע לבנה האָט מיר אויסגעזעהן אזוי אַלט און אָפּגעריבען, ווי מיין געמיט, ווי די האַלבע שעה וואָס איך האָב פאַרבראַכט ביי דעם אַנטיקען־סוחר.

# דער כח פון אַ בופלאָקס

ער דערצעהלט:

איך בין אַ שטילער מענש, אַ רוהיגער מענש און איך האָב האָלד צו לעבען גליקליך — קיין גרעסער פארגניגען ווי צו זיין גליקליך איז ביי מיר נישטאָ.

דאַריבער: וואו עס מאַכט זיך נאָר אַ געלעגענהייט צו געניסען פון דעם גוטען ביסעל גליק — דאָרט בין איך פאראַן. איך קאַרג נישט מיין צייט. איך קוק נישט אויף דעם וואָס מענשען ועלען זאָגען, אבי דאָס ביסעל גליק וואָס איך געה טון געניסען איז פריש און נישט טייער.

צו טייער קען איך נישט באַצאָהלען, ווייל איך בין נישט קיין רייכער מענש. ווען איך וואָלט געווען רייך — בע־בע־בע! וואָלט איך אָפּגעקויפט דאָס גאַנצע גליק וואָס די וועלט פארמאָגט, און איך וואָלט עס אָפּגעשאָטען ביי זיך אין קעלער. לאָז עס ליגען אויפ'ן ווינטער — וואָרים ווינטער, ווען דער פראָסט ברענט און די פענסטער זילבערן זיך, איז זעהר גוט זיך צו באָדען אין גליק, — ווייל גליק, זאָלט איהר ווּיסען, האָט אַ טבע, אַז סע וואַרימט־אויף ס'בלוט, און סע שטאַרקט די אברים און ס'איז זעהר געזונט פאר דעם גאַנצען גוף.

איז, ווי געזאָגט, האָב איך זיך געלעבט רוהיג, שטיל, באַלעבאַטיש, וואָס באַלעבאַטיש קען נאָר זיין, ביז עס האָט זיך פאַרלאָפען די פאָלגענדע מעשה, וואָס וועט אייך באַווייזען דעם כח פון אַ בופלאָקס.

איינמאָל, אין אַ שענעם פריהמאָרגען, אַז איך האָב

ארויסגעקוקט פון דעם פענסטער פון מיין הויז, האָב איך אויף דעם פּאַרקאַן פון דעם ליידיגען שטיק ערד, וואָס קעגענאיבער מיין הויז, דערזעהן אַ גרויסען פּלאַקאַט, ערשט־וואָס אויפגעקלעפּט, און ער איז נאָך געווען פריש, און דער פּאַפּ איז נאָך נישט געווען אויסגעטרוקענט איבער די קנייטשען פון דעם גלאַנציגען פּאַפּיער. דער דאָזיגער ריזיגער פּלאַקאַט האָט געלאָזט וויסען, אַז ב ו פ ל אָ ק ס  ט אַ ב אַ ק איז דער בעסטער און אַראָמאַטישסטער טאַבאַק אין דער וועלט. רויכערט בופ־לאָקס טאַבאַק. פאַרוואָס רויכערט א י ה ר נישט קיין בופלאָקס טאַבאַק? בלויז צעהן סענט אַ פּעקיל. רויכערט בופלאָקס טאַבאַק, און ווערט שטאַרק ווי אַ בופלאָקס.

דאָ איז געקומען אַ בילד פון אַ בופלאָקס.

איבערגעלייענט די דאָזיגע מודעה, האָב איך דער־פיהלט אַ מין אומרוהיגקייט. איך האָב דערפיהלט, אַז די דאָזיגע בופלאָקסענע מודעה וועט מיך אַזוי גרינג נישט אָפּלאָזען, כאָטש איך בין בכלל נישט קיין רויכערער, און דאָס ביסעל וואָס איך רויכער י אָ, איז דאָס נישט מיין אייגענער טאַבאַק, נאָר אַזעלכער מיט וועלכען מען טראַק־טירט מיך...

דעמזעלבען פריהמאָרגען, אַז איך בין געגאַנגען צו דער ארבייט און בין פאַרבייגעגאַנגען דעם פּאַרקאַן מיט דעם ריזיגען אַדווערטייזמענט, האָב איך ווידער ד ע ר־ה ע ר ט מיט די אויגען דעם גוואַלד־געשריי פון דעם געדרוקטען בופלאָקס, וועלכער האָט מיר איינגעשמועסט, מיט די הערנער, און מיט אַלצדינג, אַז קיין בעסערע זאַך ווי בופלאָקס־טאַבאַק איז גאָרנישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט, און אַז איך זאָל קויפען אַ פּעקעל בופלאָקס־טאַבאַק פאַר בלויז צעהן סענט.

— נישט א י צ ט, פּליעז! — האָב איך שטומערהייד, מיט די אויגען, געבעטען ביי דער רעקלאַמע. נישט איצט. איצט מוז איך אַוועקלויפען צו דער ארבייט.

אן אנדערס מאָל וועלען מיר זיך אפשר דורכרעדען וועגן דעם. איצט האָב איך קיין צייט נישט.

— אָבער ס'איז נאָר צעהן סענט א פּעקיל! — האָט מיר די רעקלאַמע נאָכגעשריען אויף די פּלייצעס־ארויף.

— סע געהט נישט אין די צעהן סענט! — האָב איך געענטפערט און נישט אומגעקוקט זיך, — צעהן סענט איז ביי מיר גאָרנישט, סע געהט בלויז אין דעם, וואָס איך בין בכלל נישט קיין רויכערער. „זאָ וואהר איך לעב!" — האָב איך זיך געשוואָרען פאר זיך זעלבסט — „אז איך בין נישט קיין רויכערער!"

— אָבער ס'איז דער בעסטער טאַבאַק אין דער וועלט! — האָט מיר דער אָפּגעמאָלטער בופלאָקס נאָכגעמרוקעט מיט א ווילד קול.

— טויזענד מאָל דער בעסטער טאַבאַק! — האָב איך געזאָגט בדרך ענטשולדיגונג — אז איך רויכער נישט, לאָזט זיך דאָך אוים!

איך האָב גענומען שטעלען גיכע טריט, אָבער נאָך מיר, הינטער מיר, איז מיר, דוכט זיך, נאָכגעלאָפען דער בופלאָקס און מיך געוואָלט דורס זיין, דערפאר וואָס איך קויף ביי איהם נישט א פּעקיל טאַבאַק — כאָטש איין פּעקיל טאַבאַק פאר צעהן סענט!

אז איך בין אריין אין שאפּ, בין איך געווען בלאַס ווי א מת פון לויפען און א גאַנצען טאָג האָט זיך מיר געדאַכט, אז דער ווילדער בופלאָקס שטעהט הינטער מיר, מיט'ן דאשעק פון זיין קאַשקעט אָן א זייט, דער ראָק צעקנעפּעלט, דאָס בערדיל צעשויבערט און ער פאָדערט, איך זאָל איהם ערקלערען, למאי איך האָב נאָך נישט געקויפט א פּעקיל בופלאָקס טאַבאַק, און וואָס וועט זיין מיין תכלית? און וואָס טראַכט איך זיך עפּעס?

ערשט שפּעטער האָב איך זיך געכאַפּט, אז דער בופלאָקס מיט דעם דאשעק אויף א זייט איז נישט דער אמת'ער בופלאָקס פון דעם אדווערטייזמענט, נאָר מיין

פאַרמאַן, וועלכער האָט זיך געבייזערט, פאַר וואָס די אַרבייט געהט ביי מיר היינט אַזוי פּאַמעליך.

גיב דערציילט איהם!

פון דעמאָלט אָן פלעגט מיר יעדען פריהמאָרגען אויס־קומען פּאַרבייצוגעהן דעם בופלאָקסישען אַדוועטייזמענט, און יעדען טאָג אַז איך בין צוגעקומען אַזוי נאָהענט צו דעם בופלאָקס, אַז איך האָב געקאָנט רעדען מיט איהם, האָב איך אַ שמייכעל געטון און געזאָגט:

— כ'לעבען, איך רויכער נישט. ביי מיין וואָרט, אַז נ י ש ט!

— אַ גוט פּעקעלע טאַבאַק? — האָט דער אַדוועטר־טייזמענט זיך געמאַכט ווי ער וואָלט נישט געהערט מיינע רייד — אַ גוט פּעקעלע שמעקעדיגען, טייערען, פּראַכט־פולען אַראָמאַטישען טאַבאַק, פּליעז!

— אַ דאַנק! — האָב איך געזאָגט — איך האָב נישט קיין צייט. איך דאַרף אַוועקלויפען צו דער אַרבייט. — איבריגענס — האָב איך געזאָגט צו דעם בופלאָקס — האָב איך דאָך אייך שוין עטליכע מאָל ערקלערט, אַז איך רויכער נישט. איך האַלט נישט דערפון.

— וואָס הייסט, איהר האַלט נישט דערפון? — האָט מיר דער אַדוועטייזמענט אַריינגעשריען אין אויער אַריין — 80 מיליאָן מענשען האַלטען דערפון און איהר נישט?

— איך בין נישט געזונט — האָב איך זיך פאַרענ־פערט — איך הוסט, און — איך האָב כלומרשט גענומען הוסטען, כדי צו איבערצייגען דעם אַדוועטייזמענט, אַז איך נאַר איהם נישט אָפּ.

— בלויז צעהן סענט אַ פּעקעלע — אַ שמעקענדיג, אַ דופטענד, אַן אַראָמאַטיש פּעקעלע! — האָט מיר דער אַדוועטייזמענט נאָכגעשריען מיט ריזיגע בוכשטאַבען, און וואו איך בין געשטאַנען, און וואו איך בין געגאַנגען,

האָט מיר געקלונגען אין די אויערן און עס האָט מיר גע־פינקעלט פאַר די אויגן די ווערטער:

בופלאָקס־טאַבאַק. דער אַראָמאַ־טישסטער טאַבאַק אין דער וועלט. אַלע רויכערן בופלאָקס. איהר וועט אויך רויכערן בופלאָקס. בלויז צעהן סענט אַ פּעקעלע.

איך בין געוואָרען שוואַך און נערוועז, און כ'האָב באַקומען אַ געוואוינהייט, אַז מיינע ליפּען האָבען זיך אַלעמאָל פאַרקרימט אויף אַ זייט, און די אויגען האָבען ביי מיר גענומען פינטלען פון דערשראָקענקייט. אין שאַפּ, ביי דער ארבייט, פלעג איך פלוצים דערזעהן דעם ווילדען בופלאָקס מיט אַ פּעקעל טאַבאַק אין מויל, ווי ער לאָזט זיך צו מיר אַן אויפגערעגטער, און ווי איך נעם פון זיך אַראָפּ ס'רויט־וואָלענע אונטערהעמד און וויל איהם אוועק־טרייבען, און — ער לאָזט זיך נישט. און בילדער פון דער רוימישער אַרענא, און פון אידען וואָס זענען געגאַנגען אויף קידוש־השם, האָבען ארויסגעבליהט פאַר מיינע אויגען. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז סוף כל סוף, וועל איך אויך געהן אויף קידוש השם, צוליעב אַ פּעקיל טאַבאַק, און איך וועל אריין אין דער געשיכטע — וועל איך אריין.

ביינאַכט, אַז איך בין אנשלאָפען געוואָרען, פלעגט זיך מיר דוכטען, אַז דער געוויסער בופלאָקס שטעהט אונ־טער מיין פענסטער און מרוקעט און רייסט די לאָדען. און מיין ווייב וואַרפט איהם אַ ביגעלאייזען אין קאָפּ אריין און ער פאַלט אַראָפּ, און ברעכט זיך אויס אַ פוס, און מען קלאָגט מיך פאַר בריטש־אָוו־פּראָמיס און איך בין אומגליקליך אויפ'ן גאַנצען לעבען.

מאָדנע חלומות!

אַז עס זענען אַוועק אַ דריי וואָכען און מיין בופלאָקס איז געוואָרען פאַרעלטערט פון שטויב און אויפגעבלאָזען

פון נאַסקייט, האָט ער באַקומען נאָך אַ מעהר־קריגעריש אויסזעהן, און נאָכדעם ווי אַ שלאַגס־רעגען האָט ביי איהם אַראָפּגעגעצט אַ האָרן — איז ער געוואָרען אַזוי פאַר־ביטערט און דערצאָרענט, אַז זיין געדרוקטער געשריי: קויפט בופלאָקס טאַבאַק, האָט געקלונגען ווי אַ לעצטע ווארנונג, ווי אַן אולטימאַטום. יענעם פריה־מאָרגען האָבען מיר — איך און דער בופלאָקס פון דעם אַדווערטייזמענט — געהאַט דעם פאָלגענדען שמועס:

ער: ווּעסט קויפען אַ פּעקיל טאַבאַק, צי ניין? (מרוקעט) וואו־ף!

איך (דערשראָקען): איכ'ל קויפען. ביי מיין וואָרט, איכ'ל קויפען, נאָר הער אויף מרוקען.

ער: ווען ווּעסטו קויפען? וואו־ף! (וויל אַראָפּ־שפּרינגען פון פּלאַקאַט און מיך דער'הרג'נען.)

איך: (גיב אַ שפּרונג אַוועק): ניטע!

ער: ס'איז דער שמעקעדיגסטער טאַבאַק אין דער וועלט. וואו־ף!

איך: לאָז זיין דער ערגסטער — עס אַרט מיך נישט...

ער: בלויז צעהן סענט אַ פּעקיל. וואו־ף!

איך: לאָז זיין אפילו 50 סענט אַ פּעקיל, איך וועל שוין סיי ווי סיי קויפען, מ'קען זיך עפּעס העלפען?

ער: גערענק־זשע!

פאַרנאַכט, אַז איך בין געגאַנגען פון דער אַרבייט, בין איך אַריין אין אַ טאַבאַק־געשעפט, געקויפט אַ פּעקיל בופלאָקס און האָב זיך געלאָזט אַהיים, מיט גרויס האָפער־דיגקייט.

אַז איך בין צוגעקומען צום בופלאָקס־אַדווערטייזמענט און דערהערט ווי ער שרייט מיט רויטע טינט, איך זאָל קויפען אַ פּעקיל בופלאָקס־טאַבאַק, האָב איך אַרויסגענו־מען מיין פּעקיל פון קעשענע און געוויזען, אַז איך האָב שוין איינס.

אָבער דער פּלאַקאַט האָט נישט אויפגעהערט שרייען:

— קויף בופלאָקס־טאַבאַק!

— כ'האָב שוין געקויפט — האָב איך איהם צוריק־געענפערט.

— קויף בופלאָקס־טאַבאַק!

— איך זאָג דאָך דיר, אַז איך האָב שוין געקויפט — ג ע ק ו י פ ט! ג ע ק ו י פ ט! אָט איז דאָס פּעקעלע. און איך טראָג צו דאָס פּעקעלע נאָהענט צום בופלאָקס' אויג, אָבער יענער הערט נישט. ער שרייט זיך זיינס:

— קויף בופלאָקס־טאַבאַק!

— אויף מיין וואָרט, אַז איך האָב שוין געקויפט! — שווער איך זיך פאַר דעם אַדוועטרטייזמענט. מעהר קויפען קען איך נישט — איך ק ע ן פּשוט נישט, ווייל סע מאַנ־געלט מיר די פּעני.

— קויף בופלאָקס־טאַבאַק.

דאָ בין איך געוואָרען אַזוי אויפגערעגט, אַז איך האָב גענומען רייסען דעם פּלאַקאַט און שרייען ווי א משוגע'נער:

— אָט האָסטו דיר קויפט! אָט האָסטו דיר בו־פלאָקס! אָט האָסטו דיר טאַבאַק! אָט האָסטו דיר צעהן סענט! אָט האָסטו דיר א פּעקיל! — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שפּעטער מיט א האַלבער שעה בין איך שוין געוועזן אַרעסטירט פאַר צעשטערען פּרעמד אייגענטום.

א כח אַביסעל פון א בופלאָקס!

## דער כריסטליכער מענש

ער צלם'ט זיך איבער און זאָגט:

איך האָב א גוטען כאראקטער, א מילדען, א ליעב־גיבען, א כריסטליכען. דאָס עוואנגעליום טרעט נישט אָפּ פון אונטער מיין קישען. יעדע נאכט, איידער איך ווער אנשלאָפען, לייען איך מיר אביסעל פון דעם הייליגען ביכעל. איך ווער דאפון נאָבעלער, בעסער, מענשליכער. אנומעלטען האָט מיר עמיצער געגעבען א פּאטש אין באק, דערפאר וואָס איך האָב איהם געזאָגט, אז די כרי־סטליכע רעליגיע איז מילדער ווי די אידישע. האָב איך געכאפּט א היים גלאָז טיי און איהם אָפּגעפּארעט דאָס פּנים. דערנאָך האָב איך איהם א ווארף געטאָן צו דר'ערד און איהם געטרעטען מיט די פיס. אז איך האָב איהם אזוי גוט צעקוילט און צעביילט, האָב איך אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אונטערגעשטעלט די צווייטע באק און געזאָגט: „אנו, פריף, שלאָג!"

* * *

איך בין א קריסטליכע נאטור. מיין נשמה ברענט מילד און פארשעמט ווי ס'עהל אין א הייליג לעמפּעל איבער'ן בילד פון דעם צו־טויט־גע'צלם'טען, בין פול מיט רחמנות און מיין געמיט איז שטענדיג דערשלאָגען. איך פארגיב יעדען איינעם מיט א ריינער, כריסטליכער פארגעבונג. איך וויים: ס'לעבען איז א לויפיגער טייך. מיר — די ברעגען, וואָס גיבען פורעם. די צייט האקט

אונז אוים, אָבער דער טייך ווערט דערפון נישט שמע־לער, נאָר ב ר י י ט ע ר.

איך בין אַ פרומפאַרגלויבטער, קלויסטערליכער, מע־לאַנכאָלישער מענש. מיין גרעסט פאַרגעניגען איז צו פ אַ ר ג ע ב ע ן. אין דעם פּרט בין איך ג ע ט ל י ך. איך וואָלט געוואָלט אַז מענשען זאָלען וואָס מ ע ה ר זינדיגען קעגען מיר, כדי איך זאָל זיך קאָנען וואַרימען אינ'ם געפיהל פון רחמנות צו אַנדערע. איך האָב מיר אַ ווערטעל: ווען עס זאָל נישט זיין קיין אָרימאַן אויף דער וועלט, וואָלט איך געמוזט עמיצען באַ'גנב'ענען, איך זאָל איהם קאָנען דערנאָך העלפען.

* * *

אַנומעלטען ביינאַכט, בין איך אַוועק פון דער היים. מיין פרוי איז געווען איינע אליין אין שטוב (מיר וואוי־נען ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענער געגענד!) און מיין קליינע טאָכטער איז געלעגען אין בעט מיט הויכען פי־בער און שרעקליך געקרעכצט.

איך האָב געפיהלט אַ פאַרלאַנג פאַר עמיצען אויסצו־ריידען מיין האַרץ און ערקלערען, אַז איך פ אַ ר ג י ב אַ ל ע מ ע ן. מיין פרוי פאַרשטעהט מיך זעהר ווייניג, זי שעצט נישט אָפּ מיין ריין־כריסטליכע נאַטור. ביי איהר איז געווען רעכט איך זאָל בלייבען אַ גאַנצען אָווענד אין דער היים, ווייל ס'קינד איז קראַנק. איך האָב איהר געזאָגט: „מיין ליעבע פרוי! איך פאַרגיב דיר פאַר דיינע רייד". זי געבעטען, זי זאָל נישט אַנ־שלאָפען ווערען, ווייל איך האָב נישט דעם שליסעל צו דער דרויסענ'דיגער טיר. זי האָט מיר אָנגערופען „מענש אָהן אַ האַרץ!" אָבער איך האָב איהר פאַרגעבען און בין אַוועק.

אַז איך בין צוריקגעקומען (אַ פערטעל נאָך פינף אין דער פריה), האָט מיין פרוי געקראַגען היסטעריקע. געוויינט. זיך געשלאָגען אין קאָפּ אריין. גע'טענה'עט,

אז ס'קינד איז זעהר קראנק און מ'דארף געהן נאָך א דאָקטאָר. איך האָב מיך גענומען אויסטון און געענט־פערט: אז איך פארגיב איהר דורכאויס פאר איהר גע־וויין און אלצדינג! און דאָס וואָס ס'קינד איז זעהר קראנק — פארגיב איך איהר אויך, חאָטש ס'איז מיין אייגען בלוט־און־פלייש. איך פארגיב — א ל ע און אלע־מען און נאָכדעם האָב איך מיך געלעגט שלאָפען מיט א בארוהיגט געוויסען.

* * *

א צווייטער אינצידענט: ס'איז צו מיר געקומען א באקאנטער — פון עסטרייך — און געזאָגט, אז ער געהט אוים פון הונגער. אפשר קאָן איך איהם מיט עפּעס באהילפיג זיין? אז נישט קומט איהם חלילה אוים — —

איך האָב איהם גוט באטראכט, געפרעגט צי ער איז באקאנט מיט'ן נייעם טעסטאמענט. ער האָט געזאָגט: „עס ליגט מיר איצט ניט אין זין קיין שום רעליגיע. איך וויל ע ס ע ן!" ער האָט מיר גענומען אָפּמאָלען א בילד ווי אזוי זיין גאנץ הויזגעזינט צאנקט ווי א ליכט און ווי אזוי ער אליין שטעהט קוים אויף די פיס... און כ'בעט אייך, זאָגט ער, טוט עפּעס פאר מיר... גיט מיר עפּעס, זאָגט ער, פון אייער טיש... ווארום איך קען שוין מעהר נישט אוים — — " ביי די ווערטער איז ער אני־דערגעפאלען און גע'חלש'ט. איך האָב גלייך טעלעפאָ־נירט ניט אין א שפּיטאָל אריין אז א מענש חלש'ט און אז מ'זאָל צושיקען עמיצען וואָס זאָל איהם מינטערן.

אז מ'האָט איהם אָפּגעמינטערט, האָב איך — (אין איינעם מיט'ן אמבולאנץ־דאָקטאָר) איהם אָנגענומען אונטער'ן אָרעם און איהם געהאָלפען ארויסגעהן אין דרויסען ארוים.

„וועט איהר מיר נישט העלפען?" האָט ער געזאָגט מיט א נאָס קול און די בלאַהע ליפען האָבען ביי איהם

געציטערט. „ניין!“ האָב איך געזאָגט, „העלפען וועל איך אייך נישט, אָבער איך פארגיב אייך, זאָג איך, פון גאנצען הארצען. איהר מעגט“, זאָג איך, „נאָך צעהן מאָל אזוי שטארבען פון הונגער, וועל איך אייך“, זאָג אייך, „אלץ פארגעבען, ווייל ס'איז ביי מיר אזא כריסטליכע נאטור“. — — —

# פאַרשלאָפֿען אַ וועלטאונטערגאַנג

ער איז געווען אַ שלעפערגער, ביי יעדער געלעגענהייט איז ער געשלאָפען. אומעטום: אויף אַלע גרעסטע פאַר־זאַמלונגען, אויף אַלע קאָנצערטען, אויף אַלע וויכטיגע צונויפקומונגען — האָט מען געקאָנט זעהן ווי ער זיצט און שלאָפט.

און שלאָפען פלעגט ער אין אַלע מעגליכע און נישט מעגליכע פּאָזען; ער פלעגט שלאָפען מיט די עלענבויגענס אין דער לופטען און די הענט אויפ׳ן קאַרק; ער פלעגט שלאָפען שטעהענדיגערהייט אָנגעשפּארט אין זיך זעלבסט, כדי ער זאָל נישט אומפאַלען. ער פלעגט שלאָפען אין טעאַטער, אין גאַס, אין שול. וואו ער פלעגט געהן, פלעגען זיינע אויגען גיסען מיט שלאָף. דער שלאָף פלעגט שטענ־דיג רינען פון זיינע אויגען און לאָזען פון זיך אַ שפּור אומעטום. שכנים האָבען וועגען איהם דערצעהלט, אַז ער האָט שוין פאַרשלאָפען זיבען גרויסע שׂרפות און איינמאָל — ביי אַ גאָר גרויסער שׂרפה — האָט מען איהם אַרויס־גענומען פון בעט אַ שלאָפענדיגען און איהם אַוועקגעלעגט אויפ׳ן טראָטואַר; איז ער אַזוי אָפּגעשלאָפען עטליכע שעה, ביז וואַנעט אַ פּאַטרול־וואָגען איז געקומען און איהם אַוועקגעפיהרט אהין וואו מע באַדאַרף.

מע האָט אויך דערצעהלט, אַז בשעת דער דאָזיגער איד איז געשטאַנען אונטער דער חופּה און געזאָגט דעם „הרי את“ איז ער ביי דעם וואָרט „מקודשת“ אנשלאָפען גע־וואָרען און מען האָט איהם געמוזט קלאַפּען איבער׳ן קאָפּ מיט מעשענע שטויסלען עטליכע שעה נאָכאַנאַנד, ביז

וואַנען מען האָט איהם אויפגעוועקט, און אַז מען האָט איהם שוין אויפגעוועקט, האָט ער פאַמעליך אויפגעעפּענט די אויגען, אַנאַג געטון דאָס וואָרט „לי“, וואָס עס קומט נאָך דעם וואָרט „מקודשת“ און איז ווידער אַנשלאָפען געוואָרען.

מיר דערצעהלען דאָס אַלצדינג, כדי איהר זאָלט גלויבען אויף אונזער העלד אויך די פאָלגענדע מעשה:

איינמאָל בשעת ער האָט זיך געלעגט שלאָפען איז ער געשלאָפען און געשלאָפען; נאָר אין שלאָף האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז סע דונערט אין דרויסען, און אַז דאָס בעט זיינע שאָקעלט זיך אַ קאַפּיטשקע; האָט ער אין שלאָף געמיינט — אַז סע רעגענט אין דרויסען, איז איהם דער שלאָף געוואָרען נאָך מעהר באַ'טעמ'ט, נאָך מעהר צום האַרצען, האָט ער זיך אויפ'ם פּריש איינגעוויקעלט אין דער קאָלדערע און איז אַנשלאָפען געוואָרען מיט גרויס געשמאַק און זעלבסט־וואָרעמקייט.

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער דערזעהן אַרום זיך אַ מאָדנע ליידיגקייט:

זיין פרוי איז נישט געווען, זיין בעטעל איז נישט געווען, זיין קאָלדערע איז נישט געווען. האָט ער געוואָלט אַרויסקוקען דורכ'ן פענסטער איז נישט געווען קיין פענסטער דורך וועלכען אַרויסצוקוקען. האָט ער געוואָלט אַראָפּלויפען די דריי שטיגען און שרייען גוואַלד, האָט ער נישט געהאַט קיין שטיגען אויף וועלכע אַראָפּצולויפען און קיין לופט אין וואָס אַריינצושרייען. האָט ער גלאַט אַזוי געוואָלט אַרויסגעהן אין דרויסען, האָט ער דערזעהן, אַז ס'איז נישטאָ קיין ד ר ו י ס ע ן, אויסגערונען געוואָרען.

אַ ווייל איז ער געשטאַנען ווי צעטומעלט און נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז; נאָכדעם האָט ער זיך מישב געווען: ע ר ו ו ע ט ז י ך ל ע ג ע ן ש ל אָ פ ע ן, האָט ער אָבער דערזעהן, אַז ס'איז נישטאָ אַפילו קיין

הוילע ערד אויף וועלכער זיך צו לעגען שלאָפען. ערשט דעמאָלט האָט ער צוגעלעגט צוויי פינגער צום שטערען און געטראַכט: אָט הפנים, אז איך האָב פאַרשלאָפען א וועלט־אונטערגאַנג. ס׳א שעהן פעקעל!

איהם איז געוואָרען אומעטיג. נישטאָ קיין וועלט. האָט ער געטראַכט, וואָס זשע וועט וועט ער טון אָהן א וועלט? וואוהין וועט ער געהן ארבייטען? און פון וואָס וועט ער מאַכען א לעבען? בפרט איצט, אז ס׳עסענוואַרג איז אזוי בראַנדטייער און אייער איז $1.20 סענט א דאָזען און ווער וויים צי זיי זענען פרישע, און וואָס וועט ווערען מיט די פינף דאָלאַר וואָס סע קומט איהם פון דער געז־קאָמפּאַני? און וואו איז אהינגעקומען זיין ווייב, צום גוטען יאָהר? איז מעגליך, אז זי איז אויך אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט דער וועלט און מיט די דרייסיג דאָלאַר פיידע וואָס ער האָט געהאַט אין דער הויזענקעשענע? און זי איז דאָך פון דער נאַטור, טראַכט ער, נישט געוועזן קיין אונטערגעהערקע — דאָס ווייב זיינס. און וואָס וועט ער טון, אז ער וועט זיך וועלען לעגען שלאָפען?... אויף וואָס וועט ער זיך לעגען, אז ס׳איז נישטאָ קיין וועלט? און אפשר וועט איהם קוועטשען? און ווער וועט עס אויספינישען דאָס באַנדעל ארבייט, וואָס ער האָט איבערגעלאָזען אין שאַפּ? און טאָמער וועט ער וועלען א גלעזעלע מאַלטעד, וואו וועט ער נעמען?

„פכע!“ האָט ער געטראַכט, געזעהען אמאָל אזוינס? א מענש זאָל זיך לעגען שלאָפען מיט דער וועלט אונטער׳ן רוקען און זאָל אויפשטעהן אָהן א וועלט... העז אביסעל!

און ווי אונזער העלד איז אזוי געשטאַנען אין די אונטערוועש און געטראַכט וואָס צו טון, איז איהם איינגעפאַלען, אז כאַפּט עס דער רוח! מילא, איז נישטאָ קיין וועלט! וואָס זאָל מען טון? אונטערגעגאַנ־

נען, איז פארפאלען; וועט ער אוועקגעהן אין די מופנפיק־טשעס און זיך אביסעל פארווײלען די צײט. אָבער צו זײן גרוים איבערראשונג, האָט ער דערזעהן, אז אין אײנעם מיט דער וועלט זענען אויך אונטערגעגאנגען די מופנפיק־טשעס, מיט אלעמען.

א ש ע ה ן ח ת ו נ ׳ ק ע ל ע ה אָ ב א י ך ד אָ אָ נ ג ע א ר ב י י ט ! — האָט געטראכט אונזער העלד און זיך גענומען גלעטען די וואָנצעס מיט דער לינקער זײט פון זײן האנט און האָט ווײטער געטראכט: א ש ע ה ן ח ת ו נ ׳ ק ע ל ע ה אָ ב א י ך ד אָ אָ נ ־ ג ע א ר ב י י ט מ י ט מ י י ן ש ל אָ ף ! אז איך וואָלט נישט געווען פּאַפּען אזוי שטארק — האָט ער זיך אליין גערזידעלט, — וואָלט איך כאָטש געווען אונטערגע־גאנגען גלײך מיט אלעמען. אזוי בין איך חלילה אומ־גליקליך; און וואו וועל איך באקומען אביסעל מאָלטער? כ׳האָב האָלד אלע אין־דער־פריה צו טרינקען א גלעזעל מאָלטער. און מײן פרוי? ווער ווײסט מיט וועמען זי איז אונטערגעגאנגען? אפשר איז זי אונטערגעגאנגען מיט דעם אונטערבינגלערעל פונ׳ם טאפּ־פלאָר, וועל איך זי דער׳הרג׳נען. זאָ וואהר מיר גאָט העלפט!

ווער ווײסט ווי שפעט ס׳איז שוין?

בײ די דאָזיגע ווערטער האָט אונזער העלד געוואָלט א קוק טון אויף זײן אינגערסאָל־זײגערעל, אָבער ער האָט עס נישט געקאָנט געפינען, ער האָט געזוכט מיט בײדע הענט אין דער רעכטער און לינקער קעשענע פון דער ריזיגער ליידיגקײט, אָבער ער האָט נישט געקאָנט אָנ־טאפּען קײן שום זאך.

ע ר ש ט ב א צ אָ ה ל ט צ ו ו י י ד אָ ל א ר פ א ר א ז י י ג ע ר ע ל א ו ן ס ׳ א י ז ש ו י ן א ו נ ט ע ר ג ע ג א נ ג ע ן, האָט ער געטראכט, מ י ל א אז די וועלט איז אונטערגעגאנגען, — האָט ער זיך ווײטער געפלאָנטערט אין געדאנקען, — ארט מיך נישט, ס׳איז

נישט מיין וועלט. אָבער דאָס זייגעריל! פאַר וואָס זאָל מיין זייגעריל אונטערגעהן? א ניי זייגעריל פאַר צוויי טוהלער, און ס'איז נישט אָנגעצויגען, מע דאַרף עס אָנציהען.

און וואו וועל איך נעמען א גלעזעל מאַלטעד?

כ'האָב האָלד צו טרינקען א גלעזעל מאַלטעד אַלע אין דער פריה. און ווער ווייסט צו מיין פרוי איז נישט אונטערגעגאנגען מיט דעם אונטערביגלעריל פון טאפ־פלאָר. און איך האָב פארשלאָפען אזא געוואלדיגע וועלט־אונטערגאנג; מעג ניט קומען אויף מיר א פינסטער יאָהר, א ווינטער? גוואלד! גע־וואלד!... האָט ער גענומען שרייען. וואו איז געוועזען מיין שכל; פארוואָס האָב איך נישט גע־האַלטען קיין אויג אויף דער וועלט און אויף מיין פרוי'קע? פאַרוואָס האָב איך זיי געלאָזט אונטערגעהן אזוי יונג? גע־וואלד!...

און אונזער העלד האָט זיך גענומען שלאָגען דעם קאָפּ אָן פוסטקייט, נאָר אזוי ווי די פוסטקייט איז געוועזען זעהר א ווייכע, האָט עס איהם נישט געשאַד'ט און ער איז געבליבען לעבען צו דערצעהלען די דאָזיגע געשיכטע.

# צימעם

י ש ש כ ר איז דער נאָמען פון א הויכען, געשטופּעל־טען בחור, וועלכען מיר נאָמינירען אַלס העלד פון אונ־זער געשיכטע.

מיר שטעלען זיך איהם פאָר אַט־אַזוי: א לאַנגער, א פּלאַכער, ווי אויסגעוואַלגערט מיט א קאַטשעלקע, פינ־טעלט בסדר מיט די אויגען — פון שוואַכקייט, אַנשטאַט בלוט רינט ביי איהם אין די אָדערען וואַרימער בוימעהל.

ע נ י ־ ב ע ס י, אָדער חנה־באַשע איז דער נאָמען פון א געפּאַקטער מויד — א געזונטע ווי אַן אייזען, מיט א רויט פּנים, רויטע הענט, רויטע אויגען און רויטע קאַרשען־ליפּען, ווי אין זייפערט'ס א ראָמאַן.

די דאָזיגע עניבעסי ווערט פון אונז באַשטימט אַלס העלדין. און מיר טרעטען־צו צו דער — הומאָרעסקע.

אַז יששכר האָט ליעב געהאַט עניבעסי'ן איז זעלבסט־פאַרשטענדליך. למאי זאָל ער זי פיינט האָבען? בפרט, אַז זיי זענען נישט קיין פרעמדע, אַז זיי אַרבייטען אין דערזעלבער — הומאָריסטישער ערצעהלונג!

האָבען זיי זיך, אַלזאָ, פאַרליעבט. גוט. זאָל זיין אין א מזל'דיגער שעה. אי"ה ביי אונזערע קינדער, נאָר מיט א גרינגער האַרץ!

געזאָגט — מוז געזאָגט ווערען, אַז מיר, דער שרייבער פון דיזער מעשה און יששכר, זענען מיר שטיקלעך קאָ־לעגען פער פראָפעסיע. ער שרייבט אויך.

צי ער שרייבט בעסער פון מיר, אָדער איך שרייב ערגער פון איהם — איז איצט נישט די פראַגע. איצט

האנדעלט זיך בלויז וועגן קלאָר מאַכען אַ פּונקט אין זיין ביאָגראַפּיע און אויך פאַר איין וועג צו געבען אַן אָנצו־הערעניש, אַז אַזוי ווי ער איז אַ שרייבער איז ער שוין במילא אַ גרויסער שלומיאל — וואָס טויג נישט אַ קאַץ אַן עק צו פאַרבינדען.

פּונקט דער היפּוך פון איהם איז עניבעסי. ערשטענס איז זי אַ מיידעל, אַ זאַך וואָס יששכר איז נישט. און צווייטענס איז זי אַ לעבעדיגע, אַ טאַנצענדיגע און — אַ גרויסע בהמה.

ווי דער שטייגער איז!

אַזוי גיך ווי יששכר האָט זיך באַקענט מיט עני־בעסי'ן, האָט עס איהם אַ ציה געטון צו איהר — ווי מען זאָגט, אַז סע האָט איהם נישט אָפּגעלאָזען. געוועזן איז דאָס ביי איהרער אַ מומען אין הויז, ערגיץ אויף ווילעט סטריט. מען האָט געפּראַוועט עפּעס אַ שטיקעל פּ אַ ה ד י, און יששכר, אַלס אַ לאַדנסמאַן און אַלס אריינשטעלער אין די פּייפּערס, איז איינגעלאַדען געוואָרען צו קומען באַ־שיינען די שמחה.

איז ער געזעסען לעבען עניבעסי'ן און נישט גע־וואוסט, וואָס טוט מען: צי זאָל ער רעדען פון — צימעס, צי ניין?

אָבער דאָ בעט זיך שוין ווידער אַ שטיקעלע דער־קלערונג. יששכר, דאַרפט איהר מיר גלויבען אויפ'ן וואָרט, האָט געהאַט בלויז איין איינציגע טעמאַ: צימעס. איבער צימעס האָט ער געקענט רעדען צו יעדער־צייט און ביי יעדער געלעגענהייט. צימעס — דאָס איז געווען זיין שטאַרקע זייט.

וועגן צימעס האָט ער געהאַט אַ מאַסע געזאַמעלטע וויצען, עטליכע אַנעקטאָדען, צוויי מעשה'לעך און איבער אַ טוץ גלייכווערטלעך.

דערזעהן, אַז אויף דער אַנדער זייט פון עניבעסי'ן זיצט עפּעס אַ בחור און שטיפּט מיט איהר אויף וואָס די

וועלט שטעהט, איז יששכר געוואָרען אויפגערעגט און האָט געטראַכט:

אָט באַלד וועל איך רעדען וועגען צימעס!

יענער בחור (דער וואָס אָהן צימעס!) האָט זיך דער־ווײַלע געטון וואָס אַ בחור דאַרף: פאַרקניפּט מיט איהר אַ שמועס, איהר דערצעהלט סאַראַ גרויסער פאַרדינער ער איז און וואָס פאַר אַ שענע פאַמיליע ער שטאַמט, און —

פּיין!

ניין. נישט פּיין! אָפּשייליך! העסליך! נידערטרעכ־טיג! אַזוי האָט בײַ זיך געטראַכט יששכר און ער האָט באַשלאָסען צו רעדען וועגען צימעס.

— פרייליין! — האָט ער אָנגעהויבען און זיך גע־ווענדעט צו דער געוויסער עניבעסי'ן — פרייליין, איך טראַכט איצט וועגען אייך און וועגען — צימעס.

— אָלרייט! זעהר שעהן פון אייך! — האָט זי אָפּ־געענפערט מיט אַ געלעכטעריל און זיך בשעת מעשה אונטערגעהאַלטען מיט דעם אַנדערען בחור — דעם וואָס אָ ה ן צימעס.

— פרייליין! — האָט יששכר גענומען זיך צוקלעפּען מיט זיין צימעס — פרייליין, ווייסט איהר וואָרום איך טראַכט וועגען אייך אין פאַרבינדונג מיט צימעס?

— לאָמיר אַזוי וויסען בײַן! — איז זי געווען אָפּענ־הערציג.

— ווייל צימעס — האָט זיך יששכר צעלאָזען — ווייל צימעס איז דאָס יום־טוב'דיגע פון דער שפּייזען־וועלט. פּונקט ווי אַ שעהן מיידעל איז דער יום־טוב פון דער וועלט־שפּייז — כע־כע!

אָבער עניבעסי איז געבליבען נישט־באַוועגליך ווי אַ מיל אויף דעם לייוועגט פון אַ האָלענדישער לאַנדשאַפט.

— איהר זאָגט צימעס! — האָט זיך יששכר ווידער איינגעגעסען אין עניבעסי'ן — צימעס איז ניט גלאַט אַ

באגריף. עס שטאמט פון די צוויי ווערטער: צום־עס — צום עסן, הייסט דאָס, אָדער, אַז ניט קען מען זאָגן, אַז עס שטאמט פון די העברעאישע ווערטער: צה־מת!

— צימעס! — האָט ער זיך צו׳התלהב׳עט, — צימעס איז דער סאמער עיקר פון לעבן. א מענש — מאכט ער — קען לעבן, אָהן א פוס, אָהן א האנט, אָהן פרנסה, אָבער אָהן צימעס קען דער מענש נישט לעבן. ווי ניטשע — מאכט ער — האָט אמאָל געזאָגט: דאָס גאנצע מענשליכע לעבן איז בלויז א צימעס, א שטרודעל, א... א...

דאָ איז יששכר געבליבען שטעהן. ארייננעצויגען אָטעם דורך די ברייטע נאָז־לעכער און — געקוקט אויף עניבעסי׳ן און אויף דעם בחור וואָס איז געזעסען לעבן איהר — אויף דער צווייטער זייט. ביידע זענען איצט געווען פארטיפט אין קוקען זיך איינס־ס׳אנדערע אין די אויגען און — זיפצען.

„איכ׳ל נאָך רעדען וועגען צימעס!“ — האָט געטראכט יששכר, און זיך געווישט דעם שוויים פון שטערן.

און ער האָט טאקע געהאלטען וואָרט אויך. עס איז ניט אוועק קיין פינף מינוט, ווען מען האָט צוגעבראכט צום טיש עטליכע געבאקטע עפעל, און דאָס האָט יששכר אויסגענוצט פאר זיין טעמא — צימעס.

— געבאקטע עפעל! — האָט ער אָנגעהויבען און זיך אויסגעהוסט אין זשמעניע אריין — געבאקטע עפעל זענען אויך א געוויסער צימעס. אלץ וואָס איז שעהן אין לעבן איז — צימעס. אָבער דער גרעסטער און צימעס־דיגסטער צימעס פון אלע צימעסען איז — די ליעבע. אך, סארא צימעס דאָס איז!

ביי די ווערטער האָט ער זיך אומגעקוקט צו עניבעסי׳ן, וועלכע איז געוואָרען רויט און טויט, און זיך

פאַרשעמט ווי אַ כּלה, בעת דער חתן צעברעכט דאָס גלעזעל.

— אָט הפּנים, אַז מיין צימעס הויבט אָן ווירקען! — האָט געטראַכט יששכר. — מיר'ן באַלד — האָט ער גע־טראַכט — ווייטער רעדען וועגען צימעס.

אָבער דאָ האָט זיך אויפגעהויבען דער בחור, וואָס איז געזעסען אויף דער אַנדערער זייט פון עניבעסי'ן, דער וואָס אָהן צימעס, און געזאָגט:

— מיסטער! וואָס דרעהט איהר אַ היטעל מיט צימעס! וואָס האָט איהר זיך צעצימעסט! — וואָס האָט איהר זיך? אַז איהר קענט נישט — מאַכט ער — רעדען ווי אַ מענש, זאָלט איהר האַלטען דעם חזיר'שען צונג, און נישט — מאַכט ער — רעדען גראָבע רייד בעת איהר זיצט לעבען אַ ל י י ד ע!

און ער האָט צוגעטוליעט עניבעסי'ס פאַרשעמט קעפּעל צו זיין גיגאַנטישער ברוסט.

— וואָס פאַר אַ גראָבע רייד האָב איך דען גערעדט?

— האָט זיך שוין יששכר נישט פאַרשטאַנען. — איך האָב בלויז געזאָגט, אַז צימעס —

— צימעס! צימעס! צימעס! מע הערט נישט מעהר ווי צימעס! — האָט איהם דער אַנדערער בחור איבערגעקרימט מיט פאַראַכטונג. און זיך ווענדענדיג צו עניבעסי'ן האָט ער געזאָגט:

— קומט, עניבעסלע, לאָמיר זיך אַביסעל דורכגעהן אין פּ אַ ר ע ק! און ער האָט איהר דערלאַנגט דעם לינ־קען אָרעם, וועלכען זי האָט גערן אָנגענומען.

— מען האָט זיי באַדאַרפט געבען דעם משל וועגען דעם חזיר און דעם צימעס, וואָס איך האָב אַמאָל גע־הערט פון אַ מגיד! — האָט געטראַכט יששכר.

מיט אַ 10 מינוט שפּעטער, ווען ער איז געקומען צו זיך איז אָבער לײדער שוין געווען פאַרפאַלען. זיי זענען

שוין געווען אין דרויסען. און אפשר אין פארק — און אפשר — ערגיץ אין א טונקעלען ווינקעל, וואו די גראזען בלאזען. און — קיין פאליסמאן זעהט מען נישט פאר א מיליאן!

# לעמעשקע

געהייסען האָט ער „לעמעשקע“ און געווען איז ער א לעמעשקע. דאָס הייסט: איידער ער איז געוואָרען — א לעמעשקע איז ער געווען א מענש ווי איך און איהר. געגעסען, געטרונקען, גערעדט פּאַסקודנע רייד, גענומען א דירעקטען אָנטייל אין מלחמה־דעבאטען א. ז. וו. אַלץ אזעלכע זאכען וואָס באווייזען, אז אונזער צעקראָכענער העלד איז געווען פאָלשטענדיג געזונט אויפ'ן קאָפּ און — פארקעהרט.

נאָר אמאָל האָט זיך מיט אונזער ווערטען „לעמעשקע“ פּאַרלאָפען א שוידערהאפטע מעשה: ער האָט נעמליך איבערגעלעזען עפּעס א ביכעל וועגען „די מיליאָנען גע־פאהרען וואָס לויערען אויף דעם מאָדערנעם מענשען“. דאָס דאָזיגע ביכעל, וואָס איז געווען געשריבען פון א געוויסען דאָקטאָר „נעמימארוים די קעיפּים“, האָט גענו־מען אונזער לעמעשקע'ן און איהם געקוילעט אָהן א מעסער.

אָנשטאָט דעם דרייסטען יונג וואָס ער איז פריהער געווען, איז ער פון דעם מאָמענט וואָס ער האָט איבער־געלעזען דאָס באַקאַנטע ביכעל, געוואָרען אן אבסאָלוטע און פאָלשטענדיגע לעמעשקע. אָנשטאָט וואָס ער האָט פריהער נישט מורא געהאַט זאָגאר פאר א דזשעניטאָר, האָט ער איצט געציטערט פאר דעם שאָטען פון זיין איי־גענעם ברייטען קאַפּעלוש, וועלכער איז ביי איהם געלע־גען אויף אַן אויער — מעשה טראכטער!

און אז לעמעשקע האָט גענומען ציטערען — איז דאָס געווען א ציטערניש „איבער דער גאנצער ליניע“.

זיין שרעק פאר די לויערענדע געפאהרען האט נישט געוואוסט פון קיין אפשטעל, און פון קיין גרעניץ. זעכצעהן שעה אין טאג האט ער געפלאטערט אין די פלודערען פון שרעק פאר פארשיעדענע זאכען און די איבריגע אכט שעה האט ער — האט ער אויך געטון דאס איינענע.

„עלעוויטאר?“ לאכציכוים! לעמעשקע וועט ניט פאהרען אויף קיין עלעוויטאר. אורזאך? עלעוויטארס קאנען אראפפאלען. „סאבוויים?“ געהט אוועק פון דאנעט! לעמעשקע וועט נישט פאהרען אין קיין סאבוויים — וואו עס קאן יעדע מינוט און יעדע רגע פאסירען א צוזאמענשטויס. „קארס“? דערמאנט נישט דאס ווארט, פליעז! א קאר קאן אראפ פון די רעלסען אדער אריינפאהרען אין א פייער אינדזשען און למאי איז ער מחויב זיך איינצושטעלען ס׳לעבען?

געהן צופוס? קאן ער אויך נישט, ווייל עס טרעפען סיבות. ערשט נעכטען, איינער א מאן איז געפאלען אין סטריט פון עלטער־שוועכע.

און ניט נאר וועגען פאהרען, נאר מיט יעדער זאך אזוי. למשל: שלאפען. וואו קאן אזא איד ווי לעמעשקע שלאפען? אין א ביליגען האטעל, האט ער מורא, אז עס וועט אויסברעכען אן ערד־ציטערניש. ווידער אין א טייערען האטעל, האט ער מורא, אז סע קאן נאך אין מיטען נאכט אויסברעכען א פייער, אדער א קאבארעט. אין דער היים — קאן איהם נאך עפעס אריינקריכען אין אויער, איז ער חלילה א פארטיגער. ווידער אין גאס — קאן נאך פארבייפאהרען דער וואגען מיט די בעזימס וואס קערט די גאסען און איהם אוועקקערען. און דאס נעמליכע מיט עסען: וואס קאן א מענש ווי לעמעשקע געניסען? פלייש, אייער און מילך ענטהאלטען אין זיך, ווי מיר ווייסען, אזעלכע קליינע חיה׳לעך וואס רופען זיך „באצילען“, און וועלכע זיינען א סם־המות זאגאר פאר א

געזונטען מענשען. בפרט נאָך פאר איהם! ווידער־זשע גרינסען און פרוכטען און אנדערע קרייטיכער קאָן ער אויך ניט עסען, דערפאר וואָס זיי ענטהאלטען אין זיך אזא מין „זויערקייט“ וואָס איז שעדליך פאר׳ן מאַגען און סע גרייפט אָן דאָס הארץ. בלייבט איבער: וואסער.

איז אָבער די קשיה: וואָס פאר א וואסער זאָל לעמעשקע טרינקען? „ווייכע“ וואסער, האָט ער מורא, אז סע וועט איהם אריין אין די געהירען און ער וועט קריגען א וואסער־קאָפּ... ווידער הארטע וואסער איז צו טרוקען, — האָט ער מורא, אז סע וועט איהם דאַרשטען.

וואָלט ער שוין אין גאנצען געפאסט, האָט ער אָבער מורא, אז ער איז שוואך דערצו.

ווי איהר זעהט, אלזאָ, האָט זיך אונזער לעמעשקע געפונען אין א ביטערער לאגע און ניט נאָר האָט ביי לעמעשקע׳ן אריינגעטראָטען א גרויסע ענדערונג בנוגע צו פיזישע זאכען נאָר אויך צו גייסטיגע. אזוי, האָט ער, למשל, איידער ער איז געוואָרען אָן אבסאָלוטע לעמעשקע זיך געהאט געליעבט מיט א מיידעל, געזעסען מיט איהר קעגען דער לבנה און זיך אויפגעפיהרט ווי א רעגעלער אידיאָט, — וואָס דאָס איז גאנץ נאָרמאל אונטער אזעלכע אומשטענדען. אָבער זינט ער האָט איבערגעלעזען דאָס געוויסע ביכעל פון דעם דאָקטאָר „נעמימאַרווים ד׳ קעיכים“, האָט ער גלייך אָפּגעשניטען אלע פארבינדונגען מיט זיין געליעבטער. וואָרים, וואָס טויג איהם א מיידעל? וואָס וועט ער מיט איהר טון? אז קושען זיך טאָר מען נישט צוליעב באצילען, ארומנעמען זיך איז אויך ניט ראטזאם, צוליעב דעם, וואָס מען ווערט אויפגערעגט, און דאָס הארץ הויבט אָן האסטיג קלאפּען, וואָס דער פון קאָן זיך, מיט דער צייט, לאנגזאם ענטוויקלען

א פּלעצליכער האַרץ־שלאַג אָדער אַן אַנדער אומגליק, צו וואָס דאַרף ער עס האָבן?

אָט דאָס זענען געווען די געדאַנקען פון לעמעשקע, דעם זוהן פון לעמעשקע, וואו ער איז געשטאַנען און וואו ער איז געגאַנגען, פון אַלע דעבער און פון אַלע פענסטער־שויבען האָבען צו איהם געוואונקען פינגער און געוואָרענט: „היט זיך לעמעשקע! זיי פאָרזיכטיג לעמעשקע!“

און דאָס לעבען איז איהם געוואָרען ענג, ווי דאָס וועסטעל אויף א אידישען סקיצען־שרייבער בעת ער קריגט די בשורה, אז מען געהט איהם איבערזעצען אין רוסיש...

און לעמעשקע׳ס לאַגע איז געוואָרען שווערער און פאַרצווייפעלטער פון טאָג צו טאָג. און גאָט ווייסט מיט וואָס פאַר א שוידערליכען אומגליק די דאָזיגע געשיכטע וואָלט זיך געווען געענדיגט, ווען עס זאָל איהם ניט גע־ווען איינפאַלען א זעלטענער געדאַנק. — היינו: אין א שעהנעם פריה־מאָרגען, בעת אַלע אין זיין הויז האָבען נאָך געשלאָפען, איז לעמעשקע שטילערהייט אַראָפּ פון׳ם געלעגער, זיך אָנגעטון דעם שבת׳דיגען פראַק מיט׳ן ברייטען קאַפּעלוש און אַרומקוקענדיג זיך צי קיינער זעהט נישט, איז ער מיט׳ן טשעמאָדאַן אין האַנט אַרויס פון שטוב און איז אַוועק — אויף היינטיגען טאָג...

* * *

און אָט דאָס, מיינע פריינט, האָט איהם געראַטעוועט.

# אנ'אנדער סאָרט מענש

איך בין אן אנדער סאָרט מענש.

איך האָב פיינט שפּארען זיך מיט מענשען, אפילו דאַרטען, וואו איך וויים, אז איך בין אבסאָלוט גערעכט און יענער איז דורכאויס אומגערעכט.

איך האָב ניט האָלד ארויפצוצווינגען מיין מיינונג אויף א מענשען, אפילו דאַרטען, וואו יענער שטעהט גייסטיג נידעריגער פון מיר

איך מעג זיך באריהמען, אז עס זענען שוין געווען פאלען, וואו מענשען האָבען מיך איינפאך רואינירט און איך האָב — געשוויגען.

געשוויגען און נישט גערעדט א וואָרט, נישט געזאָגט אפילו, אז מ'דארף עס נישט טון און ס'איז נישט קיין יושר.

איכ'ל ברענגען ביישפּיעלען:

אנומעלטען ביי נאכט כאפּ איך זיך אויף, דערזעה איך ווי לעבען מיין בעט שטעהט אן אונבאקאַנטער גנב, פון נידריגסטען טיפּ — נאָר יעהר א הויכער און גוט געבויט.

שטעהט לעבען מיין בעט, מיט'ן רעוואָלווער אין האנט און — הינטער איהם שטעהט נאָך איינער מיט א לאמטערענדעל, אויך א פרעמדער און אויך זעהר אן אטלעטישער יונגערמאן.

— גוט נאָוועגט! — זאָג איך — וואָס ווינשען די זשענטעללייט?

— מיר ווינשען אייך צו באַ'גנב'ענען! האָט דער

מאַראַליש־געזונקענער גנב געענטפערט, מעהר מיט'ן רע־וואָלווער ווי מיט עפּעס אנדערש.

— און דער יונגערמאַן דאַרטען־אַ, מיט'ן לאַמטע־רענדעל, וועט אייך העלפען?

— יעס. ער האָט אויך א רעוואָלווער. און טאָמער וועט זיין נויטיג שטעהט פון דרויסען נאָך איינער א באַ־ריהמטער מערדער.

טראַכט איך א ווייל מיט די הענט אין לופטען און זאָג:

— זשענטעלליים, איך'ל זיך מיט אייך ניט שפּאַרען, צי א י ה ר זענט גערעכט, צי איך. איצט איז איבערהויפּט ניט די צייט פאַר פריינטליכע דיסקוסיעס. אפשר שפּע־טער, דערווייל קאָן איך אייך זאָגען, אז איך וועל זיך מיט אייך ניט איינרייסען, און אייך לאָזען גנב'ענען ווי־פיעל איהר ווילט און ניט אכטענדיג דארויף וואָס איהר זענט מיר אבסאָלוט פרעמדע, רוף איך צו אייך אוים: פריינט, קוקט ניט דארויף וואָס איך בין א ביסעל בלאַס און סע ציטערען ביי מיר די הענט, נעמט וואָס איהר קאָנט — איך'ל אייך אבסאָלוט גאָרנישט זאָגען, איך זאָל אפילו וויסען, אז איהר'ט מיך רואינירען.

אָ ט א ז א ס אָ ר ט מ ע נ ש ע ל ב י ן א י ך מ י ר!

א צווייטער פאַל וואָס באווייזט אויף ווי ווייט איך בין פריינטליך און נאָכגעביג אפילו צו מיינע ערגסטע שונאים איז דער פאָלגענדער:

איך האָב זיך געליעבט אין א מיידעל. וואָס הייסט געליעבט? געליעבט הייסט אז איך האָב נאָך איהר קראַפּירט. פּשוט אויסגעגאַנגען נאָך איהר ווי א ליכט. עס האָט געהאַלטען אזוי ווייט, אז איך האָב ביי זיך גע־האַט אָפּגעמאַכט אז באַם, אויב זי וועט מיר אָפּזאָגען די ליעבע, וועל איך זיך אראָפּוואַרפען ערגעץ פון א דאַך, צום שווארצען יאָהר.

אזוי ווייט האָט עס געהאַלטען.

דארף מען שוין מעהר?

פונדעסטוועגען, אז עס האָט זיך געמאכט, אז סע האָט זיך אין איהר איינגעליעבט א צווייטער בחור און ער האָט אָנגעהויבען אריינגעהן צו איהר, און איהר ברענגען בלו־מען מיט צוקערקעס מיט אַלע זאכען, האָב איך לאנג נישט געטראכט, נאָר איהם אָפּגעוואַרט לעבען איהר הויז און איהם אָנגעזאָגט:

— הער נאָר אויס, דו שמויטעפונע, דו לאפּאצאן, אויב דו וועסט ניט אויפהערען ארויפצוגעהן צו מיין מיי־דעל, וועסטו זיך אויסריכטען א פינצטער יאָהר, דו פּאס־קודניאק!

אז ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער לאנג ניט גע־טראכט און מיך געמאכט פאר א... קאַליקע.

— עה! טראכט איך! אז דו ביזט שוין יאָ אזא הי־צעל, אזא מערדער, האָב איך דיך אין דר'ערד... וויל איך זיך גאָר נישט באדערען מיט דיר... און איך האָב זיך צו־ריקגעצויגען.

אָט אזא סאָרט מענשעל בין איך מיר!

צי נעמט א שטייגער אזא פאל:

איך געה ארום אָהן ארבייט און דארף א שטעלע נויטיג ווי ס'לעבען. קום איך אָן ערגיץ אין א שאָפּ, ביי מיין ארבייט, און אזוי ווי איך זעץ זיך נאָר אַוועק ביים מאשין, קומט צו מיר צו א יונגערמאן און מאכט צו מיר:

— מיסטער, איך בין דער שאָפּ־טשערמאן, און איך בין אייך מודיע, אז איהר קענט דאָ נישט ארבייטען, ווייל איהר פארנעמט ס'פּלאַץ פון א יוניאָן־מאן.

זאָג איך: איך פייף אויף אייער יוניע און מיט אייך אין איינעם.

זאָגט ער: מיסטער, מיר אַפּעלירען צו אייך אין נאָמען פון מענשליכקייט, דער מאן אויף ווענענס פּלאַץ איז זענט

אָנגעקומען ארבייטען, איז א טאַטע פון זעקס קליינע קינ־דער און א קראַנקער מענש.

זאָג איך: נישט איך האָב איהם געהייסען זיין אזא שטאַרק־באַקינדערטער טאַטע, און נישט איך בין שולדיג אין דעם וואָס ער איז קראַנק. פון מיינעט וועגען, זאָל ער זיין געזונט ווי א גוי, און איך ארבייט מיר ווייטער.

אָפּגעארבייט דעם טאָג, קומט צו מיר צו דער באָס און מאַכט צו מיר:

— מיסטער, איהר דאַרפט זיך נישט מטריח זיין קומען מאָרגען צו דער ארבייט... אייער ארבייט טויג נישט! איהר פיהרט נאָר איבער גוטע פאָדעם...

זאָג איך: ס'איז דאָך דער ערשטער טאָג... מאָרגען וועט זיין בעסער — איהר'ט זעהן, גיט מיר א שאַנס!...

מאַכט ער צו מיר: איך וויל אייך ניט געבען קיין שאַנס, און אָט איז... די טיר.

און ער שטופּט מיך ארויס, מיט א מין רציחה, אז מע'זאָל גאָר אָפּגעהיט ווערען!

אז איך בין שוין געשטאַנען אין דרויסען, האָב איך ביי זיך געטראַכט:

נאָך אַלעמען איז דאָך טאַקע א גאָט'ס רחמנות אויף דעם קראַנקען אידען מיט די זעקס קליינע קינדער. לאָז ער בעסער האָבען דעם דזשאָב, מיך וועט דער רוח נישט צונעמען.

אז איך האָב געהונגערט אזויפיעל, וועל איך הונגערען נאָך א פּאָר טעג. איך קאָן נישט צוזעהן ווי יענער ליידעט.

**אָט אזא סאָרט מענשעל בין איך מיר!**

## זעלבסטמערדער נומער 1

ס'וועטער איז געווען פיין, וואָס פיין קען נאָר זיין. דער הימעל איז געווען — הימליש. די זון האָט געשיינט ווי — ווי זאָל איך אייך זאָגן? איהר האָט אמאָל געזעהן, ווי אזוי א זון טוט זיך א צושטראל אויף זייטעל 214 פון א ראָמאַן, בשעת דער העלד געהט שפּאצירען מיט זיין העלדינע? אָט אזא מין זון האָט געטון לייכטען אויף גאָט'ס דינסטאָגדיגען הימעל. ווייל עס איז געווען דינסטאָג. שא. און אפשר האָבען מיר א טעות? — אפשר איז דאָס גאָר געווען מיטוואָך? אָדער דאָנערשטאָג? ריכטיג! עס איז טאַקע געווען דאָנערשטאָג. (אָנמערקונג: נאָך גוט וואָס מיר האָבען זיך געכאפּט אין צייט!) און — ווי מיר האָבען שוין פריהער באמערקט — איז דער טאָג געווען א לויטערער, א שעהנער, א וואונדערבארער. כאָטש מיט אונזער געשיכטע האָט עס נישט וואָס צו טון. מיר דערצעהלען עס גלאט אזוי פון פינקטליכקייט וועגען. מיר וועלען נאָך צוגעבען, אז עס איז געווען דער ווארימסטער 24טער אויגוסט, פאר די לעצטע 18 יאָהר, מיט א לייכטען ווינט פון איסט־ריווער און א שוואך רעגענדעל ארום פארנאכט. טעמפּעראטור 106. (אבראהאם לינקאָלן: „איהר קענט נארען איין מענשען אלע מאָל, איהר קענט נארען אלע מענשען איין מאָל, איהר קענט אָבער נישט נארען אלע מענשען אלע מאָל.")

...אין אָט אזא טאָג איז יאָסעל ב., א יונגערמאַן פון א יאָהר צוואנציג—דרייסיג, ארויס אין גאס און האָט הינטער זיך איבערגעלאָזען אלע פארגאנגענע טעג פון זיין אמאָליגער צוקונפט. נאָר איין קליין מאָמענטעל — א

שוואַרצס, אַ דערשלאָגענס, אַ נאַקעטס, אין הוילען העמ־דעל — איז איהם נאָכגעלאָפען פון הינטען און געשריי־גען: זעלבסטמאָרד! זעלבסטמאָרד! באַגעה זעלבסט־מאָרד!

— טאַקע? האָט יאָסעל ב. געפרעגט. — דו מיינסט עס ערנסט, אָ, דו טרויעריג געגענוואַרטעל מיינס?

— אבסאָלוט! — האָט געענטפערט דאָס נאַקעטע מאָמענטעל מיט די קרומע אויגען.

— וואָס איז דען דער מעהר מיט מיר? — האָט גע־פרעגט יאָסעל ב. — סע געהט מיר נישט גוט? צי איך בין, חלילה, עפּעס נישט געזונט?

— ביידע זאַכען! — האָט געענפערט דאָס מאָמענ־טעל. — אי דו האָסט נישט קיין פּרנסה, אי דו ביזט קראַנק, צעבראָכען, מיעד...

— אפשר אַ האָף טון אויף בעסערע צייטען? — האָט יאָסעל ב. געפּרוואווט זיך אָפּבעטען ביי דעם פּעסימיסטי־שען מאָמענטעל. — אפשר אוועקפאָהרען אין צענטראַל פּאַרק? — אפשר עפּעס אַן אנדער זאַך?

— הער אויף מיט דיינע רייד! — האָט זיך דאָס מאָ־מענטעל אַ כאַפּ געטון פאַר די אויערען. — כ'האָב פיינט, אַז מען רעדט פון האָפען, שמאָפען... ס'איז אַלץ נאַרישע רייד! האָסט שוין גענוג געהאָפט, אָה, מענשענזוהן! און איצט איז די העכסטע צייט דו זאָלסט זיך פיהלען פאַרצווייפעלט. פאַרלאָז נישט די געלעגענהייט! אַזאַ שאַנס מאַכט זיך בלויז איין מאָל אין פופצעהן יאָהר!...

— וואָס דאַרף איך טון? — האָט געפרעגט יאָסעל ב. און אַ וואַרימער האָגעל האָט גענומען פאַלען פון זיינע אויגען.

— זעלבסטמאָרד! זעלבסטמאָרד! — האָט דאָס

בייזע מאָמענטעל גערעדט. — באַגעה זעלבסטמאָרד, עסטו זיך מחיה זיין !...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַז יאָסעל ב. איז פאַרבייגעגאַנגען זיין היים האָט ער אַרויפגעוואָרפען אַ קוש צום פענסטער, זיך שטומערהייט געזעגענט מיט'ן אַלטען צימבעל און מיט דעם נייעם זומער־קאַפעליוש, וואָס איז געהאַנגען אויף דעם גאַז־רעהר, און ער האָט זיך פּלוצים דערמאַנט, אַז ער איז שולדיג אין פאָלקס־ביבליאָטעק 8 סענט, פאַר די איבריגע פיער טעג, וואָס ער האָט געהאַלטען טאָלסטאָי'ס צווייטען באַנד פון „קריעג און פרידען". און דאַן איז איהם געקומען אויפ'ן זין די אַלטע היים, די געזעלבסטמערדערטע טעג פון זיין פאַרגאַנגענהייט, זיין מוטער'ס אומפעהיגקייט צו באַקען קיכלעך, דער טייך פון זיין שטעדטעל, דאָס וויענער מיידעל וואָס פלעגט זיך דאָרט באָדען אין בלויזען פאַרטוך, די ליימיגע בערג, די ווינטער־פייערלעך פון די ציגיינער, די שטייף־קנאַקעדיגע אַנצוגען, וואָס ער פלעגט באַקומען אויף יעדען פסח און וועלכע זיינען געווען געמאַכט פון אַזאַ האַרטען שטאָף, אַז די פלודערען האָבען אויך געקענט אַליין שטעהן, — דאָס אַלצדינג איז איהם איצט געקומען אויפ'ן געדאַנק, איז איצט אָנגעפלויגען אויף זיין נשמה, ווי אַ מחנה נאַסע פייגעל מיט ווייכע שמאַטע־פליגעל, און ער האָט באַשלאָסען צו פאָלגען דעם צורוף פון דעם פעסימיסטישען מאָמענטעל, וואָס איז איהם נאָכגעלאָפען פון הינטען און געשריגען: זעלבסטמאָרד! זעלבסטמאָרד!

— — — — — — — — — — — — — — — —

ער איז געבליבען שטעהן פאַר דער טיר פון אַ פאַון שאַפּ, אונטער דעם באַקאָנטען סימבאָל פון די דריי באַלען, און ער האָט געקוקט. אין שוי־פענסטער פון דעמדאָזיגען געשעפט זיינען געלעגען אַלערליי רעוואָלווערען — קלענערע, גרעסערע, בעסערע, שענערע, מיאוסערע.

— אויב שוין קויפען א רעוואָלווערל אויף צו באַ־געהן זעלבסטמאָרד, איז כאָטש א  ג ו ט ס,  מיט א ביי־נערען הענטעל! — האָט געטראַכט יאָסעל ב. — איך האָב פיינט די ביליגע רעוואָלווערלעך, וואָס אז דו שיסט מיט זיי אָפּ א יאָהר—צוויי ווערען זיי קאַליע און מען מעג זיי אַרויסוואַרפען!...

און ווייטער האָט ער געטראַכט:

— זיך נעמען ס'לעבען מיט א ביליג רעוואָלווערל, האָט נישט קיין זין!... נישט אַלע טאָג נעמט זיך א מענש ס'לעבען. און א דאָלאַר אָדער צוויי שפּיעלט נישט קיין ראָלע. דער עיקר, עס זאָל זיין מיט א שעהן הענטעל — מיט א ביינערנס.

יאָסעל ב. האָט זיך א טאָפּ געטון ביי דער צפון־זייט פון זיינע הויזען, אַרויסגענומען פון דאָרטען די סומע פון פיער דאָלאַר מיט פינפאונפערציג סענט, וואָס דאָס איז געווען זיין גאַנץ פאַרמעגען, האָט עס צוריק אוועקגעלעגט אויפ'ן אָרט און איז אַריין אינוויינוויניג — קויפען דאָס רעוואָלווערל.

— גוט מאָרגען.

— גוט יאָהר. וואָס ווערט איהר זאָגען גוטס?

— פאַראַן ביי איהן עפּעס א גוט שיסערעל, מיט א פּערלמוטערן הענטעל?

— פאַראַן.

— אמת'ע פּערלמוטער, צי  ג ע נ א ר ט ע?

— אמת'ע פּערלמוטער!

— טאַקע?

— אזוי זאָל מיר גאָט העלפען, ווי דאָס איז אמת'ע פּערלמוטער... איך'ל זיך נישט געהן שווערען אומזיסט, צוליעב אזא זאַך. אָט איז א רעוואָלווערל מיט א זעלטען הענטעל. אימפּאָרטירט פון דער שווייץ. גיט עס א טאָפּ־אָן. נעמט עס אין דער האַנט אַריין, מיסטער. האָט נישט קיין מורא...

— סע שיסט?

— אודאי שיסט עס! וואָדען, סע שיסט נישט? אזא גרויס שטיק גאָלד זאָל איך האָבען, ווי גרויס סע שיסט.

— און דאָס הענטעל איז טאקע אן אימפּאָרטירטס?

— אן אימפּאָרטירטס.

— קיין שעהנערען רעוואָלווערעל האָט איהר נישט?

— איהר דארפט נ אָ ך א שעהנערס? ד אָ ס איז וועניג שעהן?... ס'איז דאָך אן אתרוג'ל, נישט קיין רעוואָלווער.

— איהר מיינט אזוי?

— איך מ י י ן נישט. ס'איז ביי מיר זיכער, ווי ס'איז זיכער, אז מיר האָבען א גאָט אויף דער וועלט! וואָסטיר געבען דערפאר? לאָמיר הערען?

— וואָס ו ו י ל ט איהר דערפאר?

— פינף מיט א קוואָדער.

— איז נישטאָ וואָס צו ריידען. אויב איהר ווילט פיער דאָלאר וועל איך אייך געבען!

— אויף מיין וואָרט, אז איך ק ע ן נישט! פאר פיער דאָלאר קען איך אייך געבען א רעוואָלווער מיט א פליין הענטעל, נישט קיין ביינערנס.

— איז נישטאָ וואָס צו ריידען.

— איז נישטאָ וואָס צו ריידען.

און יאָסעל ב. איז אוועק.

אין דרויסען איז ער געבליבען שטעהן פאר'ן פענס־טער, באטראכט דאָס זעלטענע שיסערעל מיט דעם גלאַנ־ציגען בלאָה־גרויען, פערלמוטערנעם הענטעל און נישט געקענט אוועקגעהן דערפון. עס האָט איהם געצויגען צו דעם אימפּאָרטירטען הענטעל פון דער שווייץ.

— א שאָד! א שאָד! — האָט ער גערעדט צו זיך אליין. — אזא רעוואָלווערעל. ווען איך האָב, גיב איך מיך א שים און... געננוג, און איך בין פּטור פון דעם גאנצען יאָמערטאָל מיט אלע זיינע פריידען און ליידען!

עטליכע שעה האָט זיך יאָסעל ב. ארומגעדרעהט אין גאס — נישט אהער נישט אהין. עס האָט איהם געצויגען צו דעם פרישען ביסעל זעלבסטמאָרד. אָבער נאָך מעהר ווי צו זעלבסטמאָרד, האָט איהם געצויגען צו דעם שעהנעם הענטעל פון דעם רעוואָלווער...

אז ס'איז געוואָרען נאכט איז יאָסעל ב. אוועק אהיים, אָפּגעגעסען נאכטמאָל, זיך געלעגט שלאָפען און נישט פארגעסען אָפען־צו־לאָזען די אויבערשטע טייל פונ'ם פענסטער.

אינדערפריה, אז ס'איז נאָר טאָג געוואָרען, האָט ער זיך אויפגעכאפּט, אָפּגעטרונקען די גוטע קאווע מיט שמאנט און איז אוועק צום פּאָון־שאָפּ.

— נו, וואָס הערט זיך? וויפיעל ווילט איהר פאַר דעם רעוואָלווער?

— פינף מיט א קוואָדער. אָן עק: זאָל זיין פ י נ ף! נישט ווענינער א פעני!

פיער און א האלב גיב איך אייך. קעש געלט.

— וויים איך וואָס איהר רעדט!

— ער'ט בעסער ווערען — האָט געטראכט יאָסעל ב.

— א פערטעל דאָלאר האָט ער שוין אראָפּגעלאָזט. מען דארף זיך נאָר נישט איילען.

און ער איז אוועק אהיים.

אין א וואָך ארום, אז יאָסעל ב. איז צופעליג פארביי־געלאָפען דעם פּאָון־שאָפּ, האָט ער זיך דערמאָנט, אז ער וויל זיך נעמען ס'לעבען, און ער איז אריין אינווייניג.

— נו, וואָס הערט זיך?... איהר האָט נאָך דאָס רע־וואָלווערל מיט'ן פּערלמוטערנעם הענטעל?

— מאָמיר נאָך!

— וואָס וועט עס קאָסטען?

— כ'האָב דאָך אייך געזאָגט! פינף דאָלאר. דאָס איז דער לעצטער פרייז.

— פיער מיט 75 וועט איהר נישט נעמען?

— אפילו נישט 4 מיט 99!

— אידישע ביזנעס! — האָט יאָסעל ב. א טראכט געטון. — כלומרשט ער וויל נישט נאָכלאָזען... אָבער ער וועט בעסער ווערען. מע׳דאַרף זיך נאָר נישט איילען.

און ער איז אַוועק.

אין אַ צוויי חדשים ארום איז יאָסעל ב. ווידער פאַר־בייגעלאָפען דעם פאָן־שאָפּ. האָט ער זיך ווידער דער־מאָנט, אַז ער וויל באַנעהן זעלבסטמאָרד, ווייל דאָס לע־בען איז פּוסט און הויל און נאַריש און הכל הבל... און — ער איז ווידער אריין דינגען דאָס רעוואָלווערעל.

— וואָס הערט זיך מיט יענעם רעוואָלווערעל?

— שוין פארקויפט!

— טאַ־קע? איז יאָסעל ב. שיעור נישט אומגעפאַ־לען פון יסורים.

— וואָדען? איך׳ל וואַרטען פאַר אייך?

— אַ שאָד! אַ שאָד! — האָט יאָסעל ב. געטראַכט. — געוועזן באַדאַרפט איהם געבען נ אָ ך אַ קוואָדער און אַן עק... איצט — האָט ער ווייטער געטראַכט אויף אַ גאַליצישען אידיש — וועל איך שוין ל י י ד ע ר ג אָ ט ע ס מוזען בלייבען לעבען!... ווייל איך׳ל זיך נישט צופּאַסען קיין לייטישען רעוואָלווער... די אמערי־קאַנישע רעוואָלווערען, מישטיינס געזאָגט! אָהן חן, אָהן געשמאַק, אָהן אַלצדינגג... און אַז מע׳שיסט דערמיט אָפּ אַ יאָהר מעג׳ן עס אַרויסוואַרפען. אַז אַנציינדען — האָט ער געטראַכט — זאָל זיך אַמעריקאַ מיט איהרע רעוואָלווע־רען! און אַ פייער — האָט ער געטראַכט — זאָל קומען אויפ׳ן קאַפּיטאַליסטישען קלאַס!... דערפאַר וואָס ז י י האָבען כל ה׳וואָוילטאָגען, און מיר קענען זיך אפילו נישט פאַרגינען זיך צו דערשיסען איינמאָל אין עטליכע יאָהר

מיט א לייטיש רעוואָלווערל, וואָס איז אימפּאָרטירט פון דער שווייץ. פאַרברענט זאָלען זיי ווערען!

---

...היינט האָט יאָסעל ב. א ריזיג געשעפט פון היל־צערנע ציינשטעכערס, פאַרמאָגט א פּיאַנאָלא, א פרוי מיט צוויי קליינע... הינטלעך, אַן אויטאָמאָביל, א גאַנג מיניקעס־יום־טוב־בלעטער, דריי פּאָר ווייסע פלאַנעלענע הויזען, אַן אויסגעשניטענעם אפּענדיק, א געליעבטע אין די בראָנקס, א מיינונג איבער׳ן פּאַנאמא־קאנאל, צוויי טעלעפאָן־דירעקטאָרים, אַן אויל־בילד פון פּרעזידענט מ׳קינלי, פינף קאשקעטען, א שוויגער, א „סעפּטעמבער־מאָרגען״, א בערשטעל אויף צו פּוצען די נעגעל, א שמאָל רעקעל מיט קעשענעס אין דער זייט און א פאָנאָגראַף מיט אַלע לידער פון אידישען טעאַטער...

און ער איז דער גליקליכסטער, דער לעבעדיגסטער, דער פרישסטער זעלבסטמערדער, וואָס מיר האָבען ווען־עס־איז געזעהן!

## זעלבסטמערדער נומער 2

ער איז געווען יונג, ער איז געווען נאַריש, ער איז געווען פאַרליעבט.

זיין ליעבע איז געווען א טיפע. זיין ליעבע איז געווען אַן ערהאַבענע. זיין ליעבע איז געווען אַ פלאַמפייערדיגע. און אליין האָט ער געהייסען הימעלפעלד, אָדער עפּעס אַן אַנדער נאָמען, וועלכען מיר קענען איצט נישט אויסטראַכטען, ווייל עס איז צו הייס אין דרויסען.

אלזאָ בלייבט עס הימעלפעלד.

אז הימעלפעלד — ערשטער נאָמען: שמואל — האָט דערפיהלט, אז ער איז פאַרליעבט, שטאַרק, טיף און אונגעהויער, האָט ער זיך מישב געווען: וואָס וועט ער טראָגען זיין טיפע ליעבע אין זיך? ער קען זי נאָך חלילה פאַרלירען. מען קען זי נאָך ביי איהם צו׳גנב׳ענען. און ער וועט בלייבען אָהן ליעבע און אָהן אלעמען.

כדי צו פאַרהיטען דאָסדאָזיגע אומגליק, האָט זיך שמואל הימעלפעלד מישב געווען: ווייסטו וואָס? ער וועט נעמען — טאַקע מיט ד ע ר ז ע ל ב ע ר ליעבע וואָס ער טראָגט אין זיין האַרצען — און זיך פאַרליעבען עפּעס אין א מענשען פון אדרבא — דעם געגענזעצטען געשלעכט. „אלץ איינס“ — האָט ער געטראַכט — „האָב איך שוין די פלאַמפייערדיגע ליעבע, וועל איך זי אויסנוצען אויף עמיצען, און לאָז זיך טון וואָס סע וויל!“

כך הוא. אונזער שמואל הימעלפעלד האָט זיך פאַרליעבט אין א מיידעל, האָט איהר אָנגעטרויט זיין טיפע ליעבע, און אין לבנה׳דיגע נעכט, ווען די גאַנצע וועלט

איז חתן־בחור׳יש־בלאָס און נאַרישליך — פלעגט אונזער שמואל הימעלפעלד קריגען מוט און אריינברענגען איהר האַנט אין זיינע און איהר איבערצעהלען די פינגער ביז פינף און — צוריק, און ווידער ביז פינף און ווידער צוריק. די דאָזיגע ווילדע אָרגיען פון צעהלען די פינגער, זענען געווען באַגלייט פון אַ טיפען אריינקוקען אין דער גע־ליעבטער׳ס אויג. דערביי פלעגט ער כמעט צולעגען זיין רעכטען אויג צו איהר לינקען, אַ גלעט טון איהר באַק מיט זיין נישט־געראַזירט פּנים, און מיט די אַנדערע (איינצי־גע) אויגען פלעגען זיי ביידע אוועקקוקען אין דער פריק־רער ווייטקייט, וואָס האָט זיך געצויגען ספּעציעל פאַר זיי.

דאָס צעהלען די פינגער איז אָבער געווען אַ זאַך, מיט וועלכער די צוקינפטיגע מאדאם שמואל הימעלפעלד האָט זיך נישט צופרידענגעשטעלט. זי האָט געוואָלט מעהר ליעבעס־אויסדרוק, זי האָט געוואָלט מען זאָל זי אויסנע־מען פון צייט צו צייט. זי האָט פאַרלאַנגט און געוואונ־שען און געטופּעט מיט איהר שיכעל, נומער 8, אָבער עס האָט נישט געהאָלפען. שמואל הימעלפעלד איז געווען צופיעל פאַרנומען מיט צעהלען די מיידעלשע פינגער ביז פינף און — צוריק. די דאָזיגע ארבייט האָט ער געטון מיט פלייס, מיט פינקטליכקייט, מיט אַלצדינג. און כדי דעם מיידעל זאָל נישט ווערען לאַנגווייליג, פלעגט ער נאָכדעם ווי ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט די פינגער פון איין האַנט, זיך נעמען צו דער צווייטער. דערביי פלעגט זיין גרויס, פישיג אויג, ליגען כמעט אויף איהרען, און ער פלעגט עפּעס מורמלען שטילערהייט פרעמדע, הימעל־ווייטע, אומפאַרשטענדליכע ווערטער.

האָט איהם דאָס מיידעל אוועקגעוואָרפען.

און אַז שמואל הימעלפעלד האָט געזעהן, אַז זיין מיי־דעל נעמט איהם אָן ביים גייסטיגען „הענגער" און וואַרפט איהם אַוועק — נאָכדעם ווי ער האָט פאַר איהר א ז ו י פ י ע ל געטון, נאָכדעם ווי ער האָט אַזוי פלייסיג גע־

צעהלט די פינגער פון איהרע הענט (אינאיינעם האָט עס שוין געהאלטען ביי אנדערטהאלבען מיליאָן!) און נאָכ־דעם ווי ער האָט איהר כמעט אינגאנצען ארויסגעקוקט דאָס לינקע אויג, איז ער געוואָרען פארצווייפעלט, מרה־שחורה׳דיג, אָפּגענארט, פארביטערט און ער האָט באשלאָ־סען:

— פון היינטמאָל אָן — מעהר נישט א קוק טון אויף א פרוי! און כדי זיך אביסעל צו פארטרייבען די ביטערע געדאנקען און כדי ער זאָל נישט דארפען טראכטען פון דער גאנצער געשיכטע, האָט שמואל הימעלפעלד גענומען לייענען א צייטונג. אָבער, אך! אין דערזעלבער צייטונג איז געווען געדרוקט א בילד פון עפּעס א מיידעל, וואָס איז אנטלאָפען פון דער היים, און וואָס מ׳ווייסט נישט וואו זי איז.

אז שמואל הימעלפעלד האָט דאָס דערזעהן, איז ער געוואָרען אויפגערעגט און אויסגערופען: „פארברענט זאָלען זיי ווערען! אומעטום זענען זיי דאָ!“ און באַ־שלאָסען נישט מעהר אריינצוקוקען אין א צייטונג, אָנ־שטאָט דעם וועט ער זיך בעסער פאררויכערען די ליולקע און אזוי ליגען רוהיג אויפ׳ן בעטעל און רויכערען.

ער האָט זיך געמיטליך ארויסגענומען פון דער הינ־טערשטער הויזענקעשענע א בלעכען שאכטעל מיט טאַ־באַק, און זיך געוואָלט אָנשטאָפּען די ליולקע, אָבער פּלו־צים — זעהר פּלוצים האָט ער באמערקט, אז אויפ׳ן בלע־כעל מיט טאבאק איז פאראַן א בילד פון א... מיידעל.

— נישט אויסצוהאלטען פון זיי! — האָט שמואל הימעלפעלד אויסגערופען אינוועניג ביי זיך, אויף א הויך קול — נישט אויסצוהאלטען פון זיי... אומעטום זיינען זיי דאָ. וואו מען גיט זיך א ריהר.

שמואל הימעלפעלד האָט צוריק אריינגעלעגט די ליול־קע אין קעשענע און מעהר נישט פאררויכערט. עס איז איהם שוין נישט געלעגען אין זינען. ער איז געווען פאר־

ביטערט. דערשלאָגען. ער האָט נישט געוואוסט וואו זיך אהינצוטון פון די פרויען וואָס האָבען, ווי איהם האָט זיך אויסגעדראכט, פארכאפּט דעם גאנצען ערדקוגעל.

ער איז אראָפּ אין גאַס און דאָס ערשטע אויף וואָס זיין בליק איז געפאלען (אויב א בליק קען איבערהויפּט פאלען!) איז געווען א ריזיגער טעאטער־פּלאַקארד מיט א בילד פון דער פּרימאדאָנא, וואָס שטעהט און שמייכעלט און שמייכעלט און שמייכעלט און — הערט נישט אויף צו שמייכלען אפילו אויף א מינוט. ווי עס איז די טבע פון דאמען וואָס שמייכלען אויף טעאטער־אפישען...

— ווידער א פרוי! — אומעטום זענען זיי פול. נישט אויסצוהאלטען פון זיי — האָט געטראכט שמואל הימעלפעלד, און עס האָט איהם גענומען שווינדלען פאר די אויגען, און ער האָט דערפיהלט, אז ער פאלט. — — — —

אז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער דערזעהן ווי עס שטעהט לעבען איהם א מיידעל אָנגעטון אין ווייסען און — הייסט איהם „נעמען א לעפעל".

שמואל הימעלפעלד האָט גענומען דאָס לעפעלע מיט מעדיצין, נאָך אמאָל א קוק געטון אויף דער מיידעל אין ווייסען און — זיך געהייסען געבען זיינע קליידער, ער וויל געהן אהיים, ער וויל דאָ נישט בלייבען. עס איז איהם גאָרנישט. ער איז געזונט.

אין א האלבער שעה ארום איז ער געשטאנען אין שאָקעלדיגען דרויסען און זיך ארומגעקוקט. עס איז גע־ווען נאכטיג. אויפ'ן הימעל איז געווען ארויסגעשטעלט גאָט'ס שטענדיגע לבנה. און אז הימעלפעלד האָט אויף איהר א קוק געטון, האָט זיך איהם געדוכט, אז די לבנה האָט א גלאַט, מיידליש פּנים, מיט חן־גריבלעך און אז זי שמייכעלט אראָפּ מיט א בלאַס חוזק־שמייכעלע אויף דעם גאנצען מאנסבילישען געשלעכט.

הימעלפעלד — אונזער באליבטער הימעלפעלד — האָט שוין מעהר נישט געקענט אויסהאלטען... „די גאנצע

וועלט איז פ א ר ו ו י י ב ע ר ט" — האָט ער געטראַכט — „אומעטום וואו מען גיט זיך אַ ריהר איז ענטוועדער אַ פרוי, אָדער אַ מיידעל... און פאַר דעם אמת׳ן מאַנס־ביל, וואָס וויל אָפּלעבען אַלע זיינע יאָהרען אַלס מאַנס־ביל, איז נישטאָ קיין אָרט, וואו ער זאָל זיך אַהינטון..."

ש. ה. האָט זיך אויסגעטונקען אַ טרעהר פון דער באַק (פאַרכאַפּט, הייסט דאָס, די דאָזיגע טרעהר, איידער זי איז אַראָפּגעפאַלען אויף דער ערד), דאַן האָט ער, אויף דעמזעלבען אופן, פאַרכאַפּט אין צייט נאָך עטליכע פרישע, ערשט־אויסגעאויגענטע טרערען, האָט נאָך אַמאָל אַ קוק געטון צו דער שמייכעלדיגער לבנה מיט דעם גלאַ־טען ווייבערשען פּנים און ער האָט באַשלאָסען אַז עס איז אַ גרויס רחמנות וואָס ער דאַרף נעבאַך געהן פון דער וועלט יונגערהייד, אין מיליטער־עלטער. אָבער ס׳איז פאַרפאַלען.

הימעלפעלד האָט זיך געלאָזט געהן אין דער ריכטונג פון אַן אַפּטייק, באַלד איז ער געשטאַנען לעבען שויפענסטער אין וועלכען עס איז געווען אויסגעשטעלט אַלער־ליי כירורגישע זאַכען און מעדיצינען, און צווישען זיי אַלע איז געזעסען אַ מיידעל מיט לאַנגע צעפּ און דעמאָנסטרירט ווי אַזוי דאָס „וואונדער־מיטעל", וואָס קאָסט בלויז $1.25, טוט אויף וואונדער שבוואונדער, און — די גאַנצע גאַס פרויען זענען געשטאַנען אויף דער דרויסענדיגער זייט פון׳ם זעלבען שויפענסטער און — זיך צוגעקוקט...

— אומעטום זענען זיי דאָ... אַזוי ווי די היישע־ריקען — צום גוטען יאָהר! — האָט הימעלפעלד אַ זאָג געטון צו זיך זעלבסט, געטון אַ טיעפען זיפץ און איז אריין קויפען אַזאַ מין סם, אויף צו נעמען זיך ס׳לעבען.

ביי דער אַפּטייק־וואָג איז געשטאַנען אַ מיידעל אָנ־געטון אין ווייס־פּאַפּירענע מאַנזשעטען, און איהם גע־פרעגט וואָס ער וויל. הימעלפעלד האָט אָנגערופען דעם נאָמען פון דעם גיפט, אַ טראַכט געטון „ווידער אַ פרוי",

און מיט אַ כלומר׳שט רוהיגען קול האָט ער זיך געהייסען פאַרקויפען דעם דאָזיגען גיפט.

אַז ער איז אַרויסגעקומען מיט דעם פלעשעל סם, האָט ער פאַרזיכטיג ביים שיין פון אַ לאַמטערן אַ קוק געטון אויפ׳ן צעטעל, כדי צו זעהן צי דאָס איז דער ריכ־טיגער סם. אָבער אַך, וואָס האָבען זיינע אויגען געזעהן? זיינע אויגען האָבען געזעהן, אַז אויף דעם צעטעל וואָס איז געווען אָנגעקלעפּט אויף דעם פלעשעל איז געווען ס׳בילד פון אַ שמייכעלדיג מיידעל — פון אַ מיידעל וואָס שמיי־כעלט רוהיג אויף זיין אונטערגאַנג, אויף זיין אומגליק.

— זאָל געהן אין דר׳ערד דער סם מיט אַלעמען! — האָט שמואל הימעלפעלד פון זיך אַ שליידער געטון ס׳פלעשעל, — אומעטום וואו מען גיט זיך אַ ריהר־צו געפינט מען אַ פרוי... דער גאַנצער ערד־קוגעל איז אָנגע־פילט מיט זיי. אפילו אויף די פלעשלאַך סם זענען זיי אויך פאַראַן!

---

און שמואל הימעלפעלד — (וועלכער איז געווען אַ שטיקעל דענקער), — האָט באַשלאָסען, אַז אַזוי — צי אַזוי, אין לעבען צי אין טויט, אין גאַנצען פטור ווערען פון דער פרוי קען מען נישט.

און שמואל הימעלפעלד איז געבליבען אונגעהויער לעבען, ביז צום היינטיגען טאָג!...

## אײנער דערצעהלט —

מײן נאָמען איז ישראל לעװין. איך בין אַ ניעדריג־געװאַקסען מענשעל מיט אַ שװאַכען כאַראַקטער. פאַרהײ־ראַט בין איך נישט — כאָטש איך בין זעהר מקנא דאָס פאַמיליען־לעבען. די אורזאַכע איז אַ גאַנץ אײנפאַכע: איך בין אַ שטיקעל משוגענער. אַז איך פאָהר מיט׳ן עלעװײטאָר דוכט זיך מיר אַלץ, אַז אָט, אָט קערט ער זיך איבער און איך זיץ אימער אויף דער זײט, װאו עס זענען פאַראַן װעניגער מענשען, כדי עס זאָל נישט אַריבער־װאַזשען. פיעל מאָל װען איך שטעה לעבען דער „לעבעדיגער רעלסע“ אין סאָבװײ שטופּט עס מיך עפּעס װי מיט געװאַלד איך זאָל דאָס אָנריהרען מיט דער האַנט. און אַז איך האַלט זיך אײן פון צו טון עס, איז עס מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג.

געלערענט האָב איך אַ סך. און גרינטליך געלערענט און טיעף געלערענט. בין גענוי באַקאַנט מיט פיעלע פילאָזאָפישע סיסטעמען — אַלטע און נײע. האָב שטודירט פאַרשידענע װיסענשאַפטליכע ענינים. געלערענט פּאָליטישע עקאָנאָמיע. געגריבעלט זיך אין דער שעהנער ליטעראַטור, געקאָנט אַ סך קלאַסיקער אויף אויסװעניג, און פון דעם אַלעמען — בין איך אויסגעװאַקסען אַ קראַנקער און אונצוציליבער מענש.

מײן באַהויפּטונג: װאָס *מעהר* דו װײסט — *אַלץ װעניגער פאַרשטעהסטו. דאָס װיסען איז דער שטראָם און דאָס ניט־װיסען איז דער קװאַל פון װעלכער דער שטראָם געהט.*

איך פארגלייך אויך דאָס וויסען צו קליינע רעטונג־שיפלעך אין א האפען. שטעלסטו אָן צופיעל שיפלעך קענסטו זיי נישט באַוועגען אין צייט ווען דו נויטיגסט זיך אין זיי. אָנפּלאנצען אין קאָפּ צופיעל געדאנקען, הייסט שטעלען אין געפאהר דאָס לעבען פון יעדען געדאנק. דען אויך געדאנקען זענען פאראן לעבעדיגע און טויטע.

מיינע זענען טויטע געדאנקען.

די אלטע אמת׳ן, זאָג איך, ישראל לעווין, האָבען שוין זייער פרוכטבארקייט פארלוירען — פון בלויזער אלטקייט. און די נייע אמת׳ן — זענען נאָך קליינע קינדער, האָב איך זיך פיינט מיט זיי צו שפּיעלען. איך האָב אלץ מורא זיי וועלען מיך פארשמירען.

א מאָל בין איך געווען פארליעבט. סאַ געלעכטער! א געלערנטער מענש — פארליעבט זיך מיט א מאָל אָן א באשעפעניש וואָס אונטערשיידעט זיך פון איהם בלויז מיט א קלייניגקייט, און עס האָט נישט אפילו דעם אינטערעס פון א שטודיום.

מאָדנע!

מילא. איך האָב זיך פארליעבט. אָן וועמען מיינט איהר, למשל? אין אן אלטער דאמע מיט גרויע האָר. זאָל איך אזוי זיין געזונט, ווי איך זאָג נישט קיין ליגען!

איך האָב זי דערזעהען אין פּארק. פארנאכט. א פויגעל דאָ און דאָרט. א משוגענע קאָמבינאציע פון ליכטפארבען. און שלאנקע איידעלע בוימער — האלטען די הענט אויסגעשפּרייט און ווילען עמיצען כאפּען. זי איז געזעסען אויף א באנק מיט׳ן בינאָקל אין האנט און געלעזען א טויטען־רשימה אין א צייטונג. איהרע האָר זענען געווען אזוי אריסטאָקראטיש־גראָה. איהר פּנים צארט, אביסעל גערויטעלט און פיין־געקנייטשט פון פיעל מאסאזשירען.

— ליעבע, אלטע דאמע! — האָב איך זי אדרעסירט
— ליעבע אלטע דאמע, איך, דער יונגערמאן, ישראל

לעווין, האָב אייך ליעב אויף אָן אמת. קיינע אָנשטעלען. זאָ וואהר מיר גאָט העלפט! און איך האָב זי ארומגע־נומען און געקושען קושען איהרע קאלטע ליפען.

...עס איז ארויסגעקומען א סקאנדאל. ז י האָט נישט געוואָלט. זי האָט געמיינט, אַז איך בין נישט ביי די ריינע געדאנקען. נאָך איהר מיינונג האָב איך זיך באַדארפט פארליעבען אין אַן אונשולדיג מיידעל — ווי מיין טאטע ע"ה האָט געטון. אזוי פיהרט זיך די וועלט. איך טראכט אָבער אנדערש. איך טראכט: אַז די וועלט איז מיין שונא — וויל איך איהר טון אויף צו־להכעיס.

אזא געדאנק ביי מיר!

דערנאָך — איך מיש, דאכט זיך איינס מיט ס׳אנ־דערע, נאָר ס׳מאכט נישט! — דערנאָך, האָב איך גע־קראָגען א באשטעלונג פון א באקאַנטען זשורנאל. איך האָב באדארפט שרייבען וועגען דער שעדליכער ווירקונג פון אלקאָהאָלישע געטראנקען. אַז איך נעם אונטער א זאַך, האָב איך עס ליעב צו טון גרינטליך. האָב איך אליין געוואָלט אויסגעפינען די בארוישענדע ווירקונג פון די גיפטיגע משקאות. איך זאָל עס קאָנען באשרייבען מיט גענויקייט — ווי עס פאסט פאר א מענש וואָס איז איבערגעגעבען דער וויסענשאפט.

ביז דעמאָלט האָב איך קיינמאָל נישט געהאט גע־טרונקען קיין שארפע געטראנקען. איך האָב עס באטראכט פאר א שעדליכע זאַך. א מענש דארף ליידען, און וואָס מ ע ה ר וואָס ט י ע פ ע ר ער ליידט אלס מענשליכער ווערט ער...

מיין אייגענע אנשויאונג!

איך אליין בין צו זיך זעהר שטרענג!

אָפטמאָל באלייריג איך זיך ווי דעם ערגסטען און פאטש זיך זאָגאר אָן די באקען.

נאָר איצט איז עס געווען א פראגע פון עהרליכקייט. א ריינע פען האָב איך תמיד געהאט, כאָטש ס׳מויל איז

ביי מיר שמוציג. די מייסטע שריפטשטעלער זענען אזוי.

בין איך אוועק אין א שענק און — גענומען א גלעז־זעל בראנפען. פע! א מאָדנער טעם. אזוי האָב איך טאקע פאַרשריבען אין מיין נאָטיץ־ביכעל. האָב איך געפּרובט נאָך א גלעזעל — איז שוין געווען בעסער. א ווארימקייט אין די אינגעווייד. א שטילע פרעהליכקייט. האָב איך געפּרובט נאָך איינס און נאָך איינס א. ז. וו. בין איך געוואָרען אויפגעמונטערט, לייכט... האָב גע־וואָלט אָפּקויפען ביים שענקער דאָס גרויסע בילד, וואָס איז געהאנגען אויף'ן וואנט איבער'ן בופעט. איהם אָנ־געבאָטען עלף טויזענד דאָלאר א חוץ פּראָצענט אויפ'ן געלט. דריי און א האלב פּראָצענט האָט ער נישט געוואָלט. האָב איך איהם ארומגענומען און ווארים געקושט — אזא ליבליכער מענש דער קעלנער! אזוי גיך ווי איך קריג אריין דאָס געלט פון מיין ירושה — גיב איך איהם איבער דעם שליסעל. און — ס'איז מאָדנע! אנדערע אז זיי טרינקען ווערען זיי שכור און הויבען אָן פאלען פון די פיס. איך בין, ווייזט אויס, גאָר אן אנדער מין מענש, איך האלט זיך פעסט ווי אייזען. נאָר די פּאָדלאָגע איז עפּעס אזא ווייכע ווי פון גומי. צו וואָס מאכט מען אזעל־כע ווייכע פּאָדלאָגעס? נאָר מסתמה איז א שכל דערביי. יעדענפאלס — אויב חתונה האָבען איז מיט'ן שענקערס פרוי. איך האָב זיי ביידען מאָדנע ליעב. און די פינקעל־דיגע בריליאנטען וואָס זענען די גרויס ווי גלעזער — גיב איך איהר אלע אוועק. העי, קעלנער, קום אהערצו מיט'ן טאץ און נעם צו די בריליאנטען, איידער זיי צעשיטען זיך. איך שריי נישט. אדרבה, איך רעד זעהר שטיל. איך וויים נישט פאר וואָס — נאָר עפּיס שעהם איך זיך הויך רעדען. נאָך זעהר חידוש'ט מיך, וואָס מען נעמט מיך ארום פון ביידע זייטען און מען וויל מיך אנידערלעגען. וואָס פאר א שלעכטס האָב איך דען עמי־

צען געטון? איך, ישראל לעווין, וועל זיך נישט לאָזען בשום אופן — כאָטש איך בין א דערשלאָגענער מענש און א גרויסער שוועכלינג! היינטיגעם מאָל וויל איך זיי ווייזען, אז זיי זאָלען נישט מיינען דאָס־ע — — —

זיי זאָלען נישט מיינ־ען. זאָלען זיי נישט. אזעלכע סמארקאטשעס א־ז־ע־ל־כ־ע!!

# קיילעביילע ב.

די שוועסטער פון יאָסעל ב.

קאַפּיטעל איינס

איך בין אַן עלטערער בחור און וואוין צוזאַמען מיט מיין חבר מיצעלמאַן אין אַ שעהן צימער פאַר צעהן דאָ־לאַר אַ חודש — מיט באַלייכטונג.

ער איז אַ יונגער אַרטיסט, מאָהלט אַלערליי אימ־פּרעסיאָניסטישע בילדער, וואָס איך בין אויף זיי נישט קיין מבין, נאָר איך שעץ זיי אָבער זעהר הויך — דערפאַר ווייל איך ווייס זיי נישט ווי אַזוי אָפּצושאַצען. זיינס אַ קעלביל קאָן — פון אַ נישט מבין — גענומען ווערען פאַר אַ באַרנבוים און — פאַרקעהרט.

אַזאַ מין סאָרט קינסטלער איז ער.

זיך אַליין דאַרף איך דאָך נישט פאָרשטעלען פאַר אייך, ליעבע לעזער, לעזערינען און מיינע איבריגע פריינדע! איהר ווייסט מסתמא אַז איך מאַך מעהר־וועניגער אַ לעבען פון שרייבעריי. און וואָס איז שייך מיין האַרץ — איז דאָס אַן אַלט־מאָדיש האַרץ, אָהן די מאָדערנע איינריכטונגען, אָהן קינסטליכע באַהייצונג, דערפאַר אָבער געראַם אָהן אַ שיער, כאָטש שטעל דאָרט אַריין און קוואַרטיר אַ גאַנצען רעגימענט מיט מיידלעך, ווייבלעך, פרויען, דאַמען, א. ד. גל.

מיין חבר מיצעלמאַן, דאַרף איך אייך זאָגען, איז אַ ווייבערשער יונג, מיט אַ ווייבערש גענגעל מיט וויי־בערשע הנד'לעך. אויף דער עטאַזשערקע ביי איהם וועט איהר טרעפען פון כל המינים ביכלעך איבער די סודות פון שעהנקייט, סלאָיעקלעך מיט שעהנקייט

זאלבען, פלעשעלעך מיט פארפיום, קעסטלעך מיט פודער און שמינק און אנדערע ווייבערשע שמאכטעס.

שטעהט ער אויף אין דער פריה — איז די ערשטע זאך — דער שפיגעל. צו ערשט באטראכט ער זיין פולע גרויס אין קאמביניישאן סוט — א מין אונטערהעמד מיט גאטקעס צוזאמען, אן אמעריקאנישע ערפינדונג צו שפארען געלט, צייט און כחות. דאן באטראכט ער זיין פול געזיכט, דאן זיין פראפיל — דערנאכדעם ווי אזוי ער קוקט אויס בשעת ער גענויצט.

פארטיג דערמיט, פארשמירט ער זיך פון די סלאיקלעך און באשיט זיך פון דעם פודערל און נעמט זיך פארקאמען די האר און עס נעמט איהם א גוטע שעה אויפ'ן זייגער ביז עס געלינגט איהם אוועקצולעגען די פאדערשטע דריי לאקען אזוי, אז זיי זאלען אויס־זעהן ווי זיי וואלטען קיינמאל נישט געווען פארקאמט.

א קינסטלערישער קאפריז אזא.

אזא קאפריז א קינסטלערישער.

וועט איהר דאך פרעגען: וואס איז דער שכל?

וועל איך אייך ענטפערען: טאקע — וואס איז דער שכל?

זאגען מוז געזאגט ווערען, אז מיט אלע חסרונות זיינע האט דער דאזיגער מיצעלמאן זעהר ווענינ מזל ביי פרויען. פארוואס — זאלט איהר נישט פרעגען. אין אזעלכע זאכען איז נישטא קיין פארוואס.

למאי איך? וואס בין איך דא דער גרויסער חכם? צו דער געוואלדיגער פארשוין? צו דער פיינער שמועסער? צו דער גרויסער גאלדשפינער? פונדעסט־וועגען — ווי איהר וועט געוואהר ווערען אין קאפיטעל צוויי.

## קאפיטעל צוויי

צו מיר קומען מיידלעך, און צו איהם, צו מיצעל־מאנען — קומען אויך ארויף מיידלעך. מיינע מיידלעך, פארשטעהט זיך, זענען די שעהנע, די פיינע, די לייי־

טישע, די אמת'ע מיידלעך, מיט די ברענענדיגע אויגען און מיט די הייסע הענט, און מיט די שעהנע צעפּ, און מיט די הויכע בוזימס, און בכלל זענען זיי כמעט אַלע ווארימע אַנהענגעריגס פון מיין טאַלאַנט.

צו איהם ווידער קומען אויך ארויף מיידלעך — אָבער שוין פון אַן אַנדער סאָרט. צו מ י י נ ע מייד־לעך קומען זיי נישט. זיי זענען ס'רוב עלטערע, בונ־דיסטקעס אָדער פּעפּעס'קעס מיט ברילען און אונטער־געשווירענע האָר און פלאַכע, פלאַטאַנישע קאַפּעליושלעך און מיט מאַנסבילישע שטימען — בררר!

דאָס איז דער כ ל ל. אָבער אזוי ווי צו אַלע כללים איז דאָ אויך פאראנען אַן אויסנאַם און דאָס איז פרייל׳ין ק. ב.

די דאָזיגע קיילעביילע ב., (וואו האָט ער זי דער־טאַפּט? דאָס איז זיין סוד!) איז נאָך גאַר א יונגע זאַך מיט א פּנים'על וואָס מען טרעפט דאָס נישט אפילו ביי א פרינצעסין — בלוט און מילך! און א קאָפּ מיט א זשמוט שווארץ־זיידענע האָר וואָס פעכלען אזש פון שווארצקייט און שלאָגען אָפּ די ווייסקייט פון איהר הויט נאָך ווייסער, נאָך קלאָרער, עפּעס ווי א טייך פון מילך אין א שווארצען וואלד — בקיצור, דאָס אמת'ע מיידעל וואָס מען פרעגט דארויף.

פארליעבט? נאַטירליך! פארוואָס־זשע פּרוב איך נישט מיין גליק? פארוואָס־זשע שטעה איך ווי א ליי־מענער גולם? פארוואָס טו איך נישט עפּעס? ווייל... ווייל איך שטעה טאַקע נישט לעדיג און טו אַלצדינג וואָס איך קאָן, אבי צו געווינען איהר הארץ און איהר נשמה.

איבריגענס איז זי מיר א ביסעל צו יונג, צו אונ־שולדיג און אפילו איך, דער גרויסער הארטנעזאָטענער ציניקער האָב עפּעס נישט דאָס הארץ איבערצוברעכען אזא וויים־חן'עוודיג בלימעל. און א חוץ דעם האָב איך עפּעס נישט קיין צוטריט צו איהר — אזוי קינדיש איז

זי און רעדט מיט אזא באגייסטערונג וועגן מיין חבר מיצעלמאַן'ס מאַהלערײַ — דער רות מעג איהם נעמען, מיין חבר מיצעלמאַן, כאָטש ער איז א גאַנץ וואוילער יונג און איך האָב צו איהם גאָרנישט.

מיר זענען ראַדיקאַלע מענשען — איך און מיין חבר מיצעלמאַן, און אָפּגעמאַכט איז צווישען אונז, אזוי און אזוי — אויב איינער פון אונז וויל זיך פאַרברענגען מיט א מיידעל, דאַרף דער אַנדערער נישט זיין קיין שווייגקערל און אָפּטרעטען דאָס צימער. קיין תירוץ, וועט א יעדער מענש פאַרשטעהן, איז אין אזעלכע אומשטענדען נישט פאַראַנען.

יאָ, איך האָב אומיסטען — צוליעב סטיל — פאַרגעסען אויך צו דערצעהלען אז דאָס פריילין קיילעביילע ב., פאַרהאַלט זיך צו מיר אָבוועהגעשריען, גאָר נישט פריינטלעך — מען קאָן זאָגען: כמעט ווי א שונא, וואָרים אליין — ווי עס איז מיר שוין מיאוס ומאָוס צו זאָגען — איז זי א ראַדיקאַלע און גאָוואָרע'ט. איך שפּרעך, אמאָל רעד איך, אָבער גאָוואָרען? נעווער!

כסדר שפּעט זי פון מיינע מיידלעך, וועלכע זענען, נאָך איהר מיינונג, נארישע יענקים פון קינסטליכער בלאָנדקייט, און בכלל האַסט זי זיי דערפאַר, וואָס זיי פאַרברענגען זיך צו פריי מיט בחורים. עס זאָל מיר עפּעס איינפאַלען, איז מיר דאָס נישט איינגעפאַלען ביז וואַנעט — נאָר איצט הויבט זיך אייגענטליך אָן די מעשה:

די מיס סמיט, האָט געזאָלט אַרויפקומען צו מיר אין צימערל. צו דער דאָזיגער געלעגענהייט האָב איך צוגעקליבען מיין דירה אזוי פיין ווי מעגליך. די פּאָדלאָגע האָב איך באַגאָסען מיט די שמעקעכצען פון מיצעלמאַן'ס פלעשעלעך. די שטרויענע קאַפּעליושען וואָס זענען געהאַנגען אויפ'ן וואַנט, האָב איך אריינבאַזייטיגט אין שאַפע אריין. אויפ'ן טישעל האָב איך אוועקגעשטעלט א גלאָז מיט בלומען פאַר דרייסיג סענט, און מיצעלמאַן'ס געשטעל מיט דער לייוועגט

האָב איך פּאַרפּאַקט אונטער'ן בעט, כּדי איך זאָל עס נישט האָבן פאַר די אויגן, צום גוטן יאָהר! דאַן האָב איך זיך אָנגעטון מיין נייעם יום־טוב'דיגן שמוי־כעל, אונטערגעשפּאַרט א פינגער אונטער דער לינקער שלייף און זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן. לאַנג האָב איך אַזוי נישט געדאַרפט זיצן, אין עטליכע מינוטן אַרום איז אַריינגעקומען מיין חבר מיצעלמאַן אין דער באַ־גלייטונג פון דער באַרישניע קיילעבײלע ב.

אַזוי ווי מיצעלמאַן האָט באַמערקט אַז ביי מיר איז יום־טוב'דיג, האָט ער מיך אַוועקגערופן אין א זייט און מיך געפרעגט צו וואָרט איך אויף עמיצן.

— יאָ! האָב איך געזאָגט הויך — איך ערוואַרט דאָ אימיצן ביי מיר פּונקט ניין אַ זייגער! דערביי האָב איך א שליידער געטון פיניש א שמייכעל צו פריי־ליין קיילעבײלע, ווי איינער רעדט: נישקשה. איך בין דאַנקען גאָט אויך נישט קיין פאַרלוירענער!

פון דער דאָזיגער באַמערקונג איז פרייליין קיילע־ביילע ב. געוואָרען רויט און גענומען זיך מינען ווי די ליכט פאַרבען פון א באַלעט. דאַן האָט זי געפרעגט מיט א הייזעריגען קול: איהר ערוואַרט דאָ מסתמא א גרוי־סען גאַסט, טשטאָ?

— טאַק טאָטשנאָ! — האָב איך גענומען צו הילף מיינע צוויי רוסישע ווערטער, מיט וועלכע איך האָב אין יאָהר 1904 באַרייזט גאַנץ רוסלאַנד און קאַווקאַז — א חוץ סיביר — איך ערוואַרט דאָ היינט א גרויסען גאַסט, פּונקט ניין א זייגער!

ווידער האָט דאָס פרייליין קיילעבײלע ב. געשמוי־כעלט עפּעס מיט א מאָדנעם שמייכעל און ווידער איז זי רויט געוואָרען.

— זענט איהר זיכער אַז זי וועט קומען? — האָט זי מיך איבערגעפרעגט, קוקענדיג אויף די שפּיצען פון איהרע שיך.

— זיכער!

— און ווי וואָלט זיין אז דער גאסט וואָלט נישט קומען? האָט זי געוואָלט וויסען שוין שטעהענדיג אויפ׳ן שוועל.

— וואָלט איך איהם קיינמאָל, קיינמאָל נישט מוחל געווען! — האָב איך צו איהר געשמייכעלט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אז דער זייגער האָט געשלאָגען ניין האָט זיך געעפענט די טיר און עס איז אריינגעקומען נישט מיס סמיט, די אמעריקאנערין, נאָר די בארישניע קיילעביילע ב.

ווי א משוגענע איז זי ארויפגעפאלען אויף מיין האלז און גענומען שלוכצען: מיין טייערינקער, טייערינקער... דו... דו...

לאנג האָט זי מיך געקושט און געוויינט כאָטש דאָס וויינען איז געווען איבעריג מחמת איך האָב זיך אין גאנצען איבערגעגעבען צו איהר און איהר יונגער בויגזאמער קערפער האָט זיך געבויגען און געציטערט ווי א פאלמען־צווייג, וואָס ווערט באוועגט פון א שטארקען און הייסען מדבר־ווינט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שפּעטער ווען די מיס סמיט איז געקומען האָט זי געטראָפען די טיר פון מיין צימערל פעסט פארשלאָסען און פארריגעלט.

# זיכערקייט

ער האָט זי נישט ליעב. עס ציהט איהם נ י ש ט צו איהר, זיין בלוט רוישט איהר נישט אנטקעגען. זיין אויג קושט נישט די באהאלטענקייטען פון איהר לייב, זיין נשמה חבר'ט זיך נישט מיט איהרער.

ער האָט זי נישט ליעב, איהר זאָלט זאָגען אפילו אויף אָט־אזוי־פיעל־אָ. ער איז גלייכגילטיג צו איהר. וואָס הייסט גלייכגילטיג? זי איז ביי איהם להאי וואסער, להאי דער הימעל, להאי דאָס וועטער: מ'זעהט דאָס, נאָר מ'געדענקט עס נישט.

ער האָט זי נישט ליעב. אנדערע מיידלאך, פרויען און דאמען האָט ער ליעב, ציטערט ער, אז זיי וועלען איהם חלילה פארפיהרען. שרעקט ער זיך, אז זיי וועלען איהם פאר'כישופ'ען מיט'ן פייער פון זייערע בלאָהקייטען, פארשפינען מיט'ן גאָלד פון זייערע בלאָנדע צעפ, פאר־שווארצקינסטלערען מיט זייער ברונעטקייט, פארטאָלען מיט זייער הארצטיעפקייט.

געהט ער נישט מיט זיי. היט ער זיך פאר זיי, ווי געוויסע שרייבער היטען זיך פאר א געדאנק. מיידט ער זיי אויס, ווי א אידישער דיכטערלינג מיידט אויס וואסער. געהט ער זיי אויסען וועג, ווי דאָס גליק געהט אויסען וועג פון יעדען וואָס לויפט איהם נאָך פון הינטען מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס.

פינטעלט, הער שריפטזעצער, פינטעלט. פינטעלט מיר אָן א גאנצע שורה . . . . . . . . . . . . .

אָט־אזוי־אָ, כדי מ'זאָל מיינען, אז ס'ליגט דאָ באַ־האלטען א טיעפער געדאנקען — אזוי טיעף, אז סע

דאַרף נעמען אַנדערטהאַלבען יאָהר איידער מען קאָן איהם אויסגראָבען.

מיט א קאַצענשפּרונג — צוריק צו איהם, צו אונזער פריינד, וועלכער איז געווען א זעהר פּאַרזיכטיגער פּלאַנ־צער אויפ'ן פעלד פון ליעבע, וועלכער האָט זיך גע־שראָקען פאר סקאַנדאַלען און פאר די געוויסע נאָכקו־מענדע דורות, וואָס לויפען נאָך פון הינטען און שרייען פּאַפּהא, און וואָס געהייסען האָט ער: אברהם פּיזעס, 29 יאָהר אַלט, מעהר־וועניגער פאַרהייראַט מיט זיין אייגענעם ווייב. דעריבער האָט ער זיך געהיט, דעריבער האָט ער אזוי געפּאָרזיכטיגט, דעריבער, אז ער האָט דערזעהן אז א מיידעל גיט צו איהם א וואונק מיט די אַקסעל־בענדער, איז ער געוואָרען דערשראָקען, צעפּלאַ־טערט, פאַר'יוסף־הצדיק'ט, און ער האָט גענומען אַנט־לויפען — ווייבווערטס.

נאָר מיט דאָניא ד. איז דער פאַל געווען אַן אַנדערער. מיט איהר איז ער געווען זיכער, אז זי וועט איהם נישט אראָפּפיהרען פונ'ם וועג, אז זי וועט נישט רויבען זיין טיכטיגע אונשולד, ווייל ער האָט זי נישט ליעב גע־האַט, ווייל ער האָט נישט געפיהלט צו איהר ס'מינדעס־טע געפיהל פון ראָמעאָ־און־יוליאַ'שקייט, ווייל ער איז צו איהר געווען גלייכגילטיג, ווי א קאָמאַ איז גלייכגיל־טיג וואו מ'שטעלט זי אוועק.

אזוי גיך ווי ער, ווי הייסט ער, אברהם פּיזעס, האָט זיך באַקאָנט מיט דאָניא ד. האָט ער צו איהר דערפיהלט א מין וואַרימע גלייכגילטיגקייט, וואָס האָט זיך צעגאָסען אין אַלע זיינע אָדערען, און ער האָט דערפיהלט, אז ער וועט זי קיינמאָל נישט ליעב האָבען. בשום אופן! אזוי זאָל ער זיין א פּאָטער צו זיינע קינדער, ווי ער האָט זי — גלייכגילטיג. נאָך מעהר: ער האָט זי פיינט. ער האַסט זי. ער קאָן נישט ליידען די קורצגעשוירענע האָר איהרע. און די צוויי אויגען איהרע, וואָס ווארפען אויף איהם בלאָהע שווערדען. און די ליפּען איהרע — זאָ

וואהר ווי ער לעבט! דאָס זענען רויטע שלאַנגען מיט שמייכלענדיגע ציין. און די גאַנצע פיגור איהרע — עפּעס אזוי ווי א ביליגער ווערבע־בוים, וואָס שטעהט לעבען וואסער און בויגט זיך און בויגט זיך — מ׳ווייס נישט וואָס ער בויגט זיך אזוי, צום גוטען יאָהר!

און ער, ווי הייסט ער, אברהם פּיזעם (צווישען אַלע פּיזעמס דער פּיזעמדיגסטער!) האָט זיך דערפּיהלט זיכער מיט איהר — באַטשע דאָס און באַטשע אַלצדינג. וואָס ארט עס איהם א שטייגער, וואָס אַלע זאָגען, אז זי איז א לעבעדיג שטיק פייער מיט קורצע האָר? וואָס געהט עס איהם אָן, וואָס אַלע זאָגען, אז זי איז א זעל־טענע שעהנהייט, אז ער פּיהלט ב י י ז י ך, אז ער האָט זי נישט ליעב, אז ער איז צו איהר גלייכגילטיג, וואָס גלייכגילטיג קאָן נאָר זיין!

זי האָט געפרעגט: איהר׳ט געהן מיט מיר אויף א שפּאַציער?

ער וועט געהן מיט איהר אויף א שפּאַציער! וואָס האָט ער דאָ מורא צו האָבען? וויבאַלד אז ער האָט זי נישט ליעב.

— אין פּארק אריין?

— אין פּארק אריין.

—מ׳עט זיך צוזעצען אויף א באַנק אָ־דאָרטען־אָ?

— מ׳עט זיך צוזעצען אויף א באַנק אָ־דאָרטען־אָ. וואָס ארט עס איהם? וויבאַלד אז ער האָט זי נישט ליעב.

— דאָ איז צו ליכטיג... מ׳עט זיך זעצען אויף דער אנדער זייט, וואו ס׳איז נישטאָ קיין לאַמטערן.

— מ׳עט זיך זעצען אויף דער אנדער זייט, וואו ס׳איז נישטאָ קיין לאַמטערן. וויבאַלד אז ער האָט זי נישט ליעב.

— לאָז ער זי ארומנעהמען אָט־אזוי־אָ.

— ער׳ט זי ארומנעהמען אָט־אזוי־אָ. וואָס ארט עס איהם? וויבאַלד ער האָט זי נישט ליעב.

— לאָז ער איהר א קוש טון.

ער'ט איהר א קוש טון. וואָס קאָן ער דאָ אָנוועריען? אז סיי־ווי־סיי האָט ער זי נישט ליעב.

— לאָז ער איהר נ אָ כ א מ אָ ל א קוש טון.

—ער'ט איהר נאָכאמאָל א קוש טון. זעהסטו! עס ארט איהם א סך!

— לאָז ער איהר נ אָ כ א מ אָ ל.

— נאָכאמאָל.

— לאָז ער זי פעסט צודריקען צו זיך מיט ביידע הענט.

— ער'ט זי פעסט צודריקען צו זיך מיט ביידע הענט. א דאגה איהם!

— נאָכאמאָל!

— נאָכאמאָל.

— לאָז ער אויפהערען צו ציטערען. וואָס ציטערט ער אזוי?

— ער ציטערט נישט. גלאט אזוי. ס'איז איהם קיהל געוואָרען. כ'וועט באלד שנייען.

— לאָז ער זי באגלייטען א היים, אין איהר צימער אריין.

— ער וועט זי באגלייטען א היים, אין איהר צימער אריין. וואָס האָט ער מורא? אזוי לאנג ער האָט זי נישט ליעב!

— לאָז ער מיט איהר אריינגעהן אינעווייניג.

— אריינגעהן אינעווייניג.

— זיך זעצען אויפ'ן בעט.

— זיך זעצען אויפ'ן בעט. א זאָרג האָט ער! אז ער ווייס ביי זיך, אז ער האָט זי נישט ליעב.

— איינדרעהען די גאז.

— איינדרעהען די גאז!

— נאָך א ביסעל.

— נאָך א ביסעל. וואָס דארף ער זיך שרעקען פאר איהר? אז ער האָט זי נישט ליעב. ווען ער וואָלט זי

ל י ע ב געהאט, איז עפּעס אנדערש — דאַרף ער מורא האָבען. אָבער אזוי־אָ — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

העד שריפּטזעצער, העד שריפּטזעצער! וואָס האָט איהר גענומען און מיר אוועקגעשטעלט צוויי שורות מיט שטרייכעלעך? מ׳וועט דאָך מיינען ווער־ווייסט־וואָס! אנשטענדיגע לעזער און זייערע געזעצליכע כלה׳ס וועלען מאכען כי־כי. באלעבאטישע מענשען וועלען זיך רואיני־רען זייער פאנטאזיע טראכטענדיג וואָס סע האָט זיך אזוינס געקאָנט טרעפען — הינטער די שטרייכעלעך. אידען־לומדים וועלען פּרובען אוועק־קראַצען די שטריי־כעלעך מיט א נאָגעל, כדי צו זעהן וואָס עס טוט זיך פון אונטען. דער אמת איז, אז עס האָט כמעט גאָרנישט פּאסירט, א חוץ דאָרטען — איך וויים?!

אָבער צוויי זאכען האָט אונזער פריינד פּיזעם גע־לערענט פון דער דאָזיגער געשיכטע: ערשטענס, אז מ׳טאָר זיך נישט שפּיעלען מיט פייער, אפילו ווען מ׳איז דערצו גלייכגילטיג; צווייטענס, אז שפּיעלען מיט פייער (אפילו ווען מ׳איז דערצו גלייכגילטיג) איז א גאנץ אינ־טערעסאנטע זאך — ווען די צוקינפטיגע דורות זאָלען נאָר נישט נאָכלויפען פון הינטען און שרייען: פּ א־פּ ה א.

# פּלאָריסימאָ

וויל אויסגעלאָסען איז די
מענשליכע נשמה

זי איז אַן אָנשטענדיג מיידעל, פון אָנשטענדיגע טאַטע־מאַמע, פון אַן העכסט־אָנשטענדיגער משפחה. זי איז זעהר און זעהר. זי איז פון אויבען ביז אראָפּ. זי איז תמיד און אין־דער־וואָכען. זי איז א באַלעבאַטיש קינד א צעשראָקענס, פון יענע קינדער וואָס טאָג־און־נאַכט סטראַשעט מען זיי: אָט געהט דער בער, אויסגעלאָסענ־קייט. אָט קומט ער שוין ארויס פון וואַלד, אָט טוט ער א ברום — רעוווהו. און ס'אָנשטענדיגע מיידעל ווערט בלאַס און צעטומעלט. זי טראַכט פון די אַלע פּרויענשענדער, פּרויענפאַרפיהרער, פּרויענפאַראומ־גליקער, פּרויענרואינירער. פון וועלכע זי האָט געלעזען אין דעם ראָמאַן פון איהר צייטונג. זי טראַכט פון די אַר־טיקלען פון די שרייבענדע ווייבער, וועלכע שרייבען, אַז מען זאָל זיך למען־השם היטען פאַר די חיות אין מענשענ־געשטאַלט, און זיי ענדיגען דערמיט, אַז צו סירופּ דאַרף מען האָבען אַנדערהאַלבען פונט צוקער, און אַז אַלע נאַכט פ א ר ' ן שלאָפען־געהן זאָל מען עסען א מאַראַנץ.

דאָס אָנשטענדיגע מיידעל איז — פאַרדורכאויסט מיט אָנשטענדיגקייט. יעדער טראָפּען פון איהר בלוט איז זיבען מאָל אָנשטענדיג — אהין און צוריק. זי ליידט פון אָנשטענדיגקייט אין א הויכען גראַד. זי האָט אַן אָנשטענדיגקייט־פיבער, אָנשטענדיגקייט־היץ, איהר פּולס

ציטערט מיט אַנשטענדיגקייט, און איהרע אויגען ברענען מיט דעם בלאָהען גליה־גלאַנץ פון אַנשטענדיגקייט.

זי איז א העכסט־אַנשטענדיג מיידעל. נישט איבריג שעהן, נישט איבריג יונג, נישט איבריג קלוג, נישט איבריג זויבער, אָבער דערפאר איז זי העכסט רעספעקטאבעל, פיין, אַנשטענדיג. ווי א געטרייער וועכטער שטעהט זי אויפ'ן טורעם פון איהר יונגפרוילׅיכקייט און זי היט זי אָפּ מיט גרויס פּאָרכט. ארום־און־ארום שלאָגען די פאליעס פון פארפיהרערישקייט, פון פארטונקעלטע נעכט, פון איינזאמע שפאציר־גערטנער, פון זומער־גאָלד און ווינטער קרעלען, וואָס פארהימלען די וועלט, פון פיבערשטורעמס, און הארצווינטען. פון פארצווייפעלטע אויסרופען וואָס קומען פון די אָדערען ארויס און ווארפען זיך אויף דער געצערטעלטער און געהאלזטער יונגפרויליכקייט, אָבער זי? מוטיג און בראוו און העלדיש שטעהט זי אויפ'ן וועכטערטורעם פון איהר מיידלישקייט און זי היט זיך מיט זיבען אויגען: זי גיט אכטונג, אז איהר עהרע זאָל בלייבען א ב כ ב ו ד ' ע עהרע, אזוי ווייט ווי מעגליך און אז דער גרויסער, דער בייזער ים פון מאנסבילשקייט זאָל נישט דערגעהן ביז צו די ברעגען פון איהר לעבען, זאָל זי נישט באריהרען מיט זיין צאָרן, מיט זיין ווילדגעשריי.

ווייל דאָס אַנשטענדיגע מיידעל איז, פאר אלעמען, א קינד פון אַנשטענדיגע טאטע־מאמע, פון געוואָרענטע טאטע־מאמע, וואָס ציטערען אוים זייער טאטע־מאמעשקייט אויף זייערע ציטערדיגע טעכטער און וואָרענען זיי, אז זיי זאָלען זיך היטען פאר יעדען מאנסבילמענש, און אז זיי זאָלען, אין יעדען פון זיי, זעהען א פארפיהרער, א שרעקליכע בעסטיע, א חיה־רעה, א ווילדער טיגער מיט א זיידענעם שניפּס, וואָס איז נאָר אויסען צו רויבען די אונשולד פון יונגע מעהדזשכהענס.

אָבער סוף כל סוף האָט זיך פארלאָפען איינס פון די

באריהמטע פארלויפעגישען פונ'ם צוואנציגסטען יאָהר־הונדערט. אונזער זעהר־און־זעהר־אָנשטענדיג מיידעל, מיט'ן נאָמען פלאָריסימאָ, האָט זיך אָפּגעזוכט א חתן, — ניין, דער חתן האָט זי אָפּגעזוכט, אויף א פיינעם אָנשטענדיגען אופן, זיך מיט איהר באקאָנט אויף א זעהר אָרענטליכען, זעהר באלעבאטישען שטייגער, און נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך — איינס ס'אנדערע — אָפּגעשיקט צו זייערע געגענזייטיגע טאטע־מאמע, און נאָכדעם ווי די נעמליכע טאטע־מאמע האָבען זיך איבערצייגט, אז ביידע זענען הויכאנשטענדיגע קינדער פון לאָמיר־האָבען־אזא־יאָהר־פון־וואָסאראַ־אנשטענדיגע עלטערען, האָבען זיי יאָגעזאָגט, — דאָס הייסט זיי האָבען נישט ניינגע־זאָגט, נאָר אדרבא: זיי האָבען געזאָגט „יאָ", און ס'איז אָפּגעמאכט געוואָרען צווישען די אָנשטענדיגע טאטע־מאמע, אז די חתונה צווישען זייערע אָנשטענדיגע אָרענטליכע קינדער זאָל פאָרקומען טאקי אין גיכען און לאָז זיין אין א מזל'דיגער שעה.

אמן.

אז די כלה — פון דעם חתן'ס צד — האָט דערהערט אז זי געהט פערזענליך חתונה האָבען, האָט זי זיך צע־וויינט מיט א גרוים געוויין, און מ'האָט זי קוים איינגע־שטילט דערמיט, וואָס מ'האָט איהר צוגעזאָגט, אז מ'וועט איהר קויפען זיבען פונט זיידענע שלייערס און א גאָלדען הערצעל, אויף א טייער האלזקייטעלע, און א מאסע בעט־געוואנט.

סצענע: עס איז די נאכט פון זייער חתונה. דאָס אָנשטענדיגע מיידעל זיצט אויפ'ן כלה־טראָהן מיט א בונט בלומען אין דער האנט. ארום איהר שטעהען די קראַנצענפרייליינס און עטליכע קראַנצענבחורים שטעהען אויך און קוקען אויף איהר שעהמעוודיגקייט. מ'טאנצט, מ'מזל־טוב'ט. עס וויינט דאָס אָנשטענדיגע פידעלע, עס בייזערט זיך דער נישט־אָנשטענדיגער באס און — זיי קריגען זיך און סע'מישט זיך אריין ס'לייכטזיניגע פייקעל

און סע מאכט די גאַנצע זאך צו גאָרנישט. מחותנת׳טעס טראָגען ארום לעקעך און בראָנפען אויף א טאַץ און — ווייגען. מחותנים קוקען אויף דער צעשראָקענער כלה און שמייכלען מיט אונאנשטענדיגקייט. עס ווערט שפּעט און שפּעטער. אַט שטעלט מען די חופּה. אַט נעמט מען די אַנשטענדיגע כלה אונטערפיהרענס און מ׳פיהרט זי ארום־און־ארום דער חופּה. אַט פינקלען די פּארביגע חופּה־ליכט, אַט שטאמעלט דער אָרענטליכער חתן זיין אַנשטענדיגען, העכסט־געזעצליכען הרי־את. און אַט — צעברעכט ער ס׳גלעזעל מיט׳ן פוס און ס׳איז פּונקט ווי ער וואָלט געטראָטען אויפ׳ן הארץ פון דער שעהמעוודיגער כלה, וואָס שטעהט און גיסט מיט טרערען.

און אַט איז די חופּה פּאַריבער. דאָס פּאָרעל זיצט אין זייער אייגענער היים — אויפ׳ן בעט. מ׳זיצט און מ׳רעדט זעהר אַנשטענדיגע רייד. מ׳דערמאָנט זיך וויפיעל לעקעך עס איז אוועקגעגאנגען אויף דער חתונה, און פון דעם פעטער שימע, וואָס האָט זיך אויסגעגליטשט ביים טאנצען און מ׳האָט איהם געמוזט אהיים נעמען. דער חתן האָט שוין אפילו אריינגעוואָרפען עטליכע ווערטער וועגען דער מלחמה און וועגען טראָצקי׳ן אָבער — עס פיהרט צו גאָרנישט. עס ווערט שפּעט און שפּעטער. ביידע זענען מיעד און פארשלאָפען — און די נאכט איז שוין אין זיבעטען חודש מיט׳ן גאָלדגעלאָקטען טאָג וואָס דארף באלד געבוירען ווערען. עס ליכטיגט זיך ביסלעכ־ווייז דורכ׳ן פענסטער, און עס גראָהעט זיך אין די נייע־געמעבלירטע צימערען. דער אַנשטענדיגער חתן נעמט זיך אָן מיט מוט און געהט מיט איהר אין א באזונדער צימער און לעשט אויס די ליכט, און וויל זי ארומנעמען און קושען. ער מיינט הפּנים אז זי איז פון יענעם סאָרט מיידלעך, וואָס ער פיהרט זיך מיט איהר אויף אזוי מאָדנע. און ווען? באלד די ערשטע נאכט נאָך דער חתונה. — דאָס איז שרעקליך.

און דאָס אַנשטענדיגע מיידעל האָט זיך צעוויינט אויף

איהר ביטער מזל. — דארויף וואָס זי איז אריינגעפאלען אין די הענט פון אזא איינעם וואָס וויל רויבען איהר עהרע, וואָס וויל זי פאראומגליקען אויפ'ן גאנצען לעבען.

ער נעמט זי ארום און וויל זי א קוש טון, אָבער זי שטופט איהם אָפּ פון זיך און זי לאָזט זיך נישט. זי זאָגט:

— מיסטער, איהר האָט נישט געטראָפען ס'אָרט. ווער מיינט איהר בין איך? איך בין אַן אָנשטענדיג מיידעל, איך האָב פיינט די אלע זאכען, פארשטעהט איהר מיך. אויב איהר ווילט זיך אויפיהרען ווי אַן אָנשטענדיגער מענש איז גוט, אז נישט געה איך מיר אוועק און איך לאָז אייך איבער אליין. פליעז, נעמט אראָפּ די הענט, איך האָב דאָס פיינט.

און ס'אָנשטענדיגע מיידעל ציטערט און איז אויפגע־רעגט. סטייטש, אזא זאך! זי האָט מיט איהם חתונה געהאט, דערפאר ווייל זי האָט געמיינט, אז ער איז אַן אָרענטליכער מענש און אז ער קומט פון אַן אָנשטענדי־גער פאמיליע, צום סוף לאָזט זיך אויס, אז ער פארשליסט זיך גאָר מיט איהר אין א באזונדער צימער און לעשט אויס די ליכט, און וויל זי ארומנעמען און קושען. ער מיינט הפנים אז זי איז פון יענעם סאָרט מיידלעך, וואָס ער פיהרט זיך מיט איהר אויף אזוי מאָדנע. און ווען? באלד די ערשטע נאכט נאָך דער חתונה — דאָס איז שרעקליך.

...און גרויסע האָגעלדיגע טרערען זענען געפאלען פון איהרע אויגען, ווייל יונגפרוילי כקייט איז דער נאָבעלער קראַנץ פונ'ם פרויענגעשלעכט און דער וואָס רויבט די עהרע פון א פרוי איז גלייך ווי ער בארויבט א טעמפעל.

## אויף וואָס מע׳ריכט זיך נישט

ער איז אזוי מיעד, צום טייפעל! מיעד, מיעד, מיעד — אָט וואָס ער איז! און שולדיג אין דעם איז עטעל — זיין ווייב עטעל. זייט ער איז פארהייראט, האָט ער נישט פאר זיך אַליין קיין רוהיגע מינוט. אָט איז ער פאר־ליעבט אין איינער, אָט אין א צווייטער, אָט אין א דריטער. ער קאָן נישט רוהען — ער קאָן נישט. ער האָט נישט קיין כח צו זיין פארהייראט — עס איז נישט פאר זיין טעמפעראמענט. וואָס־זשע זאָל ער טון? זאָל ער נעמען און מקריב זיין זיין גליק אויפ׳ן מזבח פון פאר־שיעדענע זאכען? כא־כא! ער לאכט דערפון — מיט א הויך געלעכטער. יעדער מענש האָט א רעכט צו זיין גליקליך אויף זיין אייגענעם אופן, און וואָס אָנבאלאנגט זי — עטעל הייסט דאָס, איז... וואָס איז ער שולדיג, אז זי איז אונגליקליך? אז זי ווייסט נישט פון קיין רו־היגע מינוט? וואָס איז ער, הער ה. עפשטיין, מיט דער בלאָנדער, שעהנגעשווירענער באָרד שולדיג, אז זיין הארץ איז ברייט, אז זיין הארץ איז טיעף, אז זיין הארץ איז פריי — ווי די גראָזען אין וואלד, און אז ער וויל, ווי זאָגט ערגיץ יהואש, אויסזופען דעם בעכער פון ליעבע העט־העט ביז צום דנאָ? וואָס איז ער שולדיג, אז ער איז א פרעכטיגער יונגערמאן? וואָס קאָן ער זיך העלפען, אז זי — עטעל, איז איהם נישט קיין גלייכע פּאָר, — אז ער איז פול־בלוטיג, רייצענד, ציגיינעריש ווילד און אלע פרויען ווערען פאר איהם משוגע?

. . . אך די פרויען! ער האָט זיי ליעב. ער האָט זיי פיינט. ער האסט זיי. ער קאָן אָהן זיי נישט לעבען. זיי

ענען דאָס איינציגע צוליעב וואָס עס לוינט זיך צו לעבען, און דאָס איינציגע צוליעב וואָס עס לוינט זיך צו אנטלויפען אין קאלטען קאנאדא, אוואו יואל ענטין האָט דאָ אנומעלטען געלעזען א לעקציע.

זיין גאנץ לעבען, מישטיינס נעזאָגט! וואָס פאר א מין לעבען ער האָט אָפּגעלעבט, מיט זיין עטלען! כסדר איז זי אייפערזיכטיג אויף איהם. און זי ערגערט זיך און קרענקט און ווערט בלאסער פון טאָג צו טאָג. א רחמנות אויף איהר. די לעצטע צייט איז זי עפּעס גאָר אין גאנצען פארענדערט — אזוי בלאס און פאר׳־חלום׳ט און פארבענקט און קוקט כסדר דורכ׳ן פענס־טער און זיפצט און זיפצט און זיפצט. זאָל דאָס זיין, אז זי האָט אויסגעפונען דעם גאנצען אמת וועגען זיינע באציהונגען מיט איהר — מיט דער שווארץ־חן׳עוודיגער אינטעליגענטקע פון די בראָנקס? וואהרשיינליך. מסתמה. געוויס איז דאָס אזוי. א מאָדנע פאָלק די פרויעען — זיי געפינען אלצדינג אוים מיט זייער אינסטינקט — א פיין וואָרט „אינסטינקט" — אי"ה מאָרגען ביינאכט, אז מ׳עט דערלעבען מיט געזונט, וועט ער זעהן אריינארבייטען דאָס דאָזיגע ווערטעל, בעת ער וועט רעדען מיט זיין בראָנקסער געליעבטע וועגען די פארשיעדענע פרויען־נאטורען.

. . . איז, הייסט דאָס, זיין עטעל, נעביך שטארק אייפערזיכטיג אויף איהם. אָרימע עטעל! בידנע עטעל! זי האָט איהם נעביך אזוי שטארק ליעב, און וואָס איז דער חידוש! ווער קאָן דאָס א שטייגער פ י י נ ט האָבען אזא מין פיין־געבויטען, עלעגאנטען בלאָנד־בערדיגען מאנספארשוין ווי ער, הער ח. עפּשטיין, איז?

און וואָס וועט נאָך זיין, אז זי וועט זיך באלד, אין א צעהן מינוטען ארום, בעת ער וועט אהיים קומען, דערוויסען דעם אמת, אז ער מוז זי פארלאָזען. ער קאָן מיט איהר נישט לעבען. ער אכטעט זי — אָבער דאָס אלעס. אויב זי וויל פארבלייבען זיין פריינט — גוט!

אָבער בלייבען זיין פרוי קאָן זי נישט — כאָטש, איין גאָט אין הימעל ווייסט דעם אמת, אז ער האָט לאַנג געקעמפט מיט זיך, ביז וואנעט ער האָט זיך באשלאָסען צו דעם שריט. אָבער עס מוז געשעהען: ער וועט געהן זיין וועג אין די בראָנקס און זי . . . אך! אוואו איז ס'ווייסע טאשענטיכעלע ס'אויסגעפּרעסטע? אָט איז עס. ער וועט זיך אויסווישען א טרעהר פון אויג. ס'איז א גאָט'ס רחמנות אויף דעם ווייבעל. זי האָט נעביך קיינעמען נישט. וואוהין וועט זי געהן? צו וועמען וועט זי זיך ווענדען? זי איז נעביך עלענד ווי א שטיין. ער וועט זיך אויסווישען נאָך א טרעהר — פון אנדערען אויג אויך. צום גוטען יאָהר! ער איז היינט עפּעס אזוי מאָדנע סענטימענטאַל. צוקראָכען. מען דאַרף טאַקע האָבען ס'האַרץ פון א גזלן — צו נעמען אזא עלענד, אזא פיין ווייבעל, וואָס זי האָט איהם אזוי משוגע־ליעב, און זי איבערלאָזען איינע אליין אין דער גרויסער וועלט.

אפשר וועט זי באַגעהן זעלבסטמאָרד. ס'איז שעהן צו הערען ווי ער זאָגט „אפשר", ס'איז נאָך ביי איהם א ספק, הייסט דאָס! כע־כע. וואָס דען וועט זי טון? זי וועט דען קאָנען לעבען א טאָג אָהן ה. עפּשטיין? ס'איז נאַריש געדעדט. ער ווייסט ווי היים, ווי הייסער, ווי אונענדליך פלאַם־פייערדיג היים זי ליעבט איהם. אָבער — ער קאָן זיך נישט העלפען. ער האָט עס אין דר'ערד. ער האָט נאָך אליין אויך גאָר נישט גענאָסען פון לעבען. ער איז נאָך אליין אויך גאָר א יונגע זאַך — אין גאַנצען זעקס און פערציג יאָהר אַלט. ער קאָן נישט. ער קאָן נישט. ער קאָן נישט!

אָט איז ער שוין ביים הויז. עס לויכט זיך דורך די פענסטער. זי שלאָפט נאָך נישט. זי וואַרט אויף איהם. זי וועט חלש'ען, אז זי וועט הערען די שרעקליכע בשורה — אָבער — אזוי בלייבט דאָס. ער איז נאָך אליין אויך א יונגער מענש... אין גאַנצען זעקס און פער־

ציג יאָהר אלט. אָט שליסט ער שוין אויף די טיר — מיט זיין אייגענעם שליסעל. גוטנאַווענד עטעל! וואָס מאכסטו? שלאָפסט נאָך נישט? וואָס איז דער מעהר? דארפסט מיר עפּעס זאָגען? אָלרייט. זאָג. ער דארף איהר אויך עפּעס זאָגען. נאָר לאָז זי זאָגען צו־ערשטען. הא? וואָס? ער האָט ניט געכאַפּט אקוראט די ווערטער. ווי? זי האָט באשלאָסען איהם צו פארלאָ־זען. וואָס איז דער מעהר? הא? אָהם! אזוי... אָהאָם? זי ליעבט איהם נישט. זי ליעבט דעם מיסטער לאנדער פון הארלעם — ליעבט זי! זי האָט שוין לאנג געדענקט איהם עפּשטיינען, אויסצוזאָגען דעם אמת, נאָר זי האָט נישט געקאָנט. זי האָט אויף איהם רחמנות געהאַט. זי וויים ווי שטארק ער האָט זי ליעב. זי האָט איהם אויך ליעב — אלס פריינד, אָבער נישט מעהר. ווייטער לעבען מיט איהם אלס מאן־און־פרוי — קאָן זי נישט. לאָז ער איהר ענטשולדיגען. גאָט ווייסט דעם אמת, אז זי האָט זיך נישט אזוי לייכט באשלאָסען צו דיזען שריט — אָבער זי קאָן זיך נישט העלפען. זי איז נאָך אליין יונג — אין גאנצען אכט און דרייסיג יאָהר אלט און זי וויל נאָך אויך א ביסעל געניסען פון לעבען. זי האָט צו איהם — צו עפּשטיינ׳ען — גאָרנישט. אדרבא, זיי פארבליי־בען די בעסטע פריינד, נאָר לעבען מיט איהם קאָן זי נישט... זי קאָן נישט, קאָן נישט, קאָן נישט! וואָס איז דער מעהר וואָס ער איז אזוי בלאס געוואָרען? אָי ווערה איז צו׳ן איהר. אפשר נישט גוט געוואָרען?... נעם א ביסעל וואסער, עפּשטיין! אָט אזוי... נעם נאָך א ביסעלע! וואָס וויינסטו, דו נארעלע? מ׳דארף נישט וויינען! דו וועסט זיך געפינען אן אנדערע, הא? דו קענסט אָהן מיר נישט לעבען? דו וועסט באגעהן זעלבסטמאָרד? דו וועסט זיך דערשיסען? פע, עפּשטיין, רעד נישט אזוי! א מאן דארף נישט אזוי ריידען.

איך האָב זיך אויף דיר עס נישט געריכט. עס טרעפט, אז פארהייראטע מענשען געפינען אויס אז זיי

קאָנען נישט לעבען צוזאַמען און מען צעשיידט זיך. וועה איז מיר. וואָס איז דיר עפּשטיין? דו חלש'סט שוין ווידער? נאַ, נעם נאָך א ביסעל וואסער — נעם נאָך א טראָפּעלע. וועה איז מיר ווי דו ביזט פארענדערט געוואָרען אין די עטליכע מינוט.

# צוליעב דער מוטער

זי איז שעהן. זי איז יונג. זי איז וואונדערבאר.

איהר אויגענבליקיית איז טיעף. איהר לאַקעגבלאָנד־קייט איז אונערהערט. איהר פּנים איז קאַרשענזאַפט און מילך — גוט געמישט. איהר געשטאַלט איז בויגיג ווי א ווערבע. איהרע הענט זיינען דין און איידעל און אלצדינג.

אָבער זי האָט א מוטער. און די מוטער איהרע איז מסתמא אויך אַמאָל געוועז יונג און שעהן און בלאָנד און אלצדינג און איצט איז זי ברייט, צעשוואומען, פיעלגוי־דערדיג, שווער, אונמעגליך.

די טאָכטער הייסט אַנאַ.

די מוטער הייסט קאָנטשעטא.

און די שעהנע אַנאַ פון היינט, דאָס איז די צוקונפטי־גע קאָנטשעטא פון מאָרגען, פון איבערמאָרגען...

און די צעשוואומענע קאָנטשעטא פון היינט מיט א האָר־וואָרצעל אויף דער לינקער זייט פון פּנים, — דאָס איז די וואונדערבאָרע אַנאַ פון נעכטען...

און אַנאַ, די שעהנע, בלאָנדע, וואונדערבארע, אונער־הערטע, גוואלדיגע אַנאַ פון ניו יאָרק דעם 28טען אָקטאָ־בער, ניינצעהן־זיעבצעהן, טראָגט אין איהר שנעל־פליסיג בלוט די רויהע מעגליכקייט צו ווערען די עלטערע, שווער־באלעבאטישע־פרוי פון דעם זעקסטען סעפּטעמבער, נייג־צעהן־זיעבען־און־דרייסיג. איהר שעהנע אויגען, וואָס גר־צען־אויס אַזוי פיעל נשמה פאר זייער טעגליכען געברויך, טראָגען אין זיך די מעגליכקייט צו ווערען ליידיג און נשמה׳לאָז, מיט טרערען־קישעלעך אונטער די ברעמען.

איהר הויך, ווערבע׳דיג געשטאַלט טראַגט אין זיך פאַר־שלאָסען די רויהע מעגליכקייט צו ווערען אויסגעפלאַכט, פארנידריגט און מאנסבילש. איהר שעהן, לבנה־פּנים טראַגט, אונטער דער הויט, די מעגליכקייט צו ווערען אויסגעברייט, פיערעקעדיג, און פארגוידערט. איהרע דינע הענט טראָגען אין זייערע פיין־בלויע אָדערן, די מעגליכ־קייט אָנצוטרינקען די הענט מיט צופיעל בלוטזאפט, אזוי, אז זיי זאָלען ווערען רויט, פעטליך, ווארעם און שטומפּיג.

און דאריבער:

אז אונזער העלד באַנסיניאַר, 28 יאָהר אַלט, נישט פארהייראַט, פון זעקס הונדערט פיער־און־פערציג סימפּ־סאָן פאַרקוועי, בראָנקס, האָט זיך באַקענט מיט דער שעה־נער, מיט דער וואונדערבאַרער אַנאַ, און אז ער האָט אַ קוק געטון אויף איהר הויך געשטאַלט, אויף איהר פאַר־בלייכט לבנה־פּנים, אויף איהרע אויגען, וואָס ברענען אוים שטיקער נשמה אזוי שנעל, ווי אַ גרויסער אויטאָמאָ־ביל ברענט־אוים גאז, און אז ער האָט אָנגענומען איהר שעהנע, דינע, קיהלע האַנט אין זיינער, האָט באַנסיניאַר געפיהלט אַ טיפע ערדציטערניש אין מיטעלפּונקט פון זיין הארץ. זיבען גרויסע געוויטער־שטורמס האָבען דורכ־גערוישט אין זיין בלוט, און אין זיין מח האָט געבליצט, געדונערט, גערעגענט און — עס איז אויפגעגאַנגען אַ קלאָרע, אַן אויסגעוואשענע אויגענזון... און די נעמליכע זון איז געשטאַנען אין באַנסיניאַר׳ס ווייט־געעפענטע אויגען, וואָס זענען ארומגעגאַנגען שפּאצירען אהין און צוריק, איבער דער ווערבע׳דיגער געשטאַלט פון דעם מיי־דעל, און וואָס האָבען שטומערהייט אויסגעזונגען גאַנצע ביבליאָטעקען מיט קלאַסישע פּאָעזיע. גאַנצע אלפּענבערג מיט ליעבשאפט, גאַנצע האמבורג־אמעריקאַן־ליניעס מיט פארוואונדערונג.... !

באַנסיניאַר — איך פארזיכער דאָס אייך אויף מיין עהרענוואָרט! — איז געווען שוידער־שוידער־שוידערליך

פאַרליעבט. זעקס הונדערט קאַפּיטלעך שיר־השירים, אין א איטאַליעניִשער איבערזעצונג, האָבען דורכגעצויגען דורך זיין געדאַנק מיט דער גיכקייט פון 82 מייל א שעה. באַנסיניאַר איז געשטאַנען איינער אליין, ארומגערינגעלט פון זיינע העכסטמערקווירדיגע וואַנצען, און ער האָט געקרייזעלט די וואַנצע וואָס איז געלעגען נעהנטער צום צפון־זייט פון זיין געזיכט און ער האָט געטראַכט אין אַט־אַזוינע־אָ ריזיגע ווערטער:

„איך האָב זי ליעב!“

א ווײלע אָדער אַנדערטהאַלבען איז אונזער פּאָפּולעדער באַנסיניאַר אזוי געשטאַנען אין הויז פון דער שעהנסטער פון אַלע אנא'ס, און די ליעבעס־געדאַנקען האָבען איהם ארויסגעקוקט דורכ'ן הויך־געבויטען, איטאַליעניִשען שטערען, זענען איהם אריין אין די אויגען, און פון דאָרטען זענען זיי מיט פליסיג פייער אריבער אין אַלע אָדערען־צווייגען פון זיין יונגען נעאַפּאָליטאַנישען לייב, און זיי האָבען איהם ארייננגעשריען אין אויער פון יעדען טראָפּען בלוט, און עס האָט זיך אונטער איהם אונטערגעצונדען דער גרעסטער טייל פון זיין פּערזענליכען אוניווערזום, און ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טון.

ער האָט יאָ געוואוסט וואָס צו טון. ער האָט זי ארומגענומען מיט אַלע הענט און ער האָט זי געגעהענטערט צו זיך, און אז די רעכטע האנט איז פארלוירען געגאַנגען ארום איהר טאַליע, איז זי באַלד אויפגעזוכט געוואָרען פון דער לינקער האנט און כדי זיי זאָלען זיך מעהר נישט פארלירען האָבען זיך די צוויי באַנסינאַרישע הענט געהאַלטען נאָהענט איינס לעבען ס'אנדערע, און — קיין קראַפט אין דער וועלט וואָלט זיי נישט געקאָנט צעשיידען.

פאָרהאַנג און נאָכאַמאָל פאָרהאַנג.

אז באַנסיניאַר איז געקומען צו זיך, האָט ער געהערט ווי ער זאָגט מיט א געבאָרגט קול: „אנא, איך קאָן אָהן דיר נישט לעבען א מינוט. אנא, לאָמיר לויפען איבער

די בערג פון קראַטאָנאַ פּארק. אנא, לאָמיר אוועק אין דער ווייטער וועלט אריין. אנא — ביי דעם לעצטען „אנא“ איז (זעהר פּלוצלונג) באַנסיניאַר געבליבען שטעהן מיט גרויס אויגענפארוואונדערונג, זיינע הענט וואָס זענען געווען ענג פארזאמעלט ארום דער טאליע פון דער שעהנער אנא, זענען געווען שלאַף און ענטמוטיגט, און זיינע ליפּען זענען געבליבען אָפען, מיט די ציין כמעט אין דרויסען.

וואָס איז געשעהן?

עס איז געשעהן, אז אנא'ס מוטער, קאנטשעטא, איז אריינגעקומען און, אין איינעם מיט איהר, איז אויך אריינגעקומען די שפּעטערדיגע אנא, די אנא פון דער ווייטער צוקונפט, די דורכאויס־פארהייראטע אנא, מיט'ן האָר־וואָרצעל אויפ'ן פּנים, מיט'ן קורצען האלז, מיט די גרינוואסערדיגע אויגען, מיט די שטומפּיגע הענט, מיט דעם שווערען גאנג.

האָט צו איהם גערופען א שטים:

באַנסיניאַר, באַנסיניאַר, קום צו זיך און זעה דיין צוקונפטיגע געליעבטע! זעה די רויהע מוטער־מעגליכ־קייטען וואָס שלומערען אין דעם וויסען לייב, וואָס זע־נען פארבאהאלטען אונטער דער איידעלער הויט, וואָס זענען פארבאָרגען אונטער די ליידענשאפטיגע סאלאָמע־ליפּען.

באַנסיניאַר, באַנסיניאַר, קום צו זיך און זעה דיין געליעבטע מיט צעהן־צוואנציג יאָהר שפּעטער! זעה דיין פאר'אמת'טען חלום. זעה דיין פארמוטערטע אנא. זעה דיין שעהנעם אנא־אידעאל, אָנגעטון אין דעם שלעכטען געשטאלט פון איהר מוטער.

באַנסיניאַר, באַנסיניאַר. קום צו זיך און זעה די דערוואכונג פון דיין רויט־נעאפּאָליטאנישען חלום, — זעה ווי פּראָסט דאָס איז, ווי נישט־שעהן, ווי שלעכט געפורעמט, זעה דיין — צוקונפטיגע קאנטשעטא!

און באַנסיניאַר איז געקומען צו זיך. ער האָט גע־

זעהן: אי אנא׳ן, אי קאַנטשעטאַ׳ן: אי דעם חלום, אי די אמת׳דיגקייט. און זיינע אויגען האָבען גע־בלאַנזשעט אהער און אהין: האַלב חלום, האַלב קאַנ־טשעטאַ. האַלב ווירקליכקייט, האַלב אנא! און פון דעם גרינוואַסערדיגען בליק פון דער ווירקליכקייט פון דער קאַנטשעטאַ, האָט ער לעבענסקלוגשאַפט ארויסגעשעפט, האָט ער ארויסגעשעפט די פארשטענדניש פאר דעם אמת פון שעהנזעהעריי, האָט ער ארויסגעזעהן די שעהנקייט אין איהרע אַלע שרעקליכע מעגליכקייטען.

אנא און — קאַנטשעטאַ.

די שעהנבליהענדיגע, יונגע גאָזעלגרינגע אנא פון היינט, איז די שווערגעהענדיגע, אונמעגליכע קאַנטשעטאַ פון מאָרגען. דער היינטיגער חלום פון שעהנקייט, איז דער מאָרגעדיגער חלום פון שפּאַגעטי און גרינצייג, פון עסען און רוהען.

באַנסיניאָר איז געשטאַנען א ווייל, און נאָך א ווייל, און נאָך איינע.

די ארומנעמונג, מיט וועלכער ער האָט פריהער ארומגענומען איהר לייב האָבען געהאַנגען אויף זיינע אָרעמס ווי שווערע רייפען, די ליפּען פון וועלכע עס האָבען ארויסגעבליהט אזוינע ווייסע־ווייסע, דופטענדיגע ווער־טער, האָבען זיך געפיהלט פארוויאַנעט און טונקעל און דאָס בלוט וואָס האָט ארויסגעזינגען אזא היילינ־גע־שוואוירענע ליעבשאַפט, האָט זיך געפיהלט מיעד און פארשעהמט.

קאָן דער שעהנער באַנסיניאָר ליעב האָבען אָט־די־אָ צוקונפטיגע קאַנטשעטאַ, וואָס שטעהט פאר איהם אין געשטאַלט פון איהר מוטער?

קאָן דער קלוגער באַנסיניאָר זיך פארליעבען בלויז אין א שאָטען פון שעהנקייט, וואָס וועט באַלד פאַר־שווינדען?

קאָן דער פראַכטיגער באַנסיניאָר הייראַטען אזא אונמעגליכע צוקונפט, אזא שטיק עכט־ווייבערישקייט?

און זאָל ער זיך לאָזען פארפיהרען פון דעם הויכגעוואק־סענעם חלום וואָס הייסט אנא?

ניין. ניין. ניין.

און באָנסיניאָר שטאמעלט אוים עטליכע פארגע־בונגס־ווערטער אין א פארצווייפעלטען איטאליעניש, נעמט זיין שווארץ־ווייכען הוט און געהט אוועק.

און — אויב איהר ווילט לעזער שעהנע, לעזער גוטע — געהט ער נ י ש ט אוועק. ווייל וואוהין וועט ער געהן דער קלוגער באָנסיניאָר? וואו וועט ער זיך באַהאלטען פון דער קאנטשעטא־מעגליכקייט פון די אנא׳ס? וואוהין וועט ער אנטלויפען פון דער פארגאנגליכקייט פון א חלום, וואָס דערווייל איז ער אזוי וואונדערליך ווי באגדאד, און אזוי ראָמאנטיש ווי דאָס פארפלאָסענקייט פון א טייך?

געענדיגט.

# מ ע נ ש ע ן

די פאָלגענדע סצענע וועט וואהר־
שיינליך קיינמאָל נישט פאָרקומען.
איך גיב זי דארום איבער אַקוראט,
מיט אלע איינצעלהייטען, געטריי
צו מיין פאנטאזיע.

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

ע ר : א מאַנסביל.
ז י : אַ דאַמע.

---

ס צ ע נ ע : אַ פּארק.
צ י י ט : פריהליננ.

---

ע ר : פרייליין, פארוואָס שמירט איהר זיך אָן מיט אלערליי זאבען? (האלט זיך צו די נאָז) פוי! איהר שמעקט שרעקליך.

ז י : און וואָס איז דער מעהר מיט אייך? איהר שמעקט ווי אן איטאליענישער בארבער־שאפּ.

ע ר : יעס. מיר שמעקעןביידע.

ז י : און די ליפּען אייערע זענען עפּעס אזעלכע חזיר׳שע, פול מיט תאוה.

ע ר : דערפאר זענען ביי אייך אויך א פּאָר מכשפה־ליפּעלעך. א לייטישער מענש וואָלט זיי קיינמאָל נישט געקאָנט קושען.

זי: און ווי געפעלען אייך מיינע בלאָנדע לאָקען?
צוויי און א האלב דאָלאר פאר זיי באצאָהלט.

ער: גאנץ פיינע לאָקען, נאָר אביסעל צו טייער פאר אזא קאָפּ. (זיפצט) נאָר וואָס קאָן מען ערווארטען פון אזא נארישער מויד ווי איהר?

זי: יעס. איך בין זעהר א נארישע מויד. א רעגעלע בהמה.

ער: און דערצו נאָך א גרויסע מיאוסקייט אויך.

זי: יעס, איך בין א שרעקליכע מיאוס'קייט.

ער: און א „סלאב".

זי: און א „פרעשע זאך".

ער: און א צוקראָכענע.

זי: און קוקט ס'ארא שמוציגע אוירען ביי מיר איז. (ווייזט איהם אויף די אויערען) אין יעדער אויערעפענונג וואָלט מען ביי מיר געקאָנט איינפלאנצען עטליכע וואזאָנעס — אזוי פיעל בלאָטע איז דאָרט פאראן.

ער (ווייזט אויף די נעגעל פון זיינע הענט): נו, און וואָס פעהלט מיינע נעגעל? פאראן פלענטי בלאָטע.

זי: מיר זענען פון די ריכטיגע פאסקודניאקעס.

ער: יאפּ! (פאָראויסזעהענד) און היינט שטעלט זיך נאָר פאָר וואָס סע וועט ביי אונז זיין נאָך דער חתונה.

זי: סע וועט שוין זיין ביי אונז א שעהן הויז!

ער: איך שטעל זיך פאָר, אז אונזער וואוינונג וועט זיין א רעגעלער חזיר־שטאל.

זי (שפּינט ווייטער דעם געדאנק): און עטליכע בורוועסע „יאטען" מיט נאקעטע בייכלעך, וועלען ארומלויפען אין שטוב און זיך איינם ס'אנדערע אריינשיסען בעבלעך אין די אויערען. און די קולות מיט די געוואלדען וועלען געהן עד לב השמים.

ער: און דער דזשעניטאָר וועט קומען צולויפען מיט א שעפעל וואַסער.

זי: און פון אומעטום וועט מ'ן אונז מאכן צו מופען.

ער: און מיר וועלען האבען א פולע שטוב מיט קאקראוטשעס — פון די רעגעלע!

זי: און וואס איז דער מעהר מיט וואנצען?

ער (פאנטאזירט ווייטער): מיר'ן האבען וואנצען אויך! א דאגה!

זי: און פליגען?

ער: מיר'ן האבען פליגען אויך פון די גרויסע! פון די וואס האלטען זיך בלויז לעבען די פענסטער און מען קאן זיי נישט ארויסטרייבען.

זי: און פליי?

ער: וועט זיין פליי אויך. אבי געזונט!

זי (צושטימענד) יעס. מיר'ן האבען א „האלאט" פליי.

ער: און דאס אינגסטע קינד וועט האבען אן אויס־געגאסען קעפעל.

זי: יעס. און א פארשטאפט נעזעל.

ער: און דער גרעסערער באיטשיק וועט שלאגען דעם קלענערען.

זי: און דאס עלטסטע מיידעל וועט זיי ביידען דערלאנגען!

ער: און מיר וועלען זיי אלעמען פאדראווען איבער די קעפ.

זי: יעס. מיר'ן זיי שלאגען ווי די הינט!

ער: און ביי צוועלף יאהר וועלען מיר זיי שוין שיקען ארבייטען אין פעקטארי.

זי: און מיר'ן זיי אויסלערנען ריידען פאסקודנע רייד!

ער: און אלערליי דזשאקס פון די ריכטיגע!

זי: און מיר אליין?

ער: מיר אליין וועלען זיך אלע מיטוואך און דא־נערשטאג צוקריגען און זיך אנזידלען ווי די ערגסטע.

זי: און מיר'ן דאָס מאַכען אז די קינדער זאָלען הערען.

ער: שור! אודאי.

זי: און זיי זאָלען אויפוואקסען אזוי ווי זייער טאטע־מאמע.

ער: מיט פּליכעס.

זי: און מיט געפארבטע האָר.

ער: און שמוציגע אויערען.

זי: און מיט פּאסקודנע צונגען.

ער: פונדעסטוועגען וועלען מיר ביידע חתונה האָבען גאָר איז גיכען (קיצעלט זי) כע־כע!

זי: (גיט א קלאַפּ מיט די ליפּען) יאפּ!

ער: און דו גלייכסט מיך צו ניין?

זי: איך גלייך דיך ווייל דו וועסט ברענגען פּיידע. און דו?

ער: איך גלייך דיך ווייל דו ביסט א פּעטע, כע, כע! (טשעפּעט זיך צו איהר).

זי: גראַדיעהיער! טשעפּיזיכאָפּ! ניטע! דערווייל זענען מיר נאָך פרעמדע (נאָכגעביגער) ווען וועסטו ארויסנעמען לייסענס?

ער: נאָך שבת, אז מ'וועט דערלעבען!

(פאָרהאנג פאלט און פאלט אָחן אן אויפהער מען קאָן איהם ניט אויבהאלטען).

# דער קייזער

איך בין קייזער. איך בין אימפּעראַטאָר. איך בין זעלבסטהערשער.

און מיין נאָמען איז שמואל פעלדמאַן: קייזער שמואל פעלדמאַן, דער ערשטער. איך בין קייזער פון מיין פרוי, קעניג פון מיינע קינדער און זעלבסטהערשער איבער דרייסיג דאָלאַר א וואָך.

איך בין הערשער פון גאָט׳ס גענאַד. אין מיין האַנט ליגט דאָס גליק פון מיין פאַמיליע, די צוקונפט פון מיין יונגער פרוי, דאָס מזל פון אכט לעבעדיגע באַשעפענישען.

איך בין קייזער שמואל פעלדמאַן. איך הערש מיט אַן אייזערנער האַנד, און מיין וואָרט איז באַפעהל — פאַר מיין ווייב, פאַר מיינע קינדער — פאַר מיינע אונטערטאַנען.

אָנגעהויבען צו הערשען האָב איך מיט צוועלף יאָהר צוריק. דאָס רעכט פון דער רעגירונג האָב איך איבערגענומען פון מיין פאָטער — ער איז אויך געוועזן א מאַנסביל, און ער איז יאָהרענלאַנג געזעסען אויפ׳ן פאָטער־שטול און רעגירט איבער מיין מאַמען, און איבער מיינע דריי צעשראָקענע שוועסטער און מיינע פיער ברידער, וואָס האָבען געציטערט פאַר זיין קוק.

מיין פאָטער, קייזער מנחם דער זעקסטער, איז געוועזן א שטרענגער הערשער — זעהר א שטרענגער. ער האָט נישט געוואוסט פון רחמנות, פון פאַרגעבונג, און יעדעס מאָל וואָס אַן אונטערטאַן האָט זיך ביי איהם מיט עפּעס פאַרזינדיגט, פלעגט ער באַקומען א שווערע שטראָף. שמואל, — פלעגט ער צו מיר זאָגען — בעת איך פלעג אַהיימקומען מיט פאַרשטויבטע שיך און מיט א צעריסען

רעקיל — שמואל, לעג זיך אריבער אויפ'ן בענקעל וועל איך דיר אפּצעהלען א פּאָר חייסע יארמולקעס, אז דער רוח וועט דיך נעמען! דערביי פלעגט ער אויסטון די קרוין, אפּיהרנעמען די יארמולקע און מיך שלאָגען — ביז בלוט, מיך שלאָגען אָהן רחמנות. און אז די מאמע פלעגט זיך אריינמישען און בעטען ער זאָל מיך נישט אזוי שלאָגען, פלעגט ער א גלעט טון זיין מאיעסטעטישע באָרד און ענטפערען: איך ארבייט פאר דעם געלד, איך בין דער פאַרדינער. איך וועל דארפען באַ־צאָהלען פאר א נייע אנצוגעל, אויב דאָס אלטע וועט זיין צעריסען.

און די מאמע פלעגט שווייגען.

יאָהרענלאנג איז מיין פאָטער אזוי געזעסען אויפ'ן פאָטער־שטול און ארויסגעגעבען באפעלען: וויפיעל פיש מען זאָל קויפען אויף שבת, וויפיעל מען זאָל געבען נדבות צו אָרימע לייט, וויפיעל די מאמע זאָל אויסגעבען אויף א ברוסט־טיכעל און אוירינגלעך און וויפיעל מען זאָל אוועקלעגען אויף שפּעטער.

און אז מיין מאמע פלעגט זאָגען אז זי האָט נישט פון וואָס צו שפּאָרען, ווייל דער בודזשעט איז זעהר א קליינער, פלעגט מיין טאטע, קייזער מנחם דער זעקסטער, זיך פארדרייען א גוטען ציגאר, נעמען דעם טלית־זאק אונטער די אָרעמס, און אוועקגעהן אין קלויז אריין. בשעת די מאמע פלעגט בלייבען אין דער היים און וויינען.

— וואָס זאָל איך זאָגען? וואָס זאָל איך רעדען? — פלעגט זי אויסגיסען איהר נשמה צום טייטש־חומש, — אז גאָט האָט איהם פּאָרט באשאפען א מאנסביל? אז ער איז פּאָרט דער מלך פון דעם וועלטבעשאף, און איך? וואָס בין איך, מישטיינס געזאָגט? — א זינדיגע אשה, א ווייבסבילד.

אָפטמאָל פלעגט מיין פאָטער, קייזער מנחם דער זעקסטער, באזעסען ווערען פון א געדאנק, אז ער מוז

באהערשען גאנץ קהל, און ער פלעגט ארויסגעהן אין שלאכט מיט דעם שוחט און טענה'ן, אז יענער קאָן נישט קיין הלכות־שחיטה — און קאָן אפילו נישט אָפּציהען דעם חלף; אָדער ער פלעגט ארויסגעהן אין קריעג קעגען א שכן, טענה'ן אז יענער האָט ביי איהם פארכאפּט א בינטעל פלאקס, אָדער אויסגעדונגען א פּאָר טויבען, און אז ער מוז האָבען אן אָרט אין דער זון — פונ'ם מארקפלאץ, אוואו זיך פאנאנדער־צושפרייטען מיט זיינע געשעפטען, און אז נישט וועט זיין קריעג — ביז בלוט.

אָבער מיין טאטע אליין איז געוועזן אן אָפּגעהיטער מענש, און נישט קיין געזונטער, האָט ער זיך נישט גע־קאָנט אליין קריגען, פלעגט ער צונויפרופען זיינע אונטער־טאנען — די מאמע און אונז, און געבען א באפעל, אז מיר זאָלען אטאקירען דעם שונא מיט קללות, און — ער אליין, וועט זיך דערווייל צולעגען שלאָפען אין דער קאמער, ווייל ס'איז דאָרטען זעהר קיהל, און איינער פון אונז, קינדער, וועט מוזען אוועקלויפען צו דער ברונים און ברענגען א קרוג קאַלטע וואסער, ווייל סע דארשט איהם.

אן אנדערש מאָל, ווען מיין פאָטער פלעגט זיין גוט אויפגעלעגט — אז ער איז געקומען פון א יריד מיט א שעהן פארדיענסטעל — פלעגט ער צונויפרופען אלע אונ־טערטאנען און זיי דערצעהלען, וואָס פאר א טייערע מאכלים ער האָט געגעסען אין שטאָדט, און ווי אזוי ער האָט פארטרונקען מיט פילזנער ביער און ווי אזוי ער געוועזן אויף א קאָנפערענץ פון קייזאָרים, וואו מען האָט געשפּיעלט „דערדיל" און מען האָט בארעדט די ווייבער, און ווי אזוי ער האָט פארשפּיעלט כמעט דאָס גאנצע געלד, וואָס ער האָט פארדיענט אויפ'ן יריד און פארוואָס הוסט ס'קינד? פארוואָס גיט די מאמע נישט אכטונג, אז דאָס קינד זאָל זיך נישט פארקיהלען? און וואו איז זיין נייער סצעפּטער־שטעקען, מיט'ן זילבערנעם הענטעל, ער וויל זיך אביסעל דורכגעהן שפּאצירען אין מארק

אריין? און ווען וועט די מאמע געהן מעלקען די קוה? שוין צייט צו מעלקען די קוה. אָט הערט ווי זי מרוקעט. און פארוואָס לופטערט זי איהם נישט אויס די זיידענע בעקעשע? אי״ה, איבער אַכט־טאָג דאָנערשטאָג וועט ער זיך אַביסעל דורכפאָהרען צום רבי׳ן און דאָרט פארברענגען עטליכע וואָכען — ביז איבער די ימים־טובים, אז מ׳וועט דערלעבען.

און אז די מאמע האָט געוויינט און געזאָגט, אז זי ווייסט, אז דער טאטע געהט אין מארק אריין אויסדינגען דאָס שטיקעל פעלד ביי שלום ראפּ, און אז יענער איז געביך א בלוטיגער אָרימאַן און עס איז אויף איהם אַ גרוים רחמנות, האָט מיין טאטע, דער קייזער מנחם, גע־ענטפערט:

— איך מוז האָבען אַן אָרט, וואו מיינע אונטערטאנען זאָלען זיך קאָנען אויסשפּרייטען, צעוואקסען, רייך־ווע־רען.

און אז מיין מאמע האָט געענטפערט, אז זי איז געגען אַנעקסיע, און אז זי באַגוגענט זיך מיט איהר אייגען שטיקעל ערד, האָט דער טאַטע זיך צעשריגען, אַז זי ווייסט נישט וואָס זי רעדט, און אז היינט ביינאכט וויל ער מען זאָל איהם מאכען בלינצעס — ער האָט שוין לאנג נישט געגעסען קיין בלינצעס.

איינמאָל ביינאכט בין איך געגאנגען מיט מיין טאטען פון שוהל. עס איז געוועןן א ווייסע זומער־נאכט, לבנה־שטיינדלעך זיינען געלעגען אויפ׳ן וועג, און שטערען־פייער האָט זיך געפינקעלט אומעטום. די ווייסקייט האָט געשמעקט מיט בליהונג, מיט לעבען, מיט קארשענ־צוועט — ווייל אונזער שטעדטעל איז א קארשענ־שטעדטעל.

זיינען מיר אזוי געגאנגען שטילערהייד. דער טאטע האָט זיך עפּעס אונטערגעזונגען א חסידיש׳ם און ער האָט מיר געגלעט דעם קאָפּ. ער איז געוועןן גוט אויפגע־

לעגט דער טאטע. האָט ער מיר א גוט־ברידערליכען פּאטש געטון אויף דער פּלייצע און געזאָגט:

— בחור'על, האָב נאָר חתונה, וועסטו זיין א מענש. וועט דיר גאָרנישט פעהלען. זאָלסט נאָר נישט נאָכגעבען דעם ווייב צופיעל. געדענק, דער מאנסביל דארף געוועל־טיגען, אזוי זאָגט די תורה.

און די ווערטער זענען מיר אריין אין קאָפּ. — דער מאנסביל דארף געוועלטיגען. אזוי זאָגט די תורה.

און דער חשק צו הערשען, צו געוועלטיגען האָט מיר געציטערט אינ'ם בלוט. דאָס מאנסבילשע אין מיר האָט דערוואכט — איך האָב געוואָלט רעגירען אזוי ווי מיין טאטע. מיט א שטריימעל־קרוין און מיט א סצעפּטער־שטעקען, און מיט א פּאָטער־שטול — אזוי ווי מיין טאטע.

האָב איך זיך ערקלערט אין ליעבע צו א מיידעל — אויף א קעניגליכען און גרויסמוטיגען אופן. האָב כלומרשט אראָפּגענידערט אויף דער קני פאר איהר, האָב געבויגען מיין קאָפּ צו איהרע פּיס, אָבער דאָס איז בלויז געווען א צערמאָניע, א מין קעניגליכע איינשווערונג, אין אזא מאָמענט זיינען די קייזערקעניגע זעהר גרויסמוטיג. פראנץ יאָזעף פלעגט וואשען די פיס פון אלטע בעטלער.

באלד בין איך געווען איינגעשוואָרען. דער מסדר־קידושין האָט געלעזען מיין כתבה־מאניפעסט וואָס איך האָב ארויסגעלאָזען צו מיין פרוי, און אין וועלכען איך האָב ערקלערט, אז איך נעם זי אונטער מיין שוץ, און אז זי ווערט מיין געזעצליכער אונטערטאן.

באלד נאָך דער חתונה איז מיר געגאנגען זעהר שלעכט. מיין יונג ווייב האָט געמוזט ארבייטען, כדי אויפצוהאלטען דעם גלאנץ פון אונזער פריש אויסגע־מעבעלט קעניגרייך, אין די בראָנקס, פאר וועלכען מיר האָבען געצאָהלט זעקס און צוואנציג דאָלאר א חודש דירה־געלד.

איך אליין בין ארומגעגאנגען ליידיג, האָב געשפּילט

קאַרטען, און — געהערשט איבער מיין פרוי, אכטונג גע־געבען אויף איהר מאַראַל, און געזעהן אַנצוהאַלטען דעם כבוד פון מיין פאַטער־שטול, וועלכער האָט זיך איצט אביסעל געשאַקעלט.

מיין פרוי האָט רעוואָלטירט, געטענה'ט אז זי וויל נישט זיין פארשקלאפט און אז זי וויל פון מיר צוויי זאכען: ברויט און פרייהייט.

מילא קיין ברויט האָב איך איהר נישט געגעבען, ווייל איך האָב נישט געארבייט, האָב איך איהר דערפאר נישט געגעבען קיין פרייהייט אויך. נאָך מעהר: איך האָב איהר באוויזען, אז פרייהייט איז נאָר גוט פאר אונז זעלבסט־הערשער, אָבער נישט פאר איהר. און אז זי האָט גענומען זיך שטעלען און טענה'ן: נידער מיט'ן קייזער! האָב איך גענומען אָנווענדען מ א כ ט. דער אויפשטאנד איז אונטערדריקט געוואָרען. פון דעמאָלט איז זי שטיל, שווייגענדיג, איינגעהאלטען און איבערגע־בען צו איהר — קייזער.

איצט האָבען מיר שוין עטליכע קינדער. זי ארבייט נאָך אלץ און פארדיענט דרייסיג דאָלאר א וואָך, וועלכע זי צאָהלט מיר, אלס לוין דערפאר וואָס איך בין פריינט־ליך גענוג צו הערשען איבער איהר און די קינדער, זיך צו שאָקלען אויף דעם שאָקעל־שטול, און ארויסצוגעבען באפעלען ווי אזוי זי זאָל זיך פיהרען — וועמען זי זאָל פיינט האָבען און וועמען נישט.

איך אליין ארבייט נישט. איך הערש!

איך בין דער קייזער אימפעראטאָר שלמה פעלדמאַן, וואָס הערשט אונבאשרענקט איבער זעקס נפשות.

וועמען איך וויל — שלאָג איך, און וועמען איך וויל — שלאָג איך נישט.

מיין וואָרט איז באפעל, און אז איך נעם אין דער האנט דעם גראָבען סצעפטער — ווערען די קינדער בלייך, דערשראָקען, און זיי לויפען אוועק אין די ווינקלען. און אז איך גיב ארויס א באפעל: שטיל זאָל זיין!

דער קייזער וויל שלאָפען! — ווערט אזוי שטיל, אז סע דוכט זיך, אז אפילו די לופט איז אנשלאָפען געוואָרען אין שטוב.

און אז איך גיב א באפעל: שטעקשיך! — פאלען אלע קינדער אוועק אויף די פנימ'ער לעבען בעט, און נעמען זוכען די שטעק־שיך.

און אז איך האָב א לייכטען קאָפּ־וועהטאָג, טוט זיך חושך! איך קרעכץ, איך זיפץ, איך טומעל, איך לאָז נישט שלאָפען קיינעם. איך שריי, אז מען פארלאָזט מיך, איך סטראַשע אז מיין לאגע איז א געפעהרליכע, איך ערקלער אז מען ווייסט נישט ווי אזוי אָפּצושעצען מיין גוטסקייט און איך האלט אין איין טעלעפאָנירען נאָך דאָקטוירים, פּראָפעסאָרען, כירורגען, אפטייקערס, גוטע ברידער.

און אזוי גיך ווי עס ווערט מיר בעסער, זעץ איך זיך ווידער אוועק אויף דעם הויכען פּאָטער־שטול און נעם הערשען מיט אן אייזערנער האנט.

און די שווערד פון די הערשער־דינאסטיע מאנסביל־צאָלערן, הענגט אויף מיין רעכטער זייט.

און איך היט זי אָפּ.

ווייל איך קום פון א משפחה פון אייביגע הערשער, — פון מאנסבילען.

# איך — דער קולטורמענש

איך בין א רייזענדער קולטורמענש. איך פאָהר ארום איבער דער גאנצער וועלט — טעאָרעטיש. איך בין מיר מיין אייגענער אייזערנער לאָקאָמאָטיוו, מיין אייגענע ליניע, מיין אייגענע שנעלקייט.

מיין אייזענבאהן געהט פון בערלין ביז באגדאד, פון דאָווער קיין אפגאניסטאן, פון פאָטסטאם ביז מאָסקווא.

איך שלעפּ נישט מיט זיך קיין שווער באגאזש. בלויז לייכטע, געגילדעטע חלומות פון וועלטהערשאפט. מיין זאק איז נישט פול מיט הייליגע אלטווארג, אָדער אנטיקען — איך האָב עס איבער'ן וואסער געוואָרפען אין די לעצטע טעג, איינאיינעם מיט מיין צוקונפט.

איך פאָהר כמעט אליין. מיינע מיטפאָהרער זיינען שטומע באשעפנישען, וועלכע קאָנען נאָר רעדען מיט מיין צונג, און מיין צונג איז שטענדיג פארנומען מיט זיך אליין.

איך בין א רייזענדער, מיינע הערען, און א כישוף־מאכער. איהר זעהט מיך קיינמאָל נישט פאָהרען. איהר ווייסט קיינמאָל נישט ווען מיינע שיפען געהען אָפּ און ווען זיי קומען צוריק.

און געהט א שיף מיינע ערגעץ אונטער — איז גוט. שלעכט איז נאָר, ווען זי קומט ארויף אויפ'ן וואסער און קאָן נישט אונטערגעהן.

איך בין א צעשראָקענער קאפּיטאן פון א שיף, וואָס וויעגט זיך און ברעכט זיך און קרעכצט און ווייסט נישט ווי אזוי זי וועט דערגעהן ביז צום ברעג. מיין גראָהער פלאמערדיגער מאנטעל איז דער זעגעל אויף מיין מיטעל־

יעהריגער שיף. מיינע צעפיבערטע אויגען זיינען די מאסט־בוים־לאָמפּען, וואָס באַלויכטען דעם נישט־זיכערען וועג. מיין זיעגער־אָטעם איז דער דאַמף, וואָס טראָגט מיך, מיין האַרץ איז דער אויסגעשפּיעלטער קאָמ־פּאַס, וואָס דער שטורעם האָט אַזוי רואינירט, אַז מען קאָן זיך אויף איהם נישט פאַרלאָזען, און מיין ציגאַר איז דער קוימען, וואָס שפּייט מיט רויך און מיט פייער.

איך בין דער קאַפּיטאַן פון אַ שיף, וואָס מוז סוף־כל־סוף אונטערגעהן — מ׳ווייסט נישט וואו.

איך בין אַ נאַטורפאַרשער, מיינע הערען. איך גע‍ה צופוס דורך אַלע מדבריות, איך הער דאָס היילען פון ווילדע געוויסען־וועלף, דאָס געשיפּ פון משוגע־געוואָרענע נשמה־שלאַנגען, אָבער איך געה ווייטער און ווייטער. איך שרעק מיך און געה. איך ציטער און געה. מיט׳ן יעגער זאַק אויף די פּלייצעס, און מיט דעם איבעראַלעם־הונט אויף אַ קייט — געהען מיר און מיר בילען זעהר האָפּערדיג, אָדער מיר לאָזען אַראָפּ די אויערען, אָדער מיר מאַכען אַנדערע עבט־יונקערשע, הינטישע שטיק.

מיר געהען — איך און מיין זיעגער־טרוים — און מיר פאַרשען די נאַטור. אַלע ווייַלע לעגען מיר צו אַן אויער צו דער מוטער־נאַטור׳ס האַרץ און הערען ווי עס קלאַפּט, עס רוישט, עס האַמערט. די נאַטור איז אויפגע־רעגט. מיר גיבען איהר אַ גלעט מיט אַ קאַלטער שווערד איבער׳ן פּנים, כדי זי צו באַרוהיגען, אָבער זי דאַנקט אונז אָפּ דערמיט, וואָס זי גיסט אונז אָפּ מיט וואַסער.

אונפאַרשעהמטע נאַטור! — איך וועל זי דערפאַר באַשטראָפען מיט זיבען טעג פאַסטראָם.

איך בין אַ פאָרשער, אַ שלאַנגענצויבערער, אַ טיגער־ערציהער. איך פאָרש די נאַטור פון מיין נאַטורפאָרשונג. איך באַ׳כישוף מיין בלאָנדע שלאַנג פון איבערמענשליכ־קייט. איך ערציה מיין אייגענע נשמה, וועלכע איז שרעק־ליך בלוטהונגעריג און בייז.

איך פאָהר איבער דער וועלט נישט מיט קיין לײדײַע הענט — איך האלט אין זיי א שטיק חאַלץ. און לאָז מיר עמיצער זאָגען, אז ער האָט מיך נישט ליעב, וועל איך איהם באלד באווייזען, אז ער האָט א טעות.

איך בין א שטילער, רוהיגער, וויסענשאפטליכער קולטורמענש.

באגעגענט מיך אויפ'ן וועג א דורכבלאָנזשער, וואָס רעדט נישט מיין שפּראַך, און ער בעט מיך, שטומערהייד, ברויט, זעץ איך מיך באלד אוועק און נעם איהם וויסענשאפטליך לערנען מיין שפּראַך. זי איז די בעסטע אין דער גאנצער וועלט!

באגעגען איך א קרעציגען, הייל איך איהם — מיט פייער. א הינקעדיגען — ברעך איך אונטער דעם אנדערען פוס. א שטומען — ברעך איך אוים די ציין, אפשר וועט ער זיך דערשרעקען און אָנהויבען צו רעדען. א דאָרשטיגען — דריק איך די האנט אזוי לאנג, ביז וואנעט ער הויבט אָן צו וויינען, און טרינקען די טרערען.

א פארבלאָנזשעטען זאָג איך, ער זאָל זיך ארומדרעהען ארום אן אייזערנעם צלם זעקס־און־זעכציג מאָל, וועט ער פארגעסען, א ער איז פארבלאָנזשעט.

אן עלענדען — שטעל איך אוועק אין דרויסען ביים וואסער, ער זאָל אריינקוקען און זעהען זיין לאנדסמאן.

א בלינדען — קלאפּ איך אויפ'ן קאָפּ אזוי לאנג, ביז וואנעט ער הויבט אָן דערזעהן זיין אונגליק.

איך בין א רייזענדער פאר דער פירמע גרויזאמקייט, נידערטרעכטיגקייט און קאָמפּאני.

איך האנדעל מיט קולטור־פּערל, וויסענשאפט־ברויט, טעכניק־פארבען און איך בייט אוים די אלע זאכען פאר שווערדען, מיט וועלכע איך שטעך ארײן די מענשענליעבע אין פרעמדע הערצער און פאָרפלאנץ דאָרט מיין קולטור. אינאיינעם מיט דער געלער פּעסט, מיט דעם עגיפּטישען

היישעריק. און אז מ׳הערט דעם טויט פייפען אין האלז, ווייסט מען, אז דאָס בין א י ך.

און אז מ׳הערט די קראָה אויסקרעכצען א פינסטערע בשורה, ווייסט מען, אז א י ך בין עס די בשורה.

און אז מ׳הערט ווי דער הונגער גריזשעט מיט די ציין און דערגעהט ביז צום נאקעטען הארץ, ווייסט מען, אז די ציין זיינען מ י י נ ע.

איך בין דער קולטורמענש און איך פארשפרייט מיין בערטאקרופ־קולטור איבער אלע וויסטע וועלדער און איבער אלע פוסטע פעלדער.

איך האָב אויסגעטראכט די קרופּ — פון וועלכער מיינע בעסטע קינדער ווערען, דאנקען גאָט, דערשטיקט.

וואו איך קום פארזעע איך — נישט נאָר מענשליכקייט, נאָר מ ע נ ש ע ן.

די טיפסטע גריבער, די שטילסטע קברים, די ווייטסטער וויסטעניש זענען פול מיט דער מענשליכקייט וואָס איך האָב פארשפרייט.

איך בין א רייזענדער פאר דער פירמע קולטור, נידערטרעכטיגקייט און קאָמפאני.

און ווערט די ערד צו קליין פאר מיין ברייטען חוצפה׳דיגען קנאפעל, הויב איך מיך אויף צום הימעל און שמייבעל ארונטער מיט פייערדיגע קולטורמיטלען.

און אז קליינע קינדער ווערען געטראָפען פון מיין שמייבעל — ווערען זיי הימלישער, העכער, לייטזעליגער.

און דערזעה איך פון אויבען א ווייטען אינזעל, אויף וועלכען מיין שאָטען איז נאָך נישט געפאלען, לאָז איך מיך אראָפּ און דעק איהם צו מיט מיין האנט, מ׳זאָל מיינען אז איך בענש איהם.

איך בין אטילא און גענזעריק — אלע צוויי אין איינעם, צוויי מאָל געטאָפּעלט.

איך טראָג א קרומע שווערד אויף מיין לענד, א צלם אויף מיין הארץ, און ברודער־פלוך אויף מיינע ליפּען.

אין קלאנג פון צעשראָקענע גלאָקען בין איך — דער ציטער. אין ריטמישען גאנג פונ׳ם שראפּנעלרעגען בין איך דער סוויסטש. אין גאָס פון פריינעלאָזענע טייכען בלוט — בין איך די פריהלינג־זון, וואָס באפרייט די שטראָמען.

איך ציה פון לאנד צו לאנד, און וואו איך קום געהט מיר אנטקעגען — מיין לעצטער טריט.

דער דאָזיגער טריט איז ווי דער פארהאַלטענער דריטער טריט פון משיח׳ן — דער לעצטער טריט צו דער דערלייזונג.

אָבער איך ווייס נישט, ווי אזוי דעם טריט צו שטעלען, און — מיט וועמענס פוס.

וואנדער איך איבער דער וועלט אַן אומעטיגער ציגיינער — מיט א גרויסער צאָהל נאָך־נישט־גע׳גנב׳טע פערד פאר מיינע אויגען, און עס ווערט מיר באנג און האסיג.

און אז סע ווערט מיר זעהר שטארק האסיג צו מוט, ליידיג איך דעמדאָזיגען האס פון מיין הארץ ארויס און איך מאך דערפון א שטינקענדיג פּלוס־פייער, און איך ווארף עס אויפ׳ן שונא.

איך בין א ווילדגעוואָרענער לאָקאָמאָטיוו, וואָס איז אראָפּ פון די רעלסען און לויפט ערגעץ אין א וואנד אריין, אָבער איך קאָן מיך נישט אָפּשטעלען, ווייל איך האָב מורא, אז איך׳ל מיך צעברעכען.

פאָהר איך גלייך אין דער וואנד אריין און פייף מיר דערווייל אזוי שטאָלץ, און אַלצדינג וואָס קומט אין וועג, פאָהר איך איבער, אין נאָמען פון מיין הייליגען קולטור־פייף.

איך בין די שטראָף פון דער וועלט, און דערפאר בין איך אזוי מעכטיג.

איך בין דאָס וועלטאומגליק — שעהן פארקאמט און מיט וואָנצען.

און מיין גרעסטע שטראָף איז, וואָס איך מוז לעבען מיט זיך זעלבסט — טאָג איין, טאָג אויס. איך האָב מורא צו רעדען מיט זיך א וואָרט — טאָמער ווער איך אין כעס. און אפילו שווייגען צו זיך אליין, האָב איך אויך מורא, ווייל איך בין קאפּאבעל צו כאפּען די שווערד און זיך איבערשניידען דעם האלז פאר אזא זאך.

**איך בין מיין אייגענע שרעקליכסטע שרעקליכקייט.**

# אינהאַלט:


דער מאָדערנער מענש — זייט 5

איחם? — " 9

ס. דימענטשליופער — " 14

דער אַנאַרכיסט — " 20

פּרינץ איפּ — " 26

עסען די נאַכטיגאַל — " 30

דער געלאַנגווייליגטער — " 36

דער אנטלאָפענער מאַן — " 40

א מענש — אַנ'איינבּרענגער — " 46

א גנב — ווער קאַן איחם? — " 51

דער אנטיקען־סוחר — " 56

דער כח פון א בופלאָקס — " 62

דער כריסטליכער מענש — " 69

פארשלאָפען א וועלט־אונטערגאַנג — " 72

צימעס — " 78

לעמעשקע — " 84

אַנ'אַנדער סאָרט מענש — " 88

זעלבסטמערדער נומער 1 — " 92

זעלבסטמערדער נומער 2 — " 100

איינער דערציהלט — " 106

קיילעבּילע ב. — " 111

זיבערקייט — " 117

פלאָריסימאָ — " 122

אויף וואָס מע ריכט זיך נישט — " 121

צוליעב דער מוטער — " 132

מענשען — " 137

דער קייזער — " 142

איך — דער קולטורמענש — " 149